STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08578

DI SHMALTS-GRUB

Sh. Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיללער

די שמאַלץ-גרוב

אַרויסגעגעבן פון דער
קולטור - געזעלשאַפט
לאָס-אַנגעלעס, קאַליפ.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Copyright 1933 Sz. Miller

PRINTED IN POLAND

Sz. Miller „Di Szmalc-grub“

Drukarnia Wyd. Wileńskie B. Kleckina.

אינהאַלט

	זייט
גאָלד	5
פּאַפּיר	29
אויפן לייטער	75
אַז ישיר	107
אַפּעטיט	143
דער טערק	193
אין טאַטנס פּיסטריס	267
אַ סטאַנציע	325
צווישן אייגענע	381
דער פּייער־טאַנץ	399

גאלד

ג אָ ל ד

אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף פופצן מינוט צו זיבן, האָט מר. געווירץ אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים, פון שטערן אַרונטער, אָפּווישנדיק דעם שלאָף, דאַן פון איין זייט מויל צום צווייטן איבערן קין, אַזוי אַז דער תּמצית פון דער נאַכט איז זיך צעגאַנגען אין מויל. אַ פאַרחידושטער האָט ער דערזען לעבן זיך זיין ווייב, באַלד געקומען צו זיך: נו, יאָ, ער האָט דאָך חתונה געהאַט. אַ צופרידענער האָט ער נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף איר. — גוט צו האָבן אַן אייגן ווייב. אָט ליגן זיי ביידע. נישט ער דאַרף זי אַרויסגנבענען, נישט ער דאַרף זי אַרויספּראָוואַדען פון זיין אייגן הויז, שכנים זאָלן נישט באַמערקן... אַן אייגן געזעצלעך ווייב. דאָס איז גוט. אָבער פאַרוואָס שלאָפט זי נאָך? אַ ווייב דאַרף וויסן פון ערשטן טאָג אָן אויפצושטיין פריער, צוגרייטן אָנבייסן פאַרן מאַן, אַנישט, צו וואָס טויג דער גאַנצער עסק. ער האָט זיך אַ דריי געטון, געזוכט אַ וועג אַרויס פון בעט, זיך אַרויסשאַרן צופוסנס אָדער אַריבערקריכן איבערן ווייב — ער קען אַנדערש נישט שלאָפן ווי ביי דער וואַנט. זעלדע האָט אויפגעעפנט די אויגן.

— ביסט שוין אויף?

— שוין צייט. צוועלף מינוט צו זיבן.

— שטייסט אַלעמאָל אויף אַזוי פרי?

— יעדן טאָג פון וואָך, אַזוי שוין די לעצטע צוואַנציק יאָר. איך מעג זיך לייגן פיר פאַרטאָג, אַ פערטל צו זיבן בין איך אויף, ווי אַ זייגער, „יעס מעם", אויב מיין זייגער שטעלט זיך אָפּ ביינאַכט, שטעל איך אים אָן, ווען איך כאַפּ זיך אויף, אויף פופצן צו זיבן און עס איז ריכטיק אויף אַ האָר, לאָז!

זי האָט נישט געלאָזט:
— גייסט דאָך היינט נישט אין געשעפט.
— וואָס איז?
זי האָט אים אָנגעקוקט. דער קוק האָט אים יינגער געמאַכט אויף עטלעכע שעה, ער האָט דערזען פאַר זיך דעם אָנהויב פון זיין פאַרהייראַטן לעבן, האָט זיך זיין מויל אַ צי געטון אויפן וועג צו אַ שמייכל, די צוואַנציק יאָר האָבן אָבער נישט דערלאָזט.
— געשעפט איז געשעפט, — האָט ער געענטפערט פלוצלינג פאַרזאָרגט, און ווייכער צוגעגעבן:
— לאָמיר אויפשטיין, עס ווערט שפעט.
זי האָט זיך אויפגעזעצט, געצויגן צו זיך די רויטע געבלומטע קימאָנע, געזוכט די אַרבל. ער האָט איר געהאָלפן זיי געפינען, און ווען זי האָט זיך ענדלעך אומגעדרייט אויפן בעט, די פיס אַרונטערגעלאָזט, שאַרנדיק די שטעקשיך, איז ער שוין אויך געזעסן, געצויגן שנעל די שקאַרפעטקעס אויף די באַוואַקסענע פיס און אַ אָג געטון:
— וועסט מאַכן אָנבייסן!
זעלדע האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, מר. געווירץ האָט זיך פאַרנומען מיט זיין טואַלעט. יעדן פרימאָרגן האָט ער זיך געמוזט גאָלן. אויף זיין פנים — דער קאָליר פון אַ גרינעם איילבירט — איז אַ טאָגיק בערדל פון היי־קאָליר־האָר נישט קאָנטיק אַפילו אָבער געשעפט פאָדערט יעדן טאָג זיך גאָלן און זיין גלאַט פאַרקעמט. אַ שווערע אַרבעט. דער פליך האָט זיך נאָך נישט אויסגעשניטן; אַ שטיקל אייז אונטערן וואַסער אין אַ „פּאָלאָנקע“, אַ האָזן־פעלכל אום זומער — יאָ אויסגעקראָכן און נישט. דאַרף מען אַרבעטן מיטן קעמל און מיטן בערשטל, פאַרגלעטן, פאַרדעקן, און די האָר — טרוקן היי, אונטערן בערשטל ליגן זיי שוין, דוכט זיך, נעמט עס צו, שטייען זיי שוין ווידער, דאַרף מען זיי באַשמירן מיט פּאָמאַדע. די עטלעכע לענגערע האָר אַריבערציען איבער דעם אונטער־וואַסער־פליך. אַנידערגעלייגט דאָס לעצטע הערעלע, קוקט זיך מר. געווירץ אָן אין שפיגל, גיט אַ לייכט פעטשל איבער די באַקן, צופרידן. און איצט אָנבייסן.

דער אָנבייסן איז שוין אויפֿן טיש. מר. געווירץ שטייט, קוקט, באַטראַכט, וואַרפֿט אַן אויג אויף זעלדען ביים אויוון, ווי זי פּאָרעט זיך ביי דער קאַווע, ערשט ווען זי קוקט זיך אום און גיט אַ פֿרעג: „נו, וואָס שטייסטו?" זעצט ער זיך פֿאַמעלעך אַוועק, גיט אַ שאַר מיטן לעפֿעלע איבערן אַכטל קאַסאַבע: „האָסט נישט קיין מאַראַנץ?"

— איצט איז דער סעזאָן פֿון קאַסאַבע.

— דער ס ע ז אָ ן פֿון קאַסאַבע! איך ווייס נישט פֿון אַזאַ סעזאָן. איך דאַרף האָבן אַ מאַראַנץ יעדן אינדערפֿרי. דאָס גאַנצע יאָר נאָכאַנאַנד.

— דאָ אַ מאַראַנץ אויך, ווילסט אַ מאַראַנץ?

— געקויפֿט אי מאַראַנצן, אי קאַסאַבעס! נו, יאָ, וועל שוין היינט עסן די קאַסאַבע, אָבער ווייטער איז יעדן אינדערפֿרי אַ מאַראַנץ, אויסגעקוועטשט, האַלב זאַפֿט, האַלב וואַסער. — מער האָט ער נישט גערעדט.

— די קאַווע איז נישט צו שטאַרק?

— „צ'אָלרייט".

ער האָט זיך ראַפּטאָם אויפֿגעהויבן, אַ קוק געטון אויפֿן זייגערל, צוגעלייגט די ליפּן צו זעלדעס באַק, אַ קוש געטון, עלעהיי אַ וויש געטון די מזוזה, אַ זאָג געטון „גוד באַי", און נאָך איידער זעלדע האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

מיסטער וואַלאַך, איינער פון די שותּפים פון דער „סטענ־דאַרט קלאָוק און סוט קאָ“. קורץ, קיילעכיק, מיט אַ בייכל, וואָס הויבט זיך אָן פאַרשפּיצן און רייסט די קאַמזויל אַרויף און די הויזן אַרונטער, אַזוי אַז דאָס אויבערשטע העמד הענגט אין אַ לויזן פּאַלד צווישן קאַמזויל און הויזן, און אָט קריכט זי אינגאַנצן אַרויס, איז געשטאַנען און געטאַפּט סחורות, וואָס אַ פּאַרקויפער האָט געוויזן. אַ טאַפּ געטון, אַ פרעג געטון דעם פּרייז, אַוועק־געוואָרפן, גענומען אַ צווייטע. ווען געווירץ איז אַריינגעקומען, האָט מר. וואַלאַך אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, אַ קוק, ווער עס איז דאָ, און ווידער געטאַפּט די סחורות. געווירץ איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט אַ פרומער מינע, ווי עס שטייט אַ באַדינער, וואָס דאַרף עמעצן מעלדן, און דער „האַר“ קוקט זיך נישט אום אויפצונעמען די מעלדונג. ערשט ווען דער פּאַרקויפער האָט אַקוראַטנע צוזאַמענגע־לייגט די סחורות, וואָס מר. וואַלאַך האָט אַזוי נאַכלעסיק צעוואָרפן, פאַרצויגן דעם רימען איבערן פּאָרטפעל און זיך פאַרבייגעשאַרט ביי מר. געווירץ צום אַרויסגאַנג, האָט מר. געווירץ אַרויסגעזונגען: „גוט מאָרגן, מר. וואַלאַך! אַ פיינער פרימאָרגן היינטיקער פרי־מאָרגן! דאַרפט עפּעס היינטיקן פרימאָרגן?“

— איך דענק, אַז נישט.

— קנעפּלעך, העקלעך, טאַשמעס, שפּראָנטשקעס, אַריינגע־קריגן אַ פיין ביסעלע שפּראָנטשקעס. וואָלט איר זיי געוואָלט זען?— איידער ער האָט צייט געהאַט צו הערן דעם ענטפער, איז שוין זיין מוסטער־פּאָרטפעל אָפן. — דאָס איז די אמתע שפּראָנטשקע! אמת, שיין!

— הם... הם... — ברומט מיסטער וואַלאַך.

— און ווי געפעלט אייך די? דאָס איז אַן אַנטיקל!

דאָס אַנטיקל איז אויך נישט געפעלן. מיסטער וואַלאַך האָט געדרייט מיטן קאָפּ געהמ׳קעט. מיסטער געווירץ האָט געטון זיינס, געוויזן איין אַנטיק נאָכן צווייטן: וואָס איז מכּח פּאָדעם, אַריינ־געקריגן נייע פּאָדעם, פּרימע!

— דע ליוקס?

— דע ליוקס! אַלע שרייען „לאָקשן״.

— עס איז גוטע פּאָדעם!

— איך זאָג נישט, עס איז שלעכטע פּאָדעם. איך וואַרף קיינמאָל נישט אַרונטער יענעמס סחורה, דע ליוקס איז גוטע פּאָדעם, אָבער גיט אומישנע אַ נעם די פּאָדעם, גיט אַ נעם פּאַר אַ טשי־קאַוועס. דראָט! איך זאָג אייך דראָט! און ביליק! זאָל איך אַריינ־שיקן אַ קעסטל ווייסע?

— שיקט אַריין אַ קעסטל, — זאָגט וואַלאַך נאַכלעסיק, גרייט אַריינצוגיין אין שאַפּ צו די מאַשינען. — ווי איז געשעפט? פאַר־האַלט אים מיסטער געווירץ.

— פיין!

— דאָס איז גוט, געשעפט בעסערט זיך, נישט אַזוי?

— יאָ, עס בעסערט זיך, מירן האָבן אַ גוטן סעזאָן דעם סעזאָן, דעם סעזאָן.

— לאָמיר האָפן אַזוי.

געווירץ האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרשנורעווען דעם לעצטן רימען איבערן פּאָרטפעל. ער האָט אַ היסטל געטון, ווי אַ חזן ביי אָנשטעלן די „כלי״, און אַ זאָג געטון: ...כם... אגב... מיסטער וואַלאַך, וואָס איז מכח אַביסל געלט על חשבון?

— וואָס דאַרפט איר געלט, אַן אַלטער בחור?

— אויס אַלטער בחור, — האָט מיסטער געווירץ זיך אַ חנדל געטון.

— גערעכט, געקראָגן אייער איינלאַדונג, נישט געקאָנט קו־מען, ס'טוט מיר זייער לייד, קומט דאָך אייך אַ מזל טוב!

— אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק.

— נישט געוואָלט, הייסט עס, בלייבן אַן אַלטער בחור, גע־וואָרן אַ יונגערמאַנטשיק. איך קען זיך וועטן, אַז איר האָט נאָך אַריינגעכאַפּט אַ יונג ציגל, אַ „סוויט סיקסטין״ *), ניין?

געווירץ האָט זיך געמינעט. זיין עסק, חתונה געהאַט, וואָס

*) אַ זעכצן יאָריקע.

האָט ער צו פרעגן, יונג, אַלט — און שמייכלט אַזוי... די קנייטשן אַרום מיסטער געווירצס מויל האָבן זיך צעצויגן אין אַ שמייכל: „חתונה האָבן — שטאַרבן; נישט חתונה האָבן — שטאַרבן; איז שוין גלייכער חתונה האָבן, נישט אַזוי?"

— גערעכט. יעדער הונט האָט זיין טאָג, פריער אָדער שפעטער' חתונה האָבן מוז מען, פונקט ווי מאָזלען, נישט אַזוי? — מיסטער וואַלאַך האָט זיך צעשאָטן אין אַ דריבנעם געלעכטערל פון זיין אייגענער חכמה.

— יאָ, עס איז אַזוי, — האָט געווירץ געענטפערט מיט אַ זיפצל, דער פאָרטפעל האָט זיך געבאָמבלט ביי אים אין האַנט. — איז וואָס איז מכח אַביסל געלט?

— אַריינשיקן די טעג, אַריינשיקן די טעג, — ער האָט געעפנט די טיר אַריינצוגיין אין שאַפ.

— אַ דאַנק. אַ גוטן טאָג.

— לעבן זאָלסטו אַזוי! — האָט מיסטער געווירץ אַ זאָג געטון, ווען די טיר איז שוין געווען פאַרמאַכט הינטער אים. — היינטישע זין! גרייטן זיך שוין אָנזעצן, גרייטן זיי זיך שוין. וועלן האָבן אַ גוטן סעזאָן, וואָס דען? — מיסטער געווירץ איז דזשך צופרידן, וואָס ער האָט געקראָגן אַ באַשטעלונג אויף אַ קעסטל פאָדעם. וואָרים אַ כלל האָט מיסטער געווירץ: גייט מען אַרויס נאָך געשעפט און מען קריגט אַ „פאַטשאַ-טעק" „נישט היינט", איז שוין היינט נעכטן, געשטאָרבן אַ טאָג, מאַכט מען ווידער אַ גוטן אָנהויב, מעג די מכירה זיין ווי קליין, גייט זיך נאָר אַנדערש, און אַז מען גייט, פאַרקויפט מען. אַריינגיין צו דער „ליבערטי". חזרים, קויפן קיינמאָל גאָרנישט, פונדעסטוועגן אַריינגיין דאַרף מען, אפשר היינט, אין איר מזל... קויפט די „ליבערטי" עפעס, איז זעלדע אַ מזלדיקע, קויפט זי נישט...

— גוט מאָרגן! אַ פיינער פרימאָרגן הייינטיקער פרימאָרגן! דאַרפט עפעס היינטיקן פרימאָרגן?

די „ליבערטי" — אַ דאַר זשוואַוו יידל מיט אַ געגזענער נאָז, האָט האַסטיק אומגעדרייט דעם קאָפ, די נאָז-ווענטלעך האָבן

אַ וויבריר געטון, האָט אַ וואָרף געטון: „גאָרנישט! דאַרף גאָר נישט!“ און זיך אומגעדרייט.

— „טהיינק יו“ — האָט מיסטער געווירץ אויסגעזונגען און שטאַרק אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר. נישט מזלדיק...

נישט געגאַנגען דעם פרימאָרגן. געקומען מיטאָג־צייט אין רעסטאָראַן, האָט די קעלנערין אַ זאָג געטון: „מיר האָבן אייך נישט געזען היינטיקן פרימאָרגן!“

ער האָט זיך שיר נישט אַרויסגעכאַפּט: „געגעסן ביי מיין ווייב“. האָט צווישן די ציין אַרויסגעבורטשעט: „געווען שפּעט“.

— ווילט איר אייער מאַראַנץ איצט?

— ניין, ער וועט עסן זיין מיטאָג.

די קעלנערין האָט אים דערלאַנגט זיין מיטאָג — אַ סענד־וויטש — צוויי שטיקלעך ווייסע ווייכע ברויט, אָנגעשמירט מיט ציגל־קאָליר קעז, מאַיאָנעז, אַ שטיקל גרינס, צוויי שוואַרצע וואַ־סערדיקע איילבירטן און אַ גלאָז מאַסלינקע. מיסטער געווירץ האָט אַן אומצופרידענער געקייט, דאָך געלאָזט דער קעלנערין זיין טעג־לעכן ניקל.

כּל חמתו האָט ער פּרובירט אויסלאָזן צו זיינע אָנגעשטעלטע. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. דאָס טעלעפאָן מיידל — בוכהאַל־טערין־פּאַרקויפערין־אויפזעערין האָט אויסגעזונגען. יע—ס! דאַן אַ צווייטן יע—ס, נאָך מער צעצויגן, דאַן אַ „ניין, מיר האָבן נישט“.

— וואָס, וואָס! האַלט דאָס טרייבל! וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט נישט צו ענטפערן ניין!

דאָס מיידל האָט צוגעטוליעט דאָס טרייבל צום בוזעם, און אויפגערעגט גערעדט:

— אָבער זיי ווילן נומער זעקס שפּילקעס און מיר האָבן נישט!

— דאַרפסט פּאַרקויפן, וואָס ס'איז דאָ, נישט וואָס מען וויל. לאָז מיך! העלאָו! דאָס איז מיסטער געווירץ. וואָס מאַכט איר? פיין! וועגן די שפּילקעס. געוויס האָבן מיר. נומער זעקס. און אַז נומער פינף? דין ווי אַ האָר, און שאַרף ווי אַ שפּיז. איך זאָג דאָך אייך: די בעסטע שפּילקע, וואָס איז דאָ אויפן מאַרק. איך

וועל שיקן אַ קעסטל. אויב עס וועט נישט טויגן, שיקט צוריק. פיין. אַ דאַנק! אַ גוטן!... זעסט שוין! דזשים! לויף שנעל טראָג אָפּ אַ פונט שפּילקעס. נו, ריר זיך, נו!

דאָס שיק־ייִנגל האָט פּאַמעלעך אַרויפגעצויגן די טאָרבע־טאַקע נישט מער ווי איין פונט שפּילקעס, אָבער אָן דער טאָרבע מיט דער פירמעס נאָמען גייט עס נישט. ער האָט פאַרקוועטשט מיט אַן אויג: „נאָך עפּעס אַוועקטראָגן?"

— ביסט נאָך דאָ?

די טיר איז הילכיק צוגעפאַלן צום ביישטידל. אין אַ צען מינוט אַרום איז דאָס ייִנגל שוין געווען צוריק. זיי ווילן עס נישט.— האָט ער צביעקיש אומשולדיק אַ זאָג געטון, אַ וויש געטון מיט דער גאַנצער האַנט די נאָז, און פונם וויש האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּעכער־פּייג דעם באַלעבאָס, אַזוי אַז בלויז דאָס מיידל זאָל עס זען.

— איז וואָס האָסטו געטון?

— געבראַכט צוריק!

געווירץ האָט אַ ריס געטון דאָס קעסטל שפּילקעס.

— אָט דאָס קומט אַרויס פון זאָגן „ביין", ווען דו זאָגסט אָבער נישט ביין, וואָלטן זיי דאָך צוגענומען די שפּילקעס.

— שטייט דאָך אָבער אָנגעשריבן נומער פינף!

געווירץ האָט אַ שטאַרקן קוק געטון אויף דעם מיידל: „שטייט אָנגעשריבן, זאָגסטו! נו איז וואָס? עס איז דאָך נישט אָנגעשריבן אויף יעדער שפּילקע, קען מען נישט אָפּקראַצן און אָנשרייבן זעקס? שטייט אָנגעשריבן! דומקעפּ! נעם קער אויס! צייט פאַרמאַכן!"

דזשים, צו וועמען דער באַפעל איז געגעבן געוואָרן, האָט נישט געאײַלט גענומען מאַכן די הכנות צום קערן.

— זע ווי דו קערסט! קענסט נישט זען די קנעפּלעך?

— איין קנעפּל.

— איין קנעפּל! זעסט די אַלע פּאָליצעס? דאָס איז אַלץ איינצלנע קנעפּלעך, און דאָס איז א פאַרמעגן! איין קנעפּל! הויב עס אויף!

דאָס ייִנגל האָט זיך מיט איין זייט אויסגעצויגן, געשאַרט

דאָס קנעפּל אויסגעצויגענערהייט, געוווּנקען צום מיידל, זי האָט געשמייכלט, געוויזן מיטן פינגער אויפן שטערן. דער באַלעבאָס האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו איר, געקוקט שטרענג, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם קוק, און נישט געפינענדיק וואָס צו זאָגן, האָט זי אַרויסגעפּלאַצט די פראַגע, וואָס זי האָט דעם גאַנצן טאָג שוין געוואָלט פרעגן: איז עס אמת, אַז ער, מיסטער געווירץ, האָט חתונה געהאַט?

— יאָ, נו איז וואָס?

— גאָרנישט, — האָט דאָס מיידל פאַרשעמט געענטפערט און גענומען צופאַרבן די ליפּן.

— וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט זאָלסט נישט מאַכן אַזאַ שטויב ביים קערן!

דאָס שיק־יינגל האָט אויפגעהערט קערן. די באַרשט לעבן זיינע פיס, דאָס הענטל פון באַרשט אויף זיין אַקסל, איז ער גע־שטאַנען, געקוקט אויפן באַלעבאָס, ביז דאָס הענטל פון באַרשט האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון אַקסל און אַ פּאַל געטון מיט אַ היל־כיקן קלאַפּ. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון, אויפגעהויבן די באַרשט און גענומען קערן מיט אַזאַ אימפּעט, אויפהויבנדיק אַזאַ שטויב, אַז ער האָט נישט געזען דאָס מיסט פאַר זיך. ער האָט שנעל אויס־געקערט און, אויסשרייענדיק אַ גוטע נאַכט, זיך אַרויסגעכאַפּט. באַלד נאָך אים איז אויך מיסטער געווירץ אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג אַהיים, עסן וועטשערע.

די וועטשערע האָט שוין געוואַרט אויף מיסטער געווירץ. געוואַרט האָט אויך זעלדע. זאָל ער שוין קומען פאַרזוכן דאָס עסן, און... לויבן. אַ שאַפּ-מיידל אַלע אירע יאָרן, האָט זי זיך ווינציק וואָס אָפּגעגעבן מיט דער קיך, דאָך האָט זי געהאַט געוויסע „געגנשטאַנדן", אין וועלכע זי האָט זיך אויסגעצייכנט. איינער פון זיי — לאַטקעס. האָט זי טאַקע צו דער ערשטער וועטשערע, צו איר עקזאַמען, צוגעגרייט גרינס, מילכיקס און לאַטקעס. אַ פאַר-פּאַליעטע פון פרעגלען די לאַטקעס, פון פריידיק-שרעקעדיקער אויפ-רעגונג, האָט זי, דערהערנדיק דעם קלאַפּ אין טיר, אַ כאַפּ געטון אַ קוק אין שפּיגל און געגאַנגען עפענען די טיר פאַר איר מאַן. אַ דומפּיקער „העלאָו" האָט זיך איר אַנטקעגן געטראָגן. זיך געשפּרייט פאַר אירע אויגן, געקילט אירע באַקן.

— פאַרטיק וועטשערע?

— שטייט אויפן טיש — האָט זי שטיל געענטפערט.

ער האָט זיך געזעצט צום טיש, געקוקט אויף די מאכלים, אַ ריר געטון מיטן גאָפּל דעם פאָרשפּייז, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי לעבער, צוגעלייגט צום צונג, גלייך פון צונג געלאָזט עס זיך אַראָפּגליטשן אין האַנט, אויפגעבויגן ווי אַ רערל.

— עסט נישט קיין „עיג פּלענט"?

— וואָס האָסטו צום עסן?

דער ווייס-געדעקטער טיש, די רויטע טאָמאַטן, דער גרינער סאַלאַט, די באָרדאָ-פּיסקלעך פון יונגע רעטעכלעך, דער שוואַרץ-ווייסער עמאַלירטער גלאַנציקער אויוון, איר מאַנס פּנים, זיינע האָר פון קאָפּ האָבן זיך גענומען דרייען פאַר זעלדעס אויגן אין אַ פיל-פאַרביק ראָד, און דאָס ראָד דרייט זיך אַזוי שנעל, שווינדלט מיט קאָלירן, ביז עס פאַרשווינדט יעדער קאָליר.

מיסטער געווירץ האָט אַ שטאַרקן רוק געטון דאָס בענקל אונטער זיין געזעס, אַ נעם געטון דאָס זאַלץ-מעסטל, אָנגעשאָטן אַ סך זאַלץ, צעריסן אַן אָפּגעשניטן שטיקל ברויט און גענומען

האַסטיק עסן. זעלדע האָט שטילערהייט אַראָפּגענומען די לאַטקעס פון אויוון, דערלאַנגט צום טיש.

— פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט עסן? — האָט מיסטער גע־ווירץ אַ פרעג געטון מיט אַ ברוגזן טאָן און מיט אַ תשובה הינטער־טאָן. — פאַרשטייסט מיך: אַ מאַן אַרבעט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, דער־וואַרט ער צו טרעפן אין דערהיים אַ וועטשערע, אַ גוטן סטייק.

— גרינס איז געזונט.

— ווער זאָגט עס? — האָט געווירץ שוין קריגעריש גע־פרעגט.

— דאָקטוירים זאָגן.

ער האָט שטרענג אַ קוק געטון:

— ווי קומסטו צו דאָקטוירים? דאָקטוירים זאָגן גאָרנישט. איך זאָג דיר, דאָס געזונטסטע עסן איז פלייש, אַ סטייק, איצט ווייסטו שוין וויסן. — אַ דיקן גוישן סטייק, עס איז געזונט און עס איז ביליקער ווי די אַלע חזירייען, הם... די לאַטקעס זענען גאַנץ געשמאַק.

אַ גלאַנציקע וואָנצע האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין אוי־בערשטער ליפּ פון דער לאַטקעס־פעטקייט, זיין גאַנצער פּנים, פרי־ער ברודיק, מאַט, איז געוואָרן שמאַלציק לעבעדיק. מיסטער גע־ווירץ האָט געשמייכלט. אַ צופרידענער האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש, אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק. זעלדע האָט אַרונטערגענומען די כלים פון טיש איינציקווייז, טעצעלע נאָך טעצעלע, טעלער נאָך טעלער האָט זי אויפגעהויבן פון טישטוך, דאָס אָנגעקוקט און אַוועקגעשטעלט אויפן וואַש־ברעטל. באַטראַכטנדיק אַזוי דעם טע־לער פון די לאַטקעס, האָט ער זיך אַ גליטש־געטון פון אירע פינ־גער. זי האָט דערפילט דעם טעלער זיך גליטשן, זיך אַ בויג גע־טון מיטן גאַנצן קערפּער, נאָכיאָגנדיק דעם טעלער, אָבער צו שפּעט, ער איז געפאַלן מיטן מויל אַרונטער און צעשפּאָלטן גע־וואָרן אין גלייכע צוויי העלפטן, אָט־ווי עמיצער וואָלט אים אוי־בערגעשניטן. זי איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דעם טעלער־די הענט צענומען, אַזאַ ליידיקייט געפילט אין זיי, דאָך האָבן זיי זיך נישט גערירט, נישט אַ באַוועג געטון אויפצוהויבן,

די שערבלעך, ביז אַ צווייטע מורא, אַ מער דרינגנדיקע, האָט איר אַ שטויס געטון אין רוקן — ער האָט דאָך געקענט הערן דעם קלאַפּ. פאָרזיכטיק, איין שערבל זאָל נישט אָנרירן דאָס צווייטע, האָט זי זיי אויפגעקליבן, אַרויסגעטראָגן, דאַן גענומען וואַשן די כלים, ווישן, געאַרבעט פאָרזיכטיק, אָבער פלייסיק, מער נישט אינ־מיטן ווישן אַ טעלער האָבן זיך די הענט ווי פון זיך אָפּגעשטעלט, דער צעבראָכענער טעלער האָט זיך ווידער באַוויזן אויף דער ערד, אַלע איברים ווערן אָפּגענומען ביי איר, און באַלד גיט זי אַ ציטער אויף מיטן גאַנצן קערפּער. ער זאָל כאָטש נישט האָבן געהערט.

מר. געווירץ האָט גאָרנישט געהערט. זיצנדיק אין וויג־שטול, די פיס פאַרריסן אויף דער פאַרענטשע, האָט ער זיך צוגעהערט צו זיין קערפּער, געהערט ווי דאָס עסן קורסירט דאָרט ערגעץ אין די קישקעס. אַזאַ זאַטקייט, פולקייט פילט זיך. איז ער געוואָרן אזוי גוטמוטיק, אַזוי ווייך, אַז ווען זעלדע איז אַרויסגעקומען אויפן גאַניק, האָט ער זי טראַקטירט מיט „אַ שיינער נאָוונט היינטיקער נאָוונט״, זיך אַ דריי געטון אין זיין וויג־שטול און געוויזן מיט די אויגן אויפן צווייטן שטול פאַר איר.

— יאָ, אַ שיינער אָוונט. געוועזן אַ שיינער טאָג אויך.

— אַ שיינער, אָבער נישט קיין גוטער.

זי האָט אים אָנגעקוקט.

— פאַר געשעפט, מיין איך.

— איז געשעפט נישט גוט? — האָט זעלדע געפרעגט פאַר־אינטערעסירט־פאַרזאָרגט.

— נישט שלעכט, אָבער עס האָט געקענט זיין בעסער. מאָנ־טיק איז אַלעמאָל אַ שלעכטער טאָג.

— אין אַלע געשעפטן, אָדער נאָר ביי אים?

— פאַרשטייט זיך, אין אַלע. וואָס דענקט זי, זיין גע־שעפט איז ערגער ווי אַנדערע?

ווער זאָגט דען ערגער, זי שטעלט זיך בלויז פאַר — עס דאַרף זיין שווערער: פּאָדים, קנעפּלעך, שפּילקעס, נאָדלען אַלץ פּעני אַרטיקלען.

— פּעני אַרטיקלען! ווײַזט אויס, זי ווייסט זייער ווינציק, וואָס געשעפט איז. פּעני אַרטיקלען! נעם אַ שפּילקע, וואָס איז אַ שפּילקע? גאָרנישט און ס'איז אַ מיליאָן־געשעפט. יאָ, מ י ל י אָ נ ע ן דאָלאַרס. איך אַליין קויף דאָך אפשר פּאַר טויזנט דאָלאַר שפּילקעס. טויזנט דאָלאַר! אַ פּעני געשעפט. וואָס איז מיט ריגלין פון די „טשיואינג גאַם". דאַכט זיך, גאָרנישט — אַ, קיי און שפּיי, אַ פּע־ ני אַ שטיקל. און זיינע מיליאָנען, קרום זיין שאָדן, אויף מיר גע־ זאָגט געוואָרן. אָדער נעם, צום ביישפּיל, די צייטונגען, אויך אַ פּעני אַרטיקל, און זיי טוען געשעפט אויף מיליאָנען דאָלאַרס. אַ פּעני און אַ פּעני ווערט אַ פולע זשמעניע. מער נישט, ווען מ'האָט שוין די זשמעניע, דאַן האַלט זי פאַרמאַכט, — ער האָט פאַרצויגן אַ שטייפן פויסט. לאָז נישט דורכזייען דורך די פינגער. דאָ ליגט דער סעקרעט. פּ... יע...ס מעם!

אַ גרעבץ פון אַ רעטעכל, אין וועלכן דער „יעס מעם" איז געווען איינגעוויקלט ביים אַרויסקומען, האָט אָפּגעשטעלט די גע־ שעפטס־טיראַדע. — רעטעכלעך זענען נישט גוט פאַרן מאָגן. ־די געזונטסטע זאַך איז אַ סטייק, אַ גוטער סטייק מיט אַ סך בלוט. דאָס גיט כּח. דיר וואָלט עס אויך געגעבן אַ ביסל מער בלוט, ביסט צו בלאַס.

ער האָט זיך צוגערוקט צו איר. די פינגער, וואָס האָבן אַ ווײַלע צוריק אַזוי שטייף געהאַלטן דעם סעקרעט, האָבן איצט זיך לויז גענומען שאַרן איבער זעלדעס פּלייצע, זיך געשאַרט פאַ־ מעלעך ווי אַ מאָטיל־וואָרים, ביז זיין גאַנצער אָרעם האָט זיך אי־ בערגעצויגן איבער איר רוקן. ער האָט נישט געזען, ווי דאָס ביסל בלוט, וואָס זעלדע האָט פאַרמאָגט, האָט איר אַ זעץ געטון אין פּנים. ער האָט נאָר געפילט אין זיין אָרעם, ווי זי האָט אַ ציטער געטון.

— עס ווערט קילבלאַך. קום לאָמיר אַריינגיין. איך בין אַזוי מיד.

מאַן און ווייב, ביידנס יאָרן קרוב צו אַכציק, זענען אַריין אין הויז זיך אָנוואַרעמען.

4

קאַלטע, נודנע, לאַנגווייליקע אָוונטן. זיבן אָוונטן אַ וואָך, איינגעשטעלט אין סלאָיעקלעך. מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך אין איין סלאָיעקל, אויף דעם אַ צעטעלע — זיצן אַביסל נאָכן עסן, רעדן, דאָס הייסט, הערן ווי מר. גערווירץ רעדט וועגן זיין געשעפט, וועגן געשעפטן, מיליאָנערן, אויטאָמאָבילן, — צוגרייטן אָנבייסן אויף אינדערפרי, און שלאָפן. דאָנערשטיק — איינקויפן אויף שבת. געווירץ איז אַמעריקאַניזירט, דער בעסטער מאכל איז אַ סטייק און דווקא אַ גוישער, אָבער פרייטיק דאַרף זיין פיש, הון, און דורכויס ביי אַ יידישן קצב, און דווקא ברוסט, קיין פאָלקע עסט ער נישט. דערפאַר באַלוינט ער זעלדען מיט גיין אין די „מוּוויס" פרייטיק אָוונט. שבת — ווידער איינקויפן. ביידע גייען, זי קוקט אָן די „סחורה"-עסנוואַרג, האַלט עס שוין אין האַנט, וואַרט אויפן קרעמער ער זאָל אָפּוועגן, אַפריער מוז זי אָבער זיך מישב זיין מיטן מאַן. אַ קורצער ישוב. אַ קוק בלויז, און זי לייגט פאַרשעמטערהייט צוריק די סחורה אָדער זי קויפט עס, אויב זיין קוק איז אַ נייטראַלער. קלויבט ער עפּעס אויס, איז קיין ישוב. דעם קאָשיק טראָגט ער. זונטיק גייט מען צוגאַסט. סתם צוגאַסט גייט מר. גערווירץ גערן. מ'גייט אַרום פיר פאַרנאַכט, מ'זיצט ביז אַרום אַכט. אויב קיין וועטשערע גיט מען נישט, קנאַקט מען ניס, עסט מען עפּל. בייסט מען צו מיט טיי. קומענדיק אַהיים, פרעגט מר. גערווירץ: דענקסט נאָך מאַכן עפּעס עסן?

— מיך הונגערט נישט. — ענטפערט זעלדע. — דו ביסט הונגעריק?

— ער הונגעריק! געגעסן צוויי דעם זייגער! געפרעגט: אפשר איז זי הונגעריק.

— ניין, זי איז נישט הונגעריק.

— נו, איז דאָך גוט, איינגעשפּאָרט אַ וועטשערע.

דערפאַר אָבער, ווען די קראַווצעס, גערווירצס לאַנדסלייט, האָבן אים אָפּיציעל איינגעלאַדן צו אַ שמחה לכבוד זייער מיידלס געבורטסטאָג אויף אַ שבת אָוונט, איז מר. גערווירץ געווען זייער

נישט צופרידן. — אַמעריקע אַ מדינה, קראַוואַטשיע לײדי! פּראַוועט געבורטסטעג. אויסן די מתּנות! אַ קרענק וועל איך זיי געבן.

— ווי גייט מען עס אָן אַ מתּנה?

— גייט מען נישט! האָסטו געזען! כ׳ווייס, קויפן עפּעס אַ שמאָכטע, כאַפּט זיי אַ קלאָג, געבן צו לייזן אַמאָל אַ פּאָר סענט.

אַ קליין פּליושן געל בערעלע האָט מר. געווירץ געבראַכט מיט זיך, קומענדיק שבת פון געשעפט.

— אָט-דאָס-אָ וועסטו געבן אַ מתּנה?

— וואָס, קאַרג פּאַר זיי, פּאַר די שניידערוקעס?

— דו וועסט עס זיי געבן, נישט איך!

— וואָס-זשע, שטייט נישט אָן דעם טאַטן דיינעם? קאָסט הורטאָם דריי מיט אַ פערטל אַ טוץ.

זי האָט געהאַלטןביים אַ וואָרף טון דאָס בערעלע, ווען ער האָט עס אַרויסגעכאַפּט פון אירע הענט, אָפּגעגלעט די הערעלעך, עס פּאָרזיכטיק איינגעוויקלט אין פּאַפּיראָס-פּאַפּיר.

זעלדען האָט געפּיבערט. זי האָט שוין באַשלאָסן נישט צו גיין, אָבער געפּאַסט דעם באַשלוס, האָט זי פּאַר זיך דערזען אַן אָפּגעשלאָסענע גאַס, נישט דורכצוגיין. בלייבן דאָרט קען זי נישט, זי מוז אַרויסגיין. גייט זי צוריק, אָבער ווו איז דער אַנדערער וועג? מיטאַמאָל דערזעט זי פּאַר זיך אַ געוויסע קראָם מיט אַזאַ שיינער ליאַלקע אין פענסטער. אָט-די ליאַלקע וועט זי קויפן. און וואָס, אַז מ׳האָט זי שוין פאַרקויפט? זי מוז שוין גיין. און אַז ער וועט פרעגן, וווהין איז? איצט וועט ער נישט פרעגן. אָן אַ מאַנטל, אָן אַ היטל איז זי אַרויס פון הויז. דערזען אין שוי-פענסטער די ליאַלקע, אַ קוק געטון אויף דער קראָם, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט נישט קיין געלט. זי איז דאָך אַריינגעגאַנגען, געבעטן מ׳זאָל איר ווייזן די ליאַלקע. די ליאַלקע רעדט דאָך! זאָגט: מאַ! זעלדע בויגט אויס איר אָרעם ווי אַ שיפעלע, באַוועגט מיטן אָרעם, און די ליאַלקע עפנט די אויגן, פאַרמאַכט, רעדט. אַזאַ טייער ליאַלקעלע!

— איר נעמט זי?

— יאָ, אָבער... זי האָט קיין געלט נישט מיט זיך... איר

מאַן... מר. געווירץ, איר קענט אים? ער איז נאָך נישטאָ פון גע־
שעפט, ער וועט קומען...

— „צ׳אָלרייט, איך קען מר. געווירץ, ער איז „גוט״ פאַרן
געלט. סיליע! פאַק איין די ליאַלקע פאַר דער ליידי!״

זעלדע האָט זיך אַריינגעכאַפּט דורך דער קיך־טיר, אונטער־
געוואָרפן איר נייַ געקויפט „קינד״ אין אייז־קאַסטן, זיך אַרומגע־
קוקט, נישטאָ. גוט. זי וועט שוין געפינען אַ וועג ווי אָפּצוגעבן,
ער זאָל נישט זען אויך. אַזאַ ליבע ליאַלקעלע! ער וואַשט זיך? זי
האָט שטיל אָנגעקלאַפּט. — וועלכן אָנצוג וועסטו אָנטון? דעם בלויען?

— וואָס? אָנצוג? אַוודאי, דעם בלויען.

מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגעבעטן.

איבערלייגנדיק פון איין קעשענע אין דער צווייטער, נעמט
שוין מר. געווירץ דאָס טשעק־ביכל, עפנט עס אויף, קוקט זיך גוט
איין אין באַלאַנס, פאַרצייכנט פינקטלעך דעם טשעק, צען דאָלאַר,
לייגט אַריין דאָס טשעק־ביכל, באַטראַכט נאָכאַמאָל דעם טשעק
און דערלאַנגט אים זעלדען: נאַ, דאָ האָסטו!

צען דאָלאַר. אַזוי פיל, האָט מר. געווירץ אויסגערעכנט, איז
גענוג פאַרן „טיש״, וועש און דאָרט קליינינקייטן, ווי שוועבעלעך,
זייף, און ס׳זאָל נאָך בלייבן קליין־געלט. גאַז, עלעקטריציטעט,
וואַסער, און אין אַלגעמיין ענינים, וואָס פאָדערן אויסגעבן געלט
מיט קאָפּ, דאָס באַלאַנגט צו אים. צען דאָלאַר אַ וואָך, וואָך־איין,
וואָך־אויס, טאָג־איין, טאָג־אויס, די זעלביקע מאכלים און די זעל־
ביקע זעלדע, אָוונט־איין, אָוונט־אויס.

האָט זיך געמאַכט איין דאָנערשטיק, מר. געווירץ איז געקו־
מען אַהיים, געעפנט די טיר, און זעלדע האָט נישט אַפּערגעקוקט
פון קיך. איז מר. געווירץ גלייך ברוגז געוואָרן, פאַרמאַכט די טיר,
ווי ער וואָלט אַריינגעגאַנגען אין אַ פרעמד הויז און נישט גע־
טראָפן קיינעם, זיך געלאָזט אין קיך. נישטאָ זעלדע. אַ קליין
גאַז־פייערל ברענט אויפן אויוון. פאַרדעכטיק די געשיכטע, אַוועק־
גיין און לאָזן פייער ברענען. ער לאָזט זיך אין שלאָף־צימער. ביי
זיין אַריינקומען זעצט זיך זעלדע אויפן בעט, שפּאַרט אָן די
פויסטן אָן בעטגעוואַנט, זיך אויפהויבן, אַראָפּגיין.

— וואָס איז?

זעלדעס אָרעמס בויגן זיך איין, זי בלייבט זיצן. — איך פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— אַ קאַפּווייטיק, וואָס?

— ניין, איך ווייס אַליין נישט.

מר. געווירץ קוקט זי אָן. דער פּראָסט פון זיינע גרויע ליים־קאָליר־אויגן הויבט אָן אָפּגיין. אַ פּאַרע פאַרציט זיך איבער זיי, ער זעצט זיך צו לעבן זעלדן. — אפשר...

אַ שיין האָט זיך באַוויזן אין דער פּאַרע, איבער די אויגן.

— פילסט ווי צום ברעכן...?

זי האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ. צוויי פראַגע־צייכנס האָבן געקוקט אויף אים, און דערזעענדיק זיין שמייכעלע, האָבן זיך די פראַגע־צייכנס גענומען וויקלען. פאַרוויקלענדיק זיך אין פינטעלעך, האַרטע, שטעכיקע. — דו אַ טאַטע. באַלד האָבן זיך אויך די פינטעלעך באַהאַלטן הינטער אַ טונקל פאַרהאַנגל, געוועבט פון שוואַרצער פאַרצווייפלונג, גרויער פאַראַכטונג.

מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט. יעדע שאַטירונג פון איר קוק קירעוועט זיין שמייכעלע. דאָס ציניש־זכרישע שמייכעלע פאַר־טושעוועט זיך. עס גליטשט זיך אַרויס דאָס פאַרלעגן־נאַרישעוואַטע שמייכעלע פון אַ פרוי, וואָס נעמט זיך פאַרשפּיליען דעם לאַנגן אַרונטערגעפאַלענעם זאָק אינמיטן גאַס. איבער דעם שמייכעלע פאַרציט זיך אַ מאַטע טעמפּקייט און דורך דער טעמפּקייט שטעכן זיך דורך שפּיציקע צוויי מענטשעלעך, וואָס טוען אַ גיי איבער איר קערפּער פון קני ביז אַקסל, רייסן אויף די קליידער, דרינגען דורך די אַנטבלויזטקייט: „קוק עס אָן! ווער עס רעדט!"... ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעטל. זי האָט געהאַלטן די אויגן אויף זיין רוקן, גלייך זיך אויך אויפגעהויבן, געגאַנגען דערלאַנגען עסן. ביים עסן האָט מען אַ וואָרט נישט פאַרביטן, מיט קיין קוק זיך נישט באַגעגנט. זי האָט צוואַשן דאָס געפעס, נישט איבערגעווישט. זיך גלייך געלייגט אין בעט.

זעענדיק, אַז זעלדע קומט נישט אַרויס אויפן גאַניק, איז מר. געווירץ אַריין אין הויז.

— וואָס איז דיר?
— גאָרנישט!
— וואָס הייסט גאָרנישט?
— איך ווייס נישט.
— האָסט היץ? – ער האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו איר שטערן.
גרייפּעלעך האָבן זיך אַ שאָט געטון אין אירע בלוטן. זי האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. — איך האָב נישט קיין היץ – זי האָט זיך האַלב אויפגעזעצט.
— אפשר אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר?
— געווען.
- וואָס האָט ער געזאָגט?
— מ'דאַרף אַרויסנעמען אַלע ציין.
— דיר טוען וויי די ציין?
— נישט די ציין, עס איז ניוראַלגיע.
— ניוראַלגיע, ציין! אַ נייער אומגליק! — ער האָט גענומען אַרומגיין איבערן צימער.
— דיר דאַרף דאָך עס הנאה טון: אָן ציין – ווינציקער עסן.
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. — איך דענק, אַז דו ביסט קראַנק אויפן קאָפּ!
— אַוודאי. אַז כ'האָב מיט דיר חתונה געהאַט.
— וואָס-זשע, האָסט חרטה אויפן שידוך? קען דיר אָפּגעבן דעם נדן צוריק.
— ווען מ'זאָל דיר געבן נדן, וואָלסטו נישט געוווסט, וואָס צו טון דערמיט...
— דו האָסט נישט געהאַט וואָס צו ברענגען...
— פּאַר אַ הונט איז אַפילו אַ ביין אַרויסגעוואָרפן...
— האַלט ס'מויל! – האָט ער אַ געשריי געטון און געגעבן אַ טראָט נענטער, זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעשיפּעט: דו... בליאַד...
זי האָט אַ כאַפּ געטון די קישן פון הינטער זיך. אירע פינ־גער האָבן זיך איינגעגעסן אין דער ווייכקייט, דער מוסקול אין אָרעם האָט אָבער נאָכגעלאָזן. זי איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום קישן. מר. געווירץ האָט אַ כאַפּ געטון זיין היטל, עס אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ און זיך געלאָזט אין גאַס אַריין.

5

צאָן נאָך צאָן האָט דער דענטיסט געריסן. מיט יעדן אויס-געריסענעם צאָן זענען זעלדעס באַקן איינגעפאַלענער געוואָרן, אויף די איינגעפאַלענע באַקן איז געלעגן די זויערקייט פון ציין-ווייטאָק.

— ווען איך בין דו, וואָלט איך גענומען שלאָף-געטראַנק און אַרויסגענומען אַלע ציין מיט איין מאָל, נישט אַלע טאָג זיך מוטשען.

בין איך דאָך נישט דו. ביי דיר איז אַלץ הורטאָוונע. נאָך גאַנז פעלט מיר!

מיט יעדן אַרויסגעריסענעם צאָן איז זעלדע געוואָרן קריגע-רישער, ווידערשפעניקער, און ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן אַריינשטעלן ציין, האָט מר. געווירץ זי גאָרנישט דערקענט, אַזאַ מויל האָט זי אויף אים געעפנט. גאָלדענע פּלאַסטינקעס מוז זי האָבן, פינף הונדערט דאָלאַר דאַרף עס קאָסטן! האָט ער שוין אויך גענומען שרייען:

— וואָס דענקט זי, וואָס, ער איז אַ מיליאָנער? פינף הונדערט דאָלאַר ציין! זעסט? אָט די זעקס ציין? פופצן דאָלאַר האָבן זיי געקאָסט, און ער טראָגט זיי שוין ניין יאָר! און עס איז טויזנט מאָל בעסער, געזונטער פון גאָלד.

— פאַר אים, נישט פאַר איר. זי מוז האָבן גאָלד און זי וועט עס האָבן אויך!

— סיידן פאַרן נדן, וואָס זי האָט אים נישט געבראַכט. ער וועט קיין פינף הונדערטער נישט געבן. הם... הם... נישט ער!

— ער דאַרף נישט געבן, זיין קרעדיט איז גוט גענוג.

— ער וועט גיין צום דענטיסט, ער וועט...

— וועסט גאָרנישט. דער דענטיסט מאַכט שוין די ציין, און דו וועסט צאָלן ווי אַ טאַטע!

— דו זאָלסט אַזוי לעבן!

די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט שטיל אָבער שאַרף, זעלדע האָט געפילט: אַ שאַרפער מעסער איז געוואָרפן געוואָרן אויף איר, געפאַלן צו אירע פיס, זי האָט געשפּירט דעם פאָך פון קאַלטן שטאָל אויף איר פנים. אַ קעלט האָט זי דורכגענומען, דאָס בלוט

האָט אַ שפּרונג געטון פון פּנים צו די שפּיץ פינגער און גלייך אַ לויף געטון צוריק.

— גיי אַוועק! אַוועק פון מיר! – אירע פאַרקרעמפּטע פּויסטן האָבן געציטערט, זי האָט זיך געריסן אים שלאָגן, זיך אַרויפ־וואַרפן אויף אים, דערביי אָבער געבליבן שטיין אויף די שפּיץ פינגער, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, ביז די פויסטן האָבן נאָכגעלאָזט. די פינגער, לויזע, אָבער נישט בויגיקע שטעקלעך האָבן זיך געשאַרט איבערן פּנים. דער קערפּער האָט זיך געצויגן אַרונטער, געציטערט, איינגעשרומפּן ציטערנדיק, און אַזוי, נישט איינבויגנדיק די קני, אַ פאַל געטון אויף דער קאַנאַפּע דערביי, און אַ ווילדער יאָמער האָט זיך צעגאָסן איבערן שטוב.

— זי איז משוגע! — האָט געווירץ אויסגעשריגן אַ דער־שראָקענער, זיך באַלד דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געשריי, צו־געלאָפן צו איר: — זעלדע! זעלדע! — פּרובירט אויפהויבן איר קאָפּ.

— לאָז מיך צורו, — האָט זי שטרענג אָבער רויק אַ זאָג געטון. ער האָט זי אָפּגעלאָזט. אַ כמאַרע האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פּנים.

וואָס אַ טאָג איז די כמאַרע געדיכטער געוואָרן. זעלדע האָט שוין געהאַט אַ פול מויל ציין, די באַקן האָבן זיך אָבער נישט אויסגעפולט. זי איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. די נערוועזע אָנפאַלן זענען געקומען אַלץ אָפטער. געווירץ האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַר זיי, געוווסט: עס גייט באַלד איבער. ער איז אָבער וואָס אַמאָל טרויעריקער געוואָרן, טיילמאָל זיך געפילט אַזוי ווייך, אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט רחמנות געהאַט נישט אויף דער היסטעריש־וויינענדיקער זעלדע, נאָר אויף זיך, אויף זיין ביטער מזל, באַשערט אַן אומגליק.

דער אומגליק איז געווען נישט איינער. היינט האָט זי גע־שריגן: — איך ווייס, איך ווייס, ווילסט פון מיר פּטור ווערן, ווילסט מיך פאַרשיקן, איך זאָל שטאַרבן! אַ מכה! דיר אויף צו להכעיס וועל איך לעבן. גאָלדענע ציין געמאַכט? וועל איך זיך נאָך מאַכן גאָלדענע אויררינגלעך, אַ גאָלדן זייגערל, וועל גיין אין גאָלד, דיר

אויף צעפּיקעניש. — מאָרגן איז זי געלעגן איינגעקאָרטשעט אין דרייען, שטיל ווי אַ שעפּעלע. און האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צו אים, האָט ער געפּילט: אים ווערט ענג אין האַלז, די ליפּן ציטערן אים. — האָב רחמנות, דערשלאָג מיך! הרגע מיך, ווייל איך האָב מורא פאַרן טויט! – האָבן די אויגן געזאָגט. דעם קוק האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן. מורא געהאַט פאַר אים.

וואָס אַ טאָג זענען די אויגן גרעסער געוואָרן. עס האָט זיך געדוכט, זיי וואַקסן אויפן חשבון פון פּנים, פון גאַנצן קערפּער. אַזוי ביז איין טאָג, ווען די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט. דער קערפּער האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן, גרעסער געוואָרן. ווידער איז אַ מענטש געלעגן אויפן בעט. אַ נאָרמאַלער מענטש, מער נישט — טויט.

לייכט, מיט דער לייכטקייט פון אויסגעהיילטקייט, האָט זיך געווירץ באַוועגט: איז געפאָרן צו דער חברה-קדישא מכּח דער לויה. אָפּשטייגנדיק פון טראַמוואַי, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט. אַ שילד, אַ גרויסע, רויטע שילד האָט אים אַ שטאָך געטון אין די אויגן: דימענטן! מיר קויפן און פאַרקויפן דימענטן, אַלערליי צירונג. מיר קויפן אייערע ציין — „קרוינען, בריקן", מיר צאָלן מזומן!

ער האָט געקוקט אויפן שילד, איבערגעפירט דעם קוק פון שילד צום פענסטער, פאַרקוקט אין טיר. דער באַלעבאָס פון לאָמבאַרד האָט זיך באַוויזן אין טיר: קומט אַריין!

געווירץ האָט זיך אָפּגעריסן פון פּלאַץ. צוויי טירן ווייטער איז געווען די חסד של אמת. דער פאַרוואַלטער, אַ דיקער, פעסטגעבויטער ייד, מיט אַ שווערן מאַסיוון קאָפּ, פאַרשפּיצט פון אויבן, און וואָס נידעריקער צו דער געגאָלטער מאָרדע אַלץ ברייטער, דערמאָנענדיק אָן אַ טויקאַטש, האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי זיין פּרייז — דריי הונדערט דאָלאַר, און געווירץ האָט זיך געדוכט: ווער, דענקט ער, איז ער, אַ מיליאָנער?

ניין, אָבער קרום זיין שאָדן אויף אַלע יידן געזאגט געוואָרן, דריי הונדערט דאָלאַר קריגט ער אַ מציאה. מיר גיבן אייך דעם פיינסטן אָרון, דאָס בעסטע שטיקל קרקע, היינט אַ חשובן רב,

אַ פיינעם הספד, אַ גוטן חזן, דאָס אַלץ קאָסט געלט. און ווידער: צו וואָס דינגען זיך, מ׳באַגראָבט דאָך נישט אַ ווייב צוויי מאָל אַ וואָך. די לעצטע אויסגאַבן.

— זי האָט מיך געקאָסט גענוג. ערשט נישט לאַנג באַצאָלט פאַר ציין אַליין פינף הונדערט דאָלאַר.

— זעט איר, דאָס איז אַרויסגעוואָרפענע געלט. אויף יענער וועלט קען מען זיך באַגיין אָן ציין.

— איר דענקט אַזוי?

דער פאַרוואַלטער האָט אים אָנגעקוקט.

— ...איך מיין... וואָס איך האָב געוואָלט פרעגן איז, צי איז נישטאָ אַזאַ דין וועגן ציין, כ׳מיין. צי מוז מען די ציין מיט־געבן אין קבר, אָדער מ׳מעג... גאָלדענע ציין...

— קיינער נעמט נישט מיט זיין גאָלד אין קבר, — האָט דער פאַרוואַלטער פילאָזאָפיש געענטפערט.

— כ׳מיין אָבער: צי מעג מען, צי איז נישטאָ אַזאַ דין?

— קיין דין איז נישטאָ, איך ווייס נישט פון אַזאַ דין. איר׳ט אַ פרעג טון דעם רב, ער מוז וויסן. איז ווען ווילט איר די לויה? צוויי? גוט, גערעדנקט־זשע פונקט צוויי, ווייל נאָך מתים וואַרטן.

פונקט צוויי איז געווען די לויה. פאַרן אַרויסטראָגן דעם אָרון האָט מר. געווירץ נאָך אַמאָל אָנגעקוקט דאָס פּנים פון זיין פרוי, אַ טויט, אומבאַוועגלעך פּנים, אָבער ער האָט אין דעם גע־זען ליפּן, וואָס האָבן אַ געוויסע נאַכט אים הייס געקושט, געזען דאָס מויל, וואָס האָט געשריגן, די ציין, וואָס האָבן געקאָסט אַזוי פיל גאָלד, געזען אויך די אויגן, וואָס האָבן געבעטן: דערשלאָג מיך. ער האָט זיך צוגעבויגן אַ קוש טון די צוגעמאַכטע אויגן.

אויף מאָרגן האָט מר. געווירץ געמאַכט זיין טעגלעכן מאַר־שרוט. צוערשט איז ער אָפּגעטראָטן ביי דער „סטענדאַרד קלאַוק און סוט קאָ." — גוט מאָרגן, מר. וואַלאַך! אַ פיינער פרימאָרגן היינטיקער פרימאָרגן! דאַרפט עפּעס היינטיקן פרימאָרגן? אַ פונט שפּילקעס? און וואָס נאָך? קנעפּלעך, העקלעך, שפּראָנטשקעס. פּאָדים? דאַרפט נישט? אָלרייט, טהיינק יו! גוד מאָרנינג!

פאפיר

פּ אַ פּ י ר

פּיי – פּאַר רעגס! פּייפּאַר – רעגס, פּייפּאַר – רעגס, פּיי — — — פּאַר רעגס!

אויסגעזונגען מיט אַ תקיעה-שברים-תּרועה-ניגון, האָט עס גע־שפּאָלטן די שטילקייט, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער מיראַמאָנטע לעין. דאָס שפּרינגענדיקע זשום-פייגעלע האָט, הענ־גענדיק מיטן שנעבעלע אין אַ רויז, זיך פּאַרטאַיעט, צוגעהערט וואָס דאָס איז, און אַ שטאָך טוענדיק טיפער מיטן שנעבעלע אין האַרץ פון בלום, קאָנוולסיוו אַ צאַפּל געטון מיט די פליגעלעך און פיס־לעך און איבערגעפלויגן צו אַ צווייטער בלום. אַ הונט האָט פויל אַ הויב געטון די מאָרדע פון צווישן די פּאָדערשטע אויסגעצוי־גענע לאַפּעס, אַ צי געטון מיט דער נאָז, זיך מיישב געווען צי עס לוינט זיך אויפצוהויבן, אַ ביל טון, און באַשליסנדיק, אַז דער פרעמדער האָט נישט די ווערט זיינעם אַ ביל, האָט ער צוריק אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, בלויז איין אויג געלאָזט האַלב אָפן — ווי אַ זאַך מאַכט זיך.

פּייסי פּרימאַק דער שמאַטיאַר איז געזעסן אויף דער קעלניע און, נישט קוקנדיק צי עמעצער עפנט אַ טיר, געצויגן אין דער וועלט אַריין: פּיי — פּאַר רעגס...!

די וועלט, די העלע זון, וואָס איז נאָרוואָס אַריבערגעקראָכן איבער די דעכער, דער לויטערער בלויער הימל האָבן תּמ׳עוואַטע געקוקט אויף דעם שמאַטיאַר מיט זיין פערד און וואָגן: וואָס ווילן זיי דאָ? „פּיי — פּאַר רעגס!” — האָט פּייסי פּרימאַק געענטפערט, און דאָס פערדל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, צוגעקלאַפּט מיט די פיס, די רעדלעך האָבן פּאָטאַקעוועט: יאָ, יאָ, פּיי — פּאַר רעגס!

—ד־ר־ר־ר־ר !... — האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ רולעט מיט אַ דרעל איבער אַ פענסטער.

דאָס האָט מאַדאַם מעקינטאָש בייז געענטפערט: — נישטאָ קיין פאַפיר, קיין שמאַטעס! פאַרנעמט זיך פון דאַנען, מיאוסע שמאַט־יאַרעס! און דו, זון, דערעסנדיקע זון, זאָלסט אויך נישט וואַגן אַריינקוקן צו מיר אין הויז. געבן אַ גוט אויג מיין פלושענעם מעבל. אַ טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּ, צוגעפאַלן צוריק צום ביישטידל מיט אַ קלאַפּ.

—יו־הו!—האָט מיט אַ פאַרשייטן שברים מר. סטענלי געגרופן דעם שמאַטיאַר. — יו־הו!

דאָס פערדל האָט אַ טרייסל געטון מיט די אויערן, פּייסי פרימאַק האָט אַ צי געטון די לייצעס, זיך אומגעקוקט אויף צוריק. „האָו!" האָט ער אַ געשריי געטון צום פערדל, וואָס איז שוין געשטאַנען און געפּרוּווט זיך דערלאַנגען צום גראָז אויף דער זייט טראָטואַר צום גאָס צו, איז פאַמעלעך אַרונטערגעקראָכן און גע־ריכט זיינע טריט צום גאַניק, ווו עס האָט זיך געוויזן אַ פרויען־געשטאַלט אין אַ ווייסן ציצענעם פאַרטוך־קלייד.

— יעס, מעם, — האָט פּייסי פרימאַק אַ וואָרף געטון, און באַלד פאַרריכט: — גוטמאָרגן לײדי!

זיין האַנט האָט זיך אַ צי געטון צום צעדרייטן קאַפעליושל אויף זיין קאַוועגע־פאַרקײלעכיקטן קאָפּ — יאָ אַרונטערנעמען, נישט אַרונטערנעמען. די האַנט, אַ באַפרייטע פון איר ספק־שליחות, האָט זיך געלאָזט אויף אַרונטער, אַריינגעקראָכן טיף אין אַ הויזנקעשענע און פון אינעווייניק געהויבן די הויזן אויף אַרויף. די ביר־קאָ־לירענע אייגעלעך האָבן זיך דערווייל אַרויסגעקליבן פון די לויזע גרוי־בלױלעכע זעקעלעך און גענומען אַרומלויפן איבער דער פרויענפיגור, פון די העל בלאָנדע האָר ביז די בלאַנקיטנע שיך אויף באָרוועסע מילך־ווייסע פיס.

— יעס, מעם, וואָס קען איך טון פאַר אייך?...

— איך האָב אַ ביסל פאַפיר.

— אָלרייט, מעם.

— אין גאַראַזש.

— אָלרייט, מעם.

„מעם" האָט אַ פולן קוק געטון אויף דעם פּאָדקאָווע־אַר־טיק־אויסגעבויגענעם מויל, וואָס וואַרפט־אַרויס די „אָלרייטס", האָט אַריינגענומען די אויבערשטע אויסגעסטאַרטשעטע ציין, דעם לאַנגן פאַרשפּיצטן קין, ווי עס האָט זיך געשוואַרצט אַ שמאָל בערשטעלע נישט געגאָלטע באָרד, דעם גרויסן אָפּשטייענדיקן רעכטן אויער, און דעם לינקן צוגעפּלעטשטן אויער. דערזען אַ מין קראָליק, און מיט ווידערווילן אַ זאָג געטון: איר גייט אַהין, — אים אָנגעוויזן צום שטאָל צו, און אַליין אַריין אין הויז.

— האָו! — האָט פּייסי פּרימאַק אַ געשריי געטון צום פערדל, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן פרישן פּלאַץ צום גריזשען, אַ צי געטון די הויזן אויף אַרויף, אַ טאַפּ געטון די קאַמזויל־בוזים־קעשענע אונטערן לייבל, ווי דאָס געלט פאַרן טאָג מסחר איז געלעגן, און גענומען שאַרן מיט די פיס צום גאַראַזש צו.

די „גויע" האָט שוין געשלאָסן דאָס שלעסל. ער האָט געזען די האָר אונטער דער פאַכווע, נאָך העלער ווי אויפן קאָפּ און זעען אויס אַזוי ווייך, אַזוי ווייך...

זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אַ בינטל צייטונגען, וואָס איז געווען לויז אַרומגעבונדן, גענומען פאַרשטייפן דאָס שטריקל. דאָס ביליקע, לייכטע פאַרטוך־קלייד, אָפּגעשטאַנען ביים איינבויגן זיך, לאַדט־איין פּייסיס אויגן אַ בליק צו טון אויף אַ רויז־און־מילכיק לייב. ברענען זיך אָפּ די אויגן אָן דער הויט, גיבן אַ שפּרונג צו צו די בריסט, גיט ער זיך אַ צאַפּל, בויגט זיך אָן איר העלפן. אַ וואַרעמער ריח פון אַ יונגן קערפּער נישט לאַנג פון בעט האָט געקיצלט זיינע נאָז־וועגטלעך. ס'איז גוט אַריינציען דעם ריח. ווען מ'קען אים נאָר אונטערהאַלטן אונטערן נאָז, ווי דער דורשטיקער האַלט אונטער די קוואָרט וואַסער ביים טרינקען, אים כאַפּן, דעם ריח! ווו איז ער? זיינע אויגן זענען פאַרלויעט, די נאָז פירט אים, ווייזט אים דעם וועג איבער דעם פאַרטוך־קלייד פון אונטער די בריסט צום האַלז צו.

מיטן אימפּעט פון אַ צוויג, נידעריק צוגעבונדן צו דער ערד און אָפּגעלאָזט מיטאַמאָל, האָט זיך אויסגעגלייכט איר אויבערשטער

האַלבער קערפער, און פייסי פרימאַק איז געבליבן מיט דער נאָז אין דער לופטן. ער האָט קיין צייט געהאַט זיך אויסצוגלייכן, ווען ער האָט שוין דערהערט: גיי פון דאַנען, דו...

אַ שווינדלעניש מיט די הענט אָנצוכאַפן האָט זיך גענומען זויגן פאַר פייסי פרימאַק, זיין קאָפּ וויגט זיך מיט דעם חלל. — נעם דאָס בינטל און גיי! — האָט די פרוי אַ גרילץ געטון. די שווינדלעניש האָט זיך אָפגעשטעלט. ער האָט דערזען דער פרויס פנים, אירע צעעפנטע ליפן איבער פאַרקלעמטע ציין, יעדע בלאָנדע ווייכע האָר האָט זיך שפיזל-שאַרף און האַרט געריסן צו אים, זי האָט אַ הויב געטון דעם פאָראָרעם, אַ שאַר צו טון די האָר אויף צוריק, האָט ער איינגעבויגן דעם אַקסל, ריכטנדיק זיך אויף אַ קלאַפ, מיט די שפיץ פינגער אָנגערירט דעם קאַפעלוש: — איך יויל באַצאָלן...

— גיי!

ער האָט אַ נעם געטון דאָס בינטל צייטונגען און גענומען גיין שנעל, אונטערבייגנדיק איין קני. די טירן פון גאַראַזש האָבן געגעבן אַ פאַל צו, זיך פאַרמאַכט.

— דע-עם שיני! —

ער האָט אַ קוק געטון אויף צוריק, אַ הויב געטון די הויזן און שנעלער גענומען ליפן צום וואָגן. אַרויפגעוואָרפן דאָס פעקל, האָט ער זיך אַרויפגעקאַטשעט מיטן בויך אויף דער קעלניע, אַ קלאַפ געטון דאָס פערדל מיט די לייצעס, דערטאַפט מיט ציטערנדיקע הענט די בייטש און גענומען בלינד שמייסן איבערן רוקן, איבער די לענדן: — געט אַפ! אַ כאָליערע אויף דיר!

דאָס פערדל, אַ דערשראָקנס פון פלוצלינגע שמיץ און געשרייען, האָט אַ טראָג געטון דעם וואָגן. די רעדער האָבן גערעדלט די גאַס, די שטילע מיראַמאָנטע לעין האָט איצט אַ בלעכענע געקנאַקט אונטער די פיר רעדער. ביים ראָג האָט פייסי פרימאַק זיך אומגעקוקט, אַ צי געטון מיט די אַקסלען, אַ שאַר געטון דעם קאַפעליוש פון נאַקן צום שטערן צו: — אַזאַ אַנטיסעמיטקע, — און זיך פאַרקירעוועט אויף יאָרקשייר בולוואַר.

דאָ, אין גערדענג פון אויטאָמאָבילן, טראַמווייען, איז פייסי,

פרימאַק געזעסן איינגעבויגן אויף דער קעלניע, מיטן קאַפּעליוש אַרונטערגעפּאָרן ביז צו די אויגן. די אויגנדעקלעך האָבן זיך גע־צויגן צו די קישעלעך אונטער די אויגן, איבער דעם בוריק־קאָליר פּנים האָט זיך אַ גרויע פּליסניע פאַרצויגן. די אונטערשטע בלוי־גרויע ליפּ איז אַרונטערגעהאַנגען, אַ פרעמדע, אָן שייכות מיט די בלוטלאָזע יאַסלעס, מיט די געל־שוואַרצע אויסגעפּוילטע קליינע אונטערשטע ציין. אַ רעווע פון אַן אויטאָמאָביל האָט זיך איבער־געטראָגן איבער פּייסי פרימאַקס קאָפּ, האָט ער אַ צאַפּל געטון, אַ צי געטון די לייצעס. אויסגעבטל׳ט אַלע חלומות צום אויטאָמאָביל און ווידער פאַרמאַכט די אויגן, ביז אַ געקלאַנג פון אַ טראַמוויי, אַ צודרינגלעכער געקלאַנג, וואָס קלאַפּט אים אין פּאָ־טיליצע, אין רוקן, האָט אים געצוווּנגען זיך אומקוקן אויף צוריק: מיינט מען דאָס מיך?

דער מאָטאָרמאַן האָט שוין אויפגערוקט דאָס פענסטערל און געשריען צו פּייסין:

— וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר אויף דיר? ביסט טויב?

האָט פּייסי פרימאַק געקוקט אויפן מאָטאָרמאַן: וואָס כּעס׳ט ער זיך אַזוי? און דער מאָטאָרמאַן האָט געפּינעט: קענסט נישט אַרונטערפאָרן פון די רעלסן?

— גיי אין דער ערד, — האָט פּייסי פרימאַק אַ זאָג גע־טון, זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צום פערדל, אַ שמיץ געטון, גע־נומען יאָגן, זיך אַראָפּציען פון די רעלסן, די אויטאָמאָבילן פון דער רעכטער זייט האָבן נישט געלאָזט. איז שוין פּייסי געוואָרן אין כּעס. אַז זיי מעגן פאָרן פון דער רעכטער זייט, מעג ער פאָרן אויף די רעלסן. ער האָט ווידער אַ שמיץ געטון דאָס פערדל: זאָל דער טראַמוויי אים נאָכגיין. פון שנעלן לויפן איז אַ פעקל צייטונ־גען אַרונטערגעפאַלן אויף די רעלסן. דער מאָטאָרמאַן האָט גע־קלונגען ווי אויף אַ שרפה, און דער קלאַנג האָט זיך געטאָפּטשעט אויף אַן אָרט. דער טראַמוויי האָט נישט געקענט גיין, און פּייסי פרימאַק איז געפאָרן נישט וויסנדיק פון זיין שאָדן. ערשט די אויטאָמאָבילן מיט זייערע סירענען, די אָנווייזונגען פון די טרייבער האָבן אים געצוווּנגען זיך אומקוקן אויף צוריק און זען, ווי דער

מאַטאָרמאַן שטייט איבער זיין צעשאָטן פעקל צייטונגען, שטופּט עס מיטן פוס, צעקלאַפּט, צעשטרייט די צייטונגען, און די אויטאָ־מאָבילן כאַפּן אויף איינצלנע, פאַרטראָגן זיי, פאָרן איבער זיי. לויפט שוין פייסי פרימאַק, אַז עס טרייסלט זיך אים הויזן און לייבל, און אינעווייניק דאָס האַרץ וויל אים איבעריאָגן, ביז ער קומט צו, לאָזט נישט דעם מאַטאָרמאַן מאַכן אַ תל פון זיין סחורה, פּרוּווט צוזאַמענעמען דאָס פּאַפּיר, און דער מאַטאָרמאַן שילט זיך: גיי צום טייוול מיט דיינע פאַרדאַמטע צייטונגען. פאַרדאַמט זאָלסטו ווערן. פאַרשפּעטיקט פיר און אַ האַלב מינוט צוליב דיר. נעם עס צו שנעל! — און ער שטורכעט מיטן פוס.

— העי, העי, זיי נישט אַזוי אין כעס. וואַרף זיך נישט. פּאַפּיר איז געלט.

— נו גיכער, דו... לויזיקער...

אַ פּאָליציסט איז אונטערגעקומען, אונטערגעיאָגט פייסין, און פייסי האָט הויפנווייז, דאָס לאַנגע פּנים איינגעגראָבן אינם בערעם פּאַפּיר, געשלעפּט די צייטונגען צום טראָטואַר, אַ שטעל געטון אַ פוס אויף זיי, וועלנדיק זיי צוהאַלטן דאָרט, און באַלד געמוזט צונעמען דעם פוס, לויפן נאָך די איבעריקע, און קוים מיט צרות איינגעמאָסטעט צוריק דאָס פּעקל.

— געט אָפּ! — האָט ער געשמיסן דאָס פערדל. — אַ כאָלערע! נו, גיי שוין, קליאַטשע, גיי! — ער גיט אַ שאַרפן צי די לייצעס און פאַרקירעוועט אין אַ זייטיק געסל.

די קליאַטשע לויפט, שפּרינגט מיט אַלע פיר פיס, דערפילט אָבער גלייך די לויזע לייצעס, נישטאָ קיין באַלעבאָס, טאָ וואָס איז די איילעניש? גייט זי ווידער טראָט ביי טראָט, און פייסי פרימאַק וויגט זיך אויף דער קעלניע. שווער די הענט, נאָך שווערער דער קאָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער זיין סקלאַד, די פּעק שמאַטעס, פּאַפּיר, זיין ווייב, די בלאָנדע גויע מיט איר ראָזעווען לייב, איר צעקרומט פּנים. ער פאַרלירט דעם קאָפּ, גיט אַן עפן אויף די אויגן. — וואָס?... — ער גיט אַ וויש דאָס פּנים, טוט אַ הויב די לייצעס: — פּיי — פאַר רעגס! פּיי — פאַר... —

שרייט עס אַרויס פון פייסי פרימאַק. ער קוקט זיך אַפילו נישט אום צו די הייזער. — פיי — פאַר רעגס... — און די בלאָנדע גויע זיצט רייטנדיק אויף זיין פערד מיטן פנים צו אים, שטעלט זיך אויף, וויגט זיך אים אַנטקעגן. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן אָנשיקעניש? ער האָט דאָך איר גאָרנישט געטון! נו אַ טאָג. ווי דערשלעפט מען זיך שוין אַהיים, זיך אַנידערלייגן.

2

דאָס פערד איז געבליבן שטיין פאַרן שטאַל, געוואַרט, דער טרייבער זאָל אַרונטערקריכן, אויסשפאַנען, געבן עסן. דער טרייבער האָט זיך נישט גערירט, האָט דאָס פערד אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געוואָרפן אַ קרומען איין־אויגיקן קוק אויפן באַלעבאָס: וואָס טוט זיך דאָרט מיט אים? — שלאָפסט? – האָט דאָס פערד הירזשענ־דיק געפרעגט. האָט פייסי פרימאַק אַ הויב געטון דעם קאָפּ, אָנגע־קוקט דאָס פערד מיט אַ תמעוואַטן קוק, דערפילט די לייצעס אין האַנט. — האָו! — האָט ער באַפוילן דעם שטייענדיקן פערד, אַרונטערגעקראָכן פון וואָגן, אויסגעשפאַנט, אויפגעהאָנגען אַ טאָרבע האָבער, און אָנגעהויבן אַרונטערנעמען די סחורה פון וואָגן: ציי־טונגען, שמאַטעס, שטיקער בלעך, גומי — און איבערטראָגן אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון שטאַל, זיין מאַגאַזין.

אונטערגעשפּאַרט די טויערן מיט צוויי פעקלעך צייטונגען, האָט ער גענומען סאָרטירן זיין סחורה. ביי יעדן מאָל אָנבויגן זיך האָט ער דערפילט, ווי דאָס בלוט זיינס גיסט זיך אים הינטער די אויגן אין מאַרך אַריין, און ביים אויפשטעלן זיך איז דאָס בלוט געגאַנגען אויף צוריק, אָבער שוין איבער זיינע אויגן – ער האָט גאָרנישט נישט געזען. אַלץ גליטשט זיך אַרונטער, און ער אויך, גליטשט זיך, וויגט זיך, נאָר אומצופאַלן. זעצט ער זיך אַוועק אויף איין פּאַק צייטונגען, קוקט אויף אַ צווייטן פעקל מיט אַ פוסטן קוק, הויבט דאָך אָן זען בוכשטאַבן. אָט איז איין גרויסע שורה. סאַראַ גרויסע אותיות. ער נעמט די צייטונג אין האַנט. די גאַנצע שורה איז פון דריי ווערטער, דאָס זעט ער, אָבער וואָס זיי מיינען, די ווערטער, ווייסט ער נישט. אונטער די גרויסע אותיות קומען אַזעלכע קליינינקע, דריבנע אויתיותלעך. ער מעסט אָפּ דאָס גאַנצע פעקל צייטונגען. אַזוי פיל פּאַפּיר באַשריבן. ער רוקט אַרונטער די פינגער אונטערן קאַפּעליוש פון נאַקן צום קאָפּ צו, זעצט צוריק אַרונטער דעם קאַפּעליוש. — קאָכט שוין ווידער בלומענקרויט... – פּאַלט אַרויס פון פייסיס מויל.

פּייסי פּרימאַק עסט בלומענקרויט: ווי זיין דאָבע פּראַוועט עסט צו פּאַר אים, איז עס אַפילו גאַנץ געשמאַק, — אָבער דעם ריח, ווען עס קאָכט זיך, קען ער נישט פאַרטראָגן. קרויט יאָ, און בלומענקרויט נישט, עס שלאָגט אים צום האַרצן. איז ער ברוגז, למאַי זי האָט עס נישט אָפּגעקאָכט פאַר זיין קומען. ער כאַפּט אַ קוק צום הימל, צו דער זון. טאַקע צו פרי געקומען היינט. אָבער זי זאָל עס אַרויסגיין אַ קוק טון. האָט דאָך געהערט — ער איז געקומען. עך... ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, גיט אַ צי דעם קאַפּעליוש, און טראָגט איבער נאָך אַ פּעקל צייטונגען. פירקאַנטיקע יידישע אותיות ווינקען צו אים. — דאַכט זיך באַקאַנט? — שטייט ער, קוקט אויף די אותיות, די האַנט הויבט אָן נאָכפאָלגן דעם אויג, הויבט אויף די צייטונג, האַלט זי פאַר איין ווינקל, ביז די צווייטע האַנט פאָלגט נאָך, און די צייטונג, אַן אַרויסגעוואָרפענע, אַ פאַרגעלטע, קוקט אויף דעם פאַרשפּעטיקטן לייענער, חידושט זיך, וואָס וויל ער איצט פון איר. דער לייענער פילט שוין נישט דאָס פּאַפּיר אין האַנט, ער זעט אותיות, און די אותיות רוקן זיך, גייען אַוועק פון די אויגן, ער דאַרף זיי נאָכגיין, און זיי גייען צו שנעל. האַלט ער זיי צו מיט אַ פינגער, מיט די ליפּן:

אַכציק טויזנט דאָלאַר צירונג אַוועקגעגנבעט.
דריי באַנדיטן באַרויבן באַנק.
מאַן שיסט ווייב, באָרדער און זיך.

איבערגעלייענט די „קעפּלעך", פאַרשווינדן די אותיות, דאָס פּאַפּיר אין האַנט ווערט שווער, הענגט אַרונטער פון האַנט, אָט פאַלט עס אַרויס. און דער לייענער שטייט און קוקט צו דער הינטערשטער טיר פון זיין הויז, הערט זיך איין, ווי די פאָדערשטע טיר האָט אַ קלאַפּ געטון. עמעצער אַריינגעגאַנגען? ניין, אַרויסגעגאַנגען. די צייטונג פאַלט אַרונטער, שאַרט זיך איבערן ברוק, זאָגט אָן דעם באַלעבאָס: איך גיי אַוועק, — כאַפּט ער זיך צו איר, צו די איבעריקע, סאָרטירט, פאַרבינדט, און ברומט: גנבה,

גזלה, רציחה, נישט זיכער מיטן לעבן. — ער גיט זיך אַ טאַפּ ביים ברוסט, גיט אַ קוק צו דער הויז-טיר, און גייט אַריין אין סקלאַד. דאָרט זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ פּעקל שמאַטעס, קוקט זיך אַרום אין דער בין-השמשות ליכט, שלעפּט אַרויס אַ קליין טייסטערל און נעמט ציילן זיין געלט. ער ציט אַרויס פאַרפּעצטע, אין אַכטן צונויפגעלייגטע פּאַפּירלעך, גלייכט זיי אויס, ציט אַרויס אַ צווייטן בייטל, אַ טיטון-קאַפּשוק, נעמט פון דאָרט אַרויס אַ פּאַפּירל, לייגט עס צו די איבעריקע. פּרעסט זיי מיט די האַנט-פלאַכן, לייגט זיי אונטערן געזעס. פון דעם גרויסן בייטל שיט ער אויס מינץ: קופּער ניקל, זילבער, לייגט די מטבעות אין סטויגעלעך, מין צו מין, ציילט, דער גרויסער זילבערנער דאָלאַר מוליעט זיין אויג. ער האָט זיי פיינט, די זילבערנע דאָלאַרס. אָט פונקט ווי ער האָט ליב גאָלד און האַלט עס אין אַ באַזונדער לייוונטן זעקל מיט אַ שנירל אַרום האַלז, אַזוי האָט ער פיינט די זילבערנע דאָלאַרס, האַלט זיי מיט די ניקלס און פּעניס, ווייל זיי האָבן נישט די ווערט אַפילו צו ליגן מיט די פּאַפּירענע דאָלאַרס, און פון פּאַפּיר-געלט האַלט ער אויך נישט צופיל. ס'איז געלט, אַזוי גייט עס שוין, אָבער ער גלויבט נאָר אין גאָלד. די צרה איז: ווער זעט איצט גאָלד? אַנו-מעלטן האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין אַ רויט צענערל. מיט רויטע צענערלעך, האָט מען אים געזאָגט, קען ער צו יעדער צייט אַריינגיין אין באַנק און בעטן גאָלד פאַר זיי. פונדעסטוועגן, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ באַנק און געבעטן אַ גאָלדשטיק, האָט אים דער אויסגעצוואָגענער שייגעץ ביים פענסטערל אָנגעקוקט, געפרעגט, צי ער האָט דאָ אַ קאָנטע, און דערוויסנדיק זיך אז ניין, האָט ער מיט אַ שמייכעלע באַדויערט, וואָס גראַדע איצט האָט ער נישט קיין גאָלד, און שוין אויסגעשטרעקט די פינגער צו אַנדערע פינף פינגער, וואָס האָבן געהאַלטן אַ ביכל, און אין ביכל זענען געווען פאַפּירגעלטער און טשעקס. דאָס איז גאָר אַ שווינדל. מ'קראַצט אָן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייפען און ס'איז געלט! ער וועט זיין געלט נישט אַוועקגעבן אַ ליאַדע שייגעץ דאָרט, און יענער זאָל פאַרשרייבן אין אַ ביכעלע עפּעס. פאַרשריבן, אָבער ווו דאָס געלט איז, ווייסט ער נישט. דערויף אַרבעט ער עס, קלייבט

געלט, כדי אַ שייגעץ זאָל אָנשרייבן אין אַ ביכל, און ער זאָל קוקן דערויף? און ווי, אַז ער וויל עס אָנטאַפּן, זען דאָס געלט? ס'איז אין באַנק! דאָרט איז זיכער דאָ אַ פייער-קאַסע, אָבער ער וויל אַ קאַסע פאַר זיך. ער האָט געזען, אַזעלכע קאַסעס דאָ אין באַנק. אָבער דאָס קאָסט געלט. פיר דאָלאַר אַ יאָר. ביז מ'פאַרדינט פיר דאָלאַר... דערפאַר איז עס זיכערער ווי דאָ. ער וואַרפט אַ קוק אויפן סטויגל פּאַפּיר אין ווינקל. אים דאַכט זיך — איין בינטל שטעקט אַרויס נישט ווי עס דאַרף צו זיין. ער הויבט זיך אויף, וואַרפט אַ קוק צו די פּאַפּירלעך וואָס האָבן זיך געפּרעסט, לייגט אויף זיי אַרויף דעם גרויסן בייטל, און גייט צום סטויג פּאַפּיר, שטייט, קוקט, באַטראַכט. זיין סימן, וואָס ער האָט געמאַכט — אַוועקגעלייגט דאָס גאָר אויבערשטע פּעקל אַביסל מיט אַ זייט — איז דאָ. ער גיט אַ טאַפּ מיט דער האַנט, — קיינער האָט נישט גערירט. פונדעסטוועגן. ער וואַרפט אַרונטער דאָס אויבערשטע פּעקל צייטונגען, הערט זיך צו, און וואָלט זיך עמעצער באַוויזן אויפן אַנטפּלעקטן פּלאַץ, וואָלט עפּעס אַרויסגעשפּרונגען פון ערגעץ, וואָלט ער נישט איבעראַשט געוואָרן. ער וואַרט דערויף. אָבער קיינער באַווייזט זיך נישט, קיינער שפּרינגט נישט אַרויס. וואַרפט ער אַרונטער נאָך אַ פּעקל, נאָך איינס, דערזעט זיין פּעקל, איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל. ער רירט אָן דאָס שנירל. ער קוקט אַרום דאָס פּעקל. אַ לאָך. זי האָט זיך שוין דערביוועט דערצו. מיט ציטערדיקע פינגער פּרווט ער צעבינדן דאָס שנירל. עס פּלאָנטערט זיך, צערייסט ער עס, גיט אַ וויקל אויף די שמאַטע. בלויע, גרינע, קויטיקע פּאַפּירלעך גיבן זיך אַ ריר: — וואָס איז? — און בלייבן ווידער רויק. האָט ער נישט איבערגעבונדן די פּאַפּירלעך מיט אַ שטריקל? אַלע מאָל פאַרבינדט ער זיי. עמעצער איז דאָ געווען. זי. ער גיט אַ פיר אַ פּאָר פינגער איבער דער אונטערשטער ליפּ, דערפילנדיק נישט גענוג נאַסקייט, גיט ער אַ פיר איבערן צונג, און נעמט זיך קנייפּן די שמאַטעוואַטע, ווייכע פּאַפּירלעך. פעלט. צען דאָלאַר פעלט. ציילט ער נאָכאַמאָל. פעלט נישט. טאָ ווי קומט עס, וואָס פריער האָט געפעלט? ציילן איבערסניי. פעלט ווידער. זיין אויער פאַרנעמט אַ סקריפּ פון

דער הינטערשטער טיר. ער גיט אַ שטורכע אַוועק דאָס בינטל פּאַ־פּיר, לאָזט זיך אין דרויסן.

— ביסט שוין דאָ? — גיט אַ זאָג דאָבע, אַוועקשטעלנדיק די מיסט־קאַן. — עפּעס אַזוי פרי!

ער קוקט אויף איר. זי אָנכאַפּן, אַ טרייסל טון. ביסט גע־ווען ביים געלט! בלייבט אָבער שטיין אַ שטומער, מיט אויסגעראַ־טשעטע אויגן.

— וואָס איז דיר?

— גאָרנישט. וואָס איז מיר?

— כ'ווייס? עפּעס זעסטו מיר אויס...

— מיר איז גאָרנישט. פאַרטיק עסן?

— באַלד פארטיק. וועסט זיך נאָך לאַנג פאָרען דאָרט?

— איך קום באַלד אַריין.

ער גייט צוריק אין סקלאַד אַריין. דער אָוונט הענגט שוין אַרונטער פון דער סטעליע. איבערגעקנייפּט די פּאַפּירעלעך נאָך אַמאָל. עס פעלט נישט. זי איז נישט געווען. אומזיסט חושד געווען. זי האָט געמאָנט אויף אַ קליידל. אָבער זי קען זיך דערוויסן. נישט זיכער. און די לאָך אין שמאַטע? מייז, קענטיק, מער פעלט נישט. נעמען אַ קעסטל אין באַנק און איר אויף אַ קליידל דאַרף מען געבן. היינט. ער לייגט אָפּ אַ פּאָר פּאַפּירלעך אָן אַ זייט. זיין גע־נוג. אַ קורצער ישוב הדעת. עס דערטראָגט זיך צו אים דער ריח פון דער בלאָנדער גויע, און ער וויל צולייגן נאָך אַ פּאַפּירל, דערזעט ער איר צעקרומט פּנים. כאַפּט ער שנעל איינוויקלען דאָס פּעקל, בינדט עס אַרום, לייגט דאַרויף אַוועק די בינדלעך פּאַפּיר. ער פילט, ווי דער סקלאַד זיינער וויגט זיך, די אויגן טוקן זיך אין מאַרך. ער לייגט אַרויף איין האַנט אויף די אויגן, מיט דער צווייטער האַלט ער אונטער די ברוסט, פילט, ווי דאָס בלוט זיינס שטילט זיך איין, ער עפנט די אויגן. די נאַכט פאַלט צו אַזוי גיך. ער שיט אַריין דאָס מינץ אין בייטל, לייגט צונויף די פּאַפּירלעך אין קליינעם בייטעלע, פאַרדרייט די צוויי קעפּלעך פון דעם ביי־

טעלע מיט אַ ליבע צו זיי, צו די קעפּלעך: גוט וואָס איר זענט דאָ — מ׳קען פאַרשליסן, באַהאַלטן... ער לייגט אַריין דאָס קליינע בייטעלע אין בוזימקעשענע אונטערן לייבל, פאַרהאַלט דאָרט די האַנט. מאָרגן נעמט ער אַ קעסטל אין באַנק. אַ רויקער פאַר־מאַכט ער די טירן פון סקלאַד, פאַרשליסט מיטן בלאַטשלעסל, גיט עס אַ ציי, זען, אויב עס האָט אים נישט אָפּגענאַרט און געבליבן נישט פארשלאָסן, און לאָזט זיך מיט שאַרנדיקע פּיס אין שטוב אריין.

3

דער קילער ניליע־ריח פון פאַרלעגערט פּאַפּיר, שמאַטעס האָט זיך באַגעגנט מיטן פייכטן, וואַרעמען ריח פון בלומענקרויט. פּייסי פּרימאַק איז געשטאַנען אין קיך ביים קראַן און געוואַשן די הענט. דאָבע האָט געקוקט קרום.

— וואָס קוקסטו, ווי ראַבטשיק אויפן טאַטן?

— וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז וואַשן זיך איז אין באָד־צימער.

זי האָט אַ ריס געטון די סטירקע, צו וועלכער פּייסי האָט שוין צוגעלייגט די צען פינגער, און זי אַריינגעשטעקט צו זיך אין גאַרטל.

די נאַסע הענט אויסגעשטרעקט, האָט פּייסי געקוקט אויף דאָבען, אויף איר פאַרטוך, צו דער סטירקע. דאָבע האָט געענטפערט מיט אַ קוק. הם... — האָט פּייסי אַ קנייטש געטון מיט די אַקסלען, און גישט געפינענדיק קיין אַנדער האַנטוך, האָט ער שוין בייז אַ זאָג געטון: טאָ גיב־זשע מיט וואָס אָפּצווישן די הענט!

— אין באָד־צימער, האָט מען דיר געזאָגט!

שאַרנדיק די פיס אָן לינאָלעאום, איז ער געגאַנגען אין באָד־צימער. ער האָט אַ טאַפּ געטון איין האַנטוך, אַ צווייטן — פייכט. — מנע — האָט ער אַ זיפץ געטון, קוים געקראָגן אַ טרוקענעם האַנטוך, געווישט פּאַמעלעך די פינגער און געקוקט אויף די פייכטע האַנטיכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין וואַנע, גע־האָנגען אויפן הענטל פון טיר.

— האָסט געוואַשן וועש?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? — האָט געפרעגט דאָ־בעס קוק.

— כ'מיין, אַזוי פיל נאַסע האַנטיכער.

— בעני, מסתם.

— בעני?

— ער באָדט זיך יעדן אינדערפרי, ווען ער קומט פון דער אַרבעט.

— אַזוי? יעדן אינדערפרי! וואָס טוט ער עס אַזוינס?
— וואָס דען, ווי דו?
— כ׳מיין, ביי וואָס אַרבעט ער?
— זיבן יאָר, אַז די שיקסע איז ביים רב, און ווייסט נישט, אַז די קאַץ האָט וואָנצעס. אַ בעקער.
— און וואָס טוט ער גאַנצע טעג?
— שפּילט זיך. גיי עסן. כאַטש דעם „סוועטער״ געמעגט אויסטון.
— געפעלט דיר נישט?
אַ שאַרפער קוק, און זי האָט האַסטיק גענומען דערלאַנגען צום טיש.
ער האָט זיך געזעצט צום טיש, נאָכגעקוקט זיין ווייב, ווי זי איז פלינק געגאַנגען הין און צוריק, וויגנדיק זיך אויף די געזונטע ברייטע היפטן. אַ שמאָלביינעקע פרוי, אָנגעטון אין אַ ווייסן הויז־פאַרטוך אויפן הוילן לייב, האָט אַ בלענד געטון, זיך אַוועקגעשטעלט צווישן פייסין און זיין ווייב, און איז פאַרשוווּנדן. ער האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ. דאָבעס פּנים, פאַרפלאַמט פון אויוון־פייער, האָט געגליט, די אויגן, טונקל ברוינע, אַזש שוואַרץ, האָבן לעבעדיק געפינקלט. אַ ברען אַ יידענע. און דער בוזים אירער, ווען זי שטעלט אַוועק דעם טעלער יויך, רוט ער, דער בוזים אירער, פאַר זיינע אויגן, פאַרשטעלט אים די שיין.
— פאַרוואָס עסטו נישט? — פרעגט זי שטרענג.
— און דו?
אין די ווינקלען פון מויל שפּילט אויף אַ שמייכל, אַנטלויפט אויף דער אויבערשטער, דיקער ליפּ און באַהאַלט זיך אין די שוואַרצע הערעלעך. מיר האָבן געזען, — זאָגן די אויגן. — גוטע יאָרן, דער מאַן דיינער זאָרגט זיך פאַר דיר.
— פאַרוואָס זעצטו זיך נישט צום טיש?
— איך גיי שוין.
אַ קאָרטנשפּילער, וואָס האָט שוין געכאַפּט אַ קוק אין יענעמס קאָרטן, ווייסט, אַז ער האָט אַ בעסערע קאָרט, שמייכלט

שטילערהייט, און וואַרט מיט אויסערלעכן ערנסט, וואָס וועט יע־נער טון. אַזוי האָט זיך דאָבע אַוועקגעזעצט עסן.

— ביסט געוועזן אין שטאָט?

דער מיטשפּילער האָט געמאָלדן. און — אַ מאָדנע מעלדונג, גיט זי אַ קוק.—וואָס האָב איך געהאַט צו טון אין שטאָט?

— כ'ווייס? האָסטאָך געוואָלט קויפן אַ קליידל.

אַזוי גאָר. דאָ אַרומער. איצט איז די צייט אים צו באַגראָבן.

— קויפן אַ קליידל דאַרף מען געלט.

— מאָנטיק דיר געגעבן אַ פינפערל!

— האָב איך עס אַוועקגעגעבן מיינע קינדער פון ערשטן מאַן.

דאָס איז שוין צופיל.

— ביי דיר — אַמאָל געוועזן אַן ערשטער?

פּייסי האָט אויסגעשפּילט זיין שטאַרקסטע קאָרט. אויף דאָבען האָט מען מיידלוויז גערעדט. אים, פּייסי דעם שטריק-דרייער חתונה געמאַכט מיט איר און זי' אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע. דאָ שוין עלף יאָר נאָך דער חתונה — קיין קינד איז נישטאָ, שכנות קוקן קרום אויף איר, און...

— דו דאַרפסט דאָס וויסן!...

— אוי ווייס איך...

— אַבי דו ווייסט כאָטש...

— איך וויל אים דאָ נישט האָבן! — דאָס גלאָז וואסער אויפן טיש האָט זיך איבערגעגאָסן, דאָס זילבערוואַרג האָט אונ־טערגעטאַנצט פון זיין קלאַפּ אָן טיש. — דו הערסט? זיין זוואַניע זאָל זיך דאָ נישט געפינען!

— וואָס?... ווער?...

— דער בעקער דיינער, דער פאַרשיווער. — מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער אָנגענומען אַ מעסער, אים אַ לייג געטון אויפן טיש און אַ שאַר געטון.

— אָ! אַזוי די מעשה. נו, לאָמיך זען, אַז דער געטרייער מאַן זאָל געבן אויף אויסקומעניש, נישט ביי יעדן מאָל, וואָס איך דאַרף אַ ניקל, זאָלסטו עפּענען דאָס בייטעלע... — זי האָט אויס־

געסטאַרטשעט די ציין און מיט ציטערנדיקע פינגער געמאַכט אַ תּנועה פון טרייסלען אַ בייטעלע, און פאָרען זיך מיט די צוויי גלאַנציקע קעפּלעך פונם בייטעלע, וואָס זי האָט עס נאָך קיינמאָל אין האַנט נישט געהאַלטן, נישט געזען אַפילו צו נאָענט, ווייל ווען ער האָט עס געעפנט אָדער פאַרמאַכט, האָט ער זיך אָפּגעקערט פון מענטשן. ברענען זאָל... — זי האָט אַ רוק געטון דעם טעלער פון זיך און זיך אויפגעהויבן.

— דיר געבן, קליפּה, דיר געבן... נאָר גיב און גיב — ברומט ער, איינגראָבנדיק די אויגן אין טעלער. די בלאָנדע גויע מיטן צעקרומטן מויל פון כעס האַלט דעם ציטערדיקן פויסט קעגן זיין פּנים: גיי! נו אַ טאָג!—פאַרוואָס גייסטו נישט צום טיש? קום אַהער, דאָבע! ס'ווערט קאַלט.

זי טוט אויף אים אַ זייטיקן קוק. ער כאַפּט אַוועק זיינע איצט בעטלערישע אויגן. דאָבע ווייסט — זי האָט געוווּנען. ער וועט שוין געבן אויף אַ קליידל, ער וועט שוין אויך פאַרלאָזן דעם גאַניק זיינעם מיט די פּעק שמאַטעס, קומען צו איר, זיך אַריינלייגן אין בעט און אַ זאָג טון: רוק זיך... זי האָט אַ ציטער געטון, און מיטן ביסן אין מויל זיך אויפגעהויבן פון טיש און אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין אַלקער.

זיין קוק האָט זי נאָכגעיאָגט, געפּרוּווט אָנכאַפּן די ברייטע, גלייכע פּלייצע, און זיך אַרונטערגעגליטשט צו די היפטן, וואָס האָבן זיך געוויגט ווי צוויי וואָגשאָלן אָן גלייכגעוויכט... אים האָט געגומען שווינדלען אין די אויגן, ער האָט דערהערט, ווי דאָס בעט האָט אַ סקריפּע געטון אונטער איר קערפּער. ער האָט זיך אויפגעהויבן, שטיל אַרונטערגענומען די כלים פון טיש, געלאָזט אַ קליין שטראָמעלע וואַסער לויפן פון קראַן, עס וועט אַזוי נישט רעשן, פאָרזיכטיק געלייגט אַ טעלער צו אַ טעלער, אַרויסגעגאַנגען צום פערד און צוריק אַריינגעקומען שאַרנדיק די פיס. און ווען ער האָט שפּעטער גענומען זיך אויסטון ביי זיך אויפן גאַניק, האָט ער זיך געהיט ביים אַוועקלייגן די מלבושים, ווי ער וואָלט געקומען שפּעט ביינאַכט אין אַ פרעמד הויז איבערנעכטיקן אַ נאַכט.

איר גאַנצער קערפּער האָט זיך צוגעהערט צום שאַרעניש

פון זיינע שטעקשיך איבערן דיל. דאָך ווען ער איז געקומען, זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט לעבן איר און שטום אַ שטופּ געטון איר קערפּער, האָט זי זיך נישט אַ ריר געטון. זי שלאָפט.

— דאָבע! —

זיינע פינגער האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטער איר זייט.

— לאָז מיך צורו! — איר קערפּער האָט אַ צאַפּל געטון. די פינגער, וואָס האָבן געהאַלטן אין אונטערגראָבן זיך, האָבן שוין איצט פרייער זיך באַוועגט ביי איר ברוסט, די פינגער פון דער צווייטער האַנט האָבן געזוכט זיך באַגעגענען. איצט איז זי ביי אים אין די הענט. האָט זי זיך געוואָרפן, אָפּגעקערט דעם פנים, און פייסי האָט געכריפּעט: דאָבע, דאָבע!...

— דאָבע! דאָבע! — האָט זי אים איבערגעקרומט. ס'קומט צו דעם ביסטו דאָ. אויף אַ קליידל...

— דיר געבן, קליפּה...

עפּעס האַרטעס האָט געקוועטשט איר ברוסט. איין האַנט אויף זיין פּלייצע, האָט זי מיט דער צווייטער גענומען שאַרן צווישן זיין ברוסט און אירער, אָנגעטאַפּט אַ שנירל אויפן האַלז און בייטעלע מיט האַרטע מטבעות אונטער זיין העמד. זיין רוקן האָט זיך געפּרוווט אַ הויב טון. — לאָז אָפּ — מיט אירע דיך, מיט דעם אָרעם אויף זיין רוקן האָט זי אים איינגעהאַלטן, און די פרייע האַנט האָט געצויגן דאָס בייטעלע, אַז דאָס שנירל האָט זיך איינגעשניטן אין האַלז.

— לאָז אָפּ! לאָז, זאָגט מען דיר!

זי האָט אַ שטאַרקן צי געטון דאָס שנירל, אים אַרויסגעשטויסן פון זיך, זיך אַ דריי געטון, און זיך אומגעקערט מיטן פנים צו דער וואַנט. אַ ציטערנדיקער האָט ער זיך געוואָרפן איבער איר: גיב אַהער, גיב אַהער, זאָג איך דיר! ג — י — ב!...

זי האָט אַ שמיץ געטון דאָס געעפנטע בייטעלע אויף הינטן איבער זיין רוקן. ר־ר־ר־ר — האָבן זיך געריצט די קוילערנדיקע מטבעות. ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט, גענומען זוכן אין דער פינסטער, געמאַכט ליכטיק, געקראָכן אויף הענט און פיס, געפונען, געלייגט אין בייטעלע, אויסגעשאָטן אַלע מטבעות

געציילט. — צוויי צענערלעך פעלן! גיב אַהער די צוויי צענער־
לעך! די צוואַנציק דאָלאַר גיב אַהער! — זי האָט זיך נישט גע־
רירט. — עס פעלן צוויי צענערלעך!

ער האָט זיך ווידער געבויגן, געזוכט, זוכנדיק, דערפילט אַז
דער קאָפּ זיינער ווערט שווערער פונם גאַנצן קערפּער, נאָך אַביסל
וועט ער שטיין אויפן קאָפּ. ער האָט זיך ראַש אויפגעהויבן און
דערפילט ער וויגט זיך, אָט פאַלט ער אום. ער האָט זיך אָנגע־
כאַפּט אָן אַ בענקל, ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, דערזען עס
איז ליכטיק אין צימער. אין ווינקל האָט זיך געווייסט אַ קאָלדרע
אַ קישן, דאָבע. ער'ט שוין זען מאָרגן. אַ קאַלט ווינטל איז אי־
בערגעלאָפן איבער זיין רוקן, אַ טרייסל געטון זיין נאַקן. ער האָט
פאַרקלעמט דאָס בייטעלע, אויסגעלאָשן דאָס ליכט, און שאַרנדיק
מיט באָרוועסע פיס איבערן קאַלטן דיל, זיך געלאָזט צו זיין גע־
לעגער אויפן גאניק.

אַ וואַכע איז דאָבע געלעגן אין בעט, נישט אויפגעשטאַנען, ווי זי פלעגט עס טון געוויינטלעך, צוגרייטן אָנבייסן פאַר איר מאַן. זאָל ער נישט עסן. זאָל ער אַליין מאַכן עסן. ליגט זי און הערט זיך צו. זי וויל הערן, ווי ער פּאָרעט זיך דאָרט אין קיך מיט די כּלים. הערט גאָרנישט. אַוועקגעפאָרן אָן עסן? נישט גע־הערט אַרויספאָרן. די זון פאַלט שוין אויפן שיפּאָניר אַנטקעגן בעט, שוין אַרום אַכט אַזייגער. אויפשטיין. אַריינגעגאַנגען אין קיך, באַ־טראַכט — קיין זאַך נישט גערירט. זי האָט פאַרגנבעט אַ קוק אויפן גאַניק — זיין שלאָפצימער — געזען אַ מענטשלעך פּעקל איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ. שלאָפט נאָך? מאָדנע. דאָס דאַרף ער אַזוי לופט! איבערן קאָפּ אין שמאַטעס. נישט אַרויסגעגאַנגען צו אים. זי האָט גענומען צוגרייטן אָנבייסן פאַר זיך, געבראַזגעט מיט די כּלים. דער גאַניק שווייגט. פון שטאָל דערטראָגט זיך אַ הירזשען. דער נישט-געלונגענער צו-להכעיס באַהאַלט זיך, דער ברוגז רוקט זיך אַוועק, אומרויקייט קריכט אַריין. זי איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק. דאָס מענטשלעכע פּעקל האָט זיך נישט גערירט.

— שלאָפסט?

ער האָט אָן עפן געטון די אויגן — מוטנע, פאַרלאָפּענע. די בלויע ליפן האָבן זיך אַ פּאָר מאָל אַ וואַש געטון, און עס האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט פון זיי:

— גיב עסן דעם פערד. — ער האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן.

— וואָס איז דיר?

נישט די אויגן, נישט די ליפן האָבן זיך געעפנט.

זי האָט געגעבן עסן דעם פערד, גענומען צוראַמען אין הויז. שוין פאַרבעט דאָס בעט, אויסגעקערט, אַרומגעווישט, און דאָך פילט זי — דאָס הויז איז נישט אין אָרדנונג, אויפן גאַניק שלאָפט נאָך עמעצער. בעני שלאָפט נאָך אויך אין אַלקער, אָבער

בעני דאַרף שלאָפן, און איר מאַן... זי איז ווידער אַרויסגעגאַנגען צו אים. — וועסט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?

די אויגן האָבן זיך געעפנט, ווי ביי אַ הון אין דרימלען. — קאַווע. אַ גלאָז שטאַרקע קאַווע.

אַ פאַרזאָרגטע איז זי אַריין אין הויז, צוגעשטעלט וואַסער, זיך אַרומגעדרייט, זיך צוגעהערט צי בעני שלאָפט, און ווידער אַרויס צום מאַן. — וועסט טרינקען דאָ, צי אַריינגיין אין שטוב?

— דאָ.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, זי האָט אים אונטערגעשפּאַרט די קישן, געזען ווי זיינע בלויע פינגער — די נעגל אַזש שוואַרץ — האָבן אַרומגענומען דאָס וואַרעמע גלאָז, ווי ער האָט זשעדנע געשלונגען די הייסע קאַווע, געפינטלט מיט די אויגן, געעפנט זיי ווי ער וואָלט נאָר־וואָס דערזען די וועלט נאָך אַ צייט זיין בלינד.

— וועסט אפשר אַריינגיין אין שטוב? דאָ איז קיל.

— האָסט געגעבן דעם פערד אַ טרונק?

— פאַרגעסן. וועל באַלד געבן. גיי בעסער אַריין אין שטוב. קום, וועסט זיך אָוועקלייגן ביי מיר אין בעט.

זי נעמט אים אָן פאַר דער קאַלטער האַנט. ער ווערט זיך נישט. ווען זי וויל אים פירן לאָזט ער נישט: — אַליין גיין. — ביז ער דערגייט מיט זיינע שאַרנדיקע טריט צו איר אין אַלקער איז שוין איר בעט אָפן פאַר אים. זי העלפט אים אַריינגרעבנגען די פיס אין בעט, דעקט אים צו.

— אפשר רופן אַ דאָקטאָר?

— גיי גיב דעם פערד אַ טרונק. אַ רחמנות, אַ שטומע צונג.

זי האָט שטיל צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך, געגאַנגען־געגעבן דעם פערד אַ טרונק, זיך געפּאָרעט שטיל ביים אויוון, זיך צוגעהערט צום אַלקער, וווּ איר מאַן איז געלעגן.

ווען עס איז געקומען די צייט „אויפצוּוועקן" בענין, איז זי שטיל צוגעגאַנגען צו זיין טיר, גנביש געעפנט, און נאָך איידער זי האָט זי פאַרמאַכט הינטער זיך, האָט שוין אירער אַ פינגער אויף די פאַרמאַכטע ליפּן באַפוילן: ששששש...

— וואָס איז? — האָט בעני הויך אַ פרעג געטון און דער־לאַנגט אַ הילכיקן הוסט.

— נעם־איין שטומעניש! — האָט זי שאַרף און שטיל גע־וואָרנט, שטייענדיק שוין לעבן זיין בעט.

ער האָט אַרומגעכאַפּט איר נאַקן, זי געצויגן צו זיך: — וואָס איז?

— גיי אין דער ערד! — האָט זי געזייט די האַמעטנע צערטלעכקייט, און מיטביידע האַנטפּלאַכן אים אומגעוואָרפן צוריק אויפן קישן. — ער איז אין דערהיים. — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַהינטער.

— ווער? דיין... שלימזל? וואָס עפּעס מיצקע דרינען?

— נעם־איין שטומעניש. ער איז קראַנק. טו זיך אָן און גיי רוף אַ דאָקטאָר.

— איך?!

— דו, ווער דען? נו, טו זיך אָן, איך דאַרף צוראָמען.

— טאָ גיי־זשע אַרויס!

אירע שמייכלענדיקע אויגן האָבן זיך אַ גליטש געטון איבער זיין קערפּער, פון דער האָריקער ברוסט אַרונטער. ער האָט אַן עפן געטון די אויגן. די „נאַקעטע פּרימאָרגנס" זייערע האָבן אַ שימער געטון. ער האָט אַ ריס געטון די קאָלדרע פון זיך, זי האָט זיך שנעל אַרויסגעכאַפּט פון צימער, שטיל פאַרמאַכט די טיר און שטייף צוגעהאַלטן די קליאַמקע.

בעני איז געבליבן זיצן אויפן בעט, איין האַנט האָט גע־שאַרט די האָריקע ברוסט, דאָס לינקע אויג האָט געקוקט קאָסע אויף דער פאַרמאַכטער טיר.

ער האָט שוין קיין אָנבייסן נישט געגעסן, אַרויסגעגאַנגען פון הויז, היטנדיק זיך, זי נישט צו זען. אַ דאָקטאָר איז געקומען.

— אים איז גאָרנישט, די „אַזמאַ" באַדערט אים נישט. ער ווייסט? דער קאָפּ פאַרדרייט זיך... — פייסי האָט זיך געוועלט אַנטקעגן דעם דאָקטאָרס פראַגן, און אויף זיין ווייב געקוקט רחמנותדיק ברוגז: וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? אַן עסק דאָקטוי־רים. האָט נישט ווו אַהינצוטון געלט. אוי!

— דאָ טוט אייך ווייּ?

— אַביסל – האָט פּייסי אַרויסגעקרעכצט, און נאָכגעלאָזט – זאָל ער טאַפּן, קלאַפּן. דערפאַר, ווען דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם שוואַכן האַרץ: אַ האַרץ איז אַ פּרוזשינע פון אַ זייגער, ער דאַרף זיין פאָרזיכטיק, – האָט פּייסי זיך איינגעהערט. אים האָט פאַרדראָסן בלויז, וואָס זי שטייט דערביי, ווען ער איז מיטן דאָקטאָר אַליין, וואָלט ער אים עפּעס געפרעגט. — דער עיקר טאָר ער זיך נישט אויפרעגן. אויפרעגונג איז פאַר אים סם. — דאָ קוקט פּייסי זיגעריש אויף זיין דאָבען: הערסט, וואָס ער זאָגט, האַ? אויפרעגונג איז סם. פרעגט דאָבע דעם דאָקטאָר: נו און עסן? זי מיינט, צי מעג ער עסן אַלץ?

— יאָ, ער מעג עסן, אָבער נישט צופיל אויף אַמאָל. אַ גוט שטיקל פלייש, אָבער אַ קליין שטיקל.

— אַ שטיקל הון?

— שאַדט נישט. די ברוסט, איר האָט דאָך ליב ברוסט? — אַ שמייכל באַגלייט די פראַגע.

— יאָ, — ענטפערט פּייסי מיט אַ שולדיק זיפצל.

— אַלע מענער האָבן ליב ברוסט, — גיט אַ זאָג דער דאָקטאָר קוקנדיק אויף דאָבען. דאָבעס פּנים ווערט קאַרמעזין-רויט. — מילך קענט איר טרינקען, — גיט צו דער דאָקטאָר אין איילעניש.

— און וואָס איז מכח אַרבעטן?

— אַרבעטן? וואָס טוט ער? פעדלט? נו, ער קען אַרויספאָרן. נישט היינט, פאַרשטייט זיך, איבערליגן אַ פּאָר טעג.

— דאָס אַלעס?

— איר'ט נעמען אָט-דאָס-אָ.

האַלטנדיק דעם רעצעפּט אין האַנט, איז דאָבע נאָכגעגאַנגען נאָכן דאָקטאָר, אים פאַרטרויליך געפרעגט, ווי האַלט עס מיט איר מאַן. דער דאָקטאָר האָט אויף איר קרום אַ קוק געטון. – ס'איז נישט קיין היציקע קרענק. דאָס האַרץ זיינס אַרבעט נישט נאָרמאַל, ער קען אויסלעבן זיינע יאָרן, און קען אַנטשלאָפן ווערן, ער זאָל אַליין נישט וויסן דערפון. אַ דאַנק, — ער שפּאַרט דאָס פּאַפּירל

געלט אין קעשענע. — אין פאַל זי'ט אים דאַרפן, ווייסט זי זיין טעלעפאָן.

ניין, זי ווייסט נישט. אַ שכן אירער האָט געגרופן.

— דאָ איז מיין קאַרטל. אַ גוטן טאָג.

דאָבע האָט אַריינגעוואָרפן דאָס קאַרטל אין בוזים, אַריינגעגאַנגען צוריק צום מאַן.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— גאָרנישט, וואָס זאָל ער זאָגן? גיין קויפן אַ הון?

— עה, ווער דאַרף עס? אַן עסק, אַ הון!

— נו, וואָס דען ווילסטו עסן? מיינסט פלייש קאָסט ביליקער? שוין מאַכן דעם רעצעפּט אויך.

— נעם אַרויס... דערלאַנג מיר דאָרט די הויזן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַרויסגענומען דעם קאַפּשוק פון קעשענע, גענומען אָפּוויקלען דאָס שנירל, און דערפילט, ווי דער מאַרך ביי אים אין קאָפּ וויקלט זיך אָפּ, און די אויגן, געצויגן אויף שנירלעך, ציטערן. ער האָט איינגעקלאַמערט די פינגער אין בייטל, זיך אַוועקגעלייגט, אויפגעעפנט די אויגן, נאָכגעלאָזט די פינגער פון בייטל.

— נעם אַרויס וויפיל דו דאַרפסט.

זי האָט פּאַמעלעך צעצויגן דעם בייטל, אַרויסגעצויגן אַ פּאָר מטבעות, זיי געהאַלטן אויף דער האַנטפלאַך: נאַ זע — און צוריק אַוועקגעלייגט דעם בייטל ביי אים אויפן קאָלדרע.

— ווילסט עפּעס? —

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

ווען זי האָט אים דערלאַנגט דעם טעלער יויך, אונטערגעהאַלטן דעם טעלער, האָט ער מעשה בן-יחיד, אַ טובה טוענדיק איר, געזופּט פּאַמעלעך לעפל נאָך לעפל. ער וואָלט זיך אַ פּיעשטשע געטון און אויפגעהערט עסן, כדי זי זאָל אים בעטן, אָבער די וואַרעמע יויך וואַשט דאָרט אינעווייניק אין האַלז אַזוי גוט, וואַרעמט אים „דאָס האַרץ", דערקוויקט, כאַפּט ער שוין אַ קוק אויפן שטיקל פלייש: ווייס-ראָזעווער ביילעך — און קייט עס נאָכדעם מיט התמדה.

— אַ יונגע הון. נאַ, ווילסטו אַ שטיקל?

— געלאָזט פֿאַר זיך אַ שטיקל, — ענטפֿערט זי, נישט קוקנדיק אויף אים.

פֿייסי וויל גראַדע קוקן אויף איר.

— ווֹעסט מיר געבן דעם רעצעפּט? ווי האָט ער געהייסן אַלע דריי שעה אַ לעפֿל? ביינאַכט אויך?

— ווֹעסט שלאָפֿן דאָ.

אויף מאָרגן האָט פֿייסי פֿרימאָק איינגעשפּאַנט פֿערד און וואָגן און איז אַרויסגעפֿאָרן.

5

ער הייסט פּייסי...

— פּוירסי? — פרעגט איבער דאָס מיידל? — פּ-וי-ר-סי?

— יאָ — ענטפערט פּייסי, א ברוגזער אויף די אַמעריקאַנער, וואָס קענען נישט אָנשרייבן אַ נאָמען. זיין פאַמיליען נאָמען? פּרי-מאַק. פּרי-מאַק! ווינט דאָ און דאָ. די אַלע פראַגן האָט ער געענטפערט אָן חשק, אָבער אַזוי גייט עס שוין צו, מ׳דאַרף אי-בערקומען. דערפאַר אָבער ווען די „שיקסע״ האָט אים אַ פרעג גע-טון: ווי אַזוי איז געווען זיין מאַמעס מיידלשער נאָמען, האָט ער אויף איר אויסגעראַטשעט אַ פּאָר אויגן — וואָס נאָך ווילסטו וויסן? דער מאַמעס מיידלשער נאָמען. שרה אַברהם-הערשס האָט מען זי גערופן, אָבער אַ פאַמיליענאָמען? גיי געדענק, אַז ער האָט אים אַפילו נישט געקענט פאַרגעסן, נישט געוווסט קיינמאָל. אָבער די שיקסע מוז דווקא האָבן דעם נאָמען, ווייל דאָס זאָגט זי, איז דער בעסטער מיטל אַן אַנדערע זאָל נישט קענען צוטרעטן צום קעסטל מיט זיינע ווערטפולע פּאַפּירן.

— אַזוי? – פרעגט שוין פּייסי אַביסל ווייכער.

אַ פיינער איינפאַל. זיין מאַמעס מיידלשער נאָמען? גאָלדמאַן!

פאַרשרייבט די שיקסע – שרה גאָלדמאַן, ווייזט אים אויף דער עלעקטריש-קאָנטראָלירטער טיר, גיט אַ קוועטש אַ קנעפּל, רוקט זיך די טיר, לאָזט פאַר אים אַן אַריינגאַנג, גייט ער, און האָט מורא, טאָמער רירט ער זיך חלילה אָן – עלעקטריק! אָבער, גאָט צו דאַנקען, ער איז שוין בשלום אויף דער זייט. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אים, און די שיקסע פירט אים. אַזוי פיל קעסטלעך מיט נומערן.

— דאָס איז אייער קעסטל, מר. פּרימאַק. איר קענט אַריינ-גיין אין אַ צימערל דאָ, אַריינלייגן אייערע פּאַפּירן, און ווען איר וועט דאַרפן אַרויסגיין, זאָגט, וועל איך עפענען די טיר פאַר אייך.

— יאָ, יאָ, — שאָקלט פּייסי נאָך. פּטור ווערן פון דער אַנשיקעניש. זיין אַליין מיטן קעסטל אין אַ חדר מיוחד.

ער שיט אויס די גאָלדענע מטבעות אין קעסטל אַריין, צע-

ליגט זיי. ניין, עס וועט נישט טויגן. עס וועט קלאַפּן. פריער אויסבעטן מיט פּאַפּירגעלט. ציט ער פּאַפּירלעך, גלאַטע, גלאַנציקע, האַרטע און צעקנייטשטע, ווייכע, ברודיקע, גלייכט זיי אויס, פּרעסט זיי, בעט אויס אַ בעט פּאַרן גאָלד. דאָס גאָלד ליגט זיך אויף דעם ווייכן בעט, אַלס צודעק גיט ער דעם די פּאַפּירן — די קניה פון זיין הויז. אָט אַזוי. פּאַרשליסן און באַהאַלטן דאָס שליסעלע. און ווי, אַז ער פאַרלירט עס? די שיקסע באַרויקט אים: קיינער קען נישט צוקומען, סיידן ער גיט אָן דער מאַמעס מיידלשן נאָמען. ער דאַרף בלויז מעלדן וועגן דעם, און זיי גיבן אים אַן אַנדערן שליסל. „ווי זשע — זיי האָבן אַ נאָכשליסל?" — יאָ, זיי גיבן אים שליסל. ער דאַרף נאָר באַצאָלן דערפאַר.

נישט אַזוי פריילעך. נאָר גאָרנישט. בעסער ווי אַוועקגעבן דעם שייגעץ דאָרט. דאָ קען ער יעדן טאָג קומען אַ קוק-טון, זען. די „שיקסע" האָט אים שוין נישט געפרעגט דער מאַמעס מיידלשן נאָמען. די ערשטע טעג איז זי צוגעגאַנגען מיט אַ שמייכעלע פון אַ קעלנערין, וואָס ווייס נאָך נישט, צי דער קונד גיט טרינקגעלט אָדער נישט: „איר ווילט אַריינגיין צו אייער קעסטל, מר. פּרימאַק?" ווען זיינע וויזיטן זענען געוואָרן צו אָפט, האָט זי אים שוין גאָרנישט געפרעגט; אַ קוועטש דאָס קנעפּל און אים אַריינגעלאָזט. דער קונד גיט קיין טרינקגעלט נישט, און נאָך אַ מאָדנער נפש דערצו, אָבער באַדינען אים מוז מען. זאָל זי זיין ברוגז די שיקסע. זעסטו? נאָך בעסער. ווען זי איז אינגאַנצן נישטאָ, וואָלט גאָר געווען גוט. אַן איבעריק אויג, וואָס זעט אים בחדרי חדרים. נאָר מילא, אַזוי איז עס שוין. אַרויסגעגאַנגען איז ער פון דאָרט ווי אַן אָנשטענדיקער בירגער פון אַן עפנטלעכן הייזל, די מלבושים גוט פאַרקנעפּלט. אָפּגעטון אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט, אָבער קיינער דאַרף נישט וויסן דערפון, ווינציקער פון אַלע — זיין ווייב.

זי ווייסט גאָרנישט, זיין ווייב. פון יענער נאַכט אָן, שוין אַ היפּשע וואָכן אין דעם, קעכלט זי אים. קאָכט מייסטנס, וואָס ער האָט ליב. ביים טיילן, האָט ער געזען, גיט זי אים דאָס דיקערע שטיקל פלייש. פרייטיקצונאַכטס גיט זי אים דעם ביילעך

און יענעם, דעם באַהאָמאָז גיט זי אַ פּולקע. ווען זי שיקט אים איינגאַנצן אַוועק... כאָטש וואָס?... אין אַנדערע ענינים אויך גע־וואָרן נאָכגיביקער, בעט אַפילו נישט אויף א קליידל, שיך אָדער אַנדערע שמאָכטעס. מ׳וואָלט באַדאַרפט געבן, פונדעסטוועגן. האָט ער איין פּאַרנאַכט נאָך אַ גוטן טאָג מסחר איר דערלאַנגט אַ פינפערל: נאַ! דאָבע האָט אויף אים אַ קוק געטון: „וואָס עפּעס פּלוצלונג אַזוי גוט געוואָרן?״ האָט ער געשטאַמלט: „פאַר יום־טוב דאַרפסט דאָך מסתּם עפּעס אין שטוב אַריין. כ׳ווייס?״ זי האָט געהאַלטן דאָס פינפערל ווי נישט אירס.

— וואָס זשע, דו דאַרפסט עס נישט? — האָט ער כּלומרשט אין שפּאַס געפרעגט. — אויב דו דאַרפסט עס נישט, גיב אַהער. עס וועט צונוץ קומען.

זי האָט אומגעקערט דאָס פינפערל, און ער האָט עס שוין געהאַלטן ווי אַ פרעמדס, געקוקט אויף איר: „כמיין״...

— זייער נויטיק דאַרף איך עס נישט.

— קליידל, צי וואָס?

— דאַרויף האָב איך.

— האָסט? ווו האָסטו גענומען? — האָט ער שוין פאַר־דעכטיק געפרעגט.

— געגנבעט, — האָט זי שאַרף אָפּגעשניטן.

— ניין, טאַקע?

— טאַקע, ביי דיר נישט גענומען?

— אָט דאָס איז דאָך עס, אַז נישט ביי מיר, טאָ ביי וועמען דען?

— ביי לעקישן! בעני האָט איינגעצאָלט פאַר אַ חודש דירה־געלט און עסן. ווייסטו שוין?

— אַזוי?

אים איז נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן. מילא, דירה־געלט, נו, אָבער דאָס עסן!... אַ גאַנצע וואָך זעט ער כאָטש נישט אָן זיין צורה, אָבער פרייטיקצונאַכטס דאַרף ער עסן מיט אים ביי איין טיש, קוקן אויף זיין פּרצוף. „מ־מע.״ — ער האָט פאַמעלעך

צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּירל, געזעגן, ווי עס שפּרייט זיך אויס אין קעסטל, נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף דאָבען.

— נאַ, נעם עס צו!

ער האָט אָפּגעריסן דאָס פּאַפּירל פון זיך, געשטופּט עס צו זיין ווייב. זי האָט אויף אים אַ קוק געטון, מיט ווידערווילן צוגענומען דאָס פּאַפּירל.

ביי זיין קעסטל אין באַנק, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט אים אויסגעפעלט דאָס פינפערל. די פינגער האָבן געררוט אויף די פּאַפּירלעך, די אויגן האָבן געקוקט אין הויז אַריין, געזען דאָס פינפערל, זיין ווייב. גיי דערגיי אַ טאָלק, שלעכט צו זיין טויג נישט, גוט — טויג אויך נישט. נישט די דאָבע. שוין ווידער עפּעס צרות. עס געפעלט אים נישט. ער שטורכעט אַריין דאָס קעסטל זיינס אָן איבעריקן דרך ארץ, פאַרשליסט עס, ווי ער פאַר־שליסט די שטאַל זיינע, איילט זיך צום פערד און וואָגן, און יאָגט אונטער דאָס פערד מיט אַן איבעריקן שמיץ פון דער בייטש.

6

דאָבע איז נישט אַריינגעגאַנגען אויפוועקן בעניך, איז ער געלעגן, געוואַרט, זיך איינגעהערט; קיין רוק פון שטולן, קיין שאַר פון בעזים. ראָמט נישט. אַוועקגעגאַנגען סיידן. פרייטיק? גייט ער אַרויס פון זיין אַלקער, קוקט: קיין סימן פון ראָמעניש. פאַרקוקט אין קיך אַריין. דאָבע זיצט אין קיך אין אַ ווינקעלע אויף אַ בענקל, דער עלנבויגן אויף דער פּאַרענטשע, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן האַנט.

— גוט מאָרגן, — גיט ער אַ זאָג, אַרויסשטויסנדיק איר האַנט פון אונטערן שלייף. זי גיט זיך אַ צאַפּל, גיט אַ קוק אויף אים, ענטפערט נישט.

— קענסטו נישט ענטפערן אויף אַ גוט מאָרגן?

— גוט מאָרגן, — פּטרט זי אים אָפּ.

— וואָס איז? — נעמט ער אָן איר קין. — וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, — גיט זי אַ דריי מיטן קאָפּ.

— גאָרנישט איז גוט צו די אויגן. וואָס זיצסטו אַזוי? פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען?

— לאָז צורו, — שטופּט זי אָפּ זיין האַנט.

— וואָס איז געשען?

זי האָט צוגעפירט איר קוק צו זיינע אויגן, זיי אָנגענומען און געצויגן זיין קוק צו איר פּנים, צום שטערן, צו דער גלאַנצי־קער נאָז, באַדעקט מיט אַ געלער סטידע, צום גרויס־ווערנדיקן בוזים, דעם בויך. אָפּגעלאָזט זיינע אויגן פון זיך, האָט זי גע־ווענדט אירע אויגן צו אים, געקוקט מיט הכנעה, געבעט. ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די ליפּן, אַזוי אַז דער קין האָט זיך אַרונ־טערגעלאָזט: אַזוי די מעשה?

— בעני!

ער האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, פאַרשפּיצט די אויערן. אירע אויגן פייכטע, מוטערלעך גוטע, האָבן אים געצויגן, גערופן.

— האָבן אַ ברית, — האָט ער זיך געוועריט קעגן דעם

קוק מיט פריילעכער פרעכקייט. — אַ בן־זקניק אויף דער עלטער! שוין לאַנג?

— מיר דאַכט, פון יענעם פרייטיק. געדענקסט?...

— ביסטו זיכער?

— איך ווייס? מיר דאַכט...

— כ'מיין... ביסטו זיכער, אַז דאָס בין איך?...

ווער האָט דאָס איר אַ קלאַפּ געטון אין נאַקן? דערזעענדיק אים, טריקענען אירע אויגן פון כּעס.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? איך בין נישט דער איינציקער... —

מיט איר קוק צאַמט זי זיינע רייד. פאַרעקשנט ברעכט ער די צאָם: האָסט דאָך אַ מאַן, ניין?

— אַ מאַן!

— קאָנסט נישט זאָגן אַז ניין.

— איך זאָל האָבן אַ מאַן, וואָלט איך דיך געדאַרפט אויף כּפּרות.

— אַזוי! איז דערויף דאַרפסטו מיך?

— בעני!

— בעני! פריער קריכט זי, נאָכדעם — בע־ני! צויג!

זי האָט אַ כאַפּ געטון זיין אָרעם, זיך געגעבן אַ שטעל אויף. — דו!... ער האָט אַ ריס געטון זיין אָרעם, אַ טראָט געטון צוריק.

— הער, הער, דאָבע! דו מאַך נישט קיין פוילע שטיק, פאַרשטייסטו מיך? דיין מאַן...

— איך האָב אים ניין איילן אין דרערד.

— דאָס איז זיך גאַנץ פיין. איך האָב אים אויך דאָרט. אָבער דער מאַן איז ע ר. און דער באַלעבאָס אויך. היינט בין איך דאָ, און מאָרגן וואַרפט ער מיך אַרויס.

— כ'קען דיך, בעני! ווילסט אַנטלויפן.

— ניין, וועל מיט דיר אַ חופּה שטעלן.

— איך דאַרף נישט דיין חופּה.

— טאָ וואָס דען ווילסטו?

— גאָרנישט.

אויס רייד. ער האָט זיך אַוועקגערוקט פון איר אַ שולדיקער, נישט געגעסן דעם צוגעגרייטן אָנבייסן, געגאַנגען צו זיין פאַך־זיצונג, זיך דאָרט געכעסט, זיך שיר נישט צעשלאָגן, און אַ ביי־זער געקומען „אַהיים" עסן די פרייטאָקדיקע וועטשערע. ער וועט זיך אַרויסציען. מאָרגן. אָבער היינט מוז ער נאָך עסן ביים טיש, נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט ביי דעם... בעגון. זיצט ער, עסט שווייגנדיק, דאָבע דערלאַנגט צום טיש שווייגנדיק, אוןביידנס שווייגן שטיקט פייסין. רייסט ער די שווייגעניש: — פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט צום טיש, פאַרוואָס?

— עס, עס.

— און דו?

— איך בין נישט הונגעריק.

קוקט פייסי אויף זיין ווייב. זי געפעלט אים נישט. און דער באַהאָמילע דאָ אַנטקעגן זיצט, פרעסט און שווייגט. ער פילט אַ געשפּרעך אין דעם שווייגן פון דיביידע און שלאָגט איבער דעם שווייג־געשפּרעך — אָבער אַביסל קאָמפּאָט? — מוז זי שוין עסן דעם קאָמפּאָט מיט איר מאַן. די פלוימעניויך, זיסע פליסיקייט, גליטשט זיך ווי פעטער ריצבאייל אַרונטער און פאַרקירעוועט זיך באַלד אויף צוריק. די פלוים אין מויל — זי וואָלט אַרונטערגע־שלונגען מיטן קערל, אַראָפּשטופן די נודנע פליסיקייט, אָבער פון ערגעץ טיף שפּאַרט אַ קנויל אַ גאַנצער, אָט איז ער שוין אין האַלז, זי ווערט דערשטיקט. זי האָט קוים באַוויזן צוצולויפן צום וואַש־צימער.

פייסי האָט נאָכגעקוקט זיין פרוי מיט אַ פאַרווירטן קוק, איבערגעטראָגן דעם קוק אויף זיין געבליבענעם מיטעסער. יענער האָט גרינטלעך געווישט דאָס מויל מיטן סערוועטל, זיך אויפגע־הויבן און אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער. דאָס צעקנייטשטע סערוועטל אויפן טיש איז אויסגעוואַקסן, אַ בערגל אַ ווייס, וואָס פאַרשטעלט זיין קוק. ערשט ווען זיין ווייב איז אַרויס פון וואַש־צימער, קוקט ער אַריבער איבערן בערגל. זי קוקט זיך אַפילו נישט אום, גייט צו זיך אין אַלקער.

ער איז געבליבן זיצן ביים טיש. די פינגער האָבן שפּאַצירט איבער די קינבאַקן צום קין אַרונטער. דער זייגער, קומענדיק צו אַ שטונדע, האָט אַ קלינג געטון, ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די שטילקייט אין הויז האָט אָנגעדייט אויף אַ שפּעטער שעה, דער טיש מיט די כּלים זענען געשטאַנען פאַרגעסענע, און פייסי האָט אויך פאַרגעסן אַלץ, אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטון צו זיין גאַניק, צו זיין ווייבס אַלקער און זיך געלאָזט אַהין.

— שלאָפסט ?

זי האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ צו אים.

— וואָס איז דיר ?

— מיר איז עפּעס נישט גוט געוואָרן.

— פּלוצלונג ?

קיין ענטפער.

— שפּאַרט דיר אונטערן האַרצן, וואָס ?

— גאָרנישט. גיי שלאָפן.

— וואָס הייסט גאָרנישט ? אָט האָב איך דאָך אויך געגעסן די פלוימען.

— לאָז מיך צורו !

— אפשר דער מאָגן ?

— אוי, לאָז מיך צורו !!! — זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

— טאָ וואָס דען, האַ ? — ער האָט אומגעדרייט איר קאָפּ, זיך צוגעבויגן צו איר. — אפשר... יאָ ?... שוין לאַנג ?... טאָ פאַר־וואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט ?

— פאַרוואָס האָב איך נישט געזאָגט ! וואָס זאָל איך דיר זאָגן ?

— וואָס הייסט וואָס ? איך האָב שוין דערמיט גאָרנישט צו טון ?

— האָסטו. — זי האָט זיך צוריק אומגעדרייט מיטן פּנים

צום וואַנט. פּייסי איז געשטאַנען, געקוקט אין דער פינסטערניש אויף איר רוקן, ביז בעט און צימער זענען פאַרשווונדן, און פּייסי האָט שוין געקוקט צו זיך אין פינסטערן מאַרך אַריין, ווו דער קוק האָט זיך אָפּגעשטעלט: ווייטער זע איך נישט. פּייסי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ טאַפּ געטון די פינסטערניש מיט די אויגן, צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַ דריק געטון דאָס עלעקטרישע קנעפּל, און מיט זיכערע טריט זיך דערנענטערט צום בעט. דאָבע האָט זיך אַ דריי געטון פון דער אומגעריכטער שיין. נאָך איידער אירע אויגן האָבן צייט געהאַט זיך אָפּשטעלן אויף איר מאַן, זענען זיינע פינגער שוין געווען אויף אירע דיקע אָרעמס, זיינע קליינע אייגעלעך האָבן פאַמעלעך געקערט איר שטערן, נאָז, אויבערשטע ליפּ, בריסט. איין האַנט האָט זיך פאַמעלעך אָפּגעטיילט פון איר אָרעם, אָנגענומען די קאָלדרע, פאַמעלעך אָפּדעקנדיק איר לייב. אירע שטיין־געבליבענע, נישט־באַגרייפנדיקע אויגן האָבן אַ שווים געטון זיך אונטערגעטונקען אין עקל, אויפגעטויכט. זי האָט זיך אַ דריי געטון, מיטן איבל פון פאַרלעגערטן פאַפיר און שמאַטעס אין מויל, אַ שפּיי געטון צו זיין ברוסט צו, אַ ריס געטון די קאָלדרע, אַרויפגעצויגן אויף זיך, און זיך איבערגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט. ער האָט זי קרעפטיק אָנגעכאַפּטביים אַקסל, זי איבערגעדרייט מיטן פנים צו זיך.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, האַ?

— ס'איז נישט דיין עסק. — זי האָט אָפּגעטרייסלט זיין האַנט.

— וואָס מיינסטו?

— דאָס וואָס דו הערסט!

די ווערטער האָבן אַ קלאַפּ געטון מיט אַ זייט, נישט גאָר ריכטיק געטראָפן, דערפאַר דער קוק נאָך די ווערטער האָט אַ ריס געטון זיינע הענט. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון צו איר האַלדז אים איינגעקלאַמערט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון, אירע פינגער האָבן זיך געבויגן אַרום זיינע, זיי געריסן פון האַלדז, צונויפנעמענדיק זיי, האָט זי אים אַ שטויס געטון, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף הינטערוויילעכס, אַ וואַקל און צוריק צוגעפאַלן צום

בעט. אַ שלאַקס האָגל פון טעמפּע קנאָכיקע קולאַקעס האָט זיך אַ שאָט געטון, בלינד פאַלנדיק אויף איר קאָפּ, פּנים, בריסט און בויך, פאַרטומלענדיק איר מאַרך, ליימענדיק איר קערפּער, וואָס האָט פאַרגעסן זיך צו ווערן, נישט געמאַכט אַפילו קיין באַוועגונג צו אַנטלויפן, נאָר דאָס מויל האָט זיך געעפנט, אַרויסלאָזנדיק אַ טיפן שרעק געשריי: מ-אַ-מע!

אין די גאַטקעס, די האָריקע ברוסט אָפן, איז בעני געבליבן שטיין אַ כּהרף-עין אין טיר, אַ שפּאַן געטון, אָנגעכאַפּט פּייסין ביים קאָלנער, אַ צי געטון, און אַ שליידער געגעבן.

— וו-אָ-אָ-ס! דו! — האָט פּייסי געכריפּעט, דאָס פּנים בוריק-בלוי, די אויגן פאַרלאָפן. — דו... — ער האָט זיך געוואָרפן אויף בענין. בעני האָט אים אַריינגעכאַפּט אין די אָרעמס, אים אַ דריק געטון צום ברוסט, ברעכנדיק דערביי זיין רוקן, אים אַ הויב געטון, אַרויסגעטראָגן פון אַלקער איבערן פאָדערשטן צימער, באַפרייט איין האַנט, אַ עפן געטון די טיר, אים אַרויסגעשטעלט אין דרויסן, אַ זעץ געטון אויף די טרעפּ, און פאַרהאַקט די טיר. מיט פאַמעלעכע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו איר בעט.

— וואָס האָט ער דיר געטון? כליפּע נישט! וואָס האָט ער דיר געטון?

— מיט די קולאַקעס אין בויך.

— ער׳ט שוין מער נישט שלאָגן.

— וואָס האָסטו אים געטון?

— אים דערהרגעט.

— וואָס האָסטו אים געטון?! — האָט זי דערשראָקן געשריען. — ווו איז ער?

— אין דרויסן אויף די טרעפּ האָב איך אים אַוועקגעזעצט.

— גיי טו אַ קוק וואָס ער טוט!

— ביסט משוגע.

— גיי טו אַ קוק וואָס ער טוט, זאָגט מען דיר!

— גיי מיר אין דר׳ערד מיט אים איניינעם! — ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

דאָבע איז געלעגן, זיך צוגעהערט, מורא געהאַט זיך רירן, אַרויסגיין. דער קערפּער גרייט אַ שפּרונג צו טון. זי האָט דערהערט אַ פּאַמעלעכן שאָרך פון שיך אָן שטיין, נאָכגעפאָלגט דעם שאָרך ביז צו דער טיר פון גאַניק, און דאַן ערשט האָט איר קערפּער נאָכגעלאָזט, לויז געוואָרן, זיך איבערגעגעבן דעם בעט, דעם שלאָף — נעמט מיך, טוט וואָס איר ווילט. זי איז איינגעשלאָפן.

די ווענט פון פייסי פרימאַקס שטוב האָבן אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט דאָרט. בעני, אַ נישט-געוואַשע-נער, דעם קאַפּעליוש אַרויפגעפּיאַלעט אויפן קאָפּ, דאָס אַכט-קאַנטיקע היטל אַ צונויפגעלייגטס אין קעשענע פון אויבערמאַנטל, כאָטש אין דרויסן איז געווען ווארים, דאָס רענצל אין האַנט, האָט זיך באַוויזן פאַר זיין צימער-טיר. די אויגנלעדלעך ראָזיק, די ווייסלעך פון די אויגן פאַרצויגן מיט רויטע פעדימלעך, אָט ווי ער וואָלט נאָרוואָס אַוועקגעגאַנגען פון אויוון. ער האָט פאַרקוקט אין קיך אַריין, געווען זיכער — דאָבע איז דאָרט, ווייסט, אַז ער גייט אַוועק, אָבער פון קיך האָט זיך קיין שאָרך נישט דערטראָגן. האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער פרייער האַנט, אַ וויג געטון דאָס רענצל, און אַרויסגעשפּאַנט פון הויז, שטייף צומאַכנדיק די טיר הינטער זיך.

דאָבע האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט, און צוריק אַרונטערגעלאָזט די אויגן צו די הענט צונויפגעלייגטע אי-בערן בויך. דער וועקזייגער, וואָס איז געשטאַנען אויפן געשיר-קאָמאָד, איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, אויפגעהערט גיין, און די אַנטשטאַנענע שטילקייט האָט געוועקט דאָבען. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעדרייט דעם זייגער, זיך צוגעהערט, וואָס טוט זיך דאָרט אויפן גאַניק, שטיל. זי האָט אָנגעצונדן פייער, צוגעשטעלט וואַסער, גענומען קלאַפּן מיט די טעפּלעך, און די שטילקייט פון גאַניק, פון שטוב האָט געשריען העכער פון איר טומלמאַכעריי. הערן אַ וואָרט, אויסרעדן אַ וואָרט!

די קאָלדרע, דאָס בינטל אונטער דער קאָלדרע, האָט זיך נישט גערירט. זי האָט געמאַכט אַ שווארצע גלאָז קאַווע, אַוועק-געשטעלט אויף אַ בענקל לעבן זיין געלעגער, געזען, ער האָט אַן עפן געטון די אויגן, ווי אַ הון אויף דער באַסידעלע, געזען זיינע שוואַרץ-בלויע ליפּן. אירע ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג געטון, קיין קלאַנג איז נישט אַרויסגעקומען.

די גלאָז קאַווע איז אויסגעקילט געוואָרן. זי האָט זי צוגע-

נומען, ברוגז אַ קוק געטון אויף איר מאַן, און אין אַ פּאָר שעה אַרום אים דערלאַנגט אַ טעלער הייסע יויך. אנידערגעשטעלט און אַוועקגעגאַנגען. שפּעטער האָט זי געטראָפן דעם טעלער אַ ליידיקן. פאַרנאַכט־צו האָט זי אַוועקגעשטעלט לעבן בעט אַ טעלער מיט אַ שטיקל קאַלטן ווייסן ביילעק, חלה, אַ גלאָז קאַווע, פון קיך זיך צוגעהערט: עסט ער אָדער נישט? איר פאַרשאַרפסטער געהער האָט אויפגעכאַפּט דעם מינדעסטן שאָרך, אָפּגעריסענע ווערטער פון גאַסנגעשפרעך האָבן געריצט די אויערן, די בענקעניש נאָך אַ מענטשלעך וואָרט איז אַלץ געשטיגן, דאָך איז זי נישט אַרויס־געגאַנגען אין גאַס, נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, אין בין־השמשות־דיקער האַלב־פינסטערניש זיך אַריינגעלייגט מיטן אָנטון אין בעט, אַנדרימלט געוואָרן, געשלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט, נאָכדעם געוואַכט ביז אינדערפרי.

זי האָט געהערט פּייסי איז אויפגעשטאַנען, געווען צופרידן וואָס ער איז אַרונטער פון בעט, וועט באַלד אַוועקפאָרן, געוואַרט מיט איר אויפשטיין ביז ער וועט נישט זיין, אָבער אַ שעה און צוויי — און פּייסי איז נאָך אַלץ נישט אַרויסגעפאָרן. ער האָט געמאַכט פאַר זיך אַ גלאָז קאַווע, געגעבן דעם פערד עסן און טרינ־קען און זיך צוריקגעלייגט אין בעט. נאָך אַ טאָג פון שווייגן — איינגעשפּאַרט שווייגן! זי איז נישט צוגעגאַנגען צו זיין בעט. דער־הערט דאָס פערד הירזשען, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט גרייט געבן אים עסן, און זיך מישב געווען — זאָל ער אויפשטיין. זאָל ער זיך באַוועגן, זאָל ער עפּעס זאָגן. שרייען, שעלטן! ער האָט זיך אויפגעהויבן, געגעבן עסן דעם פערד, אַריין אין קיך, זיך געדרייט אַרום אויוון, שפּייז־אַלמער.

— ווילסט עפּעס עסן?

ער האָט אויף איר אַ פרעמדן קוק געטון, אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער און אַוועק צו זיין געלעגער. ביינאַכט האָט זי געהערט ער פּאָרעט זיך אין קיך, געשובבט זיך: אַרונטערגיין? אפשר דאַרף ער עפּעס, און באַשלאָסן: אַז ער גייט אַרונטער, קען ער זיך באַגיין אָן איר.

אויף מאָרגן האָט זי געזען, ווי ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט

אויף דער קעלניע, געבליבן זיצן דאָרט, אין איין האַנט די לייצעס מיט דער צווייטער פאַרשטעלנדיק די אויגן, ווי נישט קענענדיק פאַרטראָגן די שיין. זי איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, אָנגענומען דאָס פערד ביים ציימל. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ: — האַ? — אַ הויב געטון די לייצעס איבערן פערדס רוקן און זיי אַרונטערגעלאָזט. זי האָט נישט אָפּגעלאָזט דאָס ציימל, שטום געבעטן: פאָר נישט! ער האָט אַ זוך געטון די בייטש, זי געהאַלטן אין דער הויך, ישובנדיק זיך, אַראָפּלאָזן, — אויף וועמען? אַ שמיץ געטון דאָס פערד, און אַ וויג טוענדיק זיך אויף דער קעלניע, אַרויסגעפאָרן פון הויף.

גענוי וווהין ער איז געפאָרן האָט פייסי נישט געוווסט. געוויינלעך איז יעדער פרימאָרגן געווען איינגעטיילט פאַר אַ געוויסער געגנט. דעם פרימאָרגן איז ער געפאָרן סתם אַזוי, נישט קויפן, פאָרן ביז ער וועט זיך דערשלעפּן צו דער באַנק, צו זיין קעסטל דאָרט, צו דעם מענטש, וואָס באַזאָרגט מיט אַ צוואה. אַ צוואה דאַרף ער היינט מאַכן, דאָס הויז אָפּשרייבן. אויף וועמען? אויף איר?... אויף מאַטלען, זיין שוועסטערקינד אין זאַבלודאָווע? לעבט זי נאָך? חתונה געהאַט — דאָס ווייסט ער. שוין אַזוי לאַנג...

דורך די רוישיקע גאַסן האָט זיך געשלייכט אַ צוויי-און-פערציק יאָריק, שטיל, קריכנדיק לעבן. אַ שאָטן טוקט זיך, פאַרשווינדט, טויכט ווידער אויף און בלייבט נישט, איבערלאָזנדיק אַ בלויז. אין דעם בלויז רייסט זיך אַריין דער טומל פון דער גאַס. וועקט אויף דעם באַלעבאָס פון אָט דעס לעבן. האָט ער געצויגן זיין שברים-תרועה — „פיי-פאַר-רעגס" מיט אַן אָנגעשפּאָלטענער שטימע. געקראָגן ערגעץ אַ פּאָר בינטלעך פּאַפּיר, האָט ער זיי קוים אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן. דערביי האָט די גאַנצע וועלט זיינע געשווינדלט פאַר די אויגן, אַנטרונען, נישט געבליבן, און ווידער צוריקגעקומען מיט אַ שוואַל און געהאַמערט אין די שלייפן: פייסי! אַ צוואה.

ער האָט געלאָזט שטיין דעם פערד-און-וואָגן אַ האַלבן בלאָק פון באַנק, אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. דער הויכער רוים, דער קילער מירמלשטיין האָט געפרוירן זיין בלוט. דאָס איז אַ טהרה-

שטוב; דאָ שטאַרבט מען, — פּילט פּייסי. אַנטלויפן פון דאַנען! ער דרייט זיך אויס, עמעצער שטויסט זיך אָן אָן אים, ברומט אַ ברוגזע אַנטשולדיקונג און דערווייטערט זיך, איבערלאָזנדיק פּייסין אַ פאַרווירטן: אַפילו נישט געזען, ווער ס'האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר אים — און שוין קומט נאָך איינער, מיידט אים אויס, אַ צווייטער, אַ דריטער. מענטשן גיבן געלט, נעמען, איילן זיך. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן.

— אויף וועמען ווילט איר אָפּשרייבן אייער פאַרמעגן?

— אויף וועמען? וואַרט.

— איר זענט פאַרהייראַט?

— י־אָ.

— אויב אַזוי...

— פאַרשטייט איר...

— איר האָט קינדער?

— קינדער? ניין... ס'הייסט מיין ווייב... שוואַנגערט.

— אין דעם פאַל...

— די מעשה...

— צום אַלעם ערשטן דאַרפט איר פאַרזאָרגן ווייב און קינד־נאָכדעם קענט איר אָפּזאָגן אויף וועמען אָדער וואָס איר ווילט. די באַנק קען זיין דער אַפּטרופּוס.

די באַנק? – גנבים, אַלע גנבים. די גאַנצע וועלט איין גנב. זי...

— ווילט איר, איך זאָל אויספילן אַ צוואה? וואַרט דאָ צו.

פּייסי פרימאַק איז געזעסן אויפן האַרטן בענקל, געצווונגען זיך האַלטן די אויגן אָפן, זען, אָנגעשטרענגט זיך צו הערן, וואָס מענטשן רעדן. די וויעס האָבן זיך געצויגן איבער די אויגן, אין די אויערן האָט גערוישט. ער האָט געהערט הונדערטער מענטשן קנאַקן יאָדערן, סיעמעטשקעס — קנאַקן שנעל, זייער שנעל, וואַסער קאַפּעט ערגעץ — האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַרבעטן שרייב־מאַשינען, מענטשן שרייבן אויף שרייב־מאַשינען — זיך אָנגע־שטרענגט, געעפנט די אויגן, געזען טישן, שרייבמאַשינען, מיידלעך, מיידלעך, אַזוי פיל מיידלעך: בלאָנדע, רויטע, געפּודערטע, געפאַרב־טע; ער שמעקט דעם ריח פון דעם פּודער. לייבער, טישן, שרייב־

מאַשינען און מיידלעך גיסן זיך צונויף, דרייען זיך, וויגן זיך צו די ווענט צו, און די ווענט בייגן זיך אַריבער די טישן, הערן זיך צו, גלייכן זיך אויס, גייען אַוועק מיט די מענטשן. אַ גלאָז קאַווע, שטאַרקע קאַווע! חלשות-טראָפּן, אַנטלויפן פון דאַנען.

דער „באַנקיר" האָט אים דערלאַנגט דעם בויגן פּאַפּיר אי־בערצולייענען. ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם שווארצן פּליאַם איבער דער לענג פון פּאַפּיר און מיט פּאַרלאָפענע אויגן אַ קוק געטון אויפן באַנקיר.

— ווילט איר עס נישט איבערלייענען?

— מיינע אויגן... דאַרף איך עס אונטערשרייבן?

— ווילט איר איך זאָל עס איבערלייענען פאַר אייך?

— ...ביים קלאָרן פאַרשטאַנד...

ערגעץ-ווו לייענט אַ מענטש, עמעצער רעדט, אָט האָט ער דערמאָנט זיין ווייבס נאָמען. אַ, דאָס לייענט דער באַנקיר זיין צוואה. מ'דאַרף זיך טאַקע צוהערן... — און דער דערמאָנטער יורש... דאָס רעדט מען וועגן זיין יורש, זיין... קינד...

אין די שלייפן קלאַפּן קליינע האַמערלעך זייער שנעל, דאַן פּאַמעלעכער, שווערער. אַ גרויסער האַמער גיט אַ קלאַפּ, רוט זיך אָפּ און ווידער אַ קלאַפּ, טעמפּ, שווער. ניין! ער וועט נישט דער־לאָזן! ער'ט נישט דערלאָזן! האַ?

— שרייבט דאָ אונטער.

מיט אַ פעסטער האַנט האָט פּייסי פּרימאַק אונטערגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן זיין צוואה, אַ צונויפגעלייגטע זי צוגענו־מען פון באַנקירס האַנט, און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט צו דער פייער קאַסע, צו זיין קעסטל. ער האָט זיך שנעל דורכגע־כאַפּט דורך דער עלעקטריש קאָנטראָלירטער טיר, וואָס דאָס מיידל האָט פאַר אים געעפנט אָן פראַגעס, מיט פינגער פאַרשטייפטע איינצוהאַלטן דעם ציטער, האָט ער געעפנט דאָס קעסטל, עס אַרויס־געגומען פון דער פייערקאַסע און מיט אָנגעשטרענגטע ברייטע שפּאַן זיך געלאָזט אין חדר מיוחד. דאָס טירל הינטער אים האָט זיך לייכט צוגעמאַכט.

דאָס קעסטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט אויפן

פּולט, און מיט דעם קעסטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט די שווערע משא, וואָס האָט באַלאַנסירט זיין קערפּער, אויפגעהאַלטן זיין גלייכ־געוויכט... אָן דער משא האָט זיך דער קערפּער אַ וויג געטון אויף צוריק. זיין קעסטל! ער'ט עס נישט לאָזן אַזוי אָפּן! די צוואה דאַרף ער אַהין אַריינלייגן... גיט ער זיך אַ בויג צום פּולט צו. זיינע הענט שאַרן דעם פּולט, דאָס קעסטל, זיין פּנים באַרירט די פּאָליטור, דעם קאַלטן בלעך. דאָס איז עס. אָנכאַפּן מיט די הענט, ערגעץ פון מאָגן הויבט זיך אַ קנויל, שטייגט ביז צום האַלז צו, שטעלט זיך אין דער קעל. עפנט ער דאָס מויל — לופט! אויס־שרייען! דער קנויל לאָזט נישט קיין לופט אַריין, קיין קלאַנג אַרויס. שרייט ער מיט אויפגעריסענע אויגן! — העלפט! לאָזט נישט! לאָזט נישט די צוויי־און־פערציק יאָרן דערטרונקען ווערן! — אָבער קיין ענטפער קומט נישט. דער קנויל טרעט אָפּ צוריק אין בויך אַריין, און צוזאַמען מיטן קנויל זינקען אויך זיינע צוויי־און־פערציק יאָר, בלייבן נישט. לופט שימערירט פאַר די אויגן, דער קאָפּ ליידיקט זיך אויס, ווערט לייכטער, די קני בייגן זיך, פינגער פון די הענט שאַרן עפּעס. נישט אָפּלאָזן!...

אַ טעמפּער קלאַנג פון אַ מענטשנס זינקען צום באָדן, און אַ הילכיקער קלאַפּ פון אַ בלעכן קעסטל אָן שטיינערנעם דיל. דאָס מיידל ביים פענסטערל האָט פאַרשפּיצט די אויערן. שטיל. אַ קעסטל אַראָפּגעפאַלן. מסתם די פרוי, וואָס איז נאָר וואָס אַריין. צו נערוועז, די פרויען. — אַ, גאָט!... אַ היסטערישער פרויען־געשריי. — נו, ווי דען! די פרויען דערגייען די יאָרן! שוין זיין צרות. פאַרדאַמט...

זי האָט געטראָפן די פרוי ליגן אַ פאַרחלש'טע אין דער אָפענער טיר פון אַ צימערל, און ווייטער אינווייניק איז פייסי פרימאַק געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, דאָס קעסטל געעפנט, זיינע פּאַפּירן, דאָס פּאַפּיר געלט, די גאָלדענע מטבעות אויסגעמיי־קעט, צעוואָרפן, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פּאַפּירן פון דער ירושה קעסטל.

— י־ע־ז־ו־ס! ה־ע־ל־פ־ט!

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר געשריי, זיך אומגעקוקט

צי האָבן זיי — דער עיקר, צי האָט ער — זיך נישט אויפגע־כאַפּט. ער איז געזעסן אַן אַנדרימלטער. זי האָט אַ בליק געטאָן אויפן פּאַפּירגעלט, אַ גאָלדענע מטבע האָט אַ בלישטשע געטאָן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. דער פּרויס האַנט האָט זיך, דוכט זיך, אַ ריר געטאָן. זי איז שנעל אַריינגעלאָפן צו זיך אין „שטייג״, אַ דריק געטאָן דאָס אַלאַרם־קנעפּל, דער באַנק־וועכטער, די ביקס אָנ־געשטעלט צום שיסן, האָט זיך דער ערשטער באַוויזן, נאָך אים אַ פּאָר אָנגעשטעלטע. דאָס מיידל האָט גערעדט, דערציילט שנעל, אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז די פרוי איז מן הסתם אַריין אין צי־מערל, ווו ער איז געווען; די טיר, קענטיק, געלאָזט אָפן. די פרוי איז אַריינגעקומען נאָכן מאַן.

דער געהילף־קאַסיר, וואָס האָט זי געהערט מיט אַ שפּיץ אויער און מיט די אויגן געמאָסטן דאָס צימערל, די מענטשן, פּאַפּירן האָט זיך אָפּגעווענדט פון איר, זיך אָנגעבויגן צו דער פרוי, אָנגע־רירט איר פּולס. ווענדנדיק זיך צום וועכטער און די אַנדערע צוויי, באַפוילן: טראָגט זי אַרויף אין רו־צימער און רופט גלייך אַ דאָקטאָר. פּאָרזיכטיק, נישט אַרויפטרעטן אויף די פּאַפּירן, האָט ער געשטעלט אַ פוס, זיך איינגעבויגן, פּאַרקוקט פייסין אין פנים, אַ הויב געטאָן דעם קין, אָנגענומען אַ האַנט, זי אָפּגעלאָזט און צו־געזען, ווי זי פאַלט צוריק צום קערפּער.

— ליגט אים דאָ אַנידער. — האָט ער געזאָגט, און דער־זעענדיק, אַז זיינע אַרויסהעלפער זענען נישטאָ,—זיי האָבן אַוועק־געטראָגן די פרוי — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום מיידל: — קלייבט אויף די אַלע פּאַפּירן. מישט זיי נישט אויס.

— און דאָס געלט?

ער האָט געקוקט אויפן געלט, אויף פייסי פּרימאַק.

— דאָס געלט אויך. און ציילט ריכטיק. איר קענט עס גלייך טון.

אין דרויסן איז געשטאַנען דער פערד־און־וואָגן. די פּאָר בינטלעך פּאַפּיר, דער וואָגן, דאָס פערדל האָבן געוואַרט אויפן באַלע־באָס. דאָס פערדל האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוווט אויסדרייען דעם

קאָפּ, חדושנדיק זיך, וואָס איז דאָס מיט אים, מיטן באַלעבאָס, ווו איז ער דאָס אַזוי לאַנג.

דער פאַרקער-פּאָליציסט האָט אויך געוואַרט אויפן באַלעבאָס, געוואָלט אים פרעגן, למאַי האָט ער געלאָזט שטיין זיין וואָגן אַריבער די דערלויבטע דריי פערטל שעה. נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אים, האָט ער אַרויסגענומען אַ ביכעלע פון בוזימקעשענע, אויסגעשטעלט אַן אַקט, אויפפּאַדערנדיק פּייסי פּרימאַק, אייגנטימער פון וואָגן נומער 678543, ער זאָל דערשיינען אין געריכט-צימער נומער 24 ענטפערן אויף דער קלאַגע נומער 13. איין קאָפּיע האָט ער געלאָזט ביי זיך, פאַרן אָריגינאַל האָט ער געזוכט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. ער האָט אַרומגעקוקט פערד און וואָגן, מיט אַ שמייכל, צופרידן פון זיין קלוגן איינפאַל, אָנגעבונדן דאָס שטיקל פּאַפּיר אויפן קליינעם לעדערנעם לאַפּן ביים פערדס אויג. ער וועט עס שוין דערזען... דאָס פערד האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געקוקט קרום אויף דעם פרעמדן, איבערבייטנדיק די פיס, געוואַרט אויפן באַלעבאָס. זיך נישט דערוואַרטנדיק, האָט עס אומרויק גענומען קוקן אַרום זיך. די פרעמדע גאַס, די מענטשן האָבן עס געשראָקן, עס האָט אויפגעשפּיצט די אויערן, זיך אַרומגעקוקט, פּאַמעלעך זיך גערירט פון אָרט, און אַוועקגעצויגן דעם וואָגן אַהיים. קומענדיק צום שטאַל, האָט עס אַ הירזשע געטון, אָנזאָגנדיק דאָבען — עס האָט געבראַכט דעם וואָגן אָנם באַלעבאָס.

אויפֿן לייטער

אויפן לויטער

דער ערן-פּרעזידענט פון דער „בערעזאָווער מיוטשואַל אייד סאָסייעטי", לעסלי עף גיינזבאָראָה, אין די מעטריקעס פאַרשריבן לייזער פייווישעוויטש גינזבורג, האָט געפּראַוועט דעם חנוכת הבית פון זיין נייעם הויז מיט אַ באַל.

צו דעם באַל האָט ער איינגעלאַדן אַזעלכע חשובע געסט, ווי דעם וויצע פּרעזידענט פון דער באַנק, וווּ ער איז אַ דעפּאָזיטאָר, „קריסטן" מיט וועמען ער האַנדלט אין די שווערע טויזנטער, און אויך אַלע ברידער פון דער בערעזאָווער מיוטשואַל אייד סאָסייעטי.

שוין אַ יאָר אַכט, אַז לעסלי עף גענזבאראה איז דער ערן-פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי, און צוזאַמען מיט לייזער גינזבורג באַלאַנגט ער שוין אַהין אַ יאָר זיבעצן, זינט ער איז אין לאָס אַנגעלעס. די סאָסייעטי האָט עס אים געליען די ערשטע הונדערט דאָלאַר, אים איינגעקויפט אַ פערד און וואָגן, און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָט אָפּקויפן ברוך-אייזן. ער האָט דאַן געוווינט אויף סענטראַל עוועניו.

פאַר דער צייט זענען שוין פיל וואַסערן איבערגעלאָפן, און לייזער גינזבורג איז אויך נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. דעם פערד און וואָגן אויסגעביטן אויף אַ פאָרד-לאַסט-אויטאָמאָביל, זיך אַריבערגעקליבן פון סענטראַל-עוועניו אין „באָיל הייטס", פאַר זיך אַ שטיבל פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, זונטיק האָט ער אַריינגענומען זיין ווייב אין „אויטאָמאָביל" און זיך דורכגעפאָרן אַביסל. האָבן שכנים אויך געוואָלט מיטפאָרן, האָט ער זיי אויך מיטגענומען, דער לאַסט-וואָגן איז גרויס גענוג, שטעלט מען אַריין בענק, שכנים

זעצן זיך אויס און מ׳פּאָרט. אינגיכן איז ער גאָר אַראָפּ פון דער קעלניע, געעפנט אַ פּלאַץ פאַר זיך, און אַנדערע אייזניאָרעס האָבן צו אים געבראַכט דאָס ברוך-אייזן. האָט אים אַזאַ סוחר געכאַפּט ביי דער האַנט, ווי ער גנבעט אַראָפּ אַ צען פונט, האָט זיך לייזער גינזבורג נישט געמאַכט דערפון קיין ווען. — זאָגסט נאָך צען פונט? זאָל זיין ווי דו זאָגסט, אָבער קיין געגנבעטע סחורה וויל איך נישט קויפן... און דער סוחר האָט צוגענומען, וואָס לייזער האָט געבאָטן, טאַקע צען פונט ווינציקער, און מ׳איז געבליבן גוטע ברידער, באַלאַנגט אין איינעם צו דער בערעזאָווער לאַנדסמאַנשאַפט, און איז געקומען צו שטימען פאַר פּרעזידענט, האָבן די בערעזאָווער, מייסטנס אייזניאָרעס, געשטימט פאַר גינזבורגן. און גינזבורג איז געווען פּרעזידענט אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד, אַזוי ביז דער מלחמה.

ווען עס איז אונטערגעשפּרונגען די מלחמה, און גינזבורג האָט דערזען, אַז יעדער שטיקל אייזן איז... גאָלד, און פאַר אַ שטיקל געצייג צאָלט מען אין טאָג אַריין, האָט ער זיך „דערמאָנט"‏, אַז ער איז אַ קאָוואַל פון דערהיים, צוגעבויט אַ „מאַשין-שאַפּ" און גענומען קאָווען... גאָלד. און צבת בצבת עשויה — געלט גייט צו געלט, די ערשטע צייט אַריטמעטיש — איין טויזנטער און נאָך אַ טויזנטער, נאָכדעם געאָמעטריש, בלויז שווער די ערשטע פופציק טויזנט, ביז דאַן קריכט מען אויפן לייטער, נאָכדעם...

אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער, האָט גינזבורג פאַר זיך דערזען אַ גרויסע גאָלדענע וועלט. מיט פעסטע טריט איז ער אַוועקגעגאַנגען אין באַנק, טאַקע אין דערזעלבער באַנק, וווּ ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, עפּענענדיק זיין „דזשאָנק יאַרד"‏, געבעטן קרעדיט אויף פינפהונדערט דאָלאַר. ער איז דאַן געשטאַנען פאַרן וויצע-פּרעזידענט מיטן היטל אין האַנט, געבעטן. איצט טראָגט אים דער וויצע-פּרעזידענט, מר. העזעקיעל די וואָררען, פריינטלעך די האַנט אַנטקעגן. — אָה, העללאָו...! — און לייזער גינזבורג דערפילט, אַז די באַנק איז זיינע, ער האָט דאָרט אַ גרויסן חלק. ער איז אפשר אַזאַ מיוחס, ווי דער וויצע-פּרעזידענט. באַלאַנגען זיי דאָך ביידע צו איין האַנדלס-קאַמער.

— וואָס קען איך טון פאַר אייך, מר. גינזבורג? — פרעגט דער וויצע פּרעזידענט — זעצט זיך צו!

זעצט זיך לייזער אויף דעם אָנגעוויזענעם שטול, רעדט צו מר. העזעקיעל די ווארצן וועגן דעם, אַז ער וויל פאַרגרעסערן דאָס געשעפט, און מר. העזעקיעל די ווארצן האַלט די גראָבע פינגער אונטער די פּאַכוועס פון זיין קאַמזויל, די אַכט פינגער שפּילן זיך אויף דער ברוסט, די אויגן קוקן דאַכט זיך אויפן סופיט און זעען דאָך לייזערן, גיבן אַכטונג אויף אים. רעדט לייזער גינז־בורג, קוקט אויף די אַכט פינגער, ווייסע פינגער, צוויי פינגער־לעך — דימענטן, און גלאַנציקע רויטע נעגל. הויבט ער זיך אָן פּלאָנטערן אין זיינע רייד, פאַררוקט זיינע פינגער אין די קעשע־נעס, ווערט אינגאַנצן אַנטשוויגן.

דער וויצע פּרעזידענט האָט שוין אַלץ באַנומען. — אונזער באַנק איז צו אייער דינסט. איר קענט לייען וויפל איר דאַרפט. וויפל ווילט איר איצט? צען טויזנט? איך בין זיכער, אַז איר וועט עס קריגן, ווייל מיר קענען אייך און מיר ווייסן ווי די „יו. ס. אייראָן וואָרקס" שטייט. לויט ווי איר גייט איצט אָן, וועט די „יו. ס. אייראָן וואָרקס" אינגיכן ווערט זיין אַ מיליאָן אויב נישט מער. איך וועל אייך בלויז געבן אַ וועקסל, מר. גינזבורג, און איר וועט עס אונטערשרייבן.

דרייט זיך איבער דער וויצע פּרעזידענט אויף זיין דריי שטול אַרויסצוקריגן אַ וועקסל פון אַ שופלאָד אין שרייב טיש, און לייזער גינזבורג קוקט אויף זיינע פינגער, וואָס וועלן באַלד דאַרפן טון אַזאַ וויכטיקע אַרבעט, אונטערשרייבן אַ וועקסל אויף צען טויזנט דאָלאַר, אַ איינס מיט פיר נולן אין איין שאָס! — דאָ האָט איר עס. — כאַפּט זיך גינזבורג אויף, באַטראַכט דעם פלאַץ פאַר דער חתימה, דער וויצע־פּרעזידענט טייט אָן מיטן פינ־גער — אָט דאָ אָ, — און לייזער הויבט אָן קריצן — ל ײ ז ע ר ג י נ ז ב ו ר ג.

פאַרטיק געוואָרן, אָפּגעקלעקט מיט לעש־פּאַפּיר, קוקט דער וויצע־פּרעזידענט, לייענט מיט די אויגן. — ווי לייענט איר דאָס? לע־ס לי?

— ניין, עס איז לייזער.

— אה, איך זע שוין, לעססער!

גינזבורג האָט געוואָלט פאַרריכטן דעם טעות, אָבער דער וויצע-פרעזידענט פרעגט ווידער: האָט איר אַ הייטש נאָכן דזשי?

— יאָ, — זאָגט גינזבורג אַ צעטומלטער, נישט וויסנדיק וואָס דער „גוי" וויל האָבן פון אים. — גיענזבארג, חזרט נאָך אַמאָל איבער דער וויצע-פרעזידענט, און דער יוד איז צעצויגן, און דער שלוס-גימל פונם גינזבורג איז גאָר צעקייט ביי אים אין מויל, גיענזבארא.

לייזער איז אַרויסגעגאַנגען פון באַנק אַ פאַרטראַכטער. ער איז געבליבן שטיין ביים טיר, אַפּירגענומען די הענט פון די קעשענעס, באַטראַכט די פינגער-נעגל ווי אַ ייד צו הבדלה, קלאָר אַ קוק געטון פאַר זיך, און זיך געלאָזט שפּאַנען מיט זיכערע פעסטע טריט.

— העללאָו מר. גינזבורג!

— אה, העללאָו, העללאָו, נישט דערזען.

— אַז איר לויפט אַזוי! וואָס איז דאָס איילעניש?

— פאַרנומען. שרעקלעך פאַרנומען.

— דאָ אַ סך אַרבעט?

— פרעג שוין נישט. מוז פאַרגרעסערן דעם שאָפּ.

— איז דאָך גוט.

— נו יאָ, איז נישטאָ קיין צייט.

— כ'מיין וועט איר דאָך דאַרפן נאָך פייער-פאַרזיכערונג.

— קום אַריבער אין אָפיס.

— איר מיינט אין שאָפּ?

— איך מיין וואָס איך זאָג! - האָט שוין גינזבורג שטרענג געענטפערט, — קום אַריבער אין אָפיס, וועסט קומען, וועסטו זען.

— ווען זאָל איך קומען?

— אה, אין דריי פיר וואָכן. אַ גוטן.

דער פאַרזיכערונגס-אַגענט, מר. זאַלצמאַן איז געשטאַנען אַ ווײלע אַן איבערגעלאָזענער, נאָכגעקוקט לייזערן, ווי ער האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט גרויסע טריט, פלוצלונג זיך דערמאָנט אָן עפּעס,

געווּמען רופן: מר. גינזבורג! לייזער! געשטעלט אַ פּאָר גיכע טריט, דאַן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך פֿאַרקירעוועט.

לייזער האָט אים נישט געהערט. יעדע סעקונדע, וואָס דער לאַנדסמאַן, דער פֿאַרזיכערונגס־אַגענט, האָט ביי אים צוגענומען, איז געווען עכּוב הקץ, אַ שטיק צייט אָפּגעהאַלטן פֿון פֿאַרגרעסערן דעם שאַפֿ, אויספּילן באַשטעלונגען, אויסשטאַטן דעם אָפּיס... פריי גע־וואָרן פֿונם שטיינדל אין וועג, לויפֿט דאָס וואַסער שנעלער... אַן אָפּיס... פֿאַרלירט לייזער בקול רם אַ ברוך־שטיקל פֿון זיינע פּלע־נער, און גייט ווייטער, שטעלט אַריין אין אָפּיס אַ שיינעם שרייב־טיש, צוויי שרייב־טישן, אַ טעלעפֿאָן, וואָס ציט זיך ווי אַ שלשלת, אַ... שיקסע, און ווי האָט ער געזאָגט? לעסלי... לעס־לי... לייזער האָט פֿאַרפֿאַמעלעכט זיין גאַנג. „גיענזבארגה...” ער האָט אַ שמייכל געטון. דאָס דערציילן גיטלען! ער האָט דערהערט עמעצן רעדן, זיך אומגעקוקט, לעבן אים איז קיינער נישט געווען, ער איז געשטאַנען פֿאַרן אַריינגאַנג צו זיך אין שאַפֿ.

ווען אַ קאָמיטעט פֿון דער בערעזאָווער לאַנדסמאַנשאַפֿט איז געקומען צו לייזערן נאָך אַ נדבה פֿאַר די בערעזאָווער לאַנדסלייט, וואָס זענען אין מלחמה־צייט אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון שטעטל האָט זיי לייזער דערלאַנגט אַ טשעק אויף הונדערט דאָלאַר, אונ־טערגעשריבן לעסלי עף גיענזבאראה.

האָבן די פּאָר משולחים אַ קוק געטון אויפֿן טשעק און אויף לייזערן. לייזער האָט שמייכלענדיק געזאָגט: „צ’אַלרייט, באָיעס”, עס איז אַ גוטער טשעק. ער’ט נישט קומען צוריק. ווען אירט דאַרפֿן קומט אַריבער. וואָס מאַכן די חברה? איך בין איצט פֿאַר־נומען. יאָ, קומט אַריבער.

דער הונדערטער, אַ גאַנצער, קיילעכדיקער הונדערטער פֿון איין מענטשן, האָט דעם איינעם דערהויבן איבער אַלעמען, אים אַרויפֿגעזעצט אויפֿן שטול פֿון ערן־פּרעזידענט, און אין דערזעלבער צייט האָבן אַלע דערפֿילט, אַז זיי זענען אין זכות פֿון אָט דעם איינעם, זיין הונדערטער, אויך דערהויבן געוואָרן. אַז מ’האָט צווישן זיך אַזאַ חשובן איינעם, איז מען דאָך אַליין אויך נישט אַבי ווער. אין אַ נויט קען מען זיך ווענדן צו אים.

און עס איז געווען נויט, און מ׳האָט זיך געווענדעט. אָבער צו לייזער גינזבורגן איז מען געגאַנגען נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, און צו לעסלי עף גיינזבאראה האָט מען זיך געדאַרפט ווענדן. פריער איז דאָס נאָך געווען צו אים פערזענלעך, נאָכדעם שוין דורך זיין סעקרעטאַרין, און אַזאַ גליק האָבן זיי שוין געהאַט די בערעזאָווער לאַנדסלייט, מר. גינזבאראה איז פונקט דאַן נישט געווען, און ווען ער איז דאָ, איז שווער צו זאָגן, ער קומט אַריין און אַרויס. גיין צו אים אַהיים, איז פאָלג מיך אַ גאַנג, ווינט שוין אין דעם דרום־מערב־טייל פון שטאָט, ערגעץ אויף קאַטאַלינאַ גאַס. האָבן די ברי־דער, איבערהויפּט די אָרעמערע, געמורמלט: אַן ערן־פּרעזידענט! אַ יחוס אַ גרויסער! אָבער די פאַרמעגלעכע, די וואָס האָבן געהאַלטן אין קלעטערן, האָבן נישט געלאָזט פאַלן קיין שאָטן אויף זייער ערן־פּרעזידענט. יענער איז שוין אַ מיליאָנער! און צ׳אָלרייט, אַז מ׳כאַפּט אים, קריגט מען אַ פּאָר דאָלאַר.

אַ געיעג, און מר. גיינזבאראהן איז נישט געגאַנגען אַזוי אין די פּאָר דאָלאַר, ווי אין דעם, וואָס קריכן זיי צו אים, די שנאָרערס? טאָמער איז נאָך ווייניק, וואָס ער גיט זיי געלט, ווילן זיי נאָך, ער זאָל קומען צו זייער יובילעאום, „יאָרעספּעסט״. וואָס האָט ער צו טון מיט זיי?

ער האָט זיך נישט געקענט אָפּטשעפּען, געפּאָרן. געקומען אין לאָקאַל, דערזעלבער לאָקאַל, וואָס פאַר צען יאָרן, שנאָרערס, זיך נישט געקענט אַרויפאַרבעטן אַפילו אויף אַ בעסערן לאָקאַל, איז דער עולם שטיל געוואָרן, און ווען דער פּרעזידענט האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, האָט אַ ששש... אַ שוועב געטון איבערן זאַל, ער האָט גערעדט צו זיי, אַז נישט קוקנדיק, וואָס ער איז שוין לאַנג נישט געווען ביי זיי, זיין געשעפט, אַ קליין געשעפטל, — האָט ער זיך אַ חנדל געטון, — אָבער עס נעמט צו זיין גאַנצע צייט, לאָזט אים נישט קומען, אָבער זיי מעגן זיין זיכער, ער איז מיט זיי די גאַנצע צייט. האָט דער עולם זיך אויפגעשטעלט, געפּאַטשט בראַוואָ דאָס אַלץ איז געווען זייער פיין. נאָך די רעדעס האָט מען זיך פיין אַמוזירט, געגעסן סענדוויטשעס, געטרונקען סאָדע־וואַסער, זיך דורכגערעדט פון דערהיים, פון בערעזאָווע. אַרויסגעגאַנגען פון לאָקאַל,

איז מען געשטאַנען אויפן טראָטואַר, גערעדט און צוגעזען ווי מר. גיינזבאראה זעצט זיך אַריין אין זיין פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל. ער האָט געהאַלטן אָפן די טיר, געזאָגט נאָכאַמאָל אַ גוטע נאַכט אַלע־מען. — אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט! — האָט זיך געהערט. — זיין אַמעריקע! האָט עמעצער נאָכגעשיקט. מר. גיינזבאראה האָט פאַרהאַקט די אויטאָמאָביל־טיר, דער אויטאָמאָביל האָט זיך גערירט פון אָרט.

— האָסטו געזען ווי די מרס. גרינבערג האָט נישט אַרונ־טערגענומען דאָס אויג פון מיין פוטערנעם מאַנטל?

— אַי, לאָז מיך צורו מיט דיין מרס. גרינבערג!

— נאַ, שוין מיינע.

— ניין, מיינע.

— דאַנקען גאָט, איך בין נאָך דערוויל נישט קיין בע־רעזאָווער.

— איך אויך נישט. דו הערסט? „נאָ מאָר בערעזאָווע פאָר מי"!

אַזוי האָבן זיך דורכגערעדט מאַן און וויב, פאָרנדיק פון די בערעזאָווער. ווען ס׳איז אָבער געקומען צום פראַווען דעם חנוכת הבית, און מ׳האָט גענומען אויסשטעלן דאָס צעטל וועמען איינצו־לאַדן, איז דאָס צעטל געווען זייער קורץ, און עס האָט זיך דווקא געוואָלט אַ גרויסער עולם — זאָלן זיי זען די „באָיל הייטסער", זאָלן זיי צעפּיקעט ווערן, — האָט די מרס. גיינזבאראה שוין געהאַט דעם פאַרגעניגן פון יענעמס צעפּיקעניש. און מר. גיינזבאראה האָט דעם ווייב צוליב — און פאָרט לאַנדסלייט — איינגעלאַדן די ברידער פון פאַריין צו דעם חנוכת הבית.

2

די נייע דירה, וווהין לעסלי עף גיינזבאראה האָט זיך נאָר וואָס אַריינגעקליבן, אַ הויז פון פערצן צימערן, נישט רעכענענדיק דעם פאָדערצימער און דעם זאַל, ווו עס האָבן גאַנץ באַקוועם געקענט טאַנצן הונדערט פּאָרלעך, איז געווען ניי בלויז פאַר אים, פאַר מר. גיינזבאראהן. געבויט האָט מען דאָס הויז פאַר דער „באַרימטער“ אַקטריסע מעריאַן עליזאַבעט ווינטערס. זי האָט דאָרט אָפּגעוווינט אַ חדשים פערצן פופצן, און ווען אין פאַרלויף פון דער צייט איז די געגנט פּאַראַמאָונט דרייוו, ווי האָליווד בכלל, פאַרפלייצט געוואָרן פון לעסלי עף גיינזבאראהס, און עס איז שוין געוואָרן נישט באַהעמיש צו וווינען דאָרט, די לויכטנדע שטערן האָבן זיך געצויגן פון פּאַראַוועניוּבורג קיין פּאַרוועניוּוויל, האָט די באַרימטע אַקטריסע, נאָר וואָס געגט צום פינפטן מאָל, שיר נישט משוגע געמאַכט טעלעכע ריעל עסטייט אַגענטן, ביז איינער האָט זיך דערבאַרעמט אויף איר, געקראָגן פאַר איר דעם קונה לעסלי עף גיינזבאראה, וואָס האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז מיט האַק און פּאַק, מעבל, כינעזישן אָפּגאָט איבערן טעלעפאָן, און... באַב דעם לאָקיי און מערי די דינסט פאַר פינף און דרייסיק טויזנט דאָלאַר מזומן-געקאָסט האָט דאָס הויז זעכציק טויזנט. דאָך איז זי געווען צופרידן פון דער מכירה, זי קען שוין אַוועקפאָרן איבערן גרענעץ אין טיאַוואַנאַ, מעקסיקע, אויסרוען אַביסל די נערוון — שפּילן דאָרט רולעט, און נאָך צופרידענער איז געווען לעסלי עף גיינזבאראה-איצט האָט ער ערשט דאָס ריכטיקע הויז, אַ הויז, ווו אַ באַרימטע מוווי אַקטריסע האָט געוווינט. היינט דער פרייז, און... דער לאָקיי! אַן אמתער שוואַרצער, מיט ווייסע ציין, מיט אַ שוואַרצן פראַק און אַ ווייסער מאַנישקע.

אַז דער לאָקיי האָט אַ שוואַרצן פראַק און אַ ווייסע מאַנישקע, מוז דאָך דער באַלעבאָס אַוודאי האָבן.

איז געשטאַנען מר. גיינזבאראה אין חשובן שוואַרצן פראַק און ווייסער מאַנישקע און אויפגענומען מיט חשיבות די געסט. דער שוואַרצער פראַק איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף זיי געזונטע

ברייטע פּלייצעס, קיין קנייטש אין ערגעץ, דערפֿאַר דער קנייטש אין די הויזן — אַ שטייפֿע גלייכע ליניע, די ווייסע מאַנישקע האָט, מיט יעדן אָטעם־צוג, זיך אומרויִק געהויבן איבער דער הויכער ברייטער ברוסט, דער הויכער שטייפֿער קאָלנער מיט די אָפּגעלייגטע שפּיצן איז געווען אַביסעלע צו הויך פֿאַר דעם קורצן האַלז, האָט גיינזבאַראַה, היטנדיק זיך מ'זאָל נישט באַמערקן, אַ צי געטון פֿון צייט צו צייט דעם קאָפּ אַרויף צו, אַ דריי געטון דעם האַלז, אַזוי אַרום לויזער מאַכנדיק דעם כאָמוט, און ווידער געהאַלטן דעם קאָפּ שטייף פֿאַריסן. די ווייסע מאַנישקע, קאָלנער, און ווייס שניפּסל זענען געווען אַ ווייסער פֿלעק צווישן די שוואַרצע קליידער און דעם טונקעלען קאָליר פֿון פּנים און קאָפּ. דאָס פּנים, געשטופּלט מיט גרויסע געדיכטע שטופּלען, ווו אייזן שטויב פֿון יאָרן האָט זיך איינגעגעסן, נישט אויסצוואַשן מיט קיינע זייפֿן, האָט דערמאָנט אָן טונקל ברוינעם כמעט שוואַרצן פֿעפֿער, מער נישט אַביסל גלאַנציקער. בלויז אין די קנייטשן פֿון שטערן האָבן זיך די שטופּלען פֿאַרלאָרן. און דער שטערן האָט זיך געצויגן באַרג אַרויף, ווייט ארויף ביז דער פּאָטילניצע, אַ הוילער ערד־קאָליר־שאַרבן מיט שוואַרצע פּינטלען דאָ און דאָרט.

מרס. לעסלי עף גיינזבאַראַה, אַ קורצע דיקע פֿרוי, קורצע אָנגעקרויזטע האָר, אָנגעפֿאַרבט און אָנגעפּודערט, מיט אַ צוגעקלעפּטן חן פּינטל אויף דער רעכטער באַק, און נאָר וואָס פֿון אונטער די הענט פֿונם מאַסאַזשיסט, וואָס אַרבעט שוין ערפֿאָלגלאָז עטלעכע חדשים צו רעדוצירן איר וואָג, איז אויך געגאַנגען אָנגעטון אין שוואַרצן, — אַ שוואַרצע סאַמעטענע אַרבללאָזע קלייד. די קורצע פּעטע אָרעמס, אַנטבלויזט ביז אַריבער די אַקסל, די צוויי פּאָקן־צייכנס אויף די אָרעמס, דער געפּאַלדעוועטער קארק, און די אַנטבלויזטע אויסגעקיילעכיקטע פּלייצעס, האָבן געשריען: אוי! פֿאַרגעסן אָנטון דאָס אויבערשטע קליידל! אָבער די דימענטענע בראָשקע, צוגעשפּילעט פֿון פֿאָרנט, ווו עס האָט זיך געשאָטנט דער צווישנברוסט, האָט געווונקען: גיי שוין גיי, נאַר איינער. דאָס איז אָנגעטון. וואָלסט באַדאַרפֿט זען די בריסטן פֿרייע... אַ צווייטע בראָשקע, וואָס האָט פֿאַרנומען די שלעפּעס פֿון דער קלייד ביי די

היפטן, האָט אויך דערציילט פון פלייש, פעט, שיטער פלייש, שמאַלץ, איצט געצאַמט איינגעקרעמפּט. דערפאַר אָבער די פיס, קורצע דינע פיסלעך, עטוואָס אויסגעבויגן בויגנמעסיק, האָבן לייכט געטראָגן די שווערע משא, זיך פלינק באַוועגט. אויך דאָס מויל, אַ היפשלעך מויל מיט דיקע סענסועלע, שאַרלאַך רויט אָנגעפאַרבטע ליפּן, האָט פלינק געאַרבעט, געגריסט זיך הילכיק מיט די אַריינגעקומענע געסט, זיך געקושט מיט אייניקע, צולייגנדיק אַ באַק צו אַ באַק, נעזער גרייכנדיק צו די אויערן, און געשמייכלט, אַז דאָס מויל האָט זיך צעצויגן נאָך ברייטער, די אויגן האָט מען קוים אַרויסגעזען.

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איר זענט געקומען! שווער אַרויפצוקומען? גאָר! וואָס פאַר אַ קאַר טרייבט איר? אַ ביואיק? מיין לעסלי האָט מיר געקויפט אַ קעדילאַק. ער טרייבט אַ פעקאַרד, אָבער מיר געפעלט בעסער אַ קעדילאַק, עס איז מער ווייבעריש. אַ פעקאַרד איז אַזוי גראַדליניק, איר ווייסט... גענוי ווי אַ מאַן... א יאָ, עס איז אַ פּרעכטיק הויז. קומט וועל איך אייך ווייזן די צימערן. איך זאָג אייך, דאָס הויז איז אַ גן עדן. און די וועראַנדע! זעט די פייערן דאָ אַרום און אונטן. אין אַ ליכטיקער נאַכט זעט מען פון דאַנען דעם ים. היינט איז פאַרנעפּלט. ס'טוט מיר אַזוי לייד, וואָס גראַדע היינט איז פאַרנעפּלט. קומט אַמאָל אַריבער אין אַ שיינעם טאָג, אָדער אין אַ לויטערער נאַכט. אַ, וואָס רעדט איר, דאָ איז אַ גן עדן!

און ווען די געסט האָבן זיך שוין גענוג אָנגעקוויקט מיט די צימערן, מיטן אויסזיכט אויף די בערג אַרום, און מיטן ים, וואָס מ'קען אים, ליידער, היינט אָוונט נישט זען, האָט דער באַלעבאָס, אַן אויסגעצויגענער, די ברוסט פאָרויס, זיך באַוויזן אויף דער עסטראַדע. ער האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אונטער דעם האַרטן קראַגן, אַרונטערשטופּנדיק אים אַביסל נידעריקער צום קלעוויקאַל-ביין, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, געגעבן אַ הוסטל, האָט אַ פּאַטש געטון מיט איין האַנט-פלאַך אָן דער צווייטער. — ליידיס ען זשענטלמען! עס איז פאַר מיר אַ גרויס פאַרגעניגן צו זען אייך אַלעמען דאָ אין מיין נייעם שטיבל... ע-ע... איר זענט אַלע געקומען אָנצוואַרעמען דאָס הויז... און יעדער איינער איז זיכער מיט

אַ וואַרעמער אויפנאַמע... מיר האָבן דעם כבוד צו האָבן צווישן אונז אַזעלכע חשובֿע געסט, ווי מר. דזשאָשוּאַ עוואַנס סמעדבערג, הויפּט-פאַרוואַלטער פון די יוניאָן אייראָן וואָרקס, גאַמאַליעל די אַקאַנאַר, דירעקטאָר פון דער יוניאָן טראָסט קאָמפּאַניע... ע-ע... מר... הע. זעקיעל די וואַרדען, דער וויצע פּרעזידענט פון דער יוניאָן טראָסט, האָט אויך געזאָלט זיין מיט אונז דעם אָוונט... ע-ע... נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער נישט געקענט קומען צוליב אַ דרינגלעכער געשעפט-זיצונג, און איר ווייסט דאָך — פליכט קומט פריער פון פאַרגעניגן, האָבן מיר אַ טעלעגראַמע פון אים, צו זיין פריילעך אָן אים... ע-ע... און... לאָמיר אים פאָלגן, לאָמיר זיין פריילעך. מיר האָבן אַ היפּש ביסל פריילעכע נומערן... מיר האָבן אַ פיינעם בופעט, אויסגעשטאַט מיט אַלערליי עסנוואַרג און משקאות לויט די לעצטע כללים פון פּראָהיבישאָן... מיר האָבן אייניקע „מוווי סטאַרס”... אירט זיין סורפּריזט... אהה, זייט געדולדיק, אירט זיי אַלע זען... ע-ע... מיר האָבן אויך באַרימטע טענצערינס... פלינקע פיסלעך... אָבער קודם לאָמיר אויספּרובירן אונזערע אייגענע פיס, לאָמיר טאַנצן! איך דאַנק אייך.

לעסלי האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט. הינטער אים האָט אַ אומזיכטבאַרע האַנט צעעפנט די דיקע פּאָרטיערן, צווישן הערזלדן, ספּק ייִנגלעך ספּק מיידלעך, אין טאַמאַשענטעס, פון אונטער וועלכע עס האָבן זיך געכוואַליעט בלאָנדע געלאָקטע האָר ביז די אַקסלען, סאַמעטענע רעקלעך מיט ווייסע קריזקעס ביים האַלדז, קורצע סאַמעטענע הויזקעס, שיך מיט זילבערנע שפּראָנטשקעס, מיט זילבערנע טרומייטלעך אין די מיילער, האָבן אַ טרובע געטון. אַכט כלי-זמרים באַוואָפנט מיט פידל, פויק, טראָמבאָן, סאַקסאָפאָן און אַנדערע טומל אַרויסברענגענדיקע אינסטרומענטן, זענען פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן אויף אַ פּלאַטפאָרמע, און צוגעוואַקסענע געזעסן אין זייערע שוואַרצע פראַקן ווייסע מאַנישקעס, קיין ברעם האָט אַ פינטל געטון. דער באַלעבאָס האָט געגעבן אַ צייכן, און די אַכט פיגורן האָבן זיך אַ צאַפּל געטון, פלייט, טרומייט, טראָמבאָן און סאַקסאָפאָן האָבן אַ געשריי געטון, פויק האָט אַ קלאַפּ געטון דעם לעצטן גאָר לעצטן דזשאַז-טאַנץ. פּאָרלעך האָבן זיך געלאָזט טאַנצן איבער דעם גוט פּאָלירטן דיל.

3

אָנגעצויגענע ערנסטע פּנימער, ליפּן ווי די הויזן שטייף איינ-
געפּרעסט, האָבן געטאַנצט די פּאָר אַמעריקאַנער, פירנדיק זייערע
דאַמען צום טאַקט פון דזשאַז. די דאַמען האָבן קאָרעקט נאָכגעפאָלגט.
האָבן זיך די קערפּערס געדרייט, געוויגט, געקאָרטשעט, יעדע באַ-
וועגונג האָט געשריגן: זכר-נקבה, נקבה-זכר, און די פּנימער זענען
געבליבן קאַלט, קאַלטער ניאוף בפרהסיא. ביי איינער אַ דאַמע האָט
אַ שטאָלצע מינע פאַריסן די ליפּ צו דער נאָז צו און די נאָז פאַר-
ריסן נאָך העכער, אַ צווייטע האָט געוואָרפן פליכטיקע ביטול-בליקן.
שטייפע קאַלטע לופט האָט זיך געדרייט אַרום זיי, נישט צולאָזנדיק
קיינעם צו נאָענט, האָט אַ יידיש פּאָרל פאַרדבקטע, שלעכטע טענצער,
דורכגעריסן די קאַלטע לופט און מיט גלאַנציקע אויגן, עולם-הזה-
דיקן שמייכל געבעטן אַנטשולדיקונג, האָט זיך אויף דער דאַמעס
פּנים באַוויזן אַ קנייטש לעבן מויל, אַ קנייטש — אַ קבר פאַר אַ
שמייכל, זיך באַוויזן און שפּורלאָז פאַרשווונדן. יידישע פּאָרלעך
האָבן זיך איבערגעוואונקען, זיך אַפילו איבערגערעדט, און האָט
מען זיך אָנגעקלאַפּט, האָט מען זיך צעלאַכט — היט אייערע
טריט.

מער פון אַלע האָט זיך געהיט כאַצקעל שטיינבערג. ער האָט
נישט געטאַנצט. אויף זיין לעבן האָט ער נישט געפּרוווט שטעלן אַ
פוס צום טאַנצן, סיידן מ'זאָל רעכענען פאַר טאַנצן דאָס גיין אין אַ
ראָד, ווען מ'איז אַמאָל בגילופין. ווערן בגילופנדיק ווערט כאַצקל
פון צווייטן גלעזל. דאָ האָט ער נאָך אַפילו נישט פאַרזוכט מ'זאָל
זאָגן אַ פינגערהוט, נישט צוגערירט צו די ליפּן, ער האָט פאַרקוקט
אין בופעט אַריין, זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָרט מוז זיין מכל טוב,
אָבער נישט געוואַגט אַריינגיין, טרינקען פאַרן דאַווענען... איבער-
כאַפּן איידער מ'גייט צום טיש, מ'דאַרף האַלטן שטאַט. זיצן ווי יענע
ליימענע גולמס, די צען פינגער אויסגעשפּרייט איבערן בייכל, קען
ער נישט, דרייען זיך די טאַנצנדיקע פאַר די פיס, איז אַוודאי נישט
גוט, שלייכט ער זיך ביי די ווענט, בלייבט שטיין פאַרריסן דעם

קאָפּ, באַטראַכטנדיק אַ בילד, אַ פיין געמעל אין אַ פיינער ראַם. אום ער זאָל קענען בעסער זען דאָס בילד, גייט ער אויף צוריק אַ פּאָר טריט, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון וואַנט, קריגט אַ שטויס פון אַ פּאָר טענצער, אַנטשולדיקט זיך, און שטעלט זיך אָפּ ביי אַ צווייט בילד, קוקט, ציט מיט די ברעמען און אַקסלען אַרויף, זאָגט פאַר זיך: ווי קומט דאָס צו אים?

— מ'דאַרף נאָר די פּאָר טולער...

כאַצקעל קוקט זיך אום. — אה, העלאָו, זאַלצמאַן!

— באַטראַכסט, האַ? נו ווי געפעלט עס דיר?

— לייזער פּייווישעס!

— „וועל", לאָמיך דיר זאָגן. עפּעס פאַרמאָגט ער אַזוינס...

— אַוודאי פאַרמאָגט ער. הלואי פאַרמאָגן מיר עס ביידע, כאָטש אַ פערט חלק.

— איך מיין נישט דאָס. איך מיין ער האָט פעיקייטן.

— נאָך אַ מין פעיקייטן. צו דרייצן יאָר ביים דרדקי מלמד האָט ער זיי שוין אַרויסגעוויזן.

— קיין מר־בר־רב־אשי איז ער טאַקע נישט, אָבער שכל האָט ער. לאָמיך דיר זאָגן, ער האָט אַ גראַדן שכל.

— שכל! באַגנבענען די רעגירונג אין מלחמה־צייט דאַרף מען האָבן שכל!

— באַגנבענען די רעגירונג דאַרף מען אויך קענען. פאַרוואָס האָסטו זי נישט באַגנבעט?

— איך...

די ענדע פונם זאַץ — „האָב אויך באַגנבעט די רעגירונג" — האָט כאַצקעל מיט געוואַלד פאַרכאַפּט, זי נישט אַרויסגעלאָזט. ער איז געווען אַ נעלם אין צייט פון מלחמה און האָט זיך געהיט דאָס נישט אויסצוזאָגן. איצט האָט דאָס קליינע טראַציקע שדל אים געצויגן פאַר דער צונג: זאָג, רעד. ער האָט פאַרביסן די אויבער־שטע ליפּ געשוויגן.

— וואָס הערט זיך? שרייבט זיך עפּעס?

— נישקשה, — האָט כאַצקעל אָפּוועגדענד געענטפערט.

— האָסט אים געשריבן די „אינשורענס" אויף דעם הויז?

— איך?!

— אַזוי האָט ער געזאָגט, ער האָט עס דיר אַוועקגעגעבן.

— ער איז אַ פאַרדאַמטער ליגנער! איך האָב אים געוואָלט שרייבן, אָבער דער... — כאַצקעל האָט זיך אַרומגעקוקט, — היני־טישער זון האָט געוואָלט איין קליינִיקייט, איך זאָל אים אַראָפּגעבן פופצן פּראָצענט צוריק. איצט ווייסטו שוין?

— פופצן פּראָצענט!

— נו יאָ, פ ו פ צ ן פּראָצענט. אַזוי זאָגט ער, קריגט ער בײַ אַ נ ד ע ר ע. געבן אַ נדבה זײַנעם אַ לאַנדסמאַן וויל ער נישט, זאָגט ער. געשעפט איז געשעפט. האָב איך אים געזאָגט, אַזעלכע געשעפטן מעג ער געבן אַ נ ד ע ר ע. קענסט עס האָבן אויב דו ווילסט.

— איך?!

— יאָ, דו, דו! אַנישט ווייס איך נישט...

אַ פּאָרל האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, אַ שטויס געטון ביידע פאַרזיכערונגס־אַגענטן, פונאַנדערגענומען זייער שפּיציקן געשפּרעך. די דזשאַז־באַנדע האָט עקספּלאָזיוו פאַרענדיקט דעם טאַנץ, די לופט האָט זיך אַ וויג געטון, דער עולם, אויפגערעגט, צעהיצט, האָט זיך געלאָזט צום בופעט.

דער כעס, וואָס האָט געהאַט אויפגעבראַוזט אין כאַצקלען ביים געשפּרעך מיט זיין קאָנקורענט, האָט זיך גענומען איינלייגן, די ליפּן האָבן מער נישט געציטערט, די הענט אויך נישט, בלויז אַ מידיקייט האָט זיך געפילט אין די אַראָפּגעלאָזטע, נאָכהענגענדיקע הענט, די לאַנגע אַרבל פונם נייעם גאַרניטור, געקויפט טאַקע היינט צוליב דער שמחה, האָבן געמאַכט די הענט נאָך לענגער, לעפּישער. דער גאַנצער גאַרניטור אַ זאַק, און ער טעלעפּעט זיך אין אים, שלעפּט זיך נאָך די אַלע דאָ, צו וועלכע שוואַרצע יאָר. געקומען צו אַ באַל רעדן וועגן פאַרזיכערונג, פּאָליסיס, מיט פופצן פּראָצענט צוריק. געקענט זיך אויסשלאָפן, אָדער גאָר לייענען אַ ביכל. אַי, די ווייבער! עמעצער האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע. ער האָט בייז אַ הויב געטון דעם קאָפּ.

— ביסט דאָך דאָ, און איך האָב געמיינט, ביסט נישט גע־קומען. נישט געזען דיך אַריינקומען.

— אה, העלאָו! — האָט כאַצקעל אָן אויפגעכאַפּטער אַ זאָג געטון. אַ שמייכל, האָט ער געפילט, לייגט זיך אויף זיין פּנים, זיין האַנט האָט זיך געשטרעקט נאָך אַ שלום עליכם.

לייזער גינזבורגס גרויסע פאַרהאַרטעוועטע האַנט, אַ ירושה פון די שלעכטע צייטן, האָט אַריינגענומען די שמאָלע ווייסע האַנט פון דעם פּועל-בטל, דעם פאַרזיכערונגס-אַגענט, דעם צווייטן אָרעם, אַריבערגעצויגן איבער דער אויסגעקיילעכטיקער פּלייצע, האָט ער געדוכנט איבער אים, פאַרטרוילעך גערעדט. — געדיינקט, ביסט ברוגז געוואָרן צוליב דער פּאָליסי. איכל דיר זאָגן, דו ביסט נישט דער איינציקער. דער זאַלצמאַן דערגייט מיר די יאָר, און מ׳דאַרף אים אויך געבן, האָב איך באַשלאָסן דיר געבן אַ העלפּט, און זאָל עס זיין צען אַרונטער. פּאָרט לאַנדסלייט!

— אָלרייט מר. גיינזבאר... ג.—

דער באַלעבאָס האָט דערפילט, אַז ער האָט שוין צופיל פאַרנאַכלעסיקט זיינע פליכטן אַלס בעל שמחה, האָט ער זיך אָפּ-געטון פון כאַצקלען, געשענקט אַ פּאָר ווערטער אַ צווייטן, געפּאַטשט אין פּלייצע אַ דריטן.

כאַצקעל האָט זיך אַרומגעקוקט אין געדרענג, געזען אַלע שמייכלען אַזוי צופרידן, אַזוי גיריק, געהערט די פריידיקע אויסרופן לחיים, מבינישע צמאָקען פון ליפּן, און: הו, דאָס איז דאָס אמתע ביסל משקה, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — כאַפּט עס דער רוח, געקומען צו מר. גיינזבאר... גן, אים געגעבן די האַנט, געשמייכלט צו אים. טאָ טרינק כאָטש, זאָל רינען איבער די ליפּן, דער חזיר... ער האָט זיך אַ רוק געטון צום טיש, און מיט אַ קאַץ-אויף-סמעטענע-קוק באַטראַכט די מאכלים און משקאות.

ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט איבערצוקערן דאָס גלעזל, ווען זיין ווייב, וואָס האָט דעם גאַנצן אָוונט געטאַנצט, איז אויסגעוואַקסן לעבן אים און וואָרנענדיק געזאָגט: כאַצקעל!

— לחיים, טייבל, — האָט ער שטיפעריש אַ זאָג געטון, בראַווועריש אַריינגעגאָסן דאָס גלעזל, און מיט פאַרלאָפענע אויגן, דאָס ביסל משקה נאָך נישט ריכטיק אַראָפּגעשלונגען, געזוכט עפּעס צו פאַרבייסן.

— הויבסט שוין אָן?

— נו ווי דען, איך ענדיק שוין? פאַרוואָס גייסטו נישט טאַנצן?

— נו אַדרבה, זיי אַ קאַוואַליער.

— זיין אַ קאַוואַליער אויך, לאָמיך נור...

זי האָט אָפּגעשטעלט זיין באַוועגונג אָנגיסן נאָך אַ גלעזל.— מיט אַמאָל? וואַרט אויף שפּעטער.

— אַי, טייבל, לאָזסט נישט לעבן אויף דער וועלט. קום לאָמיר גיין טאַנצן.

קליין געוויקסיק, סוטולעוואַטע איז ער געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט זיין גראַציעז יונגער ווייבל, געקוקט אויף די אויסגעפּוצטע ווייבער, געזען, ווי זיין טייבל, געוויינלעך אַזוי געשמאַקפול אָנגעטון, זעט איצט אויס אין איר ניי בילעק קליידל עפּעס אָפּגעלאָזן, קיין ליניע פון קערפּער, קיין רייץ. די מאַדאַם גיינזבארא איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים. אַ שלייקע פון איר אונטערקליידל האָט זיך אַרויסגעשאַרט איבער איר אַקסל צום נאַקעטן עלנבויגן. זי האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַריינגערוקט איר האַנט אונטער דער פאַכווע און צום אַקסל צו, אַרויפגעשלעפּט דאָס בענדל, וואַרפנדיק דערביי אַ קוק, צי האָט עמעצער נישט באַמערקט, און באַגעגנדיק כאַצקלס ביסטרע אויגן, אים מכבד געווען מיט אַ צעצויגענעם שמייכל. די מאַדאַם גיינזבארא האָט זיך שוין אויסגעמישט צווישן עולם, אָבער כאַצקלעס בליקן בויערן, בויערנדיק, ווערן זיי שאַרפער, שפּיציקער, זיי שניידן אויף דאָס שוואַרצע סאַמעטענע קלייד, אָט שטייט זי שוין אין אַ קורץ אונטערקליידל, אין אונטערהויזן די זאָקנבענדלעך אַראָפּהענגענדיק, אַ נאַקעטע אין בעט, וואַלגערנדיק זיך מיט מר... גיינזבארא. ער האָט אַ צי געטון זיין ווייב, זי אָנגענומען ביי דער טאַליע, זי אַ דריי געטון, גרייט זיך אַוועקלאָזן אין אַ ריטמלאָזן טאַנץ. אַ דערשראָקענע, אַ פאַרשעמטע, האָט זי מיט כח אים אָפּגעשטופּט פון זיך, אַרויסרשייענדיק שטיל — כאַצקל!

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — עך, וואָס פאַר־

שטייסטו, — און זיך געלאָזט צום בופעט צו. שטייענדיק דאָרט מיטן דריטן גלעזל אין האַנט, האָט ער באַמערקט זיין טייבל טאַנצט מיט עמעצן, געמעגט שווערן, מיט זאַלצמאַנען. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו גיין אין זאַל אַריין, דאָס קעלישיקל האַט זיך אַ וויג געטון, ער האָט דערפילט נאַסקייט אויף די פינגער, זיך אָנגע־קוקט אויף די פינגער, אויפן לאַץ פון רעקל, דאַן אויפן גלעזל, עס איבערגעקערט אין האַלז אַריין, און מיט אַ „וואַט אַ העל״ אָנגעגאָסן דאָס פערטע גלעזל.

4

אין גרויסן זאַל איז דער טומל איינגעשטילט. איין שטימע הערט זיך בלויז — און איצט קומט דער סיורפּריז פון היינטיקן אָוונט. איך בין זיכער... וואָס איז עס פאַר אַ טומל דאָרטן?!

דאָרטן, אין בופעט צימער מיט אַן אָפענעם ארק צום גרויסן זאַל, איז כאַצקל שטיינבערג געשטאַנען און געשריען צו זיך אַליין, כאָטש געגנוג צוהערער זענען געשטאַנען און געקוואָלן. — לייזער פּייווישעס! אַ גביר, אַ מיליאָנער! אַ הונט איז ער! ווינט אין פּאַלאַצן, ווינט ער, און דעם אַלטן פּייוויש נישט געוואָלט איבער דער שוועל אַריבערלאָזן. שטייט אים נישט אָן מר. ג יי נ ז ב א ר א ן! אין מושב זקנים אים נישט געוואָלט אַריינגעבן, וואָסי, מ׳האָט געוואָלט דריי טויזנט דאָלאַר. אַ מיליאָנער...! אַי! לאָז מיך צורו!— האָט ער אָפּגעשטויסן טייבלס האַנט, וואָס האָט אים געצופּט, געשלעפּט.

— כאַצקל!!!

— וואָס כאַצקל?! כאַצקל איז לייטישער פון דרייסיק מי-ליאָנערן. יאָ, — האָט ער אַרויסרופנדיק געשריען איר אין פּנים אַריין, איכ׳ל מיין טאַטן נישט לאָזן אויסגיין ערגעץ אין...

מר. גיינזבארא, שאַרנדיק אַוועק צווישן עולם, וואָס האָט זיך געדרענגט אין און צום בופעט, מיטן כח פון א שנייד מאַשין, וואָס לייגט דאָס אָפּגעשניטענע היי אויףביידע זייטן, האָט דער-גרייכט דעם צענטער פונקט — כאַצקלען. די אָדערן אויפן שטערן — דיקע אָנגעלאָפענע ווערעם, די מאַנזשעטן אינגאַנצן ארויסגערוקט פון אונטער די אַרבל, די מאַנישקע אויפגעבלאָזן, איז ער געבליבן שטיין פאַר דעם פאַרבליפטן כאַצקל, איין האַנט אויפגעהויבן, די פינגער — אַ צעעפנטע פינף-פינגערדיקע צוואנג, גרייט אָנצו-כאַפּן דעם קאָלנער, דעם גאַרגל... כאַצקל, דעם קאָפּ אָן אַ זייט, דאָס גלעזל ווײן אין די פינגער אויסגעבויגן, אַ דין שטראָמעלע ווײן זיך גיסנדיק, האָט סקאָם געקוקט: וואָס וויל ער דאָ טון דער...

דער לאָקיי, אין שוואַרצן פראַק און ווייסער מאַנישקע איז אויסגעוואַקסן לעבן כאַצקלען אין דער צווייטער זייט, געהאַלטן

זיין מאַנטל, דאָס היטל, די אַרבל פון מאַנטל אנטפלעקט גרייט אריינצונעמען די אָרעמס. כאַצקל האָט אויך אויפן לאָקיי אַ קוק געטון, געוואָרפן די אויגן אויף די רופנדיקע אַרבל, אַ געלעכטער האָט אים גענומען שטיקן, דאָס גלעזל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון צווישן די פינגער. דער לאָקיי האָט געשיקט אַרויפגעשטעלט דאַרויף דעם שפּיץ שוך זיינעם, מיט דער באַוועגונג שטערנדיק כאַצקלען זיך אָנבייגן, און געצויגן שווייגנדיק די אַרבל אויף כאַצקלס אָרעמס. ער האָט אים אויך אַרויפגעזעצט דאָס היטל אויפן קאָפּ, [illegible]זיך אויסגעבויגן, אָפּצאמענדיק מיט איין אָרעם אַ וואַנט מענטשן, און מיט דער צווייטער האַנט אָנגענומען כאַצקלען אונטערן אָרעם.

דעם מאַנטל אונטערן אָרעם, דאָס היטעלע אין האַנט. האָט טייבל שוין געוואַרט אויף אים אין דרויסן.

— אַ גוטע נאַכט, מר. לעסליע עף גיינזבאראהו! — האָט כאַצקל זיך געזעגנט פאַר דער פאַרמאַכטער טיר. טייבל האָט אים שטייף אָנגענומען פאַרן קאָלנער, קרעפטיק אַ צי געטון. ער איז שיר נישט אומגעפאַלן.

— דו, מיין טייבעלע? גיב לאָמיר דיך אַ קוש טון!

זי האָט אים אַ שטופּ געטון די האַנט פלאַך אין פּנים אַריין. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם שלאָס-ביין, און נישט אַכטנדיק וואָס זי האָט זיך געריסן, האָט ער געקושט די האַנט מיט הילכיקע נאַסע קושן, געקושט די האַנט פלאַך, געביסן די פינגער. — דו ביסט די שענסטע פון אַלע ווייבער! ווען מ׳גיט מיר אַ מיליאָן איך זאָל שלאָפן איין נאַכט מיט אָט דער פעטער שטיק פלייש...

— שוויג שוין, אומגליק, שוויג! — האָט טייבל זיך פּרו-בירט באַפרייען פון אים. אַ וואַקלענדיקער האָט ער זיך צוגעטוליעט צו איר, זי אַרומגענומען — טייבעלע!...

— גיי שכור! האָט זי אים אַ שטופּ געטון.

— אדוואי שכור! וואָס דען ניכטער! ניכטערערהייט רוק איך אים די האַנט... טפו... טפו! — האָט ער געשפּיגן אויף דער האַנט... — שמייכל צו אים, צו מר. לעסליי עף גיינזבאראה... אַ רוח אין זיין טאַטנס זון אַריין. איצט שפּיי איך אויף אים! טפו... טפו...! אַרויסגעוואָרפן האָט ער מיך! וואַרט, אַ רוח...

5

לעסלי עף גיינזבאראה האָט געווישט דעם שוויס פון שטערן, פון פליך, געזוכט אַריינצושטעקן דאָס טיכעלע אין דער הינטערשטער קעשענע און נישט געקענט טרעפן. מיט ציטערנדיקע הענט פון געצאַמטן כעס, נישט אויסגעבראַכטע קלעפּ, האָט ער פאַרריכט די מאַנישקע, מאַנזשעטן, אַ טאַפּ געטון דאָס שניפּסל. זוכנדיק אַ שפּיגל, האָט ער דערזען מענטשן קוקן אויף אים. זייערע בליקן, דורכגייענדיק דעם חלל, וואָס איז געבליבן נאָך כאַצקלס אַרויספירן, זענען אַזעלכע פּוסטע, בלאַנקע, מאַסקעס קוקן אויף אים. די מאַסקעס — כיטרע תמעוואַטע — זאָגן: דאָס קינד, וואָס האָט געזאָלט ווייזן אַ חכמה פאַר די געסט, האָט אָפּגעטון אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, און מ'האָט עס געמוזט שנעל צונעמען און אויפראַמען אויף גיך? מיר ווייסן נישט דערפון. אסור, אויב מיר ווייסן דערפון, מיר קוקן סתם אַזוי. געפעלט דיר נישט? וועלן מיר גאָרנישט קוקן.

קיינער קוקט נישט אויף גיינזבאראהן, אָבער ער לעכערט דאָס געזעמל מענטשן, פאַרטשעפּעט מיטן קוק דזשאשוא סמעדבערגס פּנים, אַ לעבעדיק שמייכלענדיק פּנים, ביי גיינזבאראהן שניידט זיך אויכעט אויס אַ שמייכל. — קום, ברודער, לאָמיר נעמען צו גלעזלעך, — גיט ער אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע און פירט אים צום בופעט.

דזשאָשוא סמעדבערג האַלט דאָס גלעזל, קוקט אויף דעם, און דער שמייכל זיינער שפּיגלט זיך אינם געלבלעכן בראָנפן.

— געזונטהייט!

לעסלי עף גיינזבאראה גיט אַ קער איבער דאָס גלעזל, אז דער בראָנפן פאַלט אַריין אין שלונג, אַ קוועטש אַרונטער, און ער שטייט שוין מיט אַ ליידיק גלעזל, וואַרטנדיק אויף דזשאשוא עמאנס סמעדבערג. דער ציט דעם בראָנפן דורך פאַרמאַכטע ליפּן, נישט ער טרינקט בראָנפן, נאָר זויגט דאָס גלעזל.

— נאָך איינס? — איז לעסלי עף גיינזבאַראה מכבד.

דזשאשוא עוואַנס סמעדבערג זאָגט נישט ניין, זאָגט נישט

יאָ, האַלט דאָס גלעזל. גיסט גיינזבאראה אָן, עס גיסט זיך אַזש אַריבער.

— ווי געפעלט עס אייך?

— פיינע סחורה.

— די אמתע!

— ווער איז דער חברה מאַן?

— ווער?

— דער וואָס איז געוואָרן... בגילופנדיק.

— אהה... עפּעס אַ שלאַק.

— מיר געפעלט דער פאַרשוין.

אַ פיינטלעך פאַרדעכטיקער קוק. אפשר גאָר אַ ייד? פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געווען?

— וואָס אַזוינס געפעלט אייך?

— קיין באַשטימטעס. נאָר מיר געפעלט צו זען אַ מענטשן, ווען ער פאַרלירט זיין באַלאַנס. גענוי ווי אַ מאַשין געלאָזט גיין אָן אַ טרייבער. לויפן קען זי, אָפּשטעלן זיך — נישט.

— ער'ט שוין לויפן...

— ער האָט געהאַט אַ גוטן „טשייסער"... *)

— המ... יאָ... נאָך אַ גלעזל?

— ניין, אַ דאַנק. נאָך אַביסל וועל איך שוין אויך דאַרפן אַ „טשייסער".

— נעמט אָט דאָס.

לעסלי עף גיינזבאראה האָט דערלאַנגט סמעדבערגן אַן אַכטל אוגערקע, צעשניטן אין דער לענג, אַרויפגעזעצט אויף אַ גאָפּל. — עס איז גוט! — דערפילנדיק וואַסער אין מויל, האָט ער אַ נעם געטון פאַר זיך אויך אַן אַכטל זויערע אוגערקע. האַלטנדיק עס פאַר איין עק מיט די בלויזע פינגער, האָט ער זיך אָנגעבויגן נישט צו פאַרפלעקן דעם ווייסן זשילעט, פאַרריסן דאָס מויל, אַריינגעכאַפּט אַ העלפט, און נאָך איידער ער האָט זי צעקייט, אַריינגעשלונגען די צווייטע העלפט. — פיין! — האָט ער אַ דערקוויקטער אַ זאָג

*) טשייסער — שפּיל פון ווערטער. נאָכיאָגער — אויסניכטערער.

געטון צו זיין מיטעסער. דערזעענדיק יענעמס קוק, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעריסן פון זיינע נאַסע פינגער, איז די שאַרפקייט פון דער אוגערקע פאַרשוואונדן, געבליבן די זויערקייט.

לעסלין איז געווען זויער אין מויל. זיינע אויגן זענען געוואָרן שפּיציק, שאַרף. ער האָט געזען פנימער, לעבעדיקע באַוועגלעכע פנימער מיט הכנעדיקע שמייכלען. דערנענטערט זיך אַזאַ פנים צו אים, שיקט עס פאָרויס דאָס שמייכעלע, עס זאָל ווילגעפעלן גיינזבאַראהן, און גיינזבאַראה גיט מיט זיינע פאַרשפּיצטע אויגן אַ צי אַראָפּ דאָס שמייכעלע און דעקט אויף אַ געלעכטער אויף זיין חשבון: דיר אַריינגעזאָגט, האַ? וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג — ביי אַ שכורן אויפן צונג. מיר האָבן עס נישט געזאָגט, וועלן עס נישט זאָגן אויך. אָבער אויב עמעצער האָט עס געזאָגט פאַר אונז, יישר כחו. ווייס ווער דו ביסט און מיר זענען גאָט די נשמה שול-דיק. אַ פּאַטש, אַז טרערן זאָלן אַ גאָס טון, אַראָפּשווענקען דאָס שמייכעלע, און נאָך אַ פּאַטש, דער געלעכטער זאָל אַנטלויפן.

זיין ווייב גייט פאַרביי אים, פירנדיק אַ פרוי אונטערן אָרעם. זי רעדט צו דער פרוי גאַנץ הויך, שמייכלט, אַז דער שמייכל שאַפט אַ טיפן שניט אין איין באַק ביז צום אויג צו, און די צווייטע באַק איז אויסגעצויגן, ציט אַראָפּ דאָס אויג. פאַרגרעסערט עס, און דאָס פאַרגרעסערטע אויג קוקט אויף אים: דו! אים קימערט שוין נישט, ווער עס שטייט לעבן אים. ער דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע: ברודער! לאָמיר טרינקען לחיים! — דערזעענדיק דעם ברודער — זאַלצמאַן דער פאַרזיכערונגס-אַגענט, דער ברודער פון בערעזאָווער פאַריין — האַלט ער קוים איין דאָס אויסגעשטרעקטע גלעזל. ער ליפערט עס דאָך איבער. — לחיים! — איבערגעקערט דאָס גלעזל, גיט זיך אַ פאַרקרום. — נאָך איינס? — מע... — קנייטשט זאַלצ-מאַן. גיינזבאַראה זאָגט שוין מער נישט לחיים, גיסט אַריין, גיט אַ בלאָז מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, שיקנדיק זיין מיטטרינקער אין פנים אַריין אַ פייכטן אָטעם, און ווענדעט זיך צום טיש נאָך אַן אוגערקע.

ביי גיינזבאַראהן אין האַלז האָט געברענט, און ער האָט געלאָשן מיט בראַנדוואַסער אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. מיט אַלעמען האָט ער געטרונקען, און אַלע זענען אַזעלכע גוטע, פריילעכע, כאָטש

גיי אַ טענצל מיט זיי. אָבער זיי שטייען שוין אין די מאַנטלען
האַלטן היטלען אין די הענט.

— אַ גוטע נאַכט, מר. גיינזבאראה!
— גוד באַי, מר. אַקאַנאַר!
— מיר האָבןווירקלעך געהאַט אַן אָנגענעמען אָוונט.
— אַ גוטע נאַכט, מר. גיינזבאראה!
— גוד ביי, מר... סמעדבערג!
— מיר האָבן ווירקליך גוט פאַרבראַכט.
— גוד ביי, מר. גיינזבאר... ג!
— גוד ביי, מר...

פנימער שווינדלען, הענט ציען זיך, קערפער רוקן זיך, און מר. גיינזבאראה באַגלייט זיי מיט פאַרצויגענע אויגן, דער שמייכל אויפן פנים עפנט זיך, פאַרמאַכט זיך, וואָס ווייטער אַלץ ווינציקער עפנט ער זיך, אַלץ שנעלער פאַרמאַכט ער זיך, און ווען דער לעצטער גוד ביי איז געזאָגט געוואָרן, האָט שוין גיינזבאראהס אונטער-שטע ליפ זיך געפּרעסט קעגן דער אויבערשטער, פאַרשטעלט אַ שלוקערכץ. ער האָט שוין נישט געהערט, אויב עמעצער האָט זיך געזעגנט, נישט געזען ווער עס איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט דער-הערט די אַנטשטאַנענע שטילקייט, דערפילט און דערזען די פּאַרע, וואָס יאָגט זיך אַרום אין הויז, וויל אַרויסלויפן נאָכיאָגן די אַוועק-געגאַנגענע, און נישט געפינענדיק קיין אויסגאַנג, וויקלט זי זיך אַרום אים. ער האָט אַ וויש געטון דעם שטערן מיט דער הוילער האַנט. אַ וויש געטון פון איין שלייף איבערן צווייטן ביז צום האַלדז צו, צום האַרטן קאָלנער. דאָ האָבן זיך די פינגער מישב געווען, און מיט אַמאָל אַ ריס געטון דעם קאָלנער פאַר איין עק. דער קאָלנער האָט אַ שפּרונג געטון אויף צוריק צום פאָדערשטן קנעפּל, אויפן וועג זיך אָנגעטראָפן מיטן קאָלנער פון פראַק, און זיך מישב געווען: שוין דאָ בלייבן. דאָס שניפּסל איז לויז. אומזיכער געהאַנגען, ריכטנדיק זיך אָט אָט וועט קומען די האַנט. די האַנט איז מער נישט געקומען. זי האָט זיך אַ וויג געטון אין דער לופטן, און נאָכדעם געקראָגן אַ באַפעל, זיך דערנענטערן צום סיפאָן זעלצער וואַסער.

דער טרוקענער האַלז פונם וואַסער־סיפאָן האָט הייזעריק געהיסעט און ארויסגעשפריצט אַ שאַרפן גאַז גיינזבאראהן אין פנים אַריין. — גיי אין דער ערד אַריין! — האָט ער אַ שטופּ געטון דעם סיפאָן גלייך אין קאָפּ אַריין. — דאָס שפּיציקע היטעלע מיטן דאַשעקל אויף אונטן האָט אים געפּרוּווט פאַרהאַלטן אויפן טיש, אָבער גיינזבאראה האָט אים אַ שטורך געטון אין זייט, אַ שאַר געטון, און ער האָט זיך אַרונטערגעקייקלט. דערהערנדיק דעם טעמפּן קלאַנג, האָט אים גיינזבאַראַהאַ נאָכגעשיקט די גלאָז, און די גלאָז אָנטרעפנדיק זיך מיטן סיפאָן, איז זיך צעפאַלן מיט אַ צעשפּליטערטן געשריי.

— וואָס טוט זיך דאָ?!

גיינזבאראה האָט אַ קוק געטון אויפן מענטשלעכן קול, זיין ווייב.

— ל־ע־ס־לי?

— הע?

— זע...! וואָס...?

— „שאַט אַפּ!“

— ליי־זער!

— „שאַט אַפּ“ האָב איך געזאָגט!

— בערעזאָווע!

ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ גלאָז אין האַנט, זיך אַ וואַקל געגעבן און אַ וואָרף געטון די גלאָז אין איר ריכטונג. זי האָט אַ כאַפּ געטון די הענט צו די אויערן, פאַרקוועטשט די אויגן, איינגעצויגן דעם קאָפּ צו איין אַקסל, קלענער געוואָרן. די גלאָז איז פאַרבייגעלאָפן, זיך אָנגעקלאַפּט אָן וואַנט. ער האָט זיך געלאָזט נאָך דער גלאָז, זיין האַנט האָט זיך פאַרטשעפּעט אויפן טיש, גע־שאַרט די גלעזער דאָרט, פלעשער, זיי אויסגעלייגט. האָט ער זיי אַרונטערגעשמיסן. אַ שטויס געטון מיטן פוס: אַוועק צו אַלדי טייוול. — זי האָט אַן עפן געטון די אויגן, אַ שפּוק געטון, געזען איר מאַן שטייט שוין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, וואַקלט זיך, גלייכט זיך אויס. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, אים לייכט

אַנגעריִרט ביים אַרבל. — לייזער? — זיין אָרעם האָט אָפּגעטרייסלט איר באַריר.

— קום שלאָפן, לייזער!

— גיי אַוועק!

די ווערט האָבן אַ קלאַפּ געטון, געוואָרנט: האַלט זיך פון וויַיטן!

שטייענדיק מיט דער זייט צו אים, האָט זי אים געלעכערט מיט איין אויג. ער האָט זיך נישט אַ ריר געטון. — גיי אין דרערד אַריין! זעסטו! — זי האָט אַ פּאַטש געטון די נאָכגעלאָזטע שלעפּע פון דעם סאַמעטענעם קלייד, און אַוועקגעשפּאַנט אין גרויסן זאַל, קלאַפּנדיק הילכיק מיט די הויכע קנאַפּל איבערן נאַקעטן פּאָלירטן דיל.

— באב! באב!

— יעס מ׳עם.

— ראם אויף! שנעל! לעש אויס די לאָמפּן! מערי! אה, מערי!

— דאָ בין איך, מ׳עם.

— נעם צו פון טיש!

— יעס מ׳עם.

מ׳עם גיינזבאראה האָט שוין נישט געהערט דעם ענטפער. טעפּ-טעפּ-טעפּ, אַלץ טעמפּער דער קלאַנג, ביז ער ווערט פאַרטויבט, שטיל.

מערי האָט אויפגעקליבן גלאָז נאָך גלאָז, פלאַש נאָך פלאַש און פאָרזיכטיק געשטעלט דאָס גלאָזוואַרג אויפן טיש. אויפהויבנדיק עס פון דער ערד, האָט זי אַלע מאָל פאַרגנבעט אַ קוק און זיך געריכט, אַז אָט אָט פאַלט אויף איר אַ קלאַפּ. צונעמענדיק פון טיש, איז זי געווען אויף דער וואַך, אָט ווי זי וואָלט עס געוואָלט אַוועק גנבענען, און האָט מורא מ'זאָל זי נישט כאַפּן ביי דער האַנט. גלאָז אָן גלאָז האָט זי קוים אָנגערירט. זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקטראָגן עטלעכע גלעזלעך, ווען גיינזבאראהס קאָפּ האָט זיך אַ ריר געטון, די אויגן האָבן זיך געעפנט, אַ צוק פון מויל. אה, דו, מערי?

— יעס סיר! — די גלעזלעך פּאָסטאמענטן צווישן די פינגער, האָט זי געוואַרט אויפן באַלעבאָס ער זאָל עפּעס באַפעלן. ער האָט געשוויגן.

— איר ווילט איך זאָל צונעמען די גלעזלעך?

— יאָ, נעם זיי צו. — און אַ קוק טוענדיק אויף איר. — ניין. נישט אַלע. לאָז איינ־קע. לאָז צוויי. פאַר מיר איינס און פאַר דיר איינס. ווילסט אַ גלעזל בראָנפן?

— אויב איר ווילט...

— אַוודאי וויל איך. קום, גיס אָן. ניין, נישט דאָס פלעשל. וואַרט, דאָ. שטעל אַוועק די גלעזלעך. נעם דאָס אָ, אָט אַזוי. געזונטהייט! — ער האָט צוגעטראָגן זיין גלעזל צו אירס, פאַרהאַלטן דאָס גלעזל, באַטראַכט אירע בלוי־שוואַרצע געקרייזטע האָר, דעם שטערן, אָנגעקלאַפּט זיין גלעזל אָן אירס, און איידער ער האָט דאָס צו־גענומען, האָט ער איינגעגראָבן זיין קוק אין אירע גרויסע בלוילעכע ווייסלעך פון די אויגן, אין די טינט, טונקעלע שוואַרצאַפּלען. מערי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, דאָס גלעזל ביי איר אין האַנט האָט זיך אַ וויג געטון, די דיקע ליפּן האָבן זיך אומרויק באַוועגט. גיינזבאראהס נאָז־פליגל האָבן אַ ציטער געטון, די אויגן זענען גרע־סער געוואָרן. ער האָט אָפּגעווישט ליפּ אָן ליפּ, אַ הויב געטון זיין גלעזל און עס איבערגעקערט אין מויל אַריין. פאַרטיק מיטן קרונט

האָט ער גיריק געקוקט אויף זיין מיטטרינקערין. געשפּרונגען מיט די אויגן פון אירע געקרויזטע האָר צום בוזים. זי האָט זיך פאַר־כלינעט. ער האָט אַ שטעל געטון זיין גלעזל אויפן טיש, אַ טראַט געטון צו איר און מיט דער ברוסט צו איר אַקסל, האָט ער מיט איין האַנט געקלאַפּט איר אין פּלייצע, מיט דער צווייטער אַ שאַר געטון פאַרביי אירע בריסט.

— „איט׳ס אָללרייט, מר. גיינזבאראה״, — האָט מערי זיך געצאַפּלט, זיך אַ בויג געטון צום טיש אַוועקשטעלן איר גלעזל, און געפּרוווט זיך אַרויסשאַרן פון די צוויי אָרעמס איבערגעצויגן איבער איר קערפּער. דער טיש האָט נישט געלאָזט אַנטלויפן, און די מענטשלעכע אָרעמס אויך נישט. זיי האָבן זי שטייף אַרומגענו־מען, און אַ הייסע דעמפּע בראָנפן־פאַרע האָט איר געזעצט אין פּנים.

— מר. גיינז־באַ־ראַ־ה!

נישט באַפרייענדיק זי, האָט ער זי אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיך, אַ דריק געטון איר אויבערשטן האַלבן קערפּער צו זיך, אַז זי האָט דערפילט אַ בראָך אין רוקן, און שטעלנדיק טריט אויף צוריק, האָט ער זי געצויגן נאָך זיך.

— מר. גיינז־באַ־ראַ־ה!

איר האָט געענטפערט אַ שווער סאָפּען.

— אה, אָבער, מר. גיינזבאראה, — האָט זי אַן אַוועקגע־וואַלגערטע אויפן טעפּיך, זיך געפּרוווט אויפהויבן, — מאַדאַם גיינזבאראה...

— אה... די מאַדאַם! איך בין באַלעבאָס!

דער גאַלאַגאַנסקער האָן — לעסלי עף גיינזבאראה איז אָנ־געפאַלן אויף אַ ראַבער הון — מערי און געדוכנט איבער איר, איינ־בייסנדיק זיך מיט די ברייטע טעמפּע ציין אין איר האַלז, אַז זי האָט אַזש אויפגעשריען, איר קערפּער האָט זיך אַ שטויס געטון קעגן זיינעם. — טוט ווי? — האָט ער תּמעוואַטע געפרעגט, און זולל וסובאדיק זיך באַלעקט: דזשי, מערי... ביסט געשמאַק... דער גערוך... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן מיט אַ נעגערטע...

אַ צען טעג נאָך דעם חנוכּת־הבית ביים ערן פּרעזידענט, האָט „די בערעזאוער מיוטשואַל אייד סאָסייעטי" אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג. דער סעקרעטאַר, ברודער זאַלצמאַן, האָט פּאַר־געלייענט אַ צושריפט פון דעם ערן פּרעזידענט מר. לעסלי עף גיינזבאַראַה, אין וועלכן ער דאַנקט פאַר דעם כּבוד, וואָס די סאָ־סייעטי האָט אים צוגעטיילט אַזוי פיל יאָר, עס איז ווירקלעך אַ כּבוד צו זיין פּרעזידענט פון אַזאַ ווירדיקער סאָסייעטי ווי די בערעזאוער, אָבער זיינע געשעפטן ערלויבן אים לײַדער נישט צו פאַרנעמען ווייטער דעם בּכבודיקן אַמט, לכן, מוז ער, לײַדער, זיך אָפּזאָגן פון דעם כּבוד. מיט דרך ארץ, אייער לעסלי עף גיינז־באַראַה.

איבערגעלייענט דעם בריוו האָט דער סעקרעטאַר אים אומ־געדרייט מיט כּתב — געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין — צו די ברידער. דער פּרעזידענט האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן האַמער. — וואָס דענקען די ברידער צו טון וועגן דעם?

האָבן אַלע ברידער זיך געמאָלדן צום וואָרט. יעדער איינער האָט געשריגן, אַז ס'איז אַ סקאַנדאַל! ווי האָט עס אַ ברודער קיין דרך ארץ, קומען צו אַן ערן פּרעזידענט, אַ מי־לי־אָ־נער אין הויז און ביי אים אין הויז אים אַזוי באַליידיקן. אַזאַ סקאַנדאַל איז נאָך נישט געהערט געוואָרן. און צוליב איין שכּור פאַרלירן אַן ערן פּרעזידענט, אַ מיליאָנער. און עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַ קאָמיסיע פון דריי, פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט און סעקרעטאַר, זאָלן גיין צו מר. גיינזבאַראַה, זיך אַנטשולדיקן פאַר אים און פועלן ביי אים ער זאָל בלייבן ערן־פּרעזידענט.

און אום צו באַווייזן אים, ווער זיינע אמתע ברידער זענען, באַשליסן זיי גלייך, אַז די בערעזאוער קענען ווייטער נישט האָבן ביי זיך אַזאַ מיטגליד ווי כּאַצקל שטיינבערג און זיין נאָמען זאָל גלייך אויסגעמעקט ווערן פון די ביכער.

באַוואָפנט מיט די איינשטימיקע באַשלוסן, האָבן פּרעזידענט,

וויצע פרעזידענט און סעקרעטאַר זיך געלאָזט צו לעסלי עף גיינזבאראה. באב, דער לאָקיי, האָט זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר זיי, זיי געבעטן וואַרטן, און אַליין פאַרשוווּנדן ערגעץ אין די צימערן. אין אַ פאָר מינוט אַרום איז ער געקומען און זיי געלאָזט וויסן אַז מר. לעסלי עף גיינזבאָראָה איז נישטאָ אין דערהיים. ער האָט זיך ווידער העפלעך פאַרנויגט און געעפנט פאַר זיי די טיר...

אז ישיר

אָ ז ר י ש ר . . .

לייבוש סקאָראָכאָד איז געשטאַנען, האָט געזעגן און געזונגען:

> א באנצע וואך האָ-רע-חעם מען דאָך.
> שבת דארף מען לייען.
> א גאנצע וואך האָ-רע-חעם מען דאָך,
> שבת דארף מען לייען.
> ליי-ען, ליי-ען...

ווען דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען, דעם מאַנטל צעשפּיליעט, די הענט אין די קעשענעס, ציגאַר אין מויל, איז ער געשטאַנען, באַקוקט, באַטראַכט מיט די אויגן און הויפּטזעכלעך מיט די אויערן, האָט ער געזען, ווי זיין אַרבעטער זינגט און זעגט צום טאַקט. דאָס געזאַנג, דער זיג-זעג האָט געריסן אין די אויערן, גערייצט. דער ציגאַר פאַרלאָשן, צעקייט, אַזש ברוינע יויך גיסט זיך, האָט אָן דעם מינדסטן פינגער באַריר זיך איבערגעגליטשט פון איין ווינקל מויל אין צווייטן. און לייבוש זינגט און זעגט. האָט דער באַלעבאָס אָנגענומען דעם ציגאַר מיט אַ פּאָר פינגער, אויסגעשפּיגן, טיפער אַריינגערוקט צווישן די ציין, צוגעגאַנגען צום אַרבעטער: — גיב מיר נאָר די זעג אויף אַ מינוט!

דער אַרבעטער האָט פּאַמעלעך דערלאַנגט די זעג, דערלאַנגענדיק געקוקט מיט אַ פראַגע, זיך אויסגעגלייכט.

— זעסט? — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט — אָט אַזוי זינגט מען:

יענקי דודל וועגט אַפּ טאַון
ריידינג אָן אַ פּאָני,
סטאַק אַ פעדער אין היז העט
ענד קאָלד איט מאַקאַראָני!

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט אָפּגעווישט די הענט, פּאַטשענדיק מיט איין האַנט פלאַך איבער דער צווייטער, און מיט אַ פאַרלאָפן רויט פּנים געקוקט אויף זיין בעל מלאכה.

דער בעל מלאכה האָט דערווייל אַרויסגענומען פון די אויבערהויזן אַ פּעקל „קעמל", פאַרדרייכערט, פּאַמעלעך גענומען די אָפּגעזויגענע לייסט, באַטראַכט, געשמייכלט.

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס דאָס לידל?

— באַן אונז זינגט מען דאָס נישט, — האָט לייבוש געענטפערט מיט אַ תמימותדיקן שמייכל.

— ווו באַן אייך? — דער באַן האָט זיך שאַרף געהערט.

— באַן אונז אין דער יוניע, מר. זלאַטקין.

— אַזוי?!

— יעס סערי! פאַר אַזאַ לידל קריגט מען שטראָף.

דער ציגאַר האָט זיך האַסטיק איבערגערוקט פון איין ווינקל מויל אין צווייטן. דער באַלעבאָס האָט עפּעס אַ בורטשע געטון און איז אַרויס שנעלער ווי ער איז אַריינגעקומען.

— אָט אַ יאָלד! — האָט לייבוש אַ זאָג געטון, נאָכקוקנדיק דעם באַלעבאָס. ער האָט גענומען די לייסט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, און ליגנדיק כורעים, געקלאַפּט און געזונגען:

אַמע=ריקאַ=נעק פּאָר=ליעק
ק׳ראַ=באַ=טיע מוד=רעק...

טעמפּע, אָפּגעריסענע האַמער-קלעפּ האָבן נאָכגעיאָגט דעם באַלעבאָס: נו, טאַקע, וואָס טשעפּעסטו זיך? ווייסטו נישט, אַז לייבוש סקאַראָכאָד איז אַ גוטער בעל מלאכה? יענקי דודל זינגען! נישט לייבוש! לייבוש, אַז ער פאַראַרבעט זיך אָן אַ לידל שלאָגט ער אָן צופיל לייסטן אָדער הענגט אויף צופיל טירן. איין מאָל באַצאָלט שטראָף, געקראָגן דעם נאָמען „סקאַראָכאָד", גענוג. מער

נישט. אמת, עס איז אים שווער זיך צוריקצוהאַלטן, אַ שנעלע האַנט, און ווי גרינג ער זאָל נישט אַרבעטן, מוז ער נאָך צערייבן אַ פּאָר שטונדן, כּדי אַנדערע זאָלן זיך אויסגלייכן מיט אים, ער האָט אַן אַנדער וועג צו דער אַרבעט, און ס'איז אַפילו נישט אין זיין נאַטור זיך דרייען ביי דער אַרבעט, אָבער ער זאָל זיין אַ בייטש פאַר אַנדערע — נישט ליבוש!

הער, דו-בי-נוש-קא
דא-א אוכניעם...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעזונגען, וואָס? ווילסטו פאַרנעמען קאַרוזאָס פּלאַץ?

— אָה, העלאָו דזשאָו! — האָט לייבוש פריינטלעך זיך געגריסט. — איך האָב אים אין דרערד.

— וועמען, קאַרוזאָן?

— קאַרוזאָ?! יענער ליגט דאָך שוין אין דער ערד! דעם באַלעבאָס אונזערן, מר. זלאַטקין, מיין איך. האַלט פייער! פּ-פּ-פּ... קומט מיך לערנען אַרבעטן. יענקי דודל זאל איך אים אַרבעטן. אַזאַ... נעכטן אַליין באַלאַנגט צו דער יוניע, און היינט וויל ער שוין יענקי דודל. איכל אים געבן אַ יענקי דודל...

— צאָלרייט, זאָל ער זינגען, ערט באַלד טאַנצן. דעם ערשטן מאַי גייט אויס דער אָפּמאַך.

— דענקסט מ'עט סטרייקן?

— די כאָליערע ווייסט זיי. ווילן אַרונטערנעמען צוועלף און אַ האַלבן סענט, ווילן זיי.

— זיי'לן צאָלן! עלן ווייבען און צאָלן!

לייבוש איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן צאָלן. אָט קריגט ער דאָך נאָך אַריבער דעם באַשטימטן פּרייז. און אַרונטערגענומען? נישט ביי לייבושן, ביי קיינעם! סטרייקן איז סטרייקן.

מ'האָט געסטרייקט, האָט גנעסיע געטענהט: אָבער דיין באַלעבאָס האָט דאָך נאָכגעגעבן, וואָס קערסטו זיך אָן מיט זיי.

— אַז דו ביסט אַ יידענע, פאַרשטייסט נישט. ער האָט נאָכגעגעבן! וואָס האָט ער נאָכגעגעבן, וואָס? ער'ט צאַלן דעם

פרייז. אַ גדולה. ער וויל אָבער אויסקלייבן די אַרבעטער. לייבוש סקאָראָכאָד וויל ער און דעם לאַנגן שניידער נישט, ווייל, פאַר־שטייסטו מיך, לייבוש איז אַ סקאָראָכאָד און דער לאַנגער שניידער נישט. פאַרשטייסטו שוין? גיב עפּעס עסן. און דו, מורזיק, האָסט שוין געגעסן? — ער האָט אַ הויב געטון מורזיקן, דעם דריי יאָ־ריקן בענעלע, און אים אַרונטערגעלאָזט. איז בענעלע געווען צו־פרידן פון דעם הויב אין דער לופטן, פון זיין פּאָטערס אויפגעלייגטקייט, און אַז דער טאַטע איז אויפגעלייגט, פאַרוואָס זאָל ער נישט אָנדרייען דעם גראַמאָפאָן? בענעלע האָט אַ שוואַכקייט צום שפּיל-קעסטל. ער האָט שוין נישט איינמאָל געוואָלט זען דאָס מענטשעלע אינווייניק, וואָס זיצט און שפּילט. שלעפּט ער דעם טאַטן צום שפּיל-קעסטל. דער טאַטע לאָזט זיך נישט: וואַרט, מורזיקל, טאַטע וועט אָפּעסן וועט ער שפּילן. — מורזיק גייט אָבער נישט איין דערויף, ער שלעפּט פאַר די הויזן, מאַכט פּיסקעס — שפּילן! — גיט לייבוש נאָך, שטעלט אַרויף אַ פּריילעכס פון אַ יידישער קאַפּעליע. קוויטשעט אַ פידל, אַ פלייט פאַרגייט, די טרובע רעוועט, פויק און טאַצן זענען מרעיש עולם. נעמט לייבוש בענעלען פאַר די הענטלעך: נו, טאַנץ, בענעלע, טאַנץ! טאַטע און זון דרייען זיך.

— אַ גדולה אויף אים! זיך צעטאַנצט אינמיטן דרינען! גיי עסן, גיי!

— גערעכט. קיין טאַנץ פאַר קיין עסן גייט נישט. איך דאַרף טאַקע באַלד אַוועקגיין.

— וווהין שוין ווידער? ביי לייטן, אַ מאַן אַרבעט נישט, איז ער אין שטוב מיט דעם קינד, דאָ, איז נאָר געלאָפן, וווהין דאַרפסטו עס גיין?

— וואָס הייסט וווהין? מ׳סטרייקט דאָך!

— דו מיט דיין סטרייק.

— אַוודאי מיין סטרייק, וועמעס דען, דיינער?

— פון מיינעט-וועגן האָט ער זיך שוין געמעגט ענדיקן. דער קצב...

— שוין ווידער דער קצב? זאָג אים, דעם קצבל, אַז היינטמאָרגן ענדיקט זיך דער סטרייק. לייבוש האָט געוווסט. וואָס ער האָט געזאָגט. דערויף איז ער דאָך געווען דער פירער פון סטרייק, ער האָט דאָך פאַרהאַנדלט מיט די באַלעבאַטים. און ווען מ'האָט נאָכן געוווּנענעם סטרייק אים אויסגעקליבן פאַר דעם געשעפטספאַרוואַלטער פון דעם יידישן לאָקאַל, און אַלס פאַרטרעטער צום „דיסטריקט קאָונסיל”, האָט זיך לייבוש געפילט ווי אָנגעטון אַ פּאָר שפּאָגל נייע עפּאָלעטן.

2

די עפּאָלעטן זענען לייבושן געפעלן געוואָרן, גוט אַרומצופאָרן פון איין „דזשאַב" אויפן צווייטן. — העללאָו פּעטי! העללאָו סלים! און צוריק: העללאָו לואי!

דער „סקאָראָכאָד" איז פאַרשווונדן, לייבוש האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, מר. קאַלינסקי, לואי, אָדער גאָר לו. ער האָט נישט געבענקט נאָך לייבוש סקאָראָכאָד. סטאָליאַרקע איז אַפילו נישט שלעכט. מ'זעגט, מ'קלאַפּט, מ'פּילט, אַז מ'טוט עפּעס, ס'עסט זיך געשמאַק, ס'זינגט זיך אַפילו ביי דער אַרבעט. פונדעסטוועגן איידער ליגן אויף די קני און שלאָגן לייסטן, איז טאַקע בעסער אַרומצופאָרן מיט דער „מאַשין", און אַרויספאָרן מיט דער „פאַמיליע" זונטיק ערגעץ אויסערן שטאָט איז גאָר אַ מחיה. אַ טייערע זאַך אַ מאַשין. דער קליינער וועוורק — בענעלע — וויל דאָך שוין טרייבן, און פאַר געזאָלין צאָלט מען, „וואַט אַ העלל..."*) די ווערטער מיט די פינטעלעך נאָך זיי האָט ער זיך אויסגעלערנט אין „דיסטריקט קאָונסיל", דאָרט האָט ער אויך געלערנט וויפל גאַזאָלין עס דאַרף אַוועקגיין...

האָבן זיך געפונען אייניקע שקצים, עזות-פּנימער, וואָס האָבן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זייער געשעפטס-פאַרוואַלטער טרינקט צופיל גאַזאָלין לעצטנס. האָט לואי קאַלינסקי איין שייגעץ פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט אַ גוטן „דזשאַב" און אַ צווייטן שייגעץ, אַ שייגעצל, אינגאַנצן פאַרהערט, כאָטש אין אויער איז פאַרבליבן די שטימע פון דעם שרייער. ווען די שטימע האָט שפּעטער, צו ווינטער צו, זיך געלאָזט הערן, בעטנדיק אַ טאָג אַרבעט, האָט לואי קאַלינסקי זי גוט דערקענט און פאַרטרויליך געענטפערט: דריי נישט קיין היטל. געמאַכט די וואָך אַ טאָג אַרבעט, שווייג! — האָט דער אַרבעטער שוין ווידער גענומען שרייען: וואָס איז דאָס? גיסט עפּעס דיינס? אַ נדבה? דאָ גייען אָן „לינקע געשעפטן", איינער מאַכט גאַנצע וואָכן און אַ צווייטער מאַכט אַפילו נישט

---

*) כאַפּט עס דער רוח.

אַ טאָג אַרבעט. איז שוין לואי אין כּעס געוואָרן: ווער וואַגט עס צו רעדן פֿון לינקע געשעפֿטן?

דער דרויסן איז אַ מיאוסער, רעגן, שניי, די בוי-אינדוסטריע איז טויט ווי אַלע טויטע, טאָמער בויט עמעצער אַ כאַטקע און דאַרף אַן אַרבעטער, וויל ער כאָטש אַ בעל-מלאכה, נישט קיין קאַליקע. ער קאָן איצט נישט שיקן קיין קאַליקעס, זאָלן אָפּאַרבעטן אַ שטונדע, און דער באַלעבאָס זאָל זיי הייסן איינפּאַקן, און די יוניאָן זאָל האָבן „טראָבל”. דאָ גענוג טראָבל און טראָבל-מאַכער אַזוי אויך.

דערויף האָט דער „טראָבל-מאַכער” אין געשטאַלט פֿון אַ ברודער אַרבעטער מיטן נאָמען משה לייבאָוויטש גאָרנישט געענטפֿערט, דער האַמער האָט אַ קלאַפּ-געטון, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, מער נישט אַוועקזעצנדיק זיך, האָט זיין קוק זיך געצויגן איבער לואיס פּנים, ברוסט, איבער דער האַנט מיטן האַמער, און זיצנדיק שוין, געברומט: וואַרט, דו הונט מיט אויערן, איכל דיר שוין געבן טראָבל. וועט קומען דיין צייט אויך. יעדער הונט האָט זיין טאָג.

דער טאָג איז געקומען. ווידער מאַי, ווידער פֿאַרהאַנדלונגען. אַ שטאַרקער ווינטער געווען. האָט מען געוואַרט אויף דעם פֿרילינג, אַרבעט וועט מען רייסן. אָבער פֿרילינג-ווינטלעך האָבן שוין געבלאָזן, דער אַפּריל שפּריי-רעגן האָט שוין די ערד באַשפּרינקלט, און קיין גרויסע געביידעס האָט מען נישט געזען וואַקסן. ווו נישט ווו האָט מען געקלאַפּט אויף אַ הייזקע, און וואָס שטילער די האַמערס האָבן געקלאַפּט, אַלץ העכער האָבן די אַרבעטסגעבער גערעדט: ווער קאָן עס בויען, אַז אַרבעט איז אַזוי טייער.

— און פֿאַראַיאָרן איז אַרבעט געווען ביליקער? — האָבן די אַרבעטער זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ. — אַרבעט טייער! אַ תּירוץ פֿאַר די בענטש-ליכט. די באַנק גיט קיין געלט נישט, דאָס איז די צרה.

— באַנק, שמאַנק. די באַנק גיט קיין געלט נישט. וואָס וועט זי טון מיט דעם געלט? עס עסן? מ׳גיט געלט. זיי ווייסן

דער ווינטער איז געווען אַ ביטערער, אויסגעהונגערט איז מען, פּרובירן זיי אַרונטעררייסן אַ קוואָדער, רייסן זאָל מען זיי די ציי איינציקווייז און מיט אַמאָל.

— ווערן זיי אַלע ווי איינער אויסגעריסן.

ווען עס איז געקומען צום אָפּשטימען, וואָס זאָל מען טון, גיין אַרבעטן פאַר אַ דאָלאַר אַ שטונדע אָדער סטרייקן, האָט מען זיך שוין געהאַט אָפּגערעדט פון האַרצן, שוין אָנגעשאָלטן און געוויסט, אַז מיט קללות וועט מען נישט אָפּקומען. פאַרביטערטע איז מען אַרויס אין סטרייק.

פערצן וואָכן האָבן זעג און האַמער גערוט. דערפאַר אָבער האָט לואי קאַלינסקי געאַרבעט אויף אַלע כלים. פריער זיצונגען מיט אַרבעטער בלויז און נאָכדעם קאָנפערענצן גאַנצע מיט אַרבעטסגעבער, דעם מעיאָר פון שטאָט, און סתם פּראָמינענטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין. קומענדיק אַהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, האָט לייבוש אַפילו קיין כח נישט געהאַט צו ענטפערן גנעסיען אויף איר פראַגע, ווי עס האַלט מיט דעם סטרייק. ער האָט איר בלויז דערלאַנגט די ציימונג, זאָל זי לייענען, וואָס ער דענקט וועגן סטרייק. האָט גנעסיע מיט חשד גענומען די צייטונג, מיט שוועריקייט געלייענט, פאַרשטאַנען, אַז איר מאַן איז אַ וויכטיקער מענטש, שרייבט אין די צייטונגען, אָבער נישט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט אַהין דער מעיאָר. האָט לייבוש געלאַסן דערציילט וועגן מעיאָר, דאַן וועגן דאָקטאָר האָפּקינס, אַ פיינער מאַן, דערנאָך וועגן דזשאָן מקניקל פון דער מקניקל קאָנסטראַקשאָן קאָמפּ., אַ ווילער יונג. ווען די ליסט פון פּראָמינענץ האָט זיך אויסגעשעפּט און די נייגעריקע גנעסיע האָט ווידער געפרעגט די ערשטע פראַגע: און ווי האַלט עס מיט דעם סטרייק? האָט לואי מיט חשיבות געענטפערט: איך דענק, די וואָך וועט נעמען אַן ענדע.

דער סטרייק איז געשליכטעט געוואָרן. מ׳האָט דעם קוואָדער אויף צווייען געשפּאָלטן, בלויז צוועלף און אַ האַלבן סענט האָבן די אַרבעטער אַרונטערגעלאָזט, און נאָך איידער די אַרבעטער זענען געגאַנגען שטימען, אויב זיי ווילן דאָס טון, האָבן זיי שוין

געלייענט אין די צייטונגען, ווי מר. לואיס קאַלינסקי, דער גע־שעפטס־פאַרוואַלטער פון לאָקאַל 1839, באַדאַנקט דעם מעיאָר און די אַנדערע פּראָמינענטע בירגער פאַר זייער הילף אין שליכטן דעם סכסוך, און ער האָפט, אַז אין דער צוקונפט וועלן אַזעלכע סכסוכים צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט אינגאַנצן אויסגעמיטן ווערן.

דורך רויך געדיכט ווי אַ זיפּ, דורך אַ טומל ווי אויף אַ קליינשטעטלדיקער חתונה האָט זיך דאָס וואָרט „פאַררעטער" דורכגעשניטן אַ וועג, און ווי אַ שפּיי זיך צוגעקלעפּט צו לואי קאַלינסקי. געוואָרפן האָט עס משה לייבאָוויטש, און הינטער אים זענען געשטאַנען נאָך צענדליקער מיטן זעלבן וואָרט אויף די ליפּן.

לואי קאַלינסקי האָט תחלת געגומען סטראַשען, אַזאַ בלבול וועט ער נישט שענקען, שפּעטער גענומען אויסרעכענען זיינע קרבנות, וואָס ער האָט געבראַכט אין צייט פון סטרייק, נישט גע־געסן, נישט געשלאָפן, אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז, איז ער שולדיק, אַז די צייט איז אַ שלעכטע און אַז מ׳קען נישט אַריבער מוז מען אַרונטער? צולעצט האָט שוין גערעדט נישט לואי קאַלינ־סקי נאָר לייבוש סקאָראָכאָד: זאָל ער איינגעמען אַ מיתה משונה דאָ גלייך, זאָל ער קריגן די פּאַפּלעקציע דאָ, ווו ער שטייט, זאָל ער נישט דערלעבן זען זיין בענעלען, אויב ער האָט אַפילו גענו־מען אַ ציגאַר פון אַ באַלעבאָס. האָבן אים די ברידער געגלויבט. לייבוש איז פאָרט לייבוש. זיי האָבן אים אָבער נישט געקענט פאַרגעבן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אין די צייטונגען. זיינע אַלע טענות, אַז דאָס האָט נישט ער געזאָגט, דער רעפּאָרטער האָט עס נעשריבן, האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט געמוזט אויסטון די עפּאָלעטן.

עפּאָלעטן זענען נישט קיין קנאָפּל, דאָך זיי פאַרלוירן, איז לייבוש אַרויסגעגאַנגען פון זאָל אַ נידעריקערער, ווי ער איז אַריינגעקומען. אויפן וועג אַהיים פאַרלוירן אַ פּאָר קללות אין דער וועלט אַריין, אַ זודיקער סאַמאָוואַר, דאָס דעקל אַראָפּגענומען, איז געגאַנגען אַהיים, און געקומען אַהין, האָט די פאַרדרוס־פאַרע גלייך אַרומגענומען גנעסיען: — ווען נישט איך, וואָלט דאָך דער

סטרייק געווען אַ פאַרלוירענער. דאָס האָב איך דאָך אַרויסגעריסן די צוועלף און האַלב סענט. אַרויסגעריסן ווי ביי אַ וואָלף פון די ציין. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט דאָך געקאָנט אָפּשאַרן אַן אוצר, קומט צוגיין אַזאַ לומפּ און זאָגט, איך האָב פאַרקויפט. אַז פאַרקויפט זאָל ער ווערן...

— איך האָב דיר אָבער געזאָגט, דו האָסט מיט זיי גאָר־נישט וואָס צו טון. וואָס האָסטו זיך צו מישן אין זייערע געשעפטן. איצט זעסטו שוין, ווער ס׳איז שיין, איך בין קלוג. אָט דאָס איז, אַז מ׳פאָלגט נישט אַ ווייב.

— אָ, רעדסט נאַרישקייטן!

— אַוודאי רעד איך נאַרישקייטן! מירן שוין זען, וואָס דו וועסט אויפטון מיט דיין חכמה, גיין בעטן אַ טאָג אַרבעט, זיך אָפּ־רייסן די קישקעס מיטן קאַסטן געצייג. די מאַשין נעמען זיי צו?

— ניין, זיי וועלן זי דיר לאָזן?

— נאַ־אַ, זעסטו שוין, זיך גיין שלעפּן מיטן קאַסטן.

— כ׳האָב זיי אין דער ערד, מיט זייער מאַשין, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער.

די „יוניאָן טראַסט און סייווינגס באַנק", אָדער ווי יידן האָבן מקצר שם געווען, די „יוניאָן באַנק", אין האַרץ פון יידישן געגנט, איז אַ יידישע באַנק. קיינער פון די אָנגעשטעלטע איז אַפילו נישט קיין ייד, דער פרעזידענט, קאַסירער אויך נישט קיין יידן, דאָך איז אין דער גראַמער, קאַלטער, מירמלשטיין־געביידע שבת אָוונט וואַרעם, טומלדיק און היימלעך, ווי אויף אַ יידישער שמחה. דאָרט האָט אַ יידישער בויער געביטן טשעקס, זיי זאָלן ערשט אַריין ביי מאָנטיק אָדער דינסטיק, מ׳האָט „געכאַפּט" אַ טויזנטער, אַ הונדערטער, מ׳האָט געשריבן טשעקס און „געדעקט" טשעקס, דאָרט האָבן אַרבעטער איינקאַסירט זייערע טשעקס, געקריגן שבת צוועלף אַזייגער, אָדער גאָר אָפּגעוואַרט דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט און נישט געבראַכט דאָס געצאָלטס אויפן „דזשאַב". דאָרט האָט מען אָנגענומען און אַוועקגעגעבן קאָנטראַקטן, אַגענטן האָבן כּמעט ווי געשלאָסן מסחרים, פּראָצענטניקעס האָבן געצויגן צוזאַמענגעלייגטע פאַפּירן פון די בוזים־קעשענעס, שטודירט פאַפּירן, און צוגעזאָגט הלוואות, פאַרשטייט זיך נישט דאָ שוין, מאָנטיק, דינסטיק.

אין אַ מאָנטיק אינדערפרי איז דער מירמלשטיין פון באַנק ווידער קאַלט, בלוי, די געשפּרעכן שטיל. דער בויער, לאַנד־קויפער און פאַרקויפער, אַלע מאַכן געשעפט אויף אַ געשעפטסמעסיקן שטייגער, מ׳דיסקאָנטירט וועקסלען שטילערהייט, מ׳פאָלגט נאָך מיט חשד, ווי יענער שרייבט זיך אונטער, און אַליין שרייבט מען זיך אויך אונטער אָן חשק. נאָר וואָס זאָל מען טון — בשנים יקום דבר, מ׳מוז האָבן צוויי צו שליסן אַ געשעפט, און אַמאָל נאָך אַ דריטן — אַ פאַרמיטלער.

אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוויינלעך, האָט לייבוש סקאָראָכאָד זיך דערפילט איבעריק אין זיין אייגענעם הויז, און אין ערגעץ האָט קיינער נישט געוואַרט אויף אים. ער האָט גענומען בודק חמץ זיין זיינע קעשענעס, פאַפּירלעך, קאַרטלעך, דאָס יוניאָן ביכל נישט אַוועקגעגעבן. אָבער שווער פאַר אַ נעכטיקן אָפּיציר

אָפּגעבן אַ נעכטיקן סאָלדאַט „טשעסט", אים איז נישט געפעלן געוואָרן דער ענין פון גיין בעטן אַ טאָג אַרבעט. ער'ט אַרויסגיין אין גאַס סתם אַזוי. ביי דער יוניאָן באַנק שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרפט אַ קוק, נישטאָ קיין אַרבעטער, צופרידן.

שיינבערג, אַ געוועזענער סטאָליאַר, נאָכדעם בויער, און איצט אַ ריעל עסטייטניק און אַ שדכן ביי פּראָצענטניקעס — פירט צענויף דעם לייער מיטן פּראָצענטניק און קריגט דערפאַר אַ פּראָצענט. נידעריק, ברייט-פּלייציק, קאַטשעט זיך אַרויס פון באַנק מיט זיין קאַטשקע-גאַנג, וויגט זיך אין דער ברייט פון איין קליבע אויף דער צווייטער, פון צפון צו דרום, באַוועגט זיך דאָך פאָרויס צו מזרח, קומט צו צו לייבושן, שטעקט אויס אַ האַנט מיט קורצע פינגער: מזל טוב!

קוקט אים לייבוש אָן.

— אויס קאַפּעליוש-מאַכער, האַ?

— שוין געקריגן די פּאָטשט?

— נאָך נעכטן באַנאַכט. וואָס דענקסטו צו טון? זיך שטעלן אַרבעטן?

— ניין.

— לואי, ביסט אָלרייט! זאָלן קאָלאָמבוסעס סטאָליאַרעס שלעפּן די „טו ביי פאָרס" *). דו ביסט דאָך עפּעס אַ בעל מלאכה, אַ סטאָליאַרס אַ קינד, ווי זאָגט מען, פּנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, קענסט שוין עפּעס מער אויפטון.

— ווייסט אפשר פון אַ דזשאַבּ?

— אַ דזשאַבּ? וואַרט, ווער האָט עס מיך געפרעגט? מאַרגאָליעס. דייוו מאַרגאָליעס האָט מיר עפּעס געזאָגט ערגעץ אין אַ געשעפט. קענסט צוגיין אַ פרעג טון. און פאַרוואָס טאַקע זיך נישט שטעלן בויען?

לייבוש האָט אים אָנגעקוקט.

— איך מיין עס ערנסט — האָט שיינבערג געענטפערט אויפן קוק.

---

*) קלעצער.

— וואָס הייסט בויען? בויען, דאַרף מען דאָך געלט, אַ לאַט כאַטש!

— אַ גרינער בלייבט אַ גרינער. איכל דיר געבן אַ לאַט. קוק נישט אַזוי אויף מיר. איכל אים דיר נישט שענקען, אָבער דו דאַרפסט מיר קיין געלט נישט געבן. אויף קאָנטראַקט. ווייסט נישט וואָס דאָס איז? נו, ווי דען, געקלאַפּט מיטן האַמער, ווי קומסטו וויסן אַזעלכע זאַכן. קורץ און גוט. איך האָב אין לייקוווד פיר און צוואַנציק לאַטס, קלויב זיך אויס איינעם, שטעל זיך גראָבן אַפילו מאָרגן, איכל דיר שוין קריגן געלט אויך. קענסט נאָך היינט פאָרן אָנקוקן.

לייבוש איז צעמישט געוואָרן. וואָס הייסט מ׳גיט אים אַ לאַט, געלט. שיינבערג ווערט מיט אַ מאָל אַזוי גוט צו אים. עפּעס שטעקט דאָ. „נו, ווי דען, געקלאַפּט מיט׳ן האַמער!״ נאָך אַזוי קלוג ווי ער. ווו האָט ער געזאָגט, לייקוווד? מ׳בויט דאָרט הייזער. פריער אָבער דאַרף מען צוגיין צו מאַרגאָלעיסן.

שווער איז געווען דאָס קעסטל געצייג נאָך אַ יאָר נישט טראָגן, עס איז אים אָבער גרינג געווען אויפן האַרצן, ער אַרבעט נישט פאַר יענעם, אויב עס וועט אים אָפּגילטן, וועט ער אין דעם דזשאַבל מאַכן אַ צוויי הונדערט דאָלאַר, דאַן נאָך אַ דזשאַבל, און נאָך...

אין דעם יאָר צייט האָט לייבוש די מלאכה נישט פאַרגעסן. די זעג איז געגאַנגען ווי אַ סמיק, און דער האַמער טרעפט דעם צוואָק אין קאָפּ, מער נישט, נאָכן טאָג אַרבעט ברעכט דער רוקן, הענט הענגען אַראָפּ ווי קלעצער, די פיס צוגעטשעפּעטע, פרעמדע. אַ יאָר צייט געווען אָן אַרבעט-תענית, און זיך צוגעכאַפּט ווי נאָך אַ תענית צו דער אכילה. ביים אָפּפּאַסטן זינגט קיינער נישט קיין זמירות, די אכילה איז דער עיקר. ער האָט געאַרבעט שנעל מיט אימפּעט, געשלונגען די אַרבעט. קיין געזאַנג האָט זיך נישט אַרויסגעזונגען. איז אים עפּעס געוואָרן קשה, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גערעדט עפּעס צו זיך, וואָס קיינער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, ער אַליין האָט נישט געהערט די אָפּגעריסענע ווערטער. די דאָזיקע אויסריידונגען, מחשבות, עכאָס, האָבן אים אָבער קאָנטיק געהאָלפן,

אַ ווייז טוענדיק מיטן פינגער אַרויף, האָט ער פאַרענדיקט זיינע רעדערייען און זיך גענומען צו דער אַרבעט נאָך מיט אַ שנע־לערן טעמפּ ווי פריער.

די אַרבעט איז פאַרבערענט געוואָרן אונטער זיינע הענט. אַ צופרידענער האָט ער געקוקט — מעשה ידיו. ווען ער האָט אָבער איינגעפּאַקט זיין געצייג, אַרויפגענומען דאָס קעסטל אויפן אַקסל, גענומען גיין, האָט ער דערפילט דאָס קעסטל שניידט. ער האָט אַ הויב געטון דעם אַקסל, איינגעמאסטעט דאָס קעסטל, די משא האָט אָבער געדריקט, האָט ער אַרונטערגעלאָזט דאָס קעסטל, גע־שטאַנען, דערזען פון וויטן איינעם אין אויבערהויזן, האָט ער אויף שנעל אַ הויב געטון דאָס קעסטל געצייג און אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שנעלן טראָט. געקומען אַהיים, האָט ער עס אַ וואָרף געטון, אַזש דאָס געצייג אינעווייניק האָט זיך געלאָזט הערן.

— שוין געענדיקט? — האָט גנעסיע אַביסל פאַרחידושט געפרעגט.

— געענדיקט.

— שוין באַצאָלט אויך?

— ווען? איך קום דאָך ערשט פון דער אַרבעט.

— מ׳טאָר שוין גאָרנישט פרעגן?

— גיב עסן!

האָט גנעסיע שווייגנדיק דערלאַנגט צום טיש. לייבוש האָט שווייגנדיק געגעסן, בלויז בענעלע האָט נישט געוואָלט שווייגן.

— פּאַ, ווו איז די מאַשין?

— נישטאָ.

— אָבער ווו איז זי? אין גאַראַזש?

— אין גאַראַזש.

— פאַרוואָס נעמסטו מיך נישט זיך דורכפאָרן?

— בענעלע, באַדער נישט דעם פּאַפּאַ! עס!

— איך וויל זיך דורכפאָרן! — האָט בענעלע אויסגעזוונגען מיט אַ וויינענדיק קול.

— וועסט אָפּעסן, וועט דער טאַטע דיך נעמען זיך דורכפאָרן.

— יאָ, פּאַפּאַ?

— עס! — האָט לייבוש אַ זאָג געטון.

דער באַפעל האָט בענעלען אַ קלאַפּ געטון אומגעריכט. ער האָט מורא געקראָגן אַרויסרעדן אַ וואָרט, נישט געוואגט אַפילו אַ קוק טון אויפן טאטן. דער חשק צום עסן איז איבערגעגאַנגען, די אונטערשטע ליפּ האָט זיך גענומען באַוועגן, אָט צעוויינט ער זיך, דערווייל אָבער שטאַרקט ער זיך דערמיט, וואָס ער רייבט דעם מעסער אין דער צעראטע. לייבוש האָט אַ נעם געטון בענעלעס הענטל, אַרויסגעקוועטשט דעם מעסער, אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש מיט אַ קלאַפּ. — עס, זאָג איך דיר!

גנעסיע האָט ווי עס איז איינגעשטילט בענעלען, בייז אַ קוק געטון אויף לייבושן. ער האָט געשוויגן, נישט געקוקט אויף ווייב און קינד, ערשט ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער הינטערווייַלעכץ אַרויסגעוואָרפן די ווערטער: — איך גיי צו צו מאַרגאָליעסן נאָך געלט.

אַרויסגייענדיק פון הויז, האָט שוין לייבוש געוווּסט, אַז צו מאַרגאָליעסן גייט ער איצט נישט. ער וועט אים סיי ווי איצט נישט טרעפן, טאָ וואָס גייט ער, וווּהין? ער האָט דערזען אַ סך מענטשן גייען, איילן, זיי גייען, ווייל זיי דאַרפן, און ער אינמיטן אַ העלן מיטוואָך גייט סתם אין דער וועלט אַריין. איבערגיין פון איין דזשאַב אויף אַ צווייטן אינמיטן טאָג האָט ער פיינט געהאַט, און איצט גאָרנישט, שפּאַצירט. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין ליידיקגייערײַ. און וואָס וועט זיין? אפשר גאָר צופאָרן אויף לייק-ווּוּד? עס דאַרף נעמען אפשר צוויי שעה פאָרן מיט דער קאַר. מיט אַ מאַשין!... כאַפּט זיי אַ קלאָג... ער׳ט זיך שטעלן בויען, וועט ער קויפן אַ מאַשין.

פאָרנדיק אין קאַר האָט ער שוין געבויט דאָס הויז. שיינ-בערג איז אַ דרייער. ווּעמען אַרט עס? זיינע טויזנטער, וואָס ער לייגט אַריין? אַ וואָך אַרבעט וועט ער דאָך אויסקלאַפּן, און אויב נאָך אַ גוטער לאָט, קענען פאַרקויפן גלייך, איז...

דער „קאָרנער לאָט” איז אים געפעלן געוואָרן. שיינבערג

איז ווילׅיק זיך צו שיידן מיט דעם לׅאַט אויך, עס קאָסט בלויז מיט דריי הונדערט דאָלׅאַר מער, נאָר וואָס דאַרף עס לייבושן אַרן, ער לייגט דאָך סיי ווי קיין געלׅט נישט אַריין, ער, שיינבערג, וועט שוין אַלׅץ צורעכט מאַכן.

און אַזוי איז לׅייבוש מיט דער הילׅף פון שיינבערג דעם ריעלׅ עסטייטניק, פּראָצענטניקעס, דער באַנק, און זיינע צען פינ־גער אַלׅס צוגאָב, געוואָרן אַ בויער.

4

לײבוש איז געװען אַזױ פאַרנומען, אַז װוּ ער האָט זיך נאָר באַװיזן, האָט זיך געדאַכט, אַ װינט גײט פאָרױס אים. געקומען, געבראַכט מאַטעריאַל, אָנגעזאָגט עפּעס די אַרבעטער, געשריען, זיך געאײלט װידער אַװעקצוגײן, און װידער געקומען אין אײלע־ניש. די װענט זענען צו פּאַמעלעך געװאָקסן. אַז זײ אַרבעטן נישט! אים רײסט דאָס האַרץ צו זען, װי מענטשן קריכן בײַ דער אַרבעט. צװישן אײן גאַנג און אַ צװײטן כאַפּט ער אַרײַן אַביסל אַרבעט. זאָלן זײ זען װאָס הײסט אַרבעטן. אַרבעטנדיק שאַפט ער זיך מיט די סטאָליאַרעס, עלעקטריקער. באַפעלן שאַרפע, אומגעדול־דיקע. מיט זײנע ברידער סטאָליאַרעס כאַפּט ער דאָך אַ שמועס: װער איז הײַנט דער געשעפט־פאַרװאַלטער?

— נישטאָ קײן געשעפטס־פאַרװאַלטער.

— װאָס הײסט?

— צו אַ טײַערער ביסן, טרינקט צופיל גאַזאָלין... דער עולם װיל נישט צאָלן, — באַגײט מען זיך אָן אים. דער געשעפטס־פאַרװאַלטער פון דער גױעשער יוניאָן באַזאָרגט שוין דעם יידישן לאָקאַל אױך.

— הם... אַזױ... — האָט קאַלינסקי אַרױסגעברומט, זיך פליסיקער גענומען צו דער אַרבעט. — און װער פון זײערע גיט עס אַכטונג?

— אײנער טים, טים בלעדסאָן.

— בלעדסאָן?

— אַ נײער. דער אמתער חברה מאַן. אַ שכור, אַז... שאַאָט גײט ער.

„העללאו באָיס!" — האָט זיך אַ שאָט געטון אַ הײזעריקע באַסאָװע שטימע. — אַלע אַרבעטן? אַרבעטס־קאַרטלעך!

הענט האָבן זיך געצױגן אַף די הינטערשטע קעשענעס פון די אױבערהױזן, אין די בוזימס גאָך אַרבעטס־קאַרטלעך. קאַלינסקי האָט געאַרבעט האַסטיק.

— און װאָס איז מיט דיר? װוּ איז דײן קאַרטל?

— ער איז דער באַלעבאָס, — האָט איינער געענטפערט.

— איך פרעג נישט דיך, — האָט טים אַ זאָג געטון, און אין דער לופט זענען געבליבן פינטעלעך, אַן אָנדייטונג אויף שאַרפע נישט דערזאָגטע ווערטער. — ביסט דער באַלעבאָס?

— האָסט שוין געהערט! — האָט קאַלינסקי פאַרדריסלעך געענטפערט.

— געהערט, אַוודאי געהערט, אָבער איך וויל זען אויך, איך וויל זען, ווי דו לייגסט אַוועק דאָס געצייג.

— אַזוי!

— „יעס סער!"

— און אַז נישט?

טים האָט אים אָנגעקוקט. בײַ קאַלינסקין אין האַנט האָט דער האַמער געציטערט.

— העי, חברה, טוט אויס די אויבערהויזן!

האַמערס האָבן אויפגעהערט קלאַפּן, די אַרבעטער זענען געשטאַנען שטומע, פרעגנדיקע, קאַלינסקי האָט גענומען רעדן, שרייען, פרעגן: וואָס מיינט ער וואָס?

— האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט, — האָט טים מיט אַ שמייכל געענטפערט. — אויב דו ביסט אַ באַלעבאָס, זײַ אַ באַלעבאָס. לייג אַוועק די אַרבעט, אַנישט לייגן זיי אַוועק. און איר, פיינע יוניאָן לייט! דער באַלעבאָס שטייט און אַרבעט, און איר שווייגט. זייט פאָרזיכטיק! אויב איך כאַפּ אייך נאָכאַמאָל...

טים האָט נישט געזאָגט, וואָס וועט זיין. קאַלינסקי האָט שוין אָבער מער נישט געאַרבעט. אַ פאַרשעמטער האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס געצייג, שעלטנדיק טימען און די יוניאָן מיט טויטע קללות, האָט ער זיך איבערגעטון און זיך געלאָזט אין גאַס אַריין בורטשענדיק: זײַ אַ באַלעבאָס! גרינג צו זיין אַ באַלעבאָס! ער מיינט, אַז מ'טוט גאָרנישט, דער קאָפּ דאַרט אים נישט אויף שכירות פאַר די אַרבעטער, וועקסלען ווערן פעליק. זײַ אַ באַלעבאָס! און אַ באַלעבאָס טאָר שוין נישט פאַרדינען זיינע שכירות, פון זיי וועט ער עס שוין פאַרדינען! אַ מיתה משונה אויף זיי אַלע-

מען! ווי דערלעבט מען שוין אַרויפּציען דעם דאַך, קריגן געלט אין באַנק.

קריגנדיק דעם קאַסירערס טשעק אויף צוויי טויזנט דאָלאַר, האָט לואי קאַלינסקי אים גוט באַטראַכט, זיך געשושבט אַביסל, אַ שמייכל געטון, אים פּאַרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט, און אַ שמייכלענ־דיקער זיך געלאָזט אַהיים.

— וואָס פאַר אַ יום־טוב מיצקע דרינען? — האָט אים גנעסיע אויפגענומען. די אויפנאַמע איז געווען קאַלט וואַסער אויפן פייער, אָבער נישט גענוג צו פאַרלעשן.

— שוין גאָר אַ יום־טוב! קום אַהער, אידענע, וועל איך דיר עפּעס ווייזן!

די ערשטע מחשבה, אַז עפּעס נישט גוטעס האָט פּאַסירט, האָט גנעסיע אָפּגעשטופּט הינטער זיך; וואָרט, עס איז עפּעס נישט דאָס. טרעטנדיק פּאַרזיכטיק, זיך דערנענטערט צום מאַן, אָפּשטופּנ־דיק דעם קליינעם בענעלע, וואָס האָט זיך אויך געריסן צום טאַטן.

— זעסט?! — ער האָט אויסגעשפּרייט דעם טשעק. — צוויי טויזנטער, גנעסיע! ער האָט זי אַרומגענומען.

— גיי, משוגענער! — האָט זי אים מילד אָפּגעשטופּט פון זיך, גענומען דעם טשעק. — דאָס איז דיין געלט?

— ניין, פּוטיפּרעס, אַוודאי מיינס, זעסט, מורזעלע, דיין טאַטע האָט צוויי טויזנטער. — ער האָט אַ הויב געטון בענעלען, אים אַ וויג געטון, און אַרונטערגעלאָזט.

— ווי קומט צו דיר אַזוי פיל געלט?

— עס קומט, מיט פיס, מיט הענט.

נאָך זייענדיק אַ סטאָליאַר, אַרומהענגנדיק אַרום דער באַנק צו כאַפּן דעם באַלעבאָס מיט די שכירות פאַר דער וואָך אַרבעט, האָט ער געהערט אַזעלכע אויסדריקן: ווי „די באַנק גיט געלט", „מאַרטגיידזשעס", געגוי׳ אָבער וואָס אַזוינס היפּאָטעק איז, האָט ער נישט געוווסט. אים האָט דאָך די באַנק קיין געלט נישט געגעבן. און היינט האָט ער אַליין געקריגן געלט פון באַנק, אַליין אונטער־געשריבן פּאַפּירן, הגם נישט איבערגעלייענט. פּרובירט לייענען, אָבער גלייך געזען, אַז ער וועט שוין קיין טאָלק נישט דערגיין.

גיי דערגיי, ווער איז דער „מאָרטנײדזשי" און ווער איז דער „מאָרטנייזשאָר", ווער איז די „ערשטע פּאַרטי" און ווער איז „די צווייטע פּאַרטי", אַן אַרבעט פֿאַר אַ „פֿילאַדעלפֿיער לאָיער". דער עיקר איז — ער האָט דאָס געלט.

גנעסיע קימערט זיך אויך ווינציק, ווי אַזוי איר לייבוש האָט געקריגן דאָס געלט, דער עיקר איז, ער האָט צוויי טויזנט דאָלאַר, איז אַ גביר, און אַז אַ גביר, וויל זי לעבן גביריש, און טאַקע שוין.

— הערסטו, לייבוש, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר רעדן מכּח אַ דירה. מ'שטיקט זיך דאָ אין די דריי לעכלעך ווי די מייז. בויסט דאָך הייזער, בוי שוין אין איין וועגס עפּעס פֿאַר זיך.

— פּאַרטיק נו! הויב זיך אָן מיט אַ יידענע. הייזער בוי איך, שוחט, קוילעט מיר מיינע גענז. איינס אַ הויז איז שוין באַ איר הייזער.

איין הויז האָט ער געבויט, אָבער נאָך איידער ער האָט עס פֿאַרענדיקט, האָט ער שוין געמוזט אָנהויבן בויען אַ צווייטס, לייען אויף דעם צווייטן געלט, כּדי צו ענדיקן דאָס ערשטע, און אַ דריטעס אָנהויבן בויען כּדי צו ענדיקן דאָס צווייטע. איין פֿוס האָט אַלע מאָל געשטעקט אין בלאָטע און דער צווייטער פֿוס געהאַלטן אין אַרויסציען. אויסזיכטן, אַז די בלאָטע זאָל זיך ווען עס איז אויסטריקענען — פֿאַרקויפֿן די הייזער מיט ריוח — זענען כּמעט ווי נישט געווען, אַדרבא, וואָס טיפֿער אין בלאָטע, אַלץ שטאַרקער האָט גערעגנט מיט חשבונות, רעכנונגען, תּביעות, ידידי-בריוולעך. זיינע קעשענעס זענען געווען איבערגעשטאָפּט מיט פּאַפּירלעך. „דאָס וואַסער איז אַרויס פֿון די ברעגעס", אין קיך, אין זאַל, אין וואַש צימער האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירלעך, און האָט לייבוש נויטיק באַדאַרפֿט אַ געוויס פּאַפּירל, האָט אַ דריי פֿיר מאָל איבערגעשטעלט אַ גלעזערנעם קליאָש פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן, געקוקט אין און הינטערן קליאָש, ביז ער האָט עס געפֿונען באַ זיך אין דער אויבערשטער קעשענע.

האָט זיך געמאַכט, אַז זוכנדיק אַ „פּלאַן" האָט לייבוש דער-

זען, ווי בענעלע ליגט אויף דער ערד און פירט מיט אַ גרויסן סטאָליאַרסקן בליי־פען טאַקע איבער דעם זעלבן פּלאַן, איז ער צוגעלאָפן, זיך אַ לאָז געטון אויף די קני, אַ שטויס געטון בענעלען, אַז ער האָט זיך איבערגעקערט, און אַ נעם געטון דעם פּלאַן. דערהערט בענעלען וויינען, האָט ער אַ וואָרף געטון דעם פּאַרדראַקעטן פּלאַן און גענומען פּאַטשן איבער די פינגער: דו ווייַנסט נאָך! דו ממזר דו! וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט זאָלסט נישט טשעפּען גאָרנישט.

איז גנעסיע אַרייַנגעלאָפן מיט אַ „וואָס איז? וואָס איז?“

— קיין זאַך קען נישט אייַנליגן אויף אַן אָרט. שוין צוויי שעה, אַז איך דריי זיך אָפּ דעם קאָפּ נאָך דעם פּלאַן, ערשט דער מזיק ליגט און דראַקעט. וואַרט, איכל דיר געבן אַ דראַקען פּלעצער, וועל איך דיר געבן!

טוליעט גנעסיע בענעלען צו זיך. — אַ מצוה אויף דיר, אַז מ׳בויט הייזער האָט מען אַן אָפּיס ווי אַלע בויער, נישט אומעטום זאָלן זיך אַרומוואַלגערן פּאַפּירלעך. נו, שאַ, בענעלע, שאַ זונעיו, מאַמע קויפן אייַז־קרים. ווילסט נישט קיין אייַז־קרים? איז נישט! איז נישט! וואָס זשע דען ווילסטו? שאַ, ווייסטו וואָס, שפּילן וויקטראָלאַ! יאָ?

בענעלען געפעלט דער עסק, ווער שמועסט, אַז איצט קען ער פועלן אַליין צו שפּילן, שטעלט ער זיך אויף אַ בענקל, באַשטייט דורכויס אַליין אַרויפלייגן די פּלאַסטינקע, אַליין אָנדרייען, און הויבט עס אָן שפּילן, איז ער מלא שמחה. ער וויל נאָר זען, צי דער טאַטע זעט, ווי ער שפּילט, עס מוז אים שטאַרק געפעלן, דעם טאַטן.

דעם טאַטן געפעלט עס נישט אַזוי שטאַרק, נאָר שולדיק איז ער דאָך אויך, קומט ער אָפּ מיט אַ בורטשע: שוין אָנגעדרייט די קאַטערינקע, פאַרטראַכט זיך שטאַרק אין פּלאַן, אָבער ווי ער זאָל נישט לייענען, קען ער צו קיין טאָלק נישט קומען. וואַרפט ער אַרויס: טאָמער וואָלסטו דאָרט אויפגעהערט לעכערן דעם קאָפּ? און תוך כדי דבור פאַרוויקלט ער דעם פּלאַן, „באַהאַלט“ אים אויפן שפּיגל געזימס, און באַשליסט, אַז גנעסיע איז גערעכט, ער

מוז האָבן אַ שטיקל אָפּיס, און טאַקע אַ מיידל אויך, וואָס זאָל האַלטן אַלע רעכנונגען, ענטפערן אויף בריוו. ס׳איז דאָך עפּעס אַ געשעפט פון טויזנטער דאָלאַר.

עס האָט נישט לאַנג גענומען, און פון אַ טיר אין דער „גאַרדיאַן טראָסט און סייווינגס באַנק״ האָט מען אָפּגעקראַצט די ווערטער „די גיבראַלטאַר בילדינג קאָרפּאָריישאָן״, אויפגעשריבן „די קאַללינס קאָנסטראָקשאָן קאָמפּאַניע״, אַריינגעשטעלט אַ שרייב־טיש, אַריינגעצויגן אַ טעלעפאָן, אַוועקגעזעצט אַ מיידל, און „די קאַללינס קאָנסטראָקשאָן קאָמפּאַניע״ האָט גענומען פירן געשעפטן.

5

גנעסיע האָט אויך מיטגעהאָלפן ביים עטאַבלירן דעם אָפּיס. זי איז געקומען אַן אויסגעפּוצטע. דערזען דעם אויפשריפט „די קאַללינס...״ האָט זי אַ פרעג-געטון: דאָס ביסטו?

— נו, יאָ. מוזסט עס האָבן דאָס פּוילישע ווידעלע? אויס קאַלינסקי, מר. קאַללינס. פאַרשטייסט? ער האָט געווונקען אויף דעם מיידל. גנעסיע האָט באַטראַכט דאָס מיידל אַזוי גוט ווי דעם שרייב-טיש, געבליבן צופרידן פון דעם מיידלס מיאוסקייט, באַטראַכט איר מאַנס צימער, זיך אַריינגעזעצט אין זיין שטול, און אויסגעפונען, אַז איר מאַן פעלן בילדער. זי איז געווען ביי דאָקטוירים, האָט זי געזען אויפן טיש בילדער פון ווייבער, קינדער, איר מאַן איז אַפילו נישט קיין דאָקטאָר, אָבער אַן אָפּיס האָט ער דאָך, און אַן אָפּיס דאַרף זיין מעבלירט, ווי עס דאַרף צו זיין, טאַקע מיט בילדער אויך. זי וועט עס שוין איינאָרדנען. האָט זי אויסגעקליבן אירס אַ קאַבינעט-בילד, בענעלעס אַ קליין בילד, זיי איינגעפאַסט אין רעמלעך, עס זאָל פּאַסן צום קאָליר פון שרייב-טיש, און זיי געבראַכט אין אָפּיס. זי האָט אויך געוואָלט אויפהענגען אַ פּאָר בילדער, האָט איר די מיס ראַבינסאָן דערקלערט, אַז אויף די ווענט וועט מען אויפהענגען די בילדער פון די געביידעס, וואָס מר. קאַללינס בויט. אַזוי פירט זיך אין אַלע אָפּיסעס.

האָט גנעסיע געגלויבט דער מיס ראַבינסאָן, און פאַרענדיקט איר טעטיקייט פון מעבלירן דעם אָפּיס. אַריינקומען אָבער פלעגט זי יעדעס מאָל וואָס זי איז געגאַנגען איינקויפן, האָט קיינמאָל נישט געטראָפן דעם מאַן, זי האָט זיך אָבער גאַנץ גוט אונטערהאַלטן מיט דער מיס ראַבינסאָן. גערעדט, געשריען אויף בענעלען, אויב ער איז געווען מיט איר. די מיס ראַבינסאָן האָט אַזוי-אַרום געוווסט נישט בלויז אַלע איינצלהייטן פון מר. קאַללינס געשעפט, נאָר אויך פון זיין פריוואַט-לעבן, אַז ער האָט מער נישט ווי דעם איינעם בענעלען. מיט אַ יאָר זעקס צוריק, ווען אין הויז איז קיין שטיקל ברויט נישט געווען, נישט היינט געדאַכט, האָט זי געקינדלט, האָבן זיך אָבער קינדער נישט געהאַלטן, צוויי געשטאָרבן,

און איצט, ווען עס איז שוין, גאָט צו דאַנקען, דאָ ברויט מיט פּוטער, איז נישטאָ. זי איז שוין געווען בײַ דאָקטוירים, אָבער...

מיס ראָבינסאָן האָט פּינקטלעך איבערגעגעבן דעם מר. קאַללינס, אַז מרס. קאַללינס איז געווען, אַזוי עטלעכע מאָל, אָבער אַז מר. קאַללינס האָט קיינמאָל נישט איבערגעפּרעגט, האָט מיס ראָבינסאָן אויפגעהערט אָפּגעבן גרוסן. אינגיכן האָט מרס. קאַללינס אויפגעהערט צו שטאַטן וויזיטן. לייבוש האָט איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס פּאַסט נישט פֿאַר דעם באַלעבאָס פֿרוי צו קומען און רעדן מיט דעם מיידל. אַגב, ווערט זי געשטערט אין דער אַרבעט, און זי האָט גענוג וואָס צו טון.

די מיס ראָבינסאָן. איר פֿיגור — אַ דיק, פֿיר־קאַנטיק ברעט. אײַנגעקאַרבט דאָ און דאָרט, אַש־קאָליר־האָר, רויך־גרויע אויגן. מילך־קאָליר ליפּן — אַ זוים ארום אַ ברייט מויל. די דינע קנייטשן בײַ די ווינקלען פֿון מויל האָבן געהאַלטן אַ שטענדיקן שמייכל. שאַרף מאַניקירטע נעגל. איר טואַלעט — אַ ווייסע בלוזקע מיט אַ הויכן קאָלנער, פֿאַפֿירענע מאַנזשעטן איבערן גאַנצן פֿאָראָרעם, אַ שוואַרץ קליידל, שוואַרצע האַלבע שיך מיט נידעריקע קנאַפּל. אַ „סאָשעל וואָירקער", וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צו די יידישע בויער, ווייל זיי צאָלן בעסער. זי האָט שוין געפֿירט געשעפֿטן פֿאַר אייניקע יידישע קאָנטראַקטאָרס און בילדערס" יעדן איינעמס געשעפֿטן זענען געווען אירע. איר האָט געקרענקט (און זי האָט הנאה געהאַט), אויב דעם צענטן איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן. ווען דער בויער איז געוואָרן אויס בויער, האָט זי שטאַרק באַדויערט. וואָס ער האָט פֿאַרלוירן אַזוי פֿיל געלט. „ער איז געווען אַזאַ פֿיינער מאַן", און אין אַ וואָך אַרום שוין געאַרבעט ביי אַ צווייטן פֿיינעם מאַן, און געקראָגן אַ דאָלאַר אַ וואָך מער — אַזאַ ערפֿאַרונג! צו אַלע מעלות, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, דהיינו, פֿירן גוט ביכער, נעמען טעלעפֿאָנס, נישט לאָזן רעדן צום באַלעבאָס, סיידן מ'זאָגט, ווער עס רופֿט און וואָס מ'דאַרף, האָט זי נאָך געקענט שרייבן בריוו פֿאַר זיי. זיי האָבן געווײנלעך דיקטירט האַלב ענגליש האַלב יידיש, געענדיקט מיט אַ „יו נאָו" און זי האָט שוין פֿון דעם אַלעמען געמאַכט אַ בריוו. פֿאַרשטייט זיך, זי רעדט צו זיי קיינמאָל

קיין יידיש, אָבער זי פאַרשטייט „עס" גאַנץ גוט, און זיי דאַרפן עס. פון מר. קאַלינס האָט זי גאָר געהאַלטן. זייער אַ פיינער מאַן. פאַר אים אַרבעטן איז אַ פאַרגעניגן. אָפטמאָל פאַרגעסט זי גאָר, אַז זי האָט אַ באַלעבאָס.

מר. קאַלינס האָט זייער ווינציק פאַרבראַכט אין זיין אָפיס: אַריינגעלאָפן אַ ריע געטון אין אַלע שופלאָדן, קעסטלעך. — מיס ראָבינסאָן! האָט זי ערגעץ געזען אַ קאַרטל פון די „נעשאָנאַל בילדערס סופלאַי?" — נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, אַרויס־געצויגן פון ערגעץ אַ קעשענע אַ קאַרטל, — דאָ האָב איך עס, רופט זיי אָפּ. — אָפּגערופן. האָט ער איבערגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, געררעדט הילכיק, זיך געבייזערט אין אַ שלעכטן ענגליש, למאי מ׳שיקט נישט אַרויס די מאַטעריאַלן. זיך ווידער גענומען זוכן. — האָט זי נישט געזען די פלענער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַלטן? — ווייזט זי אים, זיי ליגן דאָ אויבן, דאָ־אָ! אָט דאָ גלייך! — קוקט לייבוש אויף די פלענער, נאָר זיי זענען קענטיק פון גלאָז. ער קוקט דורך זיי, ביז די מיס ראָבינסאָן הויבט זיך אונטער, רירט אָן מיט איר האַנט די פלענער, — „דאַטס ראַיט" — באַשטעטיקט מר. קאַלינס, גיט אַ קוק אַריין, וויקלט צונויף, זאָגט מיס ראָבינסאָן, אַז אויב עמעצער וועט רופן, זאָל זי זאָגן, אַז אַרום צוויי־דריי — וואָס האָט געמיינט פינף־זעקס — וועט ער זיין, און אַרויסגעלאָפן.

אין אויטאָמאָביל איז ער געזעסן מיטן קאָפּ איבערגעבויגן איבער דעם רעדל, מיטן ברוסט האָט ער עס אונטערגעשטופּט, זאָל דער אויטאָמאָביל גיין גיכער. אַז אומעטום מוז ער זיין. כאָטש צעררייס זיך אויף שטיקער. זיין ערשטע סטאַנציע איז אויף דער הגנדערט צוויי און פערציקסטער. עפּעס אַ פאַרשיווע צוויי פאַמיל־יע הייזקע, און מ׳קען פון איר גאָר נישט אַרויסקריכן. וואָס טוען זיי דאָרט? פּורקען זיך נאָך אַלץ! גאָר! אַ פאַרבער שטייט איבער צוויי קאַנען ענאַמעל, אָבער אַנשטאָט מישן די פאַרב, זינגט ער אַן אַריע פון אַן אָפּערע, און דער שפּאַלירער קיבעצט אים, אַז ער איז אַ קאַליקע. האָט פאַרמישט די יוצרות, פאַרקראָכן קיין האָצע־פּלאָץ, אויף אַזוינס האָט זיך לייבוש נישט גערעכט.

— העי, דו. קאַנאַריק, באַלאַנגסט צו דער זינגער־יוניאָן?

— די פאַרבער-יוניאָן איז פאַר מיר גוט גענוג. וואָס זאָגסטו
בערטשיק?—ער האָט געגומען איבערגיסן פון איין קאַן אין דער צווייטער.
בערטשיק האָט גאָרנישט געענטפערט. ביי לייבושן האָט
אָפּגענומען דאָס לשון. אַזאַ חוצפּה! דאָס דאַרף מען קענען.

— די פאַרבער-יוניאָן איז גוט גענוג, — האָט ער ענדלעך אַרויסגעזאָגט, — אָבער איך זאָג דיר, און גערענק מיין וואָרט,— דאָ האָט ער שוין אויסגעשטעלט זיין אָנווייזנדן פינגער, — אויב איך וועל דיך נאָך אַמאָל כאַפּן זינגען אַנשטאָט שמירן, וועט נישט נאָר דיין פאַרבער-יוניאָן, צוויי יוניאָנס וועלן דיר נישט העלפן. געדענק מיין וואָרט!

אָפּגעזאָגט, איז ער אַרויסגעלאָפן, זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל, אים פרובירט לאָזן גיין פאַרשלאָסענערהייט, מיט כעס איבערגעדרייט דעם שליסל, און אַנטלאָפן צו דער צווייטער געביידע, צו ווערן נאָך שטאַרקער אין כעס: ער האָט געטראָפן דעם בלייארבעטער זיצן, דעם רוקן אָנגעשפאַרט אָן וואַנט, די פיס אויסגעצויגן, געררויכערט אַ ליולקע געשפיגן.

— וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר איז דאָס?

— אָ, דאָס ביסטו, באָס? איך וואַרט אויפן ברענער, ער זאָל זיך צעברענען.

— ברענען? איך וועל דיר געבן גענוג פייער! און טאַקע גלייך! נעם גלייך אַרונטער די אויבערהויזן און גיי! ברענען זאָל...

— ביסט גאַנץ היציק, העז? וו-ע-ל. — ער האָט אויסגעשפיגן, — דזשאָן! טים! אה, חברה! קומט אַהער אויף אַ מינוט!

— וואָס איז דאָס? וואָס מיינסטו?

— עס מיינט, אויב איך בין „געפייערט", גייען די עלעקטריקער אויך, נישט אַזוי?

— געוויס.

— וואָס מיינט איר?

— דאָס, וואָס דו הערסט. און אויב דו ווילסט נישט גלויבן, רוף אָפּ דעם געשעפטס-פאַרוואַלטער!

— גיי צום טייוול מיט דיין געשעפטס-פאַרוואַלטער!

— אויב דו רופסט אים נישט, רוף איך אים.

דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון די געווערקשאַפטן הערט אויס ביידע צדדים. טשאַרלי, דער בליי־אַרבעטער, דערציילט געלאַסן, ווי ער האָט געוואַרט אויפן ברענער, און דערווייל פאַר־רויכערט אַ ליולקע. לייבוש, היציק, הילכיק: אַז ער טרייבט נישט די אַרבעטער אין קאַרק, אָבער מ׳צעררייבט צייט, מ׳רויינירט אים, ער מאַכט אַ סמעטע, רעכנט אויס, אַזוי פיל דאַרף קאָסטן אַרבעט, און אויב די אַרבעטער רויכערן ליולקעס אָנשטאָט אַרבעטן, וועלן זיי אים אויסרויכערן פון געשעפט. ער איז דאָך נישט די מקניקל קאָנסטראָקשאָן קאָמפּאַני.

— וו־ע־ל־ל, — ענטפערט דער געשעפטספאַרוואַלטער מיט אַ שמייכל. — אָט דאָס איז די גאַנצע צרה, וואָס דו ביסט נישט די מקניקל. דו ביסט נאָך אַ גרינער. דו ווייסט נאָך נישט, וויפל אַרבעט מ׳דאַרף ערוואַרטן פון אַן אַרבעטער, און טשאַרלי אַרבעט שוין צוואַנציק יאָר פאַר באַלעבאַטים, ער ווייסט שוין, וויפיל אַרבעט דער באַלעבאָס דאַרף פון אים קריגן. פאַרשטייסטו שוין? חברה, גייט צו דער אַרבעט!

לייבוש האָט נישט פאַרשטאַנען, ער האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען אַרויסגיין. דער געשעפטס־פאַרוואַלטער האָט זיך איבערגעשמייכלט מיט די אַרבעטער, נאָכגעגאַנגען לייבושן אַרויפגעלייגט די האנט אויף לייבושעס אַקסל: „מאַי דיער מען", דו ביסט צו היציק. ווי אַ פריינט, ראַט איך דיר—הויב זיך נישט אָן מיט אַרבעטער, אי־בערהויפט מיט בליי־אַרבעטער. בליי צעלאָזט זיך זייער לייכט, מ׳פאַרגיסט אַמאָל אַ רער, דאַרף מען ברעכן ווענט, ווען זיי זענען שוין געפלאַסטערט און שפּאַלירט.

לייבוש האָט אויפגעהויבן די אויגן אויפן געשעפטס־פאַרוואַל־טער. יענער האָט שמייכלענדיק אַ זאָג געטון: „סאָלאָנג", און אַוועקגעגאַנגען. — איך וועל דיר ווייזן פאַרגיסן רערן וועל איך דיר, — האָט לייבוש אים נאָכגעזאָגט. עס איז אָבער גיכער געווען אַ קול ענות — וואָס טוט ער, אַז מ׳פאַרגיסט טאַקע אַ רער — ווי אַ קול מלחמה. פאָרנדיק אַהיים, זעענדיק פאַר זיך זיינע געביי־דעס, האָט ער אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון דעם, וואָס איז

ישט אָפּגעטון געוואָרן דעם טאָג, און וויפיל כּעס־פּולווער ער האָט דעם טאָג נישט אויסגעשאָסן, איז נאָך אַלץ געבליבן גענוג פאַר גנע ס אויף, זיך צו רוגזן אויף איר. למאי דער טיש איז נישט געגרייט, למאי.
— עמעצער האָט אים שוין דאָרט אָנגעזאָלצן, קומט ער אַהיים אויסלאָזן!
— צו וועמען דען זאָל איך אויסלאָזן, צום „פלאָמבער" ווו איז דאָס זאַלץ? אָבער אַלע מאָל פאַרגעסט זי זאַלץ.
— וואָס איז שוין פאַר אַ „פלאָמער"?
— אַ פלאָמבער, אַ פאַרבער, אַלע גוט. ווו איז בענעלע?
— שוין געלעגט שלאָפן. זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דיר. וואָס איז געווען?
— גאָרנישט. וואָס איז געווען? וואָס אַלע טאָג. אַ גוט שטיקל פלייש.
וואָס ווייטער אין דער וועטשערע, אַלץ רויקער ווערט לייבוש, און ביים קאָמפּאָט ווייסט שוין גנעסיע אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט.
— נו, איז גאָר נישטאָ קיין עצה? שוין הפקר אַ וועלט?
— ווערסט אים גיין קלאָגן צום ונתנה תוקף.
— און וואָס טוען אַנדערע, די גרויסע קאָמפּאַניעס?
— מאַלע וואָס זיי טוען, זיי גיבן כּאַבאַר, שטעלן אָן פאָרלייט.
— נו שטעלט מען אויך אָן אַ פאָרמאַן, זיי וועלן דאָך דיך שטעלן בדיל הדל.
— מ׳דערלייגט נישט צו קיין אַרבעטער. די צרה איז דאָס, וואָס זיי אַרבעטן נישט. הערסטו, גנעסיע, איך בין געווען אַ גוטער אַרבעטער. הע, ווען איך האָב אַזוינע אַרבעטער! איך וואָלט געהאַט אין דער ערד די פאָרלייט מיט די געשעפט־פאַרוואַלטער צוזאַמען. נאָר גאָרנישט, מסתם מוזן אָנשטעלן אַ מענטשן.
— אַז ווערסט שוין אָנשטעלן אַ מענטשן, שטעל אָן אַ גוי. אַ גוי ווייסט פון קיין חכמות. מירן אפשר אַריינגיין אין די „נייבאָר־הוד"? עס שפּילט דאָרט אַ גוטע „פּיקטשע".
— עס שפּילט מיר אַזוי אויך גענוג אין קאָפּ. איך בין מיד, אַז איך קען זיך קוים רירן, און מאָרגן זיבן אַ זייגער דאַרף איך שוין זיין אין לייקוואוד אויפן דזשאַב. מאַך בעסער ס׳בעט.

6

לייבוש האָט זיך געקווענקלט אָנצושטעלן אַ פּאָרמאַן. אַזאַ הוצאה, אָבער ווי נעמט מען אַזוי פיל צייט צו פאַרזאָרגן אַלץ. דער אָפּיס פאַרלאָזט. די מיס ראָבינסאָן אַפילו אַ גוט מיידל, זייער פינקטלעך. באַ איר איז אַלץ אויף אַן אָרט. אָבער ווען ער איז אינעווייניק, וואָלט ער אַ סך געוווּנען. איז גיי זיי אינעווייניק, אַז קומט ער נישט אויף אַ דזשאַב, ווערן זיי פאַרפאַלן אין דער אַרבעט. היינט דאָס רייסן זיך מיט זיי. ס׳איז אים שוין מיאוס און מאוס. גנעסיע איז געררעכט — אָנשטעלן אַ פּאָרמאַן, און טאַקע אַ גויעשן. ער וועט שוין אויסשלאָגן זיינע הוצאות נאָך מיט אַ סמיטשיק. אַ גוי ווייסט פון קיין חכמות, אים אָנזאָגן אַזוי פיל אַרבעט דאַרף אַרויסגיין, און ווייטער שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט.

אָנגעשטעלט אַ גויישן פּאָרמאַן, האָט מר. קאָלינס דערפילט, אַז די קאָלינס קאָנסטראָקשאָן קאָמפּאַני איז גרעסער געוואָרן, און אַז ער, מר. קאָלינס, איז דער אמתער געשעפטסמאַן, נישט ווי יענע יידלעך דאָרטן, קלאַפּן אויף אַ פּאָר כאַלופּקעס און מיינען אַז זיי זענען בויער. אַלס גרויסער געשעפטסמאַן האָט ער קודם כל פאַרגרעסערט זיין אָפּיס, אָפּגענומען נאָך אַ צימער, אויף דער גלעזערנער טיר אַן אויפשריפט „פּריוואַט”. ער האָט גענומען אַכטונג געבן אויף זיינע קליידער. נישט גיין מער אַזוי פאַרוואַזיעט, פאַרשמירט, ער האָט אויך גענומען אויסאיידלען די הענט, געקויפט אַ פייל און געפיילט די פלאַטשיקע האַרטע נעגל באַ יעדער געלעגנהייט, הויפּטזעכלעך, ווען ער האָט גערעדט מיט עמעצן, און האָט אין זינען געהאַט צו מאַכן אַ חשובן איינדרוק אויף יענעם. ער האָט אויך איינגעהאַנדלט אַ גוט קעסטל ציגאַרן צו מכבד זיין אַ חשובן אַריינקומער. צו דער מיס ראָבינסאָן האָט ער זיך גענומען פאַרהאַלטן שטייפער, איינגעאָרדנט אַן עלעקטרישן דראָט פון איר צימער אין זיינעם; האָט ער זי געדאַרפט, האָט ער זי גערופן, אַ דרוק טוענדיק דאָס קנעפל, זי האָט נישט געטאָרט רופן אין דער הויך מר. קאָלינס, נאָר לאָזן אים וויסן

טאַקע דורך דעם קנעפּל. אינדערפרי האָט ער געמוזט געפינען אויף זיין טיש אַלע מעמאָראַנדומס.

דאָס אַלץ האָט די מיס ראָבינסאָן אויסגעפּילט זייער פּינקט־לעך. פאַר אַ געוועזענעם באַלעבאָס אירן, אַ בויער, האָט זי זיך אפילו געקאָנט אויסדריקן וועגן מר. קאָללינס: מיר זענען גרויסע באַלעבאַטים — דערביי צעציען דאָס דינע שמייכעלע, האָט זי אָבער גערעדט צו מר. קאַלינסקי גופא, האָט זי געענטפערט מיט אַ זייער העפלעכן: יעס סער, מר. קאָלינס, נאָ סער. צו די טעלעפאָן רופער, די אַריינקומער, געוואָרן נאָך שטרענגער, נישט צוגעלאָזט אַזוי לייכט צו מר. קאָלינס.

פּאַסירט איינמאָל און עס שטעלט זיך אַריין אַ פאַרשוין־זי איז געווינט צו זען מענטשן אין אַרבעט־קליידער, פאַרשמירטע, נאָר דער! ווען ער זאָל דאַרפן דערענדיקן אַ שטיקל אַרבעט, וואָלט ער געקענט באַנוצן דאָס פאַרב־בערשטל אָן די הויזן, דעם היטל און דערשמירן. אפילו דאָס פּנים אויסגעשמירט. און — דער פאַרשוין פרעגט: מר. קאָלינסקי איז דאָ?

— איר מיינט מר. קאָלינס!

— פּאַרטיק נו, לייבוש סקאָראָכאָד — מר. קאָלינס, אָלרייט, זאָל זיין קאָלינס, איך וויל אים זען.

— איך דענק מר. קאָלינס איז זייער פאַרנומען, איכל זען; ווי איז אייער נאָמען?

— שמואליק.

— ש־מי־לעק? ווי לייגט איר דאָס אויס?

— מ׳דאַרף דאָס נישט אויסלייגן! גייט און זאָגט אים ש מ ו א ל י ק וויל אים זען! פאַרשטאַנען? — שמואליק איז שוין געווען אין כעס, האָט שוין די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט אַזוי הויך, אַז לייבוש האָט געעפנט די טיר צו זען, ווער איז דאָרט, נאָך איידער די מיס ראָבינסאָן האָט צייט געהאַט אים לאָזן וויסן דורכן עלעקטרישן קנעפּל, פונדעסטוועגן האָט זי נאָך אַריינגעכאַפּט צו זאָגן: דער דזשענטלמאַן וויל אייך זען. דער דזשענטלמאַן האָט זיך אַ לאָז געטון מיט אַ „האַלאָ, לייבוש!", און — וואונדער — מר. קאָלינס האָט אויך פריידיק אַ זאָג געטון: — העלאָ, שמואליק!

קום אַריין! — אַריבערגעלייגט דעם אָרעם איבער שמואליקס אַקסל, און אים אַריינגענומען אין צימער.

מיס ראָבינסאָן האָט זיי ביידן נאָכגעשיקט אַ שמייכל, דערפאַר האָט איר שמואליק באַצאָלט מיט אַ פראַגע צו לייבושן, גלייך ווי ער האָט פאַרמאַכט די טיר: — וואָס איז דאָס פאַר אַ מויד אַ פאַסקודנע באַ דיר, שוין קיין ערגערס נישט געקאָנט געפינען? — די פראַגע האָט מיס ראָבינסאָן, נאַטירלעך, נישט געהערט, בלויז ווען מר. קאַלינס האָט אַרויסבאַגלייט שמואליקן, האָט ער איר דערקלערט, אַביסל אַפּאָלאָגעטיש, אַז דער שמואליק איז זיינער אַן אַלטער, אַלטער באַקאַנטער, אַ לאַנדסמאַן, נאָך פון דער „אָלד קאָנטרי".

„אַי סי" — האָט די מיס ראָבינסאָן געזאָגט, און דאָס האָרדינע שמייכעלע, וואָס האָט זיך געצויגן פון נאָז ביזן קין, האָט אַ ציטער געטון. לייבוש האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, איז אַריין צו זיך אין צימער.

„אַי סי!" זי זעט שוין צופיל די כאָליערע. זי אַרבעט שוין באַ אים צו לאַנג, און אַז אַן אַרבעטער אַרבעט לאַנג באַ אַ באַלעבאָס. דענקט ער שוין, אַז ער איז אַ באַלעבאָס. באַ דער שרייבמאַשין איז זי טאַקע געווען באַלעבאָס. האָט ער גענומען דיקטירן, און נאָך יעדע צוויי ווערטער אַ „יו נאָו", האָט זי געענטפערט: איך ווייס, איך ווייס — אין וואָס מער זי האָט געוווּסט, אַלץ מער האָט עס געהייסן — איך ווייס מער פון דיר, איך קען דיר נאָך פון פריער קאַלינס—קי... ער האָט געפילט, אַז מיט איר גאַנצער פיינקטלעכקייט, אונטערטעניקייט און אַפילו רעספּעקט, וואָס זי ווייזט אים אַרויס, האָט זי אָבער נישט גענוג דרך־ארץ פאַר אים, נישט ווי פאַר אַ גרויסן באַלעבאָס. ער וואָלט זי שוין לאַנג אַוועקגעשיקט, צוגענומען אַ נייע, אַזאַ וואָס קען אים נישט פון פריער, נאָר גיי הויב זיך אָן מיט אַ נייער צרה, ביז ער וועט זי „איינברעכן", די ווי ס׳נישט איז, קיין פינגער אין מויל דאַרף מען איר שוין נישט לייגן, אַ וואָרט צוויי — און זי פאַרשטייט שוין ראשי־תיבות.

דער זכות פון ראשי־תיבות האָט אָבער אויך נישט געקענטביישטיין, און די מיס ראָבינסאָן איז פשוט אַרויסגעטריבן געוואָרן

דערפאַר, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן איר קנאַפּן דרך־ארץ פאַרן באַלעבאָס. געשען איז דאָס אַזוי:

אַ פּאָר טעג אַז מר. קאָלינס איז געקומען אין אָפיס אַ צע־טראָגענער, געענטפערט דעם טעלעפאָן נאַכלעסיק, אָנגעזאָגט נישט צוצולאָזן סתם ארומהייגער, בלויז די, וואָס קומען צוליב געשעפט, איר נישט געהייסן — רוף דעם, רוף אַהין — ווי דער שטייגער אַלע טאָג, אים אונטערגעטראָגן טשעקס, האָט ער זיי אונטערגעשריבן, נישט אָפּגעלאָשן מיט פלייץ־פאַפיר די חתימה, נישט דערלאַנגט איר צוריק דעם טשעק. זי האָט אים געדאַרפט אָפּציען, פון זיינע געשפּרעכן אויפן טעלעפאָן, פון דער מרס. קאָלינס הילכיקער שטימע האָט זי געכאַפּט, אַז בענעלע איז שטאַרק קראַנק.

ווען ער איז אויף מאָרגן געקומען אין אָפיס, האָט זי אים געפרעגט, וואָס מאַכט זיין זון. ער האָט אויף איר שטרענג אַ קוק געטון, נאָר באַלד שטיל געענטפערט: ער איז זייער קראַנק. זי האָט מער נישט געפרעגט, וואָס דער זון מאַכט, האָט אין אַלגעמיין וואָס ווינציקער גערעדט, זיך געהיט צו מאַכן וועלכן עס איז רויש, ווען דער טעלעפאָן זאָל נישט קלינגען, וואָלט זי גאָר געווען צופרידן. זי האָט זיך אויסגעהיט נישט צו דריקן דאָס קנעפּל, אים רופן ווען זי האָט געדאַרפט — ער איז אַזוי נערוועז — אָנשטאָט דעם, שטיל אָנגעקלאַפּט מיט די שפּיץ פינגער אָן דער גלעזערנע שויב פון טיר. אויך דער באַלעבאָס איז געוואָרן שטילער. און נאָך דער שטילקייט נאָך האָט זי געאורטיילט דעם געזונטס־צושטאַנד פון איר באַלעבאָס קינד. ווען איין פרימאָרגן האָט מר. קאָלינס אָפּגערופן, אַז ער וועט נישט זיין אין אָפיס דעם טאָג, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט.

אויף מאָרגן איז מר. קאָלינס געקומען אַ שטילער, אַ טרויעריקער, אָבער נישט קיין שטרענגער. — ער איז געשטאָרבן. — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, און אַריין צו זיך אין צימער.

זי איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען, דערציילט בלחש, וואָס עס האָט פּאַסירט. קיינעם, אויסער דעם פאָרמאַן, נישט צוגעלאָזט. ווען זי האָט דערהערט די טיר פון זיין צימער עפנט זיך, האָט זי זיך אַזש אַ טרייסל געטון

און אים פּאַרקוקט אין פּנים. ער האָט געהאַלטן אַ בריוו אין האַנט, אָנגעצייגט אויף אַ שטעל אין בריוו, אַ זאָג געטון: ענט-פערט! — און אַריין צו זיך.

זי האָט גלייך גענומען שרייבן דעם ענטפער, נערוועז גע-מעקט אַ טעות, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט: די פאַרדאַמטע אַלטע מאַשין! ניכאַי וואָלט זי כאָטש געווען אַ רוישלאָזע! — אָפּגע-קלאַפּט דעם בריוו, איבערגעלייענט, האָט זי אויף די שפּיץ פינגער זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט זיך צוגעהערט, פאַרנומען עפּעס אַ קלאַנג אין צימער דאָרט: אָרימער נעבעך, ער מוז רעדן צו זיך אַליין. איר פּנים האָט שוין אָנגענומען אַ סימפּאַטיע-שמייכל, דאָך האָט זי נאָך געוואַרט אַביסל, דאַן לייכט אַ קלאַפּ-געטון מיט די שפּיץ פינגער. קיין ענטפער. האָט זי זיך ווידער צוגעהערט, זי וואָלט געמעגט שווערן, ער זינגט. האָט זי דרייסטער אַ קלאַפּ געטון, געוואַרט, און ווען דער „קומט אַריין" איז נישט געקומען, האָט זי לייכט, נייגיריג, אויפגעעפנט די טיר, און דורך דער שפּאַרונע-מעסיקער עפענונג זיך אַריינגעשאַרט אין צימער.

מר. קאָלינס איז געזעסן אָנגעבויגן, זיך געשאָקלט, אין האַנט געהאַלטן אַ בילדל, זיין זונס, און געזונגען:

האַ-האַ-ליו-ליו,
דער טאַטע הייסט סרוליו,
די מאַמע הייסט דבורה,
בענעלע וועט לערנען תורה,
האַ-האַ-ליו-ליו.

מר. קאָלינס האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ, אַ קוק געטון, חידושנדיק זיך, ווער איז עס דאָ אין דעם צימער. דערקענענדיק זי, האָט ער צוריק אָפּגעקערט דעם קאָפּ, גענומען ציען אַ טי-כעלע... איך... ער האָט הילכיק אַ שנייץ געטון דעם נאָז. אים אַזוי געווישט נאָכדעם, אַז ער האָט מיטן טיכעלע דערגרייכט אַזש ביז צו די אויגן, און פאַרטיק מיטן ווישן, שטרענג אַ פרעג געטון: וואָס אַזוינס?

— אַ בריוו... ווילט איר אים לייענען?

— אָלרייט.

ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט, זי זאָל אַוועקלייגן דעם בריוו, און ווען דער בריוו איז שוין געלעגן אויפן שרייב־טיש, האָט די זעלבע האַנט, אָן אַ באַוועגונג אַפילו, געוויזן — גיי אַרויס פון דאַנען. די מיס ראָבינסאָן האָט זיך אַרויסגעשאַרט.

לייבוש קאַלינסקיס קוק האָט אַ בלאָנדזע געטון פון זיין זונס בילד צום מאַשינאָווע געשריבענעם בריוו, האָט געזען, נישט וואָס דאָרט איז געשריבן, נאָר די שרייבערין, און דערפילט אַזאַ שאַרפן ווידערווילן צו איר. צו לאַנג. צו היימיש. פטור ווערן פון איר...

אין עטלעכע טעג אַרום איז אויף מיס ראָבינסאָנס פּלאַץ געזעסן אַן אַנדער מיידל און מר. קאָלינס האָט איר פאַרגעבן אַרבעט.

נישט דאָס נייע מיידל, נישט די מיידלעך נאָך איר האָבן ווען עס איז געהערט זייער באַלעבאָס אַ זינג טון. מיס ראָבינסאָן איז געווען דער לעצטער מענטש. וואָס האָט געהערט לייבוש סקאָ־ראָכאָד זינגען.

אפעטיט

אַ פּ ע ט י ט

עטלעכע מאָל האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט, און זיין גומען האָט עס נישט פאַרנומען. די פינגער האָבן נישט געפילט קיין פרייד פון מאַכן, שאַפן, אָט ווי אַ גרוי פאַרצויגענע צונג, אַ פאַרטעמפטער גומען פילט נישט דעם טעם פון מאכל, דעם גענוס פון עסן, סאַלאַט צי שאָקאָלאַד אַבי זאַט.

זאַט איז ער געווען זייער זעלטן. אין סאַמע ברען נעמט מען אים אַרויף, אַ ליאַדע ווינטל שיקט מען אים אַרונטער פון דער אַרבעט. דאָס קימערט אים נישט, פאַרקערט, דאָס גיט אים אַ געלעגנהייט קומען ווידער אַמאָל צו אַ זיצונג פון זיין פאַך, רעדן שיין, דער עיקר שטאַרק, וועגן דער אָנשיקעניש, אַוועקשיקעניש, און פאָדערן מ׳זאָל די אָנשיקעניש איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּשאַפן — סטרייקן דערפאַר. קיין סטרייק ווערט נישט גערופן, אָבער זיינע רייד, זעט ער, געפעלן דעם עולם, זיינע שאַנסן צו ווערן אַמאָל געשעפטס-אַגענט — נישט אַרבעטן — ווערן שטאַרקער. האָט אָבער פאַסירט, אַז אין סאַמע ברען פון סעזאָן האָט מען אים אַרונטערגעשיקט פון דער אַרבעט פאַר אַריינגייען צוויי אַרבל אין איין אָרעם-אויסשניט. איז ער געקומען אין דער יוניאָן, געהאַלטן זיין שענסטע רעדע, אים אַליין איז זי געפעלן געוואָרן, געווען זיכער, אַז איצט, אין סאַמע ברען, איז די ריכטיקע צייט צו סטרייקן, און אין סטרייק איז ער דער פירער. דער ענטפער אויף זיין הייסער רעדע איז געווען קאַלט און קורץ: צוליב קאַליקעס סטרייקט מען נישט. ער אַ קאַליקע! ער, מיט זיינע פעיקייטן! ער

קען זיי דאָך אַלע אויסטרייסלען פון אַרבל! ער גייט אַרויס פאַר־קויפן האָר־נאָדלען, וועט ער דאָך פאַרדינען מער ווי זיי אַלע! אויס שאַפּ!

אַזוי האָט ער טאַקע איבערגעגעבן זיין ווייב מנוחה־מיני:
אויס שאַפּ!

— דיך ווידער אַרונטערגעשיקט?

ער האָט אויף איר בייז אַ קוק געטון. — מיך שיקט מען נישט, איך גיי אַליין, דאָס מאָל אַוועקגעגאַנגען פון שאַפּ און אויף אַן אמתן.

—...און וואָס „גייסטו" טון?

— גיין אין געשעפט. געווען אַן אָפּגעריסענער נאַר, וואָס בין ביז אַהער געזעסן. אַ מענטש מיט מיינע פעיקייטן, מיין צונג, איך...

מנוחהס אויגן האָבן זיך אַ גליטש געטון איבער דעם נאַקעטן שאַרבן פון איר מאַנס קאָפּ אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין. אַ געדיכטע קוטשמע האָר, וואָס וואַרפט זיך אַזוי שטיפעריש חנוודיק, ווען איר אייגנטימער דוד לייבאָוויטש רעדט. און ער רעדט אַזוי שיין, אַזעלכע פיינע ווערטער, ווער שמועסט, ווען ער רעדט נאָך רוסיש! זיין צונג איז דער שדכן געווען, די האָר זיין פאַרמעגן. דאָס איז געווען לאַנג, לאַנג, מיט אַכט יאָר צוריק. דאַן איז ער פאַר איר געווען דער רוסישער סטודענט, וועלכער דאַרף בלויז קריגן די מעגלעכקייט צו ווערן דאָ אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר אָדער גאָר אַ פּירער. ער רעדט אַזוי שיין, נאַאיווע אויערן, וויט־זיכטיקע אויגן. אינגיכן זענען די אויערן געלעכערט געוואָרן, און די אויגן האָבן פון דער נאָענט צוגעזען, ווי די האָר קריכן אויס פּאַסמעסוויז. פון אַ קיילעכדיקן קאָפּ, שיינע לומדישע ווינקלען, איז אין משך פון איינע דריי יאָר געוואָרן אַ לאַנגער עליפּסישער שטערן, העט־העט ביז דער סאַמע פּאָטילניצע, דער לאַנגער שטערן אַזוי נאַטירלעך, אַז דאָס קרייזל געבליבענע האָר קוקט אויס ווי אַ פּאַרוק, פאַלשע, נישט זיינע. הויל דער שאַרבן, און ווערטער נאָך הוילער, פּוסטע רייד.

— און מיט וואָס וועסטו גיין אין געשעפט, מיט די הוילע צען פינגער?

— וואָס אַרט דיך.

— מיך אַרט נישט, נאָר זינט איך געדענק, הער איך, „גיין אין געשעפט" און עס לאָזט זיך אויס, אַז איך גיי אַרבעטן.

— שרעק זיך נישט, וועסט פון הונגער נישט שטאַרבן. דער קאָפּ האָט מיר נאָך נישט אויסגעדאַרט. דו יאָג מיך נאָר נישט אין האַלז און נאַקן.

— ווער יאָגט דיך, ווער? טו ווי דו פאַרשטייסט.

מנוחה האָט זיך נישט געמישט אין איר מאַנס געשעפטן. די ערשטע עטלעכע טעג פון זיין געשעפט-זוכעניש האָט ער, קומענדיק אַהיים, איר איבערגעגעבן זיינע געפינסן. און לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז אין יעדן געשעפטס-אָנאָנס איז באַהאַלטן אַ שווינדל, וועלכן נאַראָנים דערזעען געוויינטלעך נישט, און פאַלן אַריין, ער אָבער דערטאַפּט עס גלייך, זעענדיק, אַז זי נעמט אויף זיינע אַנטדעקונגען גאַנץ רויק, האָט ער אויפגעהערט דערציילן. זיין סדר פון געשעפט-זוכעניש האָט זיך געביטן, אַ טאָג יאָ אַרויסגעגאַנ־גען, אַ טאָג נישט, דערפאַר אָבער פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע אָוונטן.

— מ'דאַרף זיך טרעפן מיט מענטשן, באַקאַנטע, נאָכפרעגן, נאָכזוכן, — האָט ער דערקלערט זיין ווייב, איינמאָל, ווען ער איז געקומען גאָר שפּעט און זיך דערשראָקן פאַר איר נישט פרעגן, ווו איז ער עס געווען ביז אַהער. אַ הונגעריקער האָט ער געזוכט שפּורן פון אַ געלאָזטער וועטשערע פאַר אים. נישט זעענדיק אויבנאויף, האָט ער געעפנט דעם אייז-קאַסטן. אַ האַלב פלעשל מילך האָט תמעווטע געסטאַרטשעט פאַר זיינע אויגן. זיין נאָז האָט זיך אַ קרום געטון, די האַנט האָט פונדעסטוועגן זיך געשטרעקט צום פלעשל. — דאָס איז דעם קינדס מילך אויף מאָרגן.

ער האָט זיך אומגעקוקט. האָט עס זיין ווייב געזאָגט, צו אים? איר מויל איז פאַרשלאָסן אויף אינעווייניק, די אויגן קוקן אויף דער וואַנט פאַר זיך, און... טרערן, פרעמדע טרערן, וואָס האָבן, דוכט זיך, קיין שייכות מיט די אויגן, ריזלען זיך פאַמעלעך איבער באַק, נאָז.

— מנוחה !

דאָס פאַרשלאָסענע מויל האָט אַ ציטער געטון, דער שלאָס האָט געפּלאַצט, דאָס פאַרשטיקטע געוויין האָט זיך געריסן. זי האָט עס פאַרשטעלט מיט ביידע הענט, „בלינד״ אַנטלאָפן אין שלאָף־צימער, דאָרט באַגראָבן די טרערן, דאָס שלוכצן אין קישן.

קיין וואָרט. דאָך האָט דוד לייבאָוויטש דערהערט, אַז אי־די דריי וואָכן, וואָס ער אַרבעט נישט, האָט ער געגעבן צען דאָ־לאַר, געכאַפּטע צען דאָלאַר מילך פאַרן קינד, ער איז ווערט...

אַ שטומע האַנט גלעט — אייל אויף אַ שטורעמדיק וואַסער, עס שטילט איין, און ווען אירע אַקסלען ציטערן מער נישט, רעדט ער שטיל, ווייך, פאַרזיכערט: מאָרגן אַפילו ער זאָל דאַרפן גנבענען...

— אַרבעטסט נישט, זיי כאָטש אין הויז, וועל איך גיין אַרבעטן.

— זיי זשע נישט קיין עקשן, מונינקע. איצט איז נישט אַמאָליקע יאָרן. איך זאָג, איך וועל קריגן, וועל איך קריגן. בירנבוים, ווייסט דאָך, דער... האָט מיר פאָרגעשלאָגן...

זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט געזען זיין פּנים, בלויז די אויערן זענען געווען אָפן, וואַך, און זיי האָבן געהערט אַזאַ אַלט־באַקאַנטע שטימע, אַ קלאַנג טרעפט זיך אינעווייניק אין אויער מיט אַ באַקאַנטן חבר־קלאַנג פון אַמאָל, זיי נעמען זיך אַרום, זעגען אַזוי צופרידן פון דער באַגעגעניש. אַזוי גוט זיך צוהערן, אַזאַ באַרויקונג. דער אָנגעהיצטער שטערן דערפילט דעם באַריר פון אַ באַקאַנטער הויט, אַ וואַרעמע האַנט, און דאָך קילט זי אַזוי גוט, און אַזאַ צאַרטער ציטער לויפט דורך די אויגן־לע־דעלעך, ווען זיי דערפילן הייסע ליפּן...

— דוד, דודל מיינער...

צאַפּלענדיק זיך, בלאָנדזשען אירע פינגער אינם קרייזל האָר ביים נאַקן צו די אויערן צו, אַ שפּיץ פינגער פאַרבלאָנדזשעט אויפן הוילן פעלד. זי כאַפּט צו די האַנט, לאָזט זי פאַלן אויפן מאַטראַץ, קישן, איר גאַנצער קערפּער פאַרגליווערט, פאַרמאַכט. פאַר די פאַרמאַכטע אויגן שווינדלען צוויי דודס, און שפּרינגענדיק פון איינעם צום צווייטן, גיט דער קערפּער אַ ציטער...

2

דער פּאַרוואַלטער פון דער אוניווערסאַלער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט איז געשטאַנען און גערעדט:

...און דער פאַרזיכערונגס-אַגענט, וועלכער שטעלט זיך צו-פרידן מיטן איינמאָנען אַ דאָלאַר און שרייבט נישט נאָך אַ דאָ-לאַר, יענער איז אַ איינפאַכער קאָלעקטאָר, און ער האָט נישט די ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פאַרזיכערונגס-אַגענט. און ווייסט איר די פולע באַדייטונג פונם וואָרט פאַרזיכערונג? — די פראַגע טראָגט זיך איבערן זאַל. דעם פאַרוואַלטערס ליפּן, פאַרמאַכטע, צוגעקלעפּטע צו די יאסלעס, זיינע אויגן, דער קין, גייען נאָך דער פראַגע, העלפן איר — ווייסט איר וואָס איז פאַרזיכערונג? די פראַגע הענגט אין זאַל, אָבער די אַגענטן זענען נישט קיין שול-קינדער אין אַ קלאַס. זיי הויבן קיינע הענט: איך ווייס! איך ווייס! זיי ווייסן, אַז מ׳דאַרף נישט ענטפערן, זיי ווייסן שוין אַפילו דעם ענטפער, אָט קומט ער. דער פאַרוואַלטער שיקט אַרויס איין פינגער. — פאַרזיכערונג מיינט ראַטעווען מאַמעס און קינדער פון הונגער און נויט. און איר — איר — איר — ער טייטלט מיטן פינגער אויף איינצלנע — איר זייט די רעטער. און ווען דער רעטער אַליין, אונזער האר יעזוס, וואָלט היינט-צו-טאָג אַרונטער-געקומען און געוואָלט ברענגען רעטונג דער מענטשהייט, וואָלט ער קיין בעסערן וועג געפונען ווי אונזער וועג. דער וועג פון דער אוניווערסאַלער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט, טאָ גייט, איר אַפּאָסטאָלן, ברענגט די רעטונג צו די, וואָס דאַרפן זי, און דאַרפן דאַרף עס יעדער איינער, קלאַפּט אין יעדער טיר. קלאַפּ, און מ׳וועט דיר עפענען. און איצט צו דער אַרבעט.

דער אַפּאָסטאָל דוד לייבאָוויטש איז געגאַנגען אויף זיין מיסיע. אויפן וועג האָט ער אַרונטערגעוואָרפן אַ העלפט פון דער שליחות, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט אויף אים אַזוי פייערלעך אַרויפגעלייגט, אָפּגעגעבן דער וואַנט איר חלק אויך, דאָך איז אים נאָך געבליבן גענוג צו גיין מיט חשק. פאַרזיכערונג איז אַ גוטע

זאַך, יעדער איינער דאַרף עס האָבן, ווער שמועסט, אַז מ׳האָט קינ־
דער. גערעכט דער פּאַרוואַלטער, קלאַפּן אין יעדער טיר.

ער האָט געקלאַפּט. ווו מהאָט געעפנט, ווו נישט, און האָט
מען געעפנט אַ טיר, האָט ער געעפנט דאָס מויל און גערעדט...
אַי, ווען דער פּאַרוואַלטער הערט אים רעדן! אפילו ווען
נאָכן רעדן איז נישט געקומען צום שרייבן, איז ער אויך געווען
צופרידן, און ער האָט טאַקע געשריבן אויך.

— פיין! — האָט דער פּאַרוואַלטער אויסגערופן, אָפּנעמענ־
דיק אַ באַריכט, אים געקלאַפּט אין פּלייצע. — איר האָט אַ גרויסע
צוקונפט! איך קען עס גלייך זען. גוטע אַרבעט! גוטע אַרבעט.
געוויס! ער וועט נאָך ווייזן! ער...

ער האָט זיך געאיילט אַהיים, קומען דערציילן מנוחהן. מיט
וואָס איבעראַשט מען זי, דערפרייט מען זי? איר עפּעס ברענגען.
די אויסגעפּוצטע מאַגעקענען ווינקען — אַ מאַנטל, אַ קליידל, אַ
היטל, שיך. ניין, נישט דאָס. עפּעס אויסטערלישעס, אַ צאַצקע.
אפשר גאָר עפּעס פאַרן קינד? ער איז אַריין אין אַ קראָם.

ער האָט געשלונגען חפצים מיט די אויגן ווי אַ הונגעריקער,
פאַר וועמען מ׳האָט אַנידערגעשטעלט עטלעכע געריכטן. אַ שווערע
זאַך אָפּצוקלייבן, ווען עס איז דאָ פון הערן, זען און געדענקען. און
מ׳גיט אויף באָרג אויך, מ׳דאַרף נאָר איינצאָלן אַ קלייניקייט און
ענטפערן אַ פּאָר פראַגן. גרינג צו ענטפערן, ווען די אויגן אַרבעטן
שטאַרקער ווי די אויערן. ער ווינט דאָ, אַרבעט פאַר דער אוניווער־
סאַלער פּאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט, דאָ איז זיין קאַרטל, פּאַרדינט
גאַנץ פיין. דער קרעדיטאָר כאַפּט אַ קוק אויפן קאַרטל, אויף דוד
לייבאָוויטש. דוד שמייכלט, ער זעט פאַר זיך נישט דעם קרעדיטאָר,
נאָר די געקויפטע חפצים. מנוחה, רחלע! ערשט איצט לויפט ער
אַהיים.

אין איינע צוויי מינוט האָט רחלע אויסגעפונען דריי חדושים
אינם אויטאָמאָביל, וואָס דער טאַטע האָט איר געבראַכט, און זי
רייסט אים, ער זאָל אויך זען. דערפאַר אָבער מנוחה רירט זיך
נישט צו צו איר פּעקל, זי קוקט אויף איר מאַן, ווי אויף אַ קינד
אַ שטיפער, וואָס האָט אָפּגעטון אַ שפּיצל, ווערט קלעפּ, אָבער

שלאָגן אים הויבן זיך נישט די הענט. — נו, פרעג איך דיך ? — גיט זי אַ זאָג, ווען ער צענעמט דאָס פּעקל.

— נאַרעלע, טו עס נאָר אָן. נעם... אַט אזוי... — ער דער־ווייטערט זיך אַ פּאָר טריט, דערנענטערט זיך צוריק — זעסט דאָך אויס... — ער פאַרענדיקט דעם זאַץ מיט אַ געכאַפּטן קוש.

— גיי ! — שטופּט זי אים אָפּ, גיט זיך אַ דריי און באַטראַכט די פּרענז פון שאַרף. — וויפיל האָסטו באַצאָלט ?

— וויפיל ? וויפיל ? עס געפעלט דיר ?

— יאָ, אָבער...

— אָבער וואָס ?

— דאָ בילכערע זאַכן.

— בילכערע זאַכן ! דערזען, געפעלן געוואָרן, האָב איך געקויפט.

— און געלט ?

— גיי שוין גיי, נאַרעלע, געלט ווי בלאָטע. היינט אַליין געשריבן אַ דאָלאַר.

— געשריבן אַ דאָלאַר ?

— יאָ, געשריבן אַ דאָלאַר. ווייסט נישט, וואָס דאָס מיינט. און אַז איך וועל דיר דערקלערן, וועסטו אויך נישט וויסן. דאָס מיינט, אַז איך האָב פאַרדינט אַכט און צוואַנציק דאָלאַר ! פאַר־שטייסט ? אין איין טאָג, דאָס רוף איך אַרבעט ! נישט זיצן און דרייען די קאַטערינקע, מיני !...

ער האָט אפילו געזאָגט מנוחהן, אַז ער וועט איר נישט דערקלערן, וואָס הייסט שרייבן אַ דאָלאַר, ביי דער וועטשערע האָט זיך אָבער זיין מויל נישט צוגעמאַכט, און נישט נאָר האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס הייסט שרייבן אַ דאָלאַר, האָט ער איר באַוויזן, ווי אַזוי ער שרייבט הונדערטער דאָלאַר, פּאָליסיס אויף הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען. — שפּילט זיך מיט מיליאָ־נערן ? זיי טראָגן פּאָליסיס אין די מיליאָנען דאָלאַרס, מ׳דאַרף נאָר צו־קומען צו זיי. פאַרשטייט זיך, דערצו דאַרף מען אַליין זיין אַ שטיקל נגיד, נישט אַזוי זיין ווי אויסזען, גיין שיין אָנגעטון, וווינען אין אַ שענערער געגנט, זיך דרייען צווישן רייכע. דענקט

ער טאַקע זיך אַריבערציִען אין וואַשינגטאָן הייטס, אָדער גאָר ריווערסייד דרייוו. וואָס אַרט דיך, מנוחה, ווּעסט שוין זען...

אפילו מנוחה האָט שוין אָנגעהויבן גלויבן, און דוד לייבאָוויטש האָט שוין אַזוי באַשיינפערלעך געזען זיך אין זיין „פּירס עררָאו״ מיט אַ שאופער, אַז אַרונטערגייענדיק אין גאַס, האָט ער די ערשטע זאַך צוגערופן אַ טעקסי, אַ וואָרף געטון דעם טרייבער אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט געוווינט אַ צען בלאָק ווייטער, זיך אַריינגעזעצט, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און אַרויסגעלאָזט דעם רויך מיט אַ רחבותדיקן בלאָז.

דער רויך האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין פאַר זיינע אויגן ווען ער איז געזעסן קעגנאיבער דעם פאַרוואַלטער, און אָט דערזעלבער פאַרוואַלטער, וועלכער האַלט יעדן פרימאָרגן אַ דרשה פאַר די אַגענטן מיט אַזאַ ציטערנדיקער אָרגל שטימע, האָט איצט געבראָקט האַרטע איינציקע ווערטער, און פון אַלע ווערטער האָט אַרויסגעסטאַרטשעט איין וואָרט — נעלמים. דוד לייבאָוויטש האָט באַין אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי ער, וועלכער האָט געשריבן עטלעכע דאָלאַר, זאָל מער נישט קריגן ווי עטלעכע און דרייסיק דאָלאַר, באשר בכן פון די פאָליסיס, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן אין זיין געגנט, זענען עטלעכע נעלם געוואָרן.

— אַזוי איז עס, — ענטפערט טרוקן דער פאַרוואַלטער.

— און ווי אַז יענע זענען גאָרנישט נעלם געוואָרן, זענען גאָר קיינמאָל נישט געווען?

— וואָס רעדט ער, וואָס? — אַ חלול השם. ווי ברענגט מען עס גאָר אויף די ליפּן? — גיט צו דעם פאַרוואַלטערס קוק.

— פון וואַנען ווייס איך? — לאָזט דוד לייבאָוויטש נישט אָפּ.

— אָבער מיר ווייסן. — אַזאַ שטאַרקייט טראָגט זיך פון דעם „מיר״. זאָל נאָר עמעצער פּרוּוון מאַכן אַזעלכע שטיק...

וואָס דער פאַרוואַלטער וואָלט געטון, האָט ער נישט געזאָגט. דער געשפּרעך איז געענדיקט. דוד לייבאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעגאַנגען. און נישט נאָר זיינע פיס, זיין קאָפּ איז אויך געגאַנגען — כּאדראַם. נעלמים! נעלמים! הייסט עס, דאָ אויך שווינדל. טאָ וואַרט זשע.

3

דאָקטאָר גאָטהעלף, דער עקזאַמענירער פון דער אוניווערסאַלער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, האָט געשפּאַצירט פון זיין קאַבינעט אין אָנטע שאָמבר הין און צוריק, איין האַנט אַריינגעשטעקט טיף אין הויזן־קעשענע, האָט געקנייטשט אַן אַלט, ווייך צוואַנציק דאָלאַר־פּאַפּירל, געזיפּט דורך די פינגער קליינגעלט, די צווייטע האַנט האָט אַרויסגעלאָזט דאָס צעקנייטשטע טיכעלע פון צווישן די פינגער, זיך אַרויסגעצויגן פון קעשענע, דערלאַנגט צו די נישטראַזירטע באַקן, אַ רייב געטון פון רעכטס אויף לינקס און צוריק, און זיך אָפּגעשטעלט ביים קין. דר. גאָטהעלף האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. — עס איז פּאַסקודנע, — האָט דער אנטע שאמבר דערהערט דעם דאָקטאָר פסקענען. דעם דאָקטאָרס קאָפּ, אַ גרויסער, שווערער קאָפּ, מיט דעם ערשטן פרימאָרגן פראָסט אויף די שוואַרצע האָר, האָט באַשטעטיקט מיט אַ קרעפּטיקן שאָקל פון אויבן אַרונטער, אַז עס איז פּאַסקודנע. די האַנט האָט זיך אָפּגעטיילט פון קין. איך האָב שוין מיינס אָפּגעטון, אָפּגעשטעלט דיינע מחשבות? גענוג, קען איך גיין צוריק אין קעשענע. דר. גאָטהעלף האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זיינע מחשבות, ער האָט גענומען שפּאַנען האַסטיקער, ביידע הענט האָבן שוין גערוט אויפן רוקן, און די פינגער, דינע, לאַנגע פינגער האָבן זיך שנעל באַוועגט, באָכגעיאָגט דר. גאָטהעלף אין זיינע רעיונות.

פּאַסקודנע. נעכטן פאַרשפּילט צוויי הונדערט דאָלאַר. עס גייט נישט. מיט אַ פול הויז פאַרלוירן. פּשוט שלימזל. זיי האָבן אים געקיבעצט — דערפאַר גייט אים אין ליבע. יאָ, עס גייט... פון עלסין מוז ער פּטור ווערן. אייפערזיכטיק ווי אַן אייגן ווייב און קאָסט אָפּ אַ פאַרמעגן. יעדעס מאָל איז גיב און גיב. דאָ געזען אַ קלייד, דאָרט אַ מאַנטל מיט אַ סאָבאָל קאָלנער. — ווי לאַנג זאַכסטו, ווי דו וועסט עס קריגן, — האָט ער באַשלאָסן בקול רם. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעסטל ציגאַרן, אַרונטערגעצויגן דאָס זילבער מענטעלע, אַ קוועטש געטון דעם ציגאַראָנצינדער איין מאָל, צוויי מאָל, האַלטנדיק דאָס פייער אַנטקעגן

ציגאַר, האָט ער דערהערט טריט. דער ציגאַר, נאָכפּאָלגנדיק דאָק־טאָר גאָטהעלפּס אויער, האָט זיך אָפּגעקערט פון ברענער, דער ברענער האָט געגומען נאָכגיין נאָכן ציגאַר, אָט איז ער שוין ביי דאָקטאָר גאָטהעלפּס פלייסיקער נאָז. דר. גאָטהעלף האָט האַסטיק פאַרהאַקט דאָס דעקל איבערן ברענער. די טיר האָט זיך געעפנט, — אַ, דאָס זייט איר? קומט אַריין. — דאָקטאָר גאָטהעלף האָט אַ באַרויקטער פאַרוויכערט זיין ציגאַר, אונטערגעטראָגן דאָס אָפּענע קעסטל לייבאָוויטשן. — וואָס פאַר גוטע נייעס?

— קיינע גוטע נייעס.

— דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט זאָגן אַן אמת, וואָס זשע, עס שרייבט זיך נישט?

— איך שרייב גראַדע יאָ, נאָר...

— נאָר וואָס?

— איך שרייב און דער פאַרוואַלטער מעקט.

— נעלמים? וואָס?

לייבאָוויטש האָט געכאַפּט דעם שמייכל, ווי ער איז איבער־געלאָפן פון די אויגן צום ווינקל פון מויל, ווו דער ציגאַר האָט געשטעקט, און זיין פאַרדאַכט, אַז מיט די נעלמים איז עפּעס אַ שווינדל איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. — עס איז עטוואָס שרעקלעך. יעדע וואָך צוויי דריי. איך ווייס נישט, אָבער איך שפּיר פוילע שטיק.

— ווי אַמאָל. אַמאָל פּאַסירט טאַקע, און אַמאָל טוט מען עס אומישנע. געלט כאַפּן אַ גרינעם, שטעלט מען אים אונטער אַ פּיסל...

— איכל געבן צוריק, און געבן אַזוי, נישקשהדיק.

דער ציגאַר אין דאָקטאָרס מויל האָט זיך איבערגערוקט, די אויגן האָבן פלינק אַ לויף געטון איבער לייבאָוויטשן. — עס באַ־צאָלט זיך נישט. מ'כאַפּט אַ סטינקע. אויב שוין יאָ כאַפּן, איז העכט.

— העכט אוודאי גוט.

— נו, העכט כאַפּט זיך נישט אַזוי לייכט. נישט מיט אַ ווענטקע.

לייבאָוויטש האָט מיטן קוק געפרעגט: וואָס ביסטו אויסן?

— העכט כאַפּט מען מיט אַ נעץ, — האָט דאָקטאָר גאָט-העלף מעשה בקי אַ זאָג געטון, — און פאַר אַ נעץ דאַרף מען אַמוויייניקסטן דריי פישער.

— נו זאָג שוין, — האָט לייבאָוויטש אַרויפגעקוקט צו דאָקטאָר גאָטהעלף, וועמעס פינגער האָבן זיך פאַרטראַכט אַרום ציגאַר אין מויל. — און פון וועמען באַשטייט די הייליקע דריי-אייניקייט?

— די הייליקע דריי זענען — דער אַגענט, — דאָקטאָר גאָטהעלף האָט אָנגעוויזן אויף לייבאָוויטשן, — דער דאָקטאָר, און דער... באַגרעבער.

— דער באַגרעבער! ווי קומט ער אַהער?

— דאָקטאָר גאָטהעלף האָט געהאַלטן לייבאָוויטשן אויף דער וואָג, אים געוואויגן. דאַכט זיך, צו לייכט. אויב אַזוי אַ שאָד, וואָס גאָר אָנגעהויבן. דאָך לייגט ער נאָך אַ שטיקל געוויכט. — דער מלאך המות איז דער הויפּט-פאַרקויפער פון פאַרזיכערונג. ווען איר קומט עמעצן שרייבן אַ פּאָליסי, ווייזט איר אים גלייך דעם מלאך המות, און טרייסט דערמיט, וואָס נאָכן מלאך המות קומען די טויזנטער, נישט אַזוי?

— כמעט אַזוי.

— דער אמת איז, אַז מ׳דאַרף דעם מלאך המות אויף טויזנט כּפּרות.

— ???

— אַלץ וואָס מ׳דאַרף איז אַ קוויטל פון דאָקטאָר, אַז ער האָט דעם מלאך המות גערופן, און אַ קוויטל פון באַגרעבער, אַז דער מלאך המות איז געווען. — דאָקטאָר גאָטהעלפס אויגן קוקן אָנגעשטרענגט אויף דער וואָג-שאָל — אין לייבאָוויטשעס אויגן.

— געכאַפּט, — זאָגן פריילעך לייבאָוויטשעס אויגן. — גוט! אויסגעצייכנט! — און נישט נאָר די אויגן, דער גאַנצער לייבאָוויטש צעלאַכט זיך אַזוי, אַז דאָקטאָר גאָטהעלף ווערט ווי-דער נישט זיכער מיט דער וואָגשאָל. — דאָס דערמאָנט מיר אָן גאַגאַלן!

— ווער איז ער?

— איר ווייסט נישט? אַ, אַנטשולדיקט, פאַרגעסן, איר זייט אַן אַמעריקאַנער. ווי ס'נישט איז, דאָרט פאַרקויפט מען טויטע נפשות, און דאָ פאַרזיכערט מען. פיין! איך זאָג אייך... אָבער.

דאָקטאָר גאָטהעלף גיט זיך אַ שאַרפן קערביים וואָרט אָבער, דערזעט לייבאָוויטשעס אויגן זענען שטיין געבליבן, מאָנט ער ביי זיי „אָבער" וואָס?

— אָבער ווי נעמט מען אלמנות?

די שטרענגקייט שפּרינגט אַרונטער פון דאָקטאָר גאָטהעלפס נאָז בריקל. — דאָ געננוג פון דער סחורה. אַלץ וואָס מ'דאַרף, איז דינגען איר אַ מעבלירטן אַפּאַרטמענט און... פאַרברענגען מיט איר. לאָמיר באַנעצן. לחיים!

— לחיים.

— איך וועל אייך באַקענען מיט אַן אלמנהלע...

— קען מען זיך פאַרלאָזן אויף איר?

— מיט וואָס?

— מיט געשעפט מיין איך.

— אַ, געשעפט? איך זע, זייט איר גרין אין די געשעפטן אויך. די אלמנהס, די עלסיס, גערטרודס און שאַרלאַטעס קימערט זייער ווינציק, וואָס און ווי איר טוט. זיי וועלן פאַר אייך אונ־טערשרייבן אַ טויט אורטייל אפילו, אַבי איר וועט זיי צופרידנ־שטעלן. און, פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן, זיי האָבן אַ גוטן אַפּעטיט. נאָך אַ גלעזל?

— לחיים! פאַר...

— איז עס געשליכטעט. מאָרגן פיר אַזייגער. דאָ אין אָפיס.

4

די ערשטע אַלמנה איז געווען עלסי, דר. גאָטהעלפס פּלגש. איר האָט ער געזאָגט: — איך וועל דיך באַקענען מיט איינעם, ער איז אין די פּאַרזיכערונגס-געשעפטן. איך וויל, דו זאָלסט אים צו-לאָנטשען, איך דאַרף אים האָבן. — לייבאָוויטשן האָט ער איינגעלאַדן צו גיין מיט אים אין טעאַטער. — נאָכן טעאַטער וועלן מיר אַריינ-גיין אין אַ נאַכט-קלוב. מיר, דאָס מיינט איך, איר, און די ערשטע אַלמנה. זעט זי זאָל געטרייסט ווערן. — ווען ער האָט זיי פאָר-געשטעלט, האָבן זיךביידע „האַרציק" דערפרייט, מ'האָט זיך פליכטיק אָנגעקוקט. עלסיס בליק איז אַריבערגעשפּרונגען צו דר. גאָטהעלף: אָט דאָס אָ? אַ לייכט עסק. לייבאָוויטשעס אויגן זענען אויפגעריסן געוואָרן. אַ הויך דאָס איז. ווו וואַקסן זיי? און אַ פּלייצע! די גליייכקייט. און אַ הויט! ווייס, דאָס זעט ער, און די גלאַטקייט קען ער שוין פילן. דעם מאַנטל אַרונטערנעמען האָט איר געהאָלפן דאָקטאָר גאָטהעלף. ווי פלינק ער האָט דאָס געמאַכט, אַ כהרף עין, און עס איז שוין ביי דער גאַרדעראָבע, און ווי פלינק ער האָט עס אַריינגעגליטשט אַ מטבע צום לאָקיי אין האַנט. מיטן אויג קוים צו כאַפּן. ער באַוווּנדערט דעם דאָקטאָר, וועלכער פילט זיך דאָ אַזוי היימיש. אַוועקגעזעצט זיך, דערזעט ער עלסיס קנייטשלאָזן האַלז, וועלכער האַלט אויף אַזוי שטאָלץ דאָס קליינע קעפל מיט די אָנגעקרויזטע בלאָנדע האָר, און דער ברוסט-קאַסטן — פלאַך, דערפאַר אַזוי איבעררעשנדיק חוצפּהדיק די קליינע בריסט, די ניפּלען שרייען אַרויס פון אונטער דער לויזער בלוזע. און די אָרעמס דינע, מוזן דאָך זיין גלאַטער, ווייכער ווי מיניס פעטע אָרעמס. און ביי יענעם טישל אויך אַ עלסי, און ביים דריטן טישל, און...

— נו, וואָס וועט איר האָבן?

דאָס האָט דאָקטאָר גאָטהעלף דערמאָנט לייבאָוויטשן. אַ רבי האָט געכאַפּט דעם תּלמיד מיט אַ „ווו האַלט מען?" ער האָט אַ נעם געטון די מעניו, געשפּרונגען פון איין געריכט צום צווייטן, נישט פאַרשטאַנען די נעמען, מורא געהאַט זיך בלאַמירן, און געשפּירט,

אַז דער קעלנער מיט זיין אָנגעשטעלטן בליי-פען און ביכעלע מעסט אים די צייט. ער האָט אַ לייג געטון די מעניו. — דאָס זעלבע, — האָט ער שטיל געזאָגט, קוים אָנווייזנדיק אויף דאָקטאָר גאָטהעלף.

אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך, האָט זיך לייבאָוויטש דער-פילט שטאַרקער, אים איז געוואָרן היימלעכער, אים איז גוט. אַלע לאַכן, שמייכלען. יעדער איז פריילעך ביי זיין טישל, אָבער ער פילט די פרייד אַפילו צווישן די טישלעך, איבער זיי. די קרישטאָ-לענע צעמפּלעך פון די הענג-לאָמפּן שטראַלן אַרויס אַזאַ ראָזעווע פרייד, אַז די לופט איז ראָזיק, פריידיק, אַ רויזן-ריח טראָגט זיך אין דער לופט, און די טאַנצנדיקע צעוויגן דעם רויזן-ריח, פאַר-שפּרייטן אים, די פריילעכקייט וויגט זיך, נויגט זיך צו יעדן איינעם.

עלסי האָט געטאַנצט פריער מיט דאָקטאָר גאָטהעלף, נאָכדעם מיט אים. דער קאָפּ זיינער, ווי אָנגעשטרענגט ער איז נישט געווען אויף דעם איינעם געדאַנק — היט דיינע טריט, האָט דאָך נישט געקענט קאָנטראָלירן די באַוועגונגען, אַזאַ שמעקעדיקע לופט, אַזאַ געמיש פון פּערפומס און קערפּער-וואַרעמקייט. ער האָט נישט דערוואַרט, אַז פון אונטער אַזאַ דעליקאַטער הויט זאָל זיך טראָגן אַזאַ וואַרעמקייט. דער טאַנץ איז געענדיקט. ער פירט זיין דאַמע צום טישל, רעדט צו איר, זי שמייכלט: יאָ... יאָ... איין אויג קוקט אין אַ קליין שפּיגעלע, דאָס צווייטע זוכט גניבהש דעם דאָקטאָר גאָטהעלף, געפונען אים, געזען זיין מיטטענצערין, פאַרשאַרט זי אַ האָר ביים שלייף, גלעט צו אַ ברעם. — נו?...

דאָקטאָר גאָטהעלף איז צוגעקומען צום טישל מיט אַ פריי-לעכן: נו, ווי האָט זיך עס געטאַנצט?

— מר. לייבאָוויטש איז אַ ווונדערבאַרער טענצער! — האָט זיך שנעל אַרונטערגעגליטשט פון עלסיס אָנגעפּאָמאַדעטע ליפּן, און אין די אויגן זענען שדימלעך געשפּרונגען: — וואַרט, איכל זיך מיט דיר אָפּרעכענען!

— נו, דאַנקען גאָט, וואָס דו האָסט כאָטש איינמאָל געקראָגן אַ גוטן פּאַרטנער.

מאַן און פרוי האָבן זיך פאַרשטאַנען. דאָקטאָר גאָטהעלף האָט אומגעדולדיק גערופן דעם קעלנער, געזופּט פאַמעלעך, גע־טרונקען אַ סאַך. טרינקענדיק האָט ער צוגערופן דעם אויבערקעלנער, אים געפרעגט עפּעס מיט די אויגן מער ווי מיטן מויל, און ווען דער קעלנער האָט זיך דערווייטערט, האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע דינע לאַנגע פינגער אויף עלסיס האַנט, אַ דריק געטון, און: — איצט, ליבינקע, וועט דיך מר. לייבאָוויטש נעמען אַהיים. איך גיי נאָך אַריין דאָרטן. זיי אַ ווויל מיידל.

— ווינטש דיר גליק, טייערינקער, — האָט עלסי געענטפערט, און דער זיסער ענטפער האָט אַזוי אַקצענטירט די „ליבלעכע" גע־זעגעניש.

— אַ גוטן, — האָט דאָקטאָר גאָטהעלף צוגעוואָרפן לייבאָ־וויטשן, און זיך געלאָזט צווישן די טישלעך אין דער טיפעניש פון זאַל. לייבאָוויטש האָט געזען, ווי אייניקע פרויען האָבן גע־הויבן זייערע אויגן צו דר. גאָטהעלף, מיט אייניקע האָט ער זיך באַגריסט, און לייבאוויטש האָט אים מקנא געווען, וואָס ער איז דאָ אַזוי היימיש, וואָס ער איז אַזוי הויך געוואַקסן, וואָס אויף זיין שוואַרצן קאָפּ האָר האָט זיך געזעצט אַזאַ לייכטער פראָסט.

— איך גלויב, מירן גיין.

— יאָ, מיר גייען.

לייבאוויטש האָט אייליק דערפילט זיינע דזשענטלמענישע פליכטן, אָבער די קעלנער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פלינקער פון אים, און ווי ער האָט נישט געהאַט אָנגעגרייט די מטבעות פאַר זיי, ווען עס איז געקומען צום געבן, האָבן זיך די פינגער גע־פּלאָנטערט, און עלסי שטייט אַזוי רויק און שמייכלט. אָבער אים איז גוט. פירט ער זי נישט אַהיים?

וויגנדיק זיך אין טעקסי, פילנדיק די וואַרעמקייט פון איר קליבע, צודריקנדיק זי אומגערן... ביי אַ טעקסי־וויג, האָט זיך דאָס מויל געצויגן צו אירס, ער האָט זיך אָבער נישט צוגערירט. פון אײלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אויסשטייגנדיק האָט ער דערלאַנגט די האַנט, אַ רגעדיקער ישוב — געענדיקט, און ער

פאָרט אַהיים, אָדער? זי האָט געוואָרט. ער האָט צוגעוואָרפן דעם טרייבער אַ פּאַפּירל, איר נאָכגעגאַנגען.

אַ מעבלירטער אַפּאַרטאַמענט, איינער פון די הונדערטער אויף מאַרנינגסייד. אַ פיר-עקיקער צימער, אַ געבעטע קושעטקע, שטולן, אַ בעט „פּאַררוקט אין טשאָלענט”, מ'נעמט זי אַרויס צום לייגן זיך שלאָפן, און אַ כלומרשטע קיך.

— מירן מאַכן קאַווע.

עלסי איז פאַרשוואונדן, אין קיך הייסט עס, מאַכן קאַווע. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט לייבאָוויטש אַזש געגומען בלינצלען. אַן אַנדער עלסי. אַ שוואַרץ רעקל מיט ברייטע אַרבל, שוואַרצע, ברייטע הויזן, פון די קני אַרונטער אַזוי ברייט, אַז עס דאַכט זיך, דאָס איז אַ צעשפּאָלטן קליידל, אויף די פיס באָרדאָ שיכלעך. זי איז מער אָנגעטון, ווי מיט אַ האַלבע שעה צוריק, דאָס רעקל און די הויזן האָבן פאַרדעקט מער לייב, דאָך האָט דוד געפילט, אַז די מחיצה צווישן אים און איר ווייס פאַרדעקט לייב איז גאָר, גאָר אַ דינע, און וואָס דינער די מחיצה, אַלץ הייסער די פינגער זי צו באַזייטיקן. אַ קילער, ווייסער אָרעם דערלאַנגט אַ טאַס קאַווע.

— אַ פיינער אַפּאַרטאַמענט.

— מ... יאָ.

— וויפיל צאָלט זי?

אָנצינדנדיק אַ ציגאַרעט אין אַ לאַנג ציגאַר-שפּיצל, קוקן די אויגן נישט אויפן שוועבעלע, נאָר אויף אים. ער ווייסט, די פראַגע איז אַ נאַרישע, גיט אַ טריט צום ראַטעווען זיך: אַ פיינער אַפּאַר-טאַמענט, און כדי אײַנגאַנצן אַרויסצוקריכן, גיט ער אַ פרעג: ווי לאַנג איז שוין, אַז זי קען דאָקטאָר גאָטהעלף? אויף אַ געפערלעכערן באָדן האָט ער נישט געקאָנט אַרויפטרעטן.

— אומגעפער אַ יאָר.

— אַ פיינער מענטש, — גליטשט ער זיך אין פּאַלאָנקע אַרײַן.

— זייער אַ פיינער. — דער טאָן הינטער די ווערטער: — ג״י זיי זיך נוקם אָן אים מיט אַזאַ שלימזל. זי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דריי פינגער איבערן מויל, וואָס האָט זיך כלומרשט

געריסן צום געניצן. אַנטשולדיקט, עס איז נישט די געזעלשאַפט, עס איז די שטונדע.

— יאָ, עס איז שפּעט, איך גלויב, איך וועל בעסער גיין.

— קומט אַמאָל אַרויף.

— אַ דאַנק, אַ גוטע נאַכט.

אפשר געדאַרפט אַ קוש טון אין האַנט, מילא אַ צווייט מאָל פאַרבעסערן. די פּיזשאַמעס...

אַ טעקסי-אויג האָט געוווּנקען. וויגנדיק זיך האָט ער געטראַכט — האַלב וועג געמאַכט...

5

עס איז צוגעגאַנגען גאַנץ גיך. צו עלפֿין טאָקע ווייטער נישט דערגאַנגען, דערפֿאַר האָט שוין דוד לייבאָוויטש געהאַט אַן אייגענע „אַלמנה״, ער האָט שוין געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעליוש, שוואַרצע שיך מיט ווייסע פֿלעקן, מיט אַ געוועונטענעם צודעק איבער די שיך, אַ ראָב שאַליקל אונטערן קאָלנער. די פֿאַרלאָזטע וואָנצעס האָט ער שוין נישט געדאַרפֿט ציען זיי זאָלן וואַקסן, פֿאַרקערט, ער האָט זיי שוין צוגעשוירן, אַז בײַ די ווינקלען פֿון מויל זאָלן זיי זײַן אַזוי דין ווי אַ מײַזלש עקעלע, און אין איינער נאַכט־קלובן האָט ער זיך שוין געפֿילט אַזוי היימיש, ווי די קעלנער גופֿא. ער האָט שוין גערופֿן בײַ די ערשטע נעמען, דאָס הייסט, דזשאָו אָדער דזשעק, ווי די מערסטע געסט האָבן זיי גערופֿן. זיי האָבן שוין געשמייכלט צו אים בײַ זײַן אַרײַנקומען, געצאָלט פֿאָרויס פֿאַרן טרינק־געלט. געגעבן האָט ער מיט דער ברייטער האַנט, און פֿלינק ווי דאָקטאָר גאָטהעלף, זיך אויסגעלערנט.

— דאָס איז לעבן! — האָט ער מיט בגילופֿנדיקער באַגייסטערונג גערעדט צו זײַן ווײַב, ווען מ׳איז ביידע געקומען פֿונעם נאַכט־קלוב „די סאָווע״. ער האָט זי אַהינגענומען מכפּר צו זײַן פֿאַר זײַנע נעכט אין די נאַכט־קלובן, בײַ דער „אַלמנה״. פֿאַרגיטיקן פֿאַר אירע אָוונטן איינע אַליין מיטן קינד. זאָל זי אויך אַ מאָל הנאה האָבן, און זאָל זי זען, ווער ער איז — מיט די רײַכסטע חברה ער זיך, און אַז מ׳רײַבט זיך לעבן אַ פֿעטן טאָפּ...

— נישט אַזוי משוגע פֿאַר דײַנע נאַכט־קלובן.

— אַזוי גאָר? — אַ שמייכל פֿון אַ געניטן; גוטע יאָרן...

— נו וואָס? נאָך אַביסל בראָנפֿן.

— דאָס אַלעס?

אַ קוק פֿון אַ געניטער. זי דערזעט אים מיט יענער בלאָנדער מיטן ברייטן מויל, דינע ליפּן און שמאָלע אויגן; מיט דער ברונעטער מיט די אויסגעסטאַרטשעטע דיקע ליפּן, אָנגעשמירט, אָבער די פּאָמאַדע קאָן נישט פֿאַרדעקן די מיאוסע מעשים אויף וועלכע די דיקע, „חזירישע״ ליפּן זענען פֿעיק. איר מויל קרימט

זיך פון עקל, זי שפּאַנט אַרויס פון דעם נאָר וואָס אַרונטערגעלאָזטן קלייד, גיט עס אַ הויב און אַ וואָרף אויף אַ שטול. דוד קוקט נאָך זיין ווייב, ווי זי דערווייטערט זיך פון אים מיט איר קאַטשקע גאַנג, דערזעט עלסי מיט איר ספּרוזשינע-גאַנג, אַרויף און אַראָפּ, דזשאַנעט, וועמעס גאַנג גיט אַזוי פיל אָנצוהערעניש אויף סודות, וועלכע ער ווייסט שוין, דערפילט דזשאַנעטס אַ באַוועגונג... גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אויף זיין ווייב — וואָס ווייסט זי?... זאָל נאָר דורכגיין די דריטע אַלמנה. דאַן...

די דריטע אַלמנה, די „רייכסטע", האָט שוין לאַנג באַדאַרפט אַריינקומען, און נישט נאָר ער האָט נאָך נישט געקראָגן דעם פּעטן טשעק, ער האָט אַפילו מורא געקריגן אָנצופרעגן וועגן דעם, די לופט אין אָפיס, האָט ער דערפילט, איז געוואָרן שטייפער. ווען מנוחה האָט איין פרימאָרגן, אַרום צוועלף אַ זייגער, אים איבער-געגעבן, אַז דאָקטאָר גאָטהעלף האָט אים גערופן צום טעלעפאָן, האָט ער אויף איר אַזוי אַ קוק געטון, אַז זי האָט אַ דערשראָקענע געפרעגט: וואָס איז?

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט?

— ביסט דאָך געשלאָפן!

— געשלאָפן! נישט געקענט אויפוועקן? געטריי געוואָרן! — ער האָט געכאַפּט דעם קאַפּעליוש און אַרויסגעלאָפן.

איין מאָל האָט ער אַ דריי געטון דאָס טיר הענטל, און ווען זי האָט זיך נישט געעפנט, האָט ער זיך אַ לאָז געטון צום עלעווייטאָר, אָט ווי ער וואָלט דאָרט דערזען דר. גאָטהעלף אַרויף אָדער אַרונטערפאָרן. אַרונטערקומענדיק, שטייענדיק מיטן פּנים צו דער גאַס גרייט זיך אָפּצורייסן, לויפן ערגעץ, האָט ער זיך גע-כאַפּט, ער האָט נישט וווּ צו לויפן. וווּ וועט ער אים זוכן? זיינע פרעגנדיקע אויגן האָבן פאַרבייגעלאָזט צענדליקער מענטשן, נישט זעענדיק זיי, נאָר אין איין פּאָר אויגן האָבן זיך זיינע פאַרטשעפּעט, גרויסע, גרויע, אָקסענע אויגן פון אַ מענטשן געזונט ווי אַן אָקס, מיט אַ בולדאָג מאָרדע. די גרויסע אָקסענע אויגן זאָגן: מיר זוכן נישט, מיר דאַרפן נישט זוכן, מיר

זעען, ווייסן, און ווען אונזער וויסן וועט דערגיין ביזן מויל, דאַן עפנט זיך עס, און אַ בולדאָג, ווען ער נעמט אָן, לאָזט ער נישט אָפּ. איצט האָבן שוין אלע פאַרבייגייער אויגן, און דוד לייבאָוויטשן כאַפּט אַרום אַ מורא פאַר אַ גוט אויג. ער הויבט זיך אויף צוריק צום דאָקטאָר גאָטהעלף. אים איבערלאָזן אַ קאַרטל. ניין, דאָס איז צו ריזיקאַליש. ער מוז אים זען. ער גיט אַ נעם דאָס הענטל, אַ דריי, גיט אַזש אַ טרייסל די טיר. אַ רוק פון אַ בענקל אינעווייניק, טריט.

— טאַקע געדענקט, אַז דאָס ביסטו, אַזאַ ראַשיקער פּאַציענט! נו, וואָס שטייסטו, קום זעץ זיך אַנידער. נו, די הייליקע דרייאיי-ניקייט איז דאָ. דאָרסי, גיס אָן!

דאָרסיס וואַסער-קאָליר אויגן פליסן אַזש איבער ביים באַגריסן זיך מיט לייבאָוויטשן. — נו, וואָס ווערסטו עפּעס זאָגן, אַלטער בחור?

— אַלטער בחור!? — דודס געפּלעפּטקייט, פאַרשטיינערט-קייט פון דאָקטאָר גאָטהעלפס שפּאַסיקער אויפנאַמע, האָט געפּלאַצט,— אייך איז גוט, אָבער איך? איך! איך האָב אַ ווייב, אַ קינד... איך...

— דאָרסי! וואָס דו זאָלסט נישט טון, טשעפּע נישט זיין ווייב, לחיים! פאַר דיין ווייבס געזונט! טרינק! טרינק! — האָט דאָקטאָר גאָטהעלף אים געשפּאַרט דאָס גלעזל. — אָט אַזוי! פאַר-שטייסט? מיר זענען געזעסן און געטראַכט וועגן שילדן. יאָ, שילדן, אַרויסצוהענגען אויף אונזערע טירן. איך הענג אַרויס אַ שילד: פאַרמאַכט צוליב קראַנקהייט. אַ דאָקטאָר. אויף דער טיר פון דער „עטוירנאל מארטיואַרי” (דעס אייביקן מתים-שטיבל) וועט הענגען אַ שילד: פאַרמאַכט צוליב טויט. פאַר דיין טיר האָבן מיר נישט געקענט צוטראַכטן קיין שילד. האָבן מיר באַשלאָסן — אָן אַ שילד, פּשוט פאַרשלאָסן די טיר, און אַ גוטן, נישטאָ.

— און וואָס מכּה די אַלמנות?

— מיט דיין ברונעטער ביסטו דאָך שוין פאַרטיק, וואָס?

— מם... יאָ, אָבער וואָס איז מכּה עלסין?

— עלסין לאָז צו מיר, — זאָגט שוין דאָקטאָר גאָטהעלף טרוקן. היינט זעקס אַ זייגער נעם איך זי צו פון דאַנען.

— מירן ווייט נישט פאַרפאָרן.

— ביסט אַ נאַר! — דאָקטאָר גאָטהעלף האָט גענומען אַרומשפאַנען. — שרעק זיך נישט, קיין שפּיר-הינט וועט מען נאָך אונז נישט שיקן, פאַרשטייסט — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קעגן דודן, — עס לוינט זיי פּשוט נישט צו מאַכן אַ טאַראַראַם. דאָס געלט האָט נישט די ווערט די „פּובליסיטי". ווער וועט זיך עס וועלן פאַרזיכערן אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע נאַרט אָפּ? די געשעפטס-לייט מוזן זיין די קליגסטע. וועלן זיי בלייבן די קלוגע, און מיר ביי די פּאָר דאָלאַר. און געלט שמעקט נישט. ווער שמועסט, ווען מ׳לופטערט עס דורך. דיין חלק האָסטו אַוועקגעגעבן אויפן ווינט, דאָס ווייס איך. ביסט אַ גוטער ספּארט, דאָך מוזסטו האָבן אַ פּאָר דאָלאַר, איך דענק, האָסט געהאַט געגוג שכל דערויף. איצט איז צען נאָך צוויי. אויב דו האָסט עפּעס אין באַנק — מאַך בעסער די באַנק. נאָך אַ גלעזל?

דוד לייבאָוויטש האָט בלויז אַ קוק געטון אויף דאָקטאָר גאָטהעלף. פאַרדאַמט! — האָט ער אַ וואָרף געטון אָנשטאָט „אַ גוטן" און אַרויסגעלאָפן. ווי האָט ער עס גאָר פאַרגעסן אָן דער באַנק! פאַרדאַמט! אַרויסכאַפּן! אַנטלויפן! פון זיי, פון אַלעמען! פאַרדאַמט!

— קיינער נישט געווען? — די פראַגע האָט ער קוים דערטראָגן אויף דער צווייטער זייט טיר.

— נ—י—ן, — האָט מנוחה צעגערנדיק געענטפערט, און איר קוק האָט געמאָנט אַן ענטפער, אַ דערקלערונג.

— און טעלעפאָנירט?

— עמעצער האָט גערופן, געפרעגט, האָב איך געזאָגט, ביסט נישטאָ. קיין אָנזאָג נישט געלאָזט, געזאָגט וועט רופן נאָכאַמאָל.

— אַ מאַן, אַ פרוי?

— אַ מאַן. וואָס איז דען?

— אַז מ׳וועט רופן נאָך אַמאָל, בין איך נישטאָ אין דערהיים, אַוועקגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג.

— פאָרסט ערגעץ?

— יאָ, האָסטו געזען מיין רענצל?

זי איז אים נאָכגעגאַנגען, געזען, ווי ער טרייבערט אַן אַלט־צעריסן רענצל. — ווהין פאָרסטו?

— איך ווייס ווהין? פון מיינעטוועגן קיין כינע?

— כינע!

— איז נישט כינע! — ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, געקוקט אויף דעם געעפנטן רענצל, וואָס האָט אים געגענעצט אין פנים אַריין, עס אַ בריק געטון מיטן שפּיץ פוס, זיך אויפגעהויבן. מנוחה איז אים נאָכגעגאַנגען מיט דער מינע פון אַן אויפזעער אַרום אַ גייסטיק קראַנקן, ביי וועלכן אָט ברעכט אויס דאָס משוגעת. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זי אויך, מ'האָט זיך אָנגעקוקט.

— איך פאַרלאָז די שטאָט. כ'וועל דיר איבערלאָזן געלט.

— מיט וועלכער בליאַד וילסטו עס אַנטלויפן?

— ב־י־ס־ט מ ש ו ג ע! — דאָס צימער איז אים ענג געוואָרן.

— טאָ רעד, דערצייל!

— ווו איז רחלע?

— נאָך נישטאָ פון שול.

ער האָט אַריינגעקוקט אין קינדס צימער, אָפּגערופן מנוחהן אַן אַ זייט. פריער אָפּגעהאַקט, נאָכדעם פליסיק, גערעדט וואַרעם. צולעצט אַזש אויפגעבליפּעט. תחילת האָט מנוחה געהערט מיט די אויערן, געבערענט מיט די אויגן, נאָכדעם שוין אויפגעהערט הערן, די אויגן האָבן זיך געמינעט — שטוינונג, פאַרדרוס, פאַראַכטונג, די פאַרקלעמטע פינגער האָבן אויך געהאַלטן די צונג אין קלעם, ווען ער האָט אַפּירגעקוקט צו איר, האָט זי איינגעהאלטן געפרעגט:— און איצט ווילסטו מיך איבערלאָזן מיטן קינד, מ'זאָל מיר דערגיין די יאָר, היטן די טריט, אַבי דו ביסט פריי.

— טאָ וואָס זאָל איך טון?

— וואָס זאָל ער טון? איצט פרעגט ער.

— מנוחה!

— ווען דאַרף מען אַוועקפאָרן?

— שוין!

— און אַז שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג?

— וואָס איז שפּעטער?

— דאָך אַ שטוב, מעבל, זאַכן.

— אַ שטוב. מ'האָט עס אין דער ערד. מעבל! טאָמער איינגעצאָלט צוויי הונדערט דאָלאַר.

— מ'דאַרף דאָך אָבער עפּעס איינפּאַקן, אַ קלייד, אַ העמד פאַרן קינד!

— פּאַק, טו וואָס דו ווילסט, אָבער לאָמיר וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט דער שנעלצוג „דער צוואַנציקסטער יאָר הונדערט", זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון דער רעלסן־נעץ און זיך געלאָזט אויף זיין אייגענעם פרייען וועג, מיטפירנדיק אין איינעם פון די וואַגאָנעס דוד לייבאָוויטש מיט זיין פרוי און קינד. אין צוואַנציק שעה אַרום, נישט פאַרשפּעטיקנדיק אַ מינוט, האָט דער „צוואַנציקסטער יאָרהונדערט" געבראַכט קיין שיקאַגאָ דייוו לייאַנס און זיין משפחה.

6

מר. לייאַנס, פֿון דער „לייאַנס גאַרמענט קאָמפּאַניע" איז געזעסן אין דעם חדר מיוחד פֿון זיין קליידער־פֿאַבריק. געזעסן, געבלעטערט דעם טשעק־בוך, דעם דיקן קאָנטאָ־בוך, געפֿינגערט דעם באַלאַנס־בלאַט, די ציפֿערן האָבן זיך נישט געענדערט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן. די פֿיס האָבן געשפּאַנט איבערן קוואַדראַטנעם צימער, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט אין אַ צירקל, די פֿינגער האָבן געטאַפּט די לופֿט. קאָפּ, פֿיס און פֿינגער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. באַנקראָטירן איצט אוממעגלעך. אַפֿילו צוואַנציק סענט אויפֿן דאָלאַר וועט ער נישט קענען צאָלן, און אים וועט ערשט גאָרנישט בלייבן. אָבער גאָרנישט. צופֿיל אַרויסגעשלעפּט אין אַ יאָר צייט. ער האָט גאָר קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז ער ציט אַרויס אַזוי פֿיל געלט. קנאַפּע צען טויזנט אין אַ יאָר. ער שפּאַנט ווידער, איבערגייענדיק אַלע פּלעצער, ווו דאָס אַרויסגעשלעפּטע געלט איז פֿאַרזייט געוואָרן. צו שנעל געבערענט. ווידער אַן אָפּשטעל. אַפֿילו אַ פֿייער וואָלט איצט ווינציק וואָס געהאָלפֿן. קרעדיטאָרן וואָלטן עס צעכאַפּט. סיידן... צו פֿאַרדאַמט, לאַנג צו וואַרטן. אין די קומענדיקע דריי טעג מוז ער קריגן כאָטש דריי טויזנט דאָלאַר, איבערכאַפּן דעם אָטעם, אַ נישט ווערט ער דערשטיקט. דריי טויזנט דאָלאַר. די באַנק גיט נישט, אַ מיתה משונה אויף זיי. אונטערשריפֿטן גיב זיי. ווער וועט אונטערשרייבן? דער שוואַגעריק סיידן. זיינע ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון. וואָס לענגער ער האָט אַרומגעשפּאַנט, אַלץ אָפֿטער איז ער געקומען צום זעלבן טעמפּן ווינקל — דער שוואַגעריק. די האַנט האָט זיך שוין געשטרעקט צו דער קליאַמקע פֿון שוואַגערס טיר, האָט שוין אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל אים טעלעפֿאָנירן, האָט עס אָבער גלייך צוריק געשטורכעט אויפֿן הענטל. וועט אים גלייך דערקענען. ער האָט גערופֿן די אָפֿיס מיידל; קריג מיר די „בער קלאָדינג קאָ". פֿרעג צי מר. בער איז דאָ. אויב ער איז דאָ, זאָל ער צוואַרטן אַ פֿופֿצן מינוט. עמעצער וויל אים זען. זייער נויטיק.

אין פֿופֿצן מינוט אַרום איז שוין דייוו לייאַנס געזעסן אין

פריוואַט צימער פון מר. בער (אויסגעלייגט בעאַר) קליידער־פאַבריק. מר. בער, אַ מיטליאָריקער ייד, מיט אַן איבערגעוואַקסענעם אוי־בערשטן טייל קערפּער אויף קורצע, קלעצלדיקע פיס, איז שווער געזעסן אויף זיין האַרטן, מאַהאַגאָני אָפּיס־שטול. די קורץ געשוי־רענע האָר פאַרקעמט אַ יעזשאַק זענען שטייף אָפּגעשטאַנען פון פאָרנט, דערפאַר דער אונטערשטער טייל קאָפּ האָט אויסגעזען נישט באַוואָקסן, נאָר אויסגעשמירט, אַזוי נידעריק אָפּגעשוירן. די וואָנצעס, ווידער, דיקע, קורץ געשוירענע, האָבן אַרויסגעסטאַר־טשעט איבער דער אָפּשטייענדיקער ליפּ, סטראַשנדיק, מיט אונז מאַכט מען נישט קיין שפּאַס, מאַכט מען נישט. די דיקע ברילן אויף די אויסגעקיילעכיקטע, קורצזיכטיקע אויגן האָבן געדאָפּלט דעם ערנסטן קוק.

— העלאָו, העלאָו. וואָס מאַכט די משפחה? — מער האָט מר. בער נישט געזאָגט, נישט געפרעגט, געלאָזט זיין שוואָגער זיצן און קנייטשן דעם קאַפּעליוש ביז ער איז סוף כל סוף אַרויס־געפּאַלן פון זיינע הענט. אויפהויבנדיק אים, האָט שוין לייאנס אַ הויב געטון דעם קאָפּ העכער, אָנגעכאַפּט דעם שוואָגערס אויגן. — נו, — האָט זיך שווער אַרויסגעשאַרט פון שוואָגערס מויל. לייאנס האָט זיך אָנגעכאַפּט אינם נו.

— נו, די מעשה איז די...

אַ לאַנגע מעשה, פול מיט באַווייזן, אַז נישט נאָר האָט די „לייאנס גארמענט קאָמפּאַניע" געטון גוטע געשעפטן, נאָר אויך, אַז די געשעפטן זענען געקומען צוליב לייאנסעס שווערער אַרבעט און זיינע גוטע פעיקייטן. אָנגעהויבן, ער ווייסט דאָך, קליין, און אין אַ קורץ שטיקל צייט, אָט זאָל ער זען...

מר. בערס דיקע ברילן האָבן פריער אַ קוק געטון אויף דער האַנט, וואָס האָט דערלאַנגט דעם פּאַפּיר, נאָכדעם האָבן זיי זיך גענומען רוקן איבער די לאַנגע קאָלומנעס ציפערן. ווען די ברילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוריק אויף לייאנסן, האָבן זיך פון די דיקע ליפּן אַרויסגעשאָטן: אַ געדיכטער רויך, אָבער ווו איז דאָס פייער? ווו איז דיין געלט?

— אין געשעפט! זעסטאָך, פאַרגרעסערט אַלץ. און לעבן דאַרף מען דאָך אויך.

— לעבן דאַרף מען דאָך אויך!

לייאָנס האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ. אַ טעמפּער שווערער קוק, פאַרדאָפּלט פון די דיקע ברילן, האָט געקוקט אויף אים, גע־דלובעט זיינע פינגער, נעמען עפּעס, וואַרפן אין די דיקע שויבן, טרעפן אין די טעמפּע אויגן. אָבער די טעמפּע אויגן קוקן, נישט פאַרדעכטיקנדיק קיין געפאַר, זיי לײמען זיין כּעס. ער פאַרקוועטשט דאָס היטל אין האַנט, די נאָז־וועטלעך ציטערן.

— וואָס־זשע, האָסט עפּעס אַוועקגעלייגט אַביסל געלט פאַר דיין ווייב און קינד?

— איך בין נישט געקומען רעדן וועגן פאַמיליע אָנגעלעגנ־הייטן.

— עס שמעקט דיר נישט. אַוודאי. נישט געקומען רעדן וועגן פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. לאָמיך דיר זאָגן, אַז דער, וואָס לאָזט איבער זיין ווייב איינע אַליין און שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט מיט דער שוואַרץ יאָר ווייסט וועמען, אין קאַבאַרעס, נאַכט־קלובן, אַזאַ מענטשן איז נישט נאָר נישט געטרויען אַ ניקל, ער איז נישט ווערט אַ ניקל!

— אַ, אָט פון וואַנען דער ווינט בלאָזט. לייאָנס האָט באַטראַכט זיין שוואָגער, אים געפּרוווט זען אַ טאַנצנדיקן אין „אָסטי טאַסטי" מיט לוסיעלען, און אים האָט אָנגעכאַפּט אַ געלעכ־טער. זיין שטאַלט. ער אַ נאַקעטער מיט... בררר... דאָס העכסטע, אויף וואָס דער מענטש איז פעיק, איז זינדיקן ערגעץ אין אַ הינ־טער געסל, מ'זינדיקט בלינד — איינער זעט נישט דעם צווייטן, און עס קאָסט ביליקער אויך. — דו טוסט נישט אַזעלכע זאַכן, פאַרשטייט זיך.

— איך! — מר. בער האָט פאַריכט די ברילן. איבערן יעזשאַק איז אַ ווינטל דורכגעלאָפן.

— יאָ, דו. דו נעמסט נישט אַרויס אַ שיקסע אַ קויפערין?

— און אַז איך נעם זי אַרויס, איז וואָס? טראַקטיר איך זי מיט אַ מיטאָג.

— און ווייטער ווי אַ מיטאָג גייט נישט דיין אַפּעטיט.

— אַפּעטיט צו וואָס? קורוועס, טינופת, ווו יעדער חזיר ריעט זיך. אַפּעטיט! — מר. בער האָט זיך אַ הויב געטון, גע־מאַכט אַ פּאָר טריט. דאַנקען גאָט, איך האָב אַ ווייב, און אַ גוטע ווייב, איר איינציקער חסרון, זי האָט דיך פּאַר אַ שוואָגער.

לייאָנס האָט זיך אויפגעשטעלט. — כ׳האָב דיר שוין גע־זאָגט, איך בין נישט געקומען רעדן וועגן פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. וועסט אונטערשרייבן אַ וועקסל אויף דריי טויזנט?

מר. בער איז געבליבן שטיין. — נאָ סיר! נישט פאַר דיר! קיינמאָל אין לעבן!

— דיר צאָלן פּראָצענט.

— גיי צו אַ פּראָצענטניק. איך פאַרדין מיין געלט אויף אַ ריינעם אופן.

— גאָרנישט געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ אופן.

— אַוודאי ווייסטו נישט. האָסט עס נישט געוווּסט אין ניו־יאָרק און וועסט עס נישט וויסן. מ׳זאָל דיר געבן אַ ריינעם דאָ־לאַר און אַ טריפן סענט, וועסטו אויסקלייבן דאָס צווייטע.

— אַ נס וואָס געלט שמעקט נישט. ווען געלט זאָל שמעקן, וואָלסטו דערשפּירט, אַז מיין געלט לופטערט זיך כאָטש דורך, דיינס שטינקט מיט שוויס, ווען דו מאַכסט עס, און נאָך מער פון דיין ליגן דערויף. ליג, ליג דערויף, ווער פאַרפוילט מיט דעם אינגייגעם.

— וואָס! דו!!!

מר. בערס קלעצלדיקע פיס האָבן זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט, און זיין שרייבטיש איז אים אַלץ געווען אין וועג, נישט געלאָזט כאַפּן זיין שוואָגער. יענער האָט אַ זעץ געטון די טיר הינטער זיך, און כאַפּן אים, איז אומקערן אַן אַרויסגעשאָסענע קויל.

אַן אונטערגעשאָסענער איז דוד לייבאָוויטש אַריינגעפאַלן צו זיך אין פּריוואַטן צימער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן וויג־שטול, אַז ער האָט זיך שיר נישט איבערגעקערט, ער האָט זיך אַ וויג געטון אויף צוריק, אַרויפגעשאַרט איין אָרעם אויפן טיש, דער

קוק געריכטעט אויפן מעמאָראַנדום-ביכעלע ביים טעלעפאָן. דר. גאָטהעלף קלאַפּט אים אין פּלייצע. געלט, זאָגסטו, שמעקט נישט. פּיין. האָט ער אַזוי געזאָגט? נאָכגעזאָגט. זאָגט אַלץ נאָך. און עלסי?... עלסי...

אַ טעלעפאָן-קלונג האָט אים אויפגעוועקט. נאָך אַ פאַרעוועןהעלאָו און גוד באַי, האָט ער דערפילט, אַז דער כעס צום שוואָגער, צו זיך, למאי ער איז געגאַנגען צו אים, האָט זיך אויסגעוועפּט. דער קאָפּ ליידיק, פּוסט. אָפּגעריסענע, קורצע געדאַנקען, ווימלען, דרייען זיך, קומען זיך צוזאַמען, פאַרקניפּן זיך. איין קנופּ, אַ וויכטיקער — פּראָצענטניקעס. זאָל זיין צען, פופצן פּראָצענט, אַבי קריגן געלט גלייך. אָבער פּראָצענטניקעס דאַרפן אַ משכּן, אַ פּעלץ. אפשר טאַקע פּעלצן? האָט ער דאָך רעכענונגען פאַר קליידלעך, וואָס ער האָט פאַרקויפט אויף ניינציק טעג. דאַרף ער וואַרטן? זאָל דער פּראָצענטניק וואַרטן, ער וועט דערווייל אָפּאָטעמען. נאָכדעם וועט מען זען. דאָך נישט אומזיסט געגאַנגען צום שוואָגער, אַ מיתה...

7

דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער מיטל־מערב פֿינאַנץ־קאָמפּאַניע, אַ זויבערער פֿאַרשוין, פֿון וועלכן די זויבערקייט האָט אַרונטער־געשריען: זעסט? מיינע נעגל מאַניקורט, מיין פּנים נאָר וואָס ראַזירט, פֿאַרפֿיומירט, און מיינע עטלעכע האָר, ווינציק ווי זיי זענען אין צאָל, זענען אַזוי אויסגעלייגט אין דער ברייט, אַז קיין ווינט וועט זיי נישט צעוואַרפֿן, איז געזעסן קעגנאיבער דוד לייבאָ־וויטש און געקוקט אויף אים מיט וואַסער־גרינע אויגן, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד געפֿרעגט: וואָס רעדסטו אַזוי פֿיל?

דוד לייבאָוויטש איז אַנטשוויגן געוואָרן, און דאָס אַנטשטאַ־נענע שווייגן האָט געפֿרעגט: נו, ווען גיבן געלט?

— נו, מיר קענען אַוואַנסירן אַביסל געלט אויף די אָנווייַ־זונגען, — האָט מר. לעפינגוועל אַ זאָג געטון. די אויגן האָבן זיך אַ ריר געטון אין דער ריכטונג פֿון די אָנווייזונגען. — פֿאַר־שטייט זיך, מיר דאַרפֿן זיך ערקונדיקן, אויב די רעכענונגען זענען גוטע.

— אויב זיי זענען גוטע?! די וועסטערן איז אַ קוראַנטע פֿירמע.

— יאָ, — ענטפֿערט מר. לעפינגוועל גאַנץ רויק, — די וועסטערן איז קוראַנט, אויף ווי ווייט מיר ווייסן, וואָס מיר ווייסן אָבער נישט דערווייל, איז צי די סחורה איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו זיי.

— איך האָב אַלע אונטערשריפֿטן.

— געוויס. געוויס. מיר צווייפֿלען נישט אין אייער ערלעכ־קייט, מיר פֿירן רעיעלע געשעפֿטן, אָבער מיר האָבן זיך אונזער וועג, מיר געפֿינען פֿריער אויס, נאָכדעם געבן מיר געלט. דערויף זענען מיר דאָ — צו געבן געלט.

— און וויפֿיל וועט עס קאָסטן?

— לאָמיר זען. וויפֿיל באַטרעפֿן די רעכענונגען? — מר. לעפינגוועלס שרייבפֿעדל האָט פֿלינק געאַרבעט, די ציפֿערן, לענג־

לעכע, דינינקע, זענען אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דעם. — איר קענט קריגן צוויי און צוואַנציק פּופּציק.

— צוויי און צוואַנציק פּופּציק!

— פינף און זיבעציק פּראָצענט.

— ער מיינט צו זאָגן, אַז זיי נעמען פינף און צוואַנציק פּראָצענט פאַר דריי חדשים?

— גענוי. אַזוי איז עס.

— דאָס איז דאָך נישט פּראָצענט, דאָס איז... ליכווע...!

אַ שמאָלער, שאַרפער שמייכל האָט אויפגעשניטן די דינע ליפּן. — אויב איך מאַך קיין טעות, זענט איר אַ ייד, ניין?

— יאָ, אַ ייד. וואָס איז דען?

— גאָרנישט. עס איז מיר אַרויפגעקומען אויפן זינען, ווען איר האָט אַ זאָג געטון... ליכווע. איך וויל, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז מיר זענען נישט קיין שיילאָקס, מיר ווילן נישט קיין פונט פלייש, אַלץ וואָס מיר ווילן, איז דעם געזעצלעכן פּראָצענט, צו וועלכן מיר זענען באַרעכטיקט. קענטיק אָבער, אַז איר האָט אַ טעות געמאַכט. איר האָט געמוזט דענקען דאָ איז אַ גמילות-חסדים. נו, קיין גמילות חסדים זענען מיר נישט. עס טוט מיר זייער לייד... — מר. לעפינגוועל האָט אַ קער געטון מיט די אויגן, און זיי קערן אויס מר. לייאנס פון אָפיס. מר. לעפינגוועל גיט אַ בלאָז אויפן לעש-פּאַפּיר פון שרייב-טיש, אָפּרייניקן אַביסל ציגאַרן-אַש און אויך די שפּורן פון מר. לייאנס.

— ערט אים אַנטשולדיקן... ער האָט געמיינט... וואָס ער האָט געוואָלט...

— ווי לאַנג זענט איר אין געשעפט?

— יאָרן.

— נו, שוין צייט געווען צו וויסן, אַז געלט איז פּונקט אַזאַ פּאַרקויף-אַרטיקל ווי מעבל, קליידער, דערצו נאָך דאָפּלט נוצלעכער. געלט ברענגט געלט. מיר זענען אין די געלט-געשעפטן, און ווי יעדער געשעפט האָט עס ריזיקעס, פאַרלוסטן. אויב מיר ווילן

עקזיסטירן, דאַרפן מיר אָפּלייגן אַ זייטיקן פּאָנד דערפאַר, און איר מיינט דאָך נישט צו זאָגן, מיר זאָלן עס אַרויסנעמען פון אונזערע קעשענעס. מיר זענען אין געשעפט נישט צוליב עולם-הבא, מיר זענען אין געשעפט צוליב געלט. און אויב מיר זאָלן נישט פאַר-דינען אונזער פּראָצענט, אונזער נעטן פּראָצענט, צו וועלכן מיר זענען באַרעכטיקט, צוליב וואָס זאָלן מיר האַלטן אַ געשעפט, אָנגעשטעלטע?

קלאָר ווי דער טאָג. דייוו לייאַנס איז שוין נישט אין כּעס, האָט אַפילו נישט וואָס צו פרעגן. אָט זעט ער מר. לעפינגוועלן, אַז ער קען איבערציילן יעדע האָר אויף זיין קאָפּ, און אָט ווערט זיין קוק דערטרונקען אין מר. לעפינגוועלס וואַסער-גרינע אויגן, און ער זעט שוין גאָרנישט. מר. לעפינגוועל איז נישט הינטער-שטעליק אין באַטראַכטן זיין קליענט. זיינע וואַסער-גרינע אויגן קוקן מיט ביטול: נו, וואָס זיצסטו, שלימזל?

— נו, — פרעגט מר. לייאַנס אַ צעמישטער פון דעם פלוצלינ-געם דערזען דעם פינאַנסירס פּנים.

— איר ווילט דאָס געלט?

— איך דענק, איך וועל עס נעמען.

— אירט דאַרפן צוּוואַרטן אַביסל.

מר. לעפינגוועל פאַרשווינדט. דוד לייבאָוויטש קוקט דער-ווייל אויף דער געשעפטס-וואָגשאָל. דאָס צינגל וויגט זיך צווישן צוויי און צוואַנציק הונדערט מיט פופציק און דריי טויזנט. לויט לעפינגוועלן זענען ביידע שאָלן גלייך, די ערשטע וועגט נאָך עטוואָס אַריבער, טוט אים אַ טובה, גיט אים גלייך געלט, אים קומט אויס די דריי טויזנטיקע וועגט אַרונטער. און ווי אַז ער וועט אויף דער וואָג-שאָל אַרויפלייגן נאָך רעכענונגען, אויף נאָך דריי טויזנט, אויף צען, צוואַנציק טויזנט, נישט נאָר פון דער וועסטערן, פון אַנדערע, אויסשניידן די סחורה, קריגן מזומן, און רוף מיך קנאַקניסל, האַ? אַרויסנעמען פון זיין סוחרס קעשענע און אַוועקגעבן דעם פּראָצענטניק. אין דער משפּחה קעשענע וועט עס בלייבן. אַ מכּה אים. ער וועט נאָך גיין אין זיין קלוב ערגעץ

און רעדן וועגן, יידן שיילאָק. כאַפּט אים אַ קלאָג. זאָל ער מר. לעפּינגוועל, זיך צו דיין קעשענע אויך דערשלאָגן. וואַרט.

מר. לעפּינגוועל איז צוריקגעקומען מיט אַ צופרידן שמייכע־לע. עס איז „אָ. קעי". מר. לייאָנס האָט מיט נאָך אַ צופרידענערן שמייכל צוגענומען דעם צוויי און צוואַנציק פּופּציק דאָלאַר טשעק פאַר זיינע דריי טויזנט. די זיבן פּופּציק וועט ער אָפּנעמען מיט פּראָצענט, מיט ערלעכן, געזעצלעכן פּראָצענט. וואַרט.

— איר ווייסט, אַז איך האָב דאָ נישט לאַנג געשליכטעט מיינע חובות מיט די קרעדיטאָרן אויף צוואַנציק פּראָצענט, — האָט מר. לייאנס אַ זאָג געטון צו מר. קאָהן פון דער „בעסער געוועבטער זייד קאָמפּאַניע”, וועלכער האָט אים צוגערעדט צו געבן אַ באַשטעלונג אויף אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר.

— געוויס ווייס איך, — האָט געענטפערט מר. קאָהן, אַ הויכער געזונטער ייד, מיט שיטערע, שטאָל גרויע האָר. די גרויע אויגן פון הינטער די גאָלדענע פּענסנע האָבן שאַרף אַ קוק געטון.— מיר האָבן עס נאָך געוווּסט פריער. איך בין שוין פינף און צוואַנציק יאָר אין די געשעפטן, און האָב נאָך קיין איין יאָר נישט געהאַט אָן אַ באַנקראָט. יעדער איינער ווערט פאַררעכנט ביי אונז, אַז ער איז בבחינת אָנזעצן, און יעדער איינער צאָלט פאַרן אייל זייד מיט אַזוי פיל טייערער פאַרן אָנזעצן, זיינעם אָדער אַן אַנדערנס. דער לאָך, וואָס ווערט ביי אונז אין קעשענע פון איינעמס אָנזעץ, ווערט פאַרשטאָפּט מיטן פּראָצענט, וואָס מיר נעמען דערפאַר פון אַנדערע קעשענעס. אונזער קעשענע ווערט נישט געלעכערט. אונ־זערע געשעפטן זענען ראַיעל. דאָך האַלטן מיר נישט דערפון. אויב איך רעד צו אייך איצט וועגן קויפן סחורה, איז עס דערפאַר, ווייל מיר ווייסן, אַז איצט וועט אייער געשעפט זיין מער זיכער ווי פריער, אַמווייניקסטנס פאַר אַ געוויסער צייט. — אַ שמייכל אין מר. קאָהנס גרין־גרויע אויגן זאָגט: אויב דו דענקסט, אַז מיר גנבים פאַרשטייען זיך נישט, מאַכסטו אַ גרויסן טעות.

מר. לייאנס האָט אויך פאַרשטאַנען. ער האָט געזען אַ וועלט מיט קעשענעס און קעשעניקעס, יעדער איינער באַרימט זיך, אַז ער נעמט פון צווייטנס קעשענע, נישט פון זיינער. „די געשעפטס־לייט מוזן בלייבן די קלוגע”. ער פאַרטרייבט דעם דאָקטאָר גאָט־העלף, גיסט אויס זיין צאָרן אויף מר. קאָהן. מר. קאָהן נעמט נישט פון זיין קעשענע, אי, ער, לייאנס האָט דאָרט געמאַכט אַ לאָך, אַ טעות, דאָס האָט ער געלעכערט זיין אייגענע קעשענע. מר. קאָהנען האָט ער שוין לאַנג באַצאָלט, פאָרויס באַצאָלט, איצט

בלייבט נאָך מר. לעפינגוועל. צו זיין קעשענע זיך דערביווען. זיך דערשלאָגן צו זיינער אויך. וואָס אים פעלט איז אַ דריטע האַנט. אַ... עלסי. עלסי... לוסיעל אפשר? עלסי אין די שוואַרצע פּיזשאַמעס האָט געפרעגט: וואָס דענקסטו עפּעס מכח אונז, האַ? יאָ, עלסי, אָבער די געשעפטן... מנוחה וועט זיין מער רעיעל... אַלע פירן רעיעלע געשעפטן...

— פּאַרשטייסט, — האָט ער מסביר געווען דעם ענין צו זיין ווייב, — דאַרף איך פאַרקויפן צו אַנדערע, און זיי זאָלן מאַכן פּראָפיטן, אַז איך קען עס פאַרקויפן צו דיר. נאָר וואָס דען, „מיניס דרעס שאָפּ" טאָר זיך גאָרנישט אָנקערן מיט דער „לייאנס דרעס מאַנופעקטשורינג קאָ." — עפּעס גנבהשעס איז געווען אין דעם קוק, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם אָנזאָג. מיני האָט געענטפערט מיט אַ טרעוואָגע קוק. — אַז די אַנדערע קראָמען וועלן זיך דערוויסן, ווער „מיניס דרעס שאָפּ" איז, הערן זיי אויף צו קויפן. מיר זענען פרעמדע. פּאַרשטייסט?

— איך פּאַרשטיי, פאַרוואָס זאָל איך נישט פּאַרשטיין? נאָר איך האָב עפּעס מורא.

— וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן? אַזוי איינפאַך.

— ווען דיר פאַלט עפּעס איין, איז אַלץ אַזוי גוט, אַזוי איינפאַך, אַלץ אויף שלייפן, דער סוף לאָזט זיך אַלע מאָל אויס מיט אַ קנופּ.

— וואָס פאַר אַ קנופּ? קנופּן גאָר? אַ קניפּל, מיני, אַן אייגן קניפּל וועסטו האָבן, אַן אייגן געשעפט. קענסט טון, וואָס דו ווילסט, קענסט פאַרקויפן ביליקער ווי אַנדערע געשעפטן, קענסט זיי אַלעמען פאַריאָגן, קענסט אַרויסהענגען אַ שילד „דירעקט פון מאַנופעקטשורער צום געברויכער", נאָר איין תּנאי — אַ מכה זאָל עמעצער וויסן, ווער דער מאַנופעקטשורער איז.

דאָס געשעפט איז געשלאָסן געוואָרן.

מינין איז געפעלן געוואָרן צו זיין אַ געשעפטס-פרוי, האָבן אַן אייגענע קראָם. דאָס האָט געמיינט נישט אָנקוקן אַ גאַנצן טאָג די קיך. און עס האָבן זיך געזען האָפענונגען נישט צו פאַרברענגען די אָוונטן איינע אַליין. דייוו וועט מוזן פאַרברענגען

אַ שטיקל צייט מיטן... שותף. און אויב ער מוז אויסנעמען אַ קוי־פערין פון אַ קראָם, זי טראַקטירן מיט אַ מיטאָג, טעאַטר, גיין אין אַ קאַפע, וועט ער מוזן אויסנעמען די קויפערן פון מיניס דרעס שאָפּ אויך.

נאָך דער ערשטער וואָך ליי׳זונג, האָט דייוו לייאַנס אַ קלאַפּ געטון זיין ווייב אין פּלייצע. — מיני! ביסט אַן אוצר! לאָמיך דיר אַ קוש טון.

— דערפאַר האָלטסטו מיך פאַרשלאָסן?

דייוו האָט געפרעגט מיט אַ קוק.

— האָסט נאָך אַפילו איין מאָל נישט אויסגענומען דיין נייע קויפערן, און זי גיט דיר גענוג געשעפט?

— אַ, דאָס מיינסטו! מיני! ביסט אַ קלוג מיידל! ביי דזשימיני, ביסט אַ קלוגע. קום, לאָמיר ערגעץ גיין היינט.

— גייט עס...

די געשעפטן זענען געגאַנגען. „מיניס דרעס שאָפּ" איז געוואָרן כמעט דער גרעסטער קונה ביי דער „לייאַנס דרעס". דייוו לייאַנס האָט שוין אַ פּאָר מאָל דיסקאָנטירט רעכענונגען פון מיניס דרעס שאָפּ ביי דער מיטל־מערב פינאַנץ קאָ. דיסקאָנטירט, כאָטש ער האָט קיין געלט נישט געדאַרפט. פאַרקערט, דאָס האָט ער געליען געלט דער פינאַנץ קאָמפּאַניע. נאַ דיר, מר. לעפינגוועל, נאָך אַ גמילת חסד, אָפּנעמען ביי דיר, אָפּנעמען מיט פּראָצענט, דיין גמילת חסד וועט זיין אַ חסד של אמת. לאָמיך נאָר עטאַבלירן אַ קרעדיט אַ גוטן פאַר „מיניס דרעס שאָפּ".

אויף מאָרגן נאָכדעם ווי דייוו לייאַנס האָט דיסקאָנטירט ביי דער מיטל מערב פינאַנץ קאָ. פאַר עטלעכע טויזנט דאָלאַר רעכע־נונגען פון מיניס דרעס שאָפּ, האָט ער דערפילט אַזאַ איבערפלוס פון ליבשאַפט צו זיין ווייב, אַז ער האָט זי געבעטן: קום, מיני־מאַני, לאָמיר אַ לעב טון היינט.

— וואָס עפּעס פּלוצלונג אַזוי גוט געוואָרן? — „שוין זיך געוואָלגערט נעכטן מיט עמעצער" — האָט איר קוק געפאָרשט און געשטראָפט.

— עס איז מיר היינט גוט, — האָט דוד אויפריכטיק

געענטפערט. — כ'האָב זיך דערביוועט צו דער הויפּט־קעשענע, אַ טיפע קעשענע, מיני. קום, ליבינקע.

— עפּעס רעדסטו מיר...

— איך רעד גאָרנישט. ווילסט גיין?

— וווהין גייען מיר?

— וווּ ס'נישט איז.

— כ'דאַרף דאָך וויסן וואָס אָנצוטון.

— דאָס בעסטע, וואָס דו פאַרמאָגסט.

מיני האָט נאָך אַ קוק געטון, פרעגנדיק וואָס איז די גדולה, אָבער דוד האָט נישט געזען די פראַגע. ער האָט געזען ווי מר. לעפינגוועל דערלאַנגט אים דעם טשעק. — אַ דאַנק, מר. לעפינג־וועל, — זאָגט לייאַנס איצט נאָך אַמאָל בקול רם. — אַ דאַנק פאַר אַריינלייגן די האַנט אין קעשענע, און דאָס מאָל איז עס דיין קעשענע, דיינע, נישט מיינע!

מיני האָט אים געטראָפן שטייענדיק, די הענט טיף פאַררוקט אין די קעשענעס, דער קערפּער זיינער האָט זיך געוויגט פון שפּיץ פינגער צו די אָפּצאַסן, און אַרום מויל האָט אַ מאָדנער שמייכל געשפּילט. — איך בין אָנגעטון.

— אַ, ביסט שוין גרייט, — האָט זי דוד דערזען. — גוט, קום.

זיין פריילעכקייט האָט זיך צוריקגעקערט צו אים ערשט ביים וויפלטן גלעזל. זי האָט אים שוין נישט געלאָזט טרינקען. — דייוו!

— אַ רוח אין דעמס טאַטן, ווער עס וויל נישט שיין גיין און גוט עסן, און אַביסל אויסטרינקען דערצו. לחיים!

— פאַרגעס נישט דו דאַרפסט טרייבן אַהיים.

— טרייבן, טרייבן, — האָט ער מעשה קענער געענטפערט, — עק וועלט וועל איך דיך פירן, און קיינער וועט מיך נישט אָפּ־שטעלן, ק י י נ ע ר נ י ש ט, הערסט? איך קען מיינע געשעפטן. דענקסטו נישט אַזוי, מר. לעפינגוועל? כאַ—כאַ—כאַ! אַזוי גיט זיך עס אַ נאָמען! ל ע ־ פ י נ ג ־ וו ע ל!

— ביסט שוין שיכּור. רעדסט שוין...

— איך, שיכור? גיי שוין גיי. איך קען פאַרטראָגן נאָכאַמאָל אַזוי פיל. לחיים.

— מיר גייען אַהיים! — זי האָט אַ נעם געטון זיין שלאָס־ביין, אַז דאָס גלעזל ביי אים אין האַנט האָט זיך איבערגעגאָסן. ער האָט אַ ריס געטון די האַנט. איבער זיינע פאַרלאָפענע אויגן איז אַ קאַלטער, בייזער ווינט פאַרבייגעלאָפן. מיני האָט אַ צי געטון די דעקאָלטירטע בלוזקע, אים שאַרף אָנגעקוקט, און זיך אויפגעהויבן.

— גוט. מיר גייען. קעלנער!

נישט זיכער אויף די פיס אין גאַנג, ביים אויטאָמאָביל־רעדל איז ער געזעסן פעסט. הענט און פיס האָבן געאַרבעט מעכאַניש. די גומענע שינעס האָבן צעפלעטשט די שליימיקע נאַסקייט, געשפּריצט, געליאַפּעט אויף אַלע זייטן, און דער אויטאָמאָביל האָט מיט אימפּעט זיך געטראָגן פאָרויס, פאָרויס!

— פאָר נישט אַזוי שנעל!

אַ זשום פון מאָטאָר, אַ שליאַפּן פון שליימיקער נאַסקייט.

— עס איז גליטשיק!

— ווערסט איינזיצן?

דער דריבנער רעגן האָט ראַב געמאַכט די שויב. דער ווישער האָט נישט געאַרבעט. די שיין שפּיזלען פון די לאַמטערנס האָבן געשטאָכן די אויגן, צעטיילט אַלץ אויף שטיקלעך. דוד האָט זיך געבויגן איבערן רעדל, זען, ווו ער פאָרט, און ביי יעדן בויג האָט זיך זיין גאַנצער אינעווייניק געצויגן צום קאָפּ צו, צום מויל... דער קאָפּ — אַ שווערע משא — ציט זיך אין עפּעס אָנצושפּאַרן, אין רעדל באַדאַי. אָפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון רעדל, האָט ער מיט אַמאָל דערזען ער פאָרט אַרויף אויף אַן אייזערן געקאַרבטן „קנעפּל". די פיס האָבן זיך אַ צי געטון, די הענט האָבן אַ שאַרפן דריי געטון. ער האָט נאָך צייט געהאַט אַ טראַכט טון — ער גליטשט זיך, און אָפּגעלאָזט הענט און פיס, אָבער די מאַשין האָט זיך שוין אַ בויג געטון, און דאָס ערשטע, וואָס איז געקומען צו זיין באַוווסטזיין, איז געווען אַ שאַרפער קוויטש.

אויגנבליקלעך איז ער ניכטער געוואָרן. איין האַנט לייכט

צעשניטן, האָט ער באַגלייט זיין פרוי אין שפּיטאָל, נישט געפּילט זיין שניט, האָט דייטלעך געזען זיין ווייבס צעשניטן געזיכט, זיך געפּרוּווט צוּרירן צוּ איר ליימיש נאָכהענגנדיקער האַנט. זי האָט אויפגעשריען. ער האָט נישט געפּילט קיין ווייטאָק, קיין פאַרדרוס. נישט ער האָט זיך איבערגעקערט, נישט זיין ווייב איז פאַרוווּנדעט. איר נאָמען? מיני. מיני לייבאָוויטש. זיין נאָמען? דייוו. דייוו... לייאַנס. זיין האַנט? דאָס איז גאָרנישט.

די טעקסי אויפן וועג אַהיים איז געפאָרן באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, זיך געוויגט אויף כוואַליעס, שפּעטער האָט זיך דאָס בעט געוויגט אונטער אים, זיך געדרייט, אָט אָט וועט ער ליגן מיטן פּנים אויף דער ערד מיט דעם בעט אַלס צודעק איבער אים. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, אַנידערגעלייגט זיך אויפן רוקן, און אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ קלאָץ.

9

— מיני נעבעך! אַ רחמנות אויף איר. זי ליגט צו בעט? אַזאַ גוטער קונה!

אין דייוו לייאַנס גלעזערנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אַליאַרם־שיין. איז זי טאַקע אַזוי נאַריש, די בוכהאַלטערין, און זי זאָרגט זיך, וואָס „אונזערער" אַ קונה איז קראַנק, אָדער זי ווייסט, און די אַלע פראַגן, דאָס באַדויערן, איז אַן אָנשטעל, אָדער גאָר אַן אָנצוהערעניש: מיר ווייסן דיינע געשעפטן.

— יאָ, זי ליגט צו בעט.

— נעבעך!

און דוד ווייסט ווידער נישט, צי די בלאָנדע שיקסע מיטן ברייט־פלאַכן בוזעם, ביינערדיקן האַלז, און רחמנות־אויסדרוק אין פנים באַדויערט זיין קונה, צי זיין פרוי, און אפשר האָט זי שטילע נקמה אין אים. זי האָט ער קיינמאָל נישט אויסגענומען, און געוווסט האָט זי וועגן אַ היפּש ביסל אַנדערע מיידלעך.

— יאָ, זי איז זייער קראַנק, — האָט ער אָפּגעזיפצט, זיך אויפגעהויבן און גענומען אַרומגיין.

— און די קראָם וועט בלייבן פאַרמאַכט?

— איך ווייס נישט. אַזאַ פּלאָנטער.

— יאָ, עס איז שלעכט. אָרעמע מיני!

ווען ער קען איר פּלעטן דעם מח, דער שיקסע, מיט איר מיני נעבעך! נעבעך. וויפל ער האָט מיט איר נישט איינגעטענהט׳ זי, מיני לייבאָוויטש, זאָל קלאָגן דייוו לייאַנס אויף צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, און זי כאָטש גיב איר... איך בין דיין ווייב. מאַך עפּעס. אָבער זי איז נישט. מיני לייבאָוויטש איז אַ געשעפטס־פרוי, ער — דייוו לייאַנס. אַ געשעפטס־פרוי, דאָס פנים צעשניטן, אַ זיכערע קלאַגע. פאַרוואָס נישט קריגן? צאָלט נישט קיין פאַרזיכערונג? רחמנות האָבן אויף דער קאָמפּאַניע?

— ווידער מיט דיינע פאַרזיכערונגס־געשעפטן! געהאַט גענוג!

נישטאָ מיט איר וואָס צו רעדן. איצט די קראָם. פאַרמאַכן טויג נישט. האַלטן אָפן טויג ווידער נישט. סיי ווי זיך דערוויסן, ווער

„מיניס דרעס שאַפּ" איז. און באַלד זענען די דיסקאָנטירטע רעכע-נונגען פעליק. נו, מר. לעפינגוועל?

קוקנדיק אויף מר. לעפינגוועל, דערזעט ער די טיר עפנט זיך, און דאָס געשטאַלט דאָרט איז...

— העלאָו, מיסטער לייאַנס.

— אה! העלאָו! העלאָו! מיס...

אין דעם מ י ס ט ע ר לייאַנס האָט זיך געהערט שפּאָטישער געלעכטער: צערעמאָניעס! מיסטער לייאַנס, מיסס...

— קומט אַריין! קומט אַריין! — האָט ער איינגעלאַדן די אַריינגעקומענע צו זיך אין פּריוואַטן צימער, און האַלטנדיק אָפן די טיר, אָנגעזאָגט דער בוכהאַלטערין — אויב עמעצער וועט רופן בין איך נישטאָ. — אין חדר שוין. — וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער?

— עס זעט אויס, איך בין נישט אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט.

— דיך נישט ערוואַרט.

— אָבער איך האָב דיך ערוואַרט!

— נישט געקענט, געוועזן פאַרנומען. אויף מיין וואָרט פאַר-נומען.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— אה, כ'האָב דאָ אַביסל צרות.

מיט די אויגן האָט זי אים גערופן צו זיך, קונציק אַרונטער געלאָזט דעם מאַנטל פון איין אַקסל, איין אָרעם אירער פאַרבלאָנ-דזשעט איבער זיין רוקן, און אַ אינטימע שטימע פרעגט: פאַרוואָס קומסטו נישט, פאַרגעסן דיינע צרות? דערביי גיבן אירע האָר אומגערן אַ קיצל זיין באַק. ער האָט אַ ציטער געטון, זיך דער-ווייטערט פון איר. זי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען פאַריכטן די האָר אַנטקעגן שפּיגל, באַטראַכט דערווייל דייוו לייאַנס. עפּעס איז דאָ, האָט זי באַשלאָסן.

— ווייסט נאָך וואָס איך בין געקומען?

— ???

— איך בין געקומען זען, צי קען איך ביי דיר נישט קריגן אַ

קליידל, נישט קיין אמתדיק קליידל, עפּעס אַ משונהדיקס, ווייסטאָך, פון די מיט טראָלדן, פאַלדן, מ'זאָל אויסזען קאָמיש אין דעם.

— וואָס דאַרפסטו אַזאַ קליידל?

— דיר זאָגן. האָסט אַזאַ?

— דענק, דאָרט הענגט עפּעס אַזאַ פאַרזעעניש.

— ווילסט עס מיר אָנמעסטן? — דער קוק נאָך דער פראַגע האָט צוגעזאָגט...

מיט פולע באַוועגונגען האָט דייוו לייאַנס געזוכט דאָס משונהדיקע קליידל. לוסי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי הילפלאָז סיי ביים אויסטון זיך, סיי ביים אָנטון דאָס משונהדיקע קליידל, און דייוו האָט געמוזט צעשפּיליען, פאַרשפּיליען, צוריק אָפּשפּיליען. אַ ציטער אין די פינגער, אַ וואַרעם מלאָיעניש אין אַלע גלידער.

— נו, ווי געפעל איך דיר? — האָט זי זיך אַ דריי געטון פאַרן שפּיגל און דייוון.

— קאָמיש.

— איז עס קאָמיש? גוט! ווייסט וואָס איך דאַרף עס? באַלד איז האַלאָווין. וועלן מיר האָבן אַביסל שפּאַס. איכל מאַכן אַ שטיקל פּאַרטי, אָבער מיט אַ סך שפּאַס. דענקסט דאָס קלייד וועט זיין גוט?

— ווו וועט עס זיין?

— אין מיין אַפּאַרטאַמענט. מירן איינלאַדן...

דאָס מויל האָט געמאָלן, וועמען זי וועט איינלאַדן, די אויגן האָבן געקוקט אין שפּיגל, אויף דודן, און די פינגער האָבן זיך כלומרשט געמאַטערט, באַין אופן נישט געקענט אָפּשפּיליען דאָס קלייד פון אונטן, דער רוקן אירער האָט זיך פּשוט געבעטן ביי דודן: נו, זיי אַ דזשענטלמאַן, העלף אַרויס.

— איז געפעלט דיר דאָס קלייד? — האָט זי אים געפרעגט נאָך אַמאָל, בלייבנדיק שטיין אין קוּרצע זיידענע הויזלעך און אַ ברוסט-בענדל אַרום די בריסט — איר גאַנץ אָנטון. אָדער אפשר גאָר מאַכן אַ פּיזשאַמע פּאַרטי? האַלאָווין, ווייסטאָך...

— אַ פּיזשאַמע פּאַרטי? — אַ טיולן פאָרהאַנגל האָט זיך אַ וויג געטון פאַר דודס אויגן.

— איך האָב אַ פּאָר פּראַכטפולע פּיזשאמעס! דו האָסט זיי נאָך נישט געזען. שוואַרצע, באַפּוצט מיט רויט. איך זאָג דיר, עס איז עטוואָס...! געפעלט דיר? — זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ווערטערלעכן ענטפער. זי האָט אים געזען אין זיינע אויגן, געפילט זיינע הייסע פינגער אויף איר נאַקעטן לייב. זי האָט געשמייכלט. ווי דען? נישט געפעלן? נאַרישע אייזלען. — איצט דאַרף איך גיין! — האָט זי זיך גענומען איילן, און זיך באַפרייט פון אים.— דאַרף באַזאָרגן אַזוי פיל זאַכן. וועסטו קומען?

— זע, עס זאָל זיין גענוג צום טרינקען.

— דאָס וועל איך שוין באַזאָרגן. וואָס מיר פעלט, איז אַביסל געלט, האָסט?

— וויפל?

— אה, כ׳ווייס, אַ הונדערטער, האָסט?

— האָב נישט אַזוי פיל אין מזומן.

— אַ טשעק מאַכט נישט אויס.

— אַ טשעק? וואַרט, איך וועל אַרונטערגיין מיט דיר. אויסבייטן.

— גייט עס!

10

דער טומל אין די גאַסן האָט זיך שוין לאַנג איינגעשטילט. קינדער אָנגעטון ווי קלאָונס, יינגלעך אין מיידלשע קליידער, מיידלעך אין יינגלשע, אויסגעשמירטע פּנימער, אין מאַסקעס מיט נעגערשע ליפּן, האָבן שוין אַוועקגעוואָרפן זייערע פייפלעך, טרוב־קעס, און צופרידענע פון דעם „פאן״, וואָס זיי האָבן געהאַט דעם אָוונט, פון די שפּיצלעך, וואָס זיי האָבן געטון, געשלאָפן אַ געזונטן יוגנטלעכן שלאָף, נישט אָנהויבנדיק צו חלומען פון מכשפים און מכשפות.

געשלאָפן זענען שוין אויך די דערוואַקסענע. ווער אַ צופרי־דענער פון דער הוליע־קבצן־שטימונג, וואָס האָט זיך געפילט דעם אָוונט אין די גאַסן, און ווער אַ בייזער, אַ כעסער, למאי די ווייסע חברהניקעס האָבן פאַרשמירט די פענסטער פון זיין אויטאָמאָביל, אים אָנגעהאָנגען אַ טויטע מויז צום אונטערשטן „באַמפּער״, און ערשט אין גאַראַזש האָט עס זיין ווייב דערזען, און אַרויסגע־לאָזן אַ קוויטש. די ווייסע חברהניקעס! און די ווייבער... וואָס עפּעס קוויטשן זיי. עך... און אין שלאָף האָבן זיך געהערט קווי־טשערייען און געשרייען.

— הערסט די קוויטשן? — האָבן זיך מאַן און ווייב איבערגעפרעגט.

— איך דענק, עמעצער שרייט: העלפט!

— וואָס דיר קען איינפאַלן!

— הער זיך צו וועסטו הערן.

— מענטשן פאַרברענגען.

— אַזוי שפּעט? מוז שוין זיין דריי. אַ פרוי קוויטשעט, הערסט?

— יאָ.

— גיי אַרונטער, גיב אַ קוק.

האָט דער מאַן געפאָלגט. אַרונטערגעגאַנגען אַ קרעכצנדיקער, אַרויפגעצויגן דעם פאַרהאַנג, געקוקט אין פינצטערן דרויסן אַרויס, מער ווי די שיין פון לאַמטערן קעגנאיבער האָט ער נישט געזען.

זיין אויער האָט פאַרנומען הילכיקע קוויטשערייען, געשרייען. — אַ הוליאַנקע דאָ דערביי, מוזן זיין שיכּור, — האָט דער מאַן מיט ביטול איבערגעגעבן זיין פרוי, און זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

— אַזוי שפּעט מאַכן אַזאַ טומל! גיי רוף אָפּ די פּאָליציי!

— וואָס אַרט עס דיך? זאָלן זיי הוליען.

— וואָס זאָגסטו נישט צו אים? זאָלן זיי הוליען! דריי ביינאַכט. דו הערסט די קוויטשערייען? דו הערסט? הער!

— איך הער, הער, — האָט דער מאַן געזאָגט מיט אַ פאַרדומפּענער שטימע, וועלכע איז, דאַכט זיך, אַרויס דורך דער באָז, און איינגענורעט דעם קאָפּ אין קישן.

— נו, טאָ וואָס גייסטו נישט אָפּרופן די פּאָליציי?

אַ הילכיקער שנאָרך האָט געענטפערט — רוף אַז דו ווילסט. איז דאָס ווייב שוין געוואָרן אין כּעס, געלעגן אָנגעשטרענגט, אַ מענטש אָנגעצויגן איבערן בעט, ווי אַ סטרונע איבער אַ פידל, און ביים ערשטן קוויטש האָט זיך די מענטשן־סטרונע אָפּגעריסן פון בעט, און די פּאָליציי האָט זיך דערוווסט, אַז ערגעץ ווו אויף מעריגאָלד עוועניו אין דעם און דעם בלאָק איז אַ שרעקלעכער טומל פון שיכּורים, הולטאַיעס, לאָזן נישט שלאָפן, און זאָלן דערייבער למען השם גלייך קומען.

אָפּגעטון איר פרום שטיקל אַרבעט, האָט זי זיך שווער אַריינגעלייגט אין בעט, און מיט בייזער הנאה געוואַרט. — זיי וועלן שוין הוליען אין טורמע, — האָט זי גערעדט צום באַלקן.

און זיי, די געסט דאָרט ביי לוסין אין אַפּאַרטמענט האָבן דערווייל געהוליעט. דייוו לייאָנס, די אונטערשטע טייל פון די פּיזשאַמעס אַרונטערגעלאָזט ביז די קנעכל, די אויבערשטע טייל צעכראַסטעט, איז געלעגן אויפן דיל, געשאַרט מיט דער האַנט, און גערופן: קום אַהער, עלסי, קום אַהער, זאָג איך דיר. ער האָט זיך געפּרוווט אויפזעצן און איז צוריק אַנידערגעפאַלן. די האַנט האָט אָנגעטאַפּט עפּעס גליטשיקעס, ער האָט זי צוגעטראָגן צום מויל, אַ וויש געטון, צעשמירנדיק איבערן פּנים דאָס אויסגעבראָכענע שטינקעכץ. — אַ, העל! — האָט ער אַ פאַרשקע געטון מיט די ליפּן, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: גיי צום טייוול, קורווע פאַרשיווע!

דער טייוול, יעדן טאָג פון יאָר אַ פּאַרקויפער פון קליידלעך,
און ווען מ'זאָל אים נישט באַגעגענען, דוכט זיך, אַז אָט ערשט
איז ער אַרויס פון אונטער דעם פּאַריקמאַכערס הענט, איז איצט
געווען אָנגעטון אין אַ ענג געפּאַסטן רויטן אַנצוג, וועלכער האָט
שוין געפּלאַצט אויף אַלע נעט. ער איז געזעסן אויפן דיל, די
באַלעבאָסטע, לוסי, איז געזעסן אויף זיין קני, איין האַנט זיינע
האָט געהאַלטן לוסין פאַר די אָנגעקרויזטע האָר, די צווייטע האָט
געשטופּט אַ גלאָז בראָנפן צו אירע ליפּן, געגאָסן איבערן קין אויף
די אַנטבלויזטע בריסט. — טרינק, דו פּאַרדאַמטער ממזר, טרינק! —
זי האָט זיך געווערט, געלאַפּעט מיט די הענט. ער האָט אַ שמייך
געטון דאָס גלאָז און אַ באַפרייטער געוואָלט זיך אַ נעם טון צו איר.
זי האָט נאָך באַוויזן זיך אַריינכאַפּן אין באָד-צימער און פאַרהאַקן
די טיר אַזוי, אַז ווען ער איז צוגעקומען אַהין, האָט ער זיך שוין
אָנגעשלאָגן מיטן נאָז אָן טיר. — עפן! עפן, זאָג איך דיר, אַנישט
וועל איך צעברעכן די טיר, דיך דערהרגענען, דערהרגענען דיך,
דו פּאַרדאַמטע... — דער קערפּער זיינער האָט זיך גענומען גליטשן
איבער דער לענג פון טיר, ער איז געבליבן זיצן, און פון דעם
אַרונטערהענגענדיקן קאָפּ, פון דעם געעפנטן מויל האָט זיך געגליטשט
סלינע און: איך וועל דיך דערהרגענען...

אויפן טיש צווישן די איבערגעקערטע גלעזער, פלעשער,
אָפּשניצלעך פון ציגאַרן, ציגאַרעטן און עסנוואַרג האָט נעני גע-
טאַנצט צום טאַקט פון אַ דזשאַז רעקאָרד. צוויי קלאָונס, די
מיצלעך אַרונטערגעהאָנגען, די פּאַזוכעס צעכראַסטעט, האָבן גע-
פּליעסקעט מיט די הענט, צופאַלנדיק אַלע מאָל צום טיש, געוואָלט
כאַפּן נעניס אַ פּיכל, אַראָפּכאַפּן אַ שיכל פון אירע פיס, דאָס
איינציקע אָנטון, וואָס נעני האָט אויף זיך געטראָגן. — העכער!
העכער! — האָט איינער געריווועט, געשיקט זיין האַנט אונטער
נעניס אונטערגעהויבענער דיך און געטראָפן צו איר קנעכל. אים
איז דאָך געלונגען אַרונטערצוכאַפּן אַ שיכל, דער צווייטער האָט
עס געפּרווט אַרויסרייסן. — לאָמיר טרינקען אַ טאָאַסט פאַר נענין.
אַ טאָאַסט פון שיכל! קום, נעני!

פונקט דאַן ווען ביידע קלאָונס זענען געשטאַנען אַרום נענין,

צוויי אָרעמס אַרומגעצויגן איבער איר נאַקעטן רוקן, די קעפּ אָט אויפגעהויבן אָט צוגעפאַלן צו אירע בריסט, איינער האַלטנדיק דאָס שיכל, פון וועלכן עס האָט זיך געצויגן אַ דין שטראָמעלע בראָנפן, דער צווייטער אַ פלאַש, און אַלע דריי האָבן גערעוועט:

> כ׳פארזעך א קאמאש
> צו קריגן יאש,
> קיינער קען פארשטיין
> איך בין טרוקן ווי א ביין...

אָט פונקט דאַן האָט די פרוי אין איר בעט דערהערט, דער פּאָליציי-וואָגן פאָרט. זי איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט, גע־כאַפּט אויף זיך אַ כאַלאַט, און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

אַ קלאַפּ אין טיר צודרינגלעך, ווי אַ טעלעפאָן-קלונג, אומ־געדולדיק, ווי דאָס פייפן פון אַן אויטאָמאָביל-פאָרער צו אַ שלעכטן טרייבער, וואָס שטייט פאָרנט פאַר אים און לאָזט נישט פאָרן.

נעני האָט זיך אַ ריס געטון פון די צוויי קלאָונס, גענומען לויפן צום באָד-צימער. די טיר איז געווען פאַרהאַקט פון אינע־ווייניק, און קיין קלאַנג, לוסי איז דאָרט געשמאַק געשלאָפן. האָט זי זיך געלאָזט אין צווייטן צימער, געזוכט אַ קליידל, און נישט געפינענדיק, אָפּגעקומען מיט איינקאָרטשען זיך, פאַרשטעלן מיט די הענט די בריסט, און געציטערט. איין קלאָון, פלאַש אין האַנט, איין פוס משונהדיק פאַרהויבן איז אַריינגעפאַלן דעם פּאָליצמאַן אין ברוסט. אָפּגעפּטרט דעם קלאָון מים אַ טשמעל איבערן קאָפּ, זענען אַלע פיר פּאָליציי-לייט געבליבן שטיין, באַטראַכט, וואָס דאָ טוט זיך. הענט פּאַדבאָקעם איז מען געשטאַנען, געקוקט אויף דער איינגעקאָרטשעטער באַשעפעניש — נעני. — נישקשה פון אַ סחורה, וואָס? איינער האָט אַ צופּ געטון אַ ברוסט ניפּל, אַ צווייטער האָט אָנגענומען ביים קין, אַ דריטער האָט אַ פּאַטש געטון אין הינטן, און דער פערטער האָט גערופן: העי, חברה, זעט נאָר וואָס דאָ טוט זיך! די אמתע סחורה!

פאַרזוכט פון דער אמתער סחורה, האָט מען זיך גענומען דערפילן די פליכט. אַרויסגעשלעפּט איין קלאָון פון אונטער אַ קאַ־נאַפּקע, אַרויסגעשלעפּט לוסין פון באָד-צימער. זי האָט זיך

אַפילו נישט אויפגעכאַפּט. ווען מען האָט גענומען שלעפּן דייוו לייאַנס, האָט ער זיך געוועקט פון שלאָף, געלעפּעט מיט די הענט און געבורטשעט: איך בין נישט שיכור, איך בין נישט שיכור. איך קען פאַרטראָגן נאָכאַמאָל אַזוי פיל. מיין אַפּעטיט איז אַלרייט, מיין מאָגן איז בלויז נישט אין אָרדנונג. עס איז מיין מאָגן...

— גיב אים עפּעס צום מאָגן, — האָט איין פּאָליציי־מאַן אַ זאָג געטון. אַ שטורך מיט אַ קולאַק אין בויך, און ביי דייוו לייאַנס האָבן זיך געעפנט די אויגן צו דערזען די שוואַרצע ווענט און דאַך פון דעם פּאָליציי־וואָגן, פּאָליציי־לייט, קנעפּלעך. דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטון, און אונטער דייוו לייאַנס האָט זיך די וועלט גענומען וויגן.

— איצט וועלן זיי שוין הוליען, — האָט די פרוי אַ גרינזע געטון, ווען זי האָט געזען דעם פּאָליציי־וואָגן פאַרבייפאָרן אויף צוריק. ציטערנדיק פון קעלט, אַ צופרידענע פון איר פרום שטיקל אַרבעט, האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט און זיך געטוליעט צו איר שנאָרכנדיקן מאַן, זיך דערוואַרעמען... דער מאַן איז געשמאַק געשלאָפן.

דער טערק

דער טערק

דער זיידע זיינער האָט, טלית און תפלין אונטערן אָרעם, שטעקן אין האַנט, אַ קוש געטון די מזוזה אין בית-המדרש, און פון דאָרט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין — אָפריכטן גלות. ווען ער האָט אין קנאַפע דריי יאָר אַרום געעפנט די טיר פון זיין הויז — געווען איז דאָס אין אַ הייסן נאָכמיטאָג — האָט דאָס ווייב זיינס, אויפגעכאַפט זיך פון אַ זיצנדיקן דרימל, אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן און נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער טיר, אָנגעקוקט זיין ווייב, באַטראַכט דאָס הויז און צוגעגאַנגען צו דער שאַפע אַוועקלייגן דעם טלית און תפלין. זי האָט געזען, זיין מאָגער פנים איז נאָך מאָגערער געוואָרן, אַזוי דאַר, אַז די באָרד איז אָפגעשטאַנען, די הויט פאַרברענט פון זון, אויסגעטרוקנט, אָבער אָנגעצויגן שטייף אויף די ביינער, און די אויגן, די „ווילדע״ אויגן, פאַר וועלכע זי האָט אַזוי מורא געהאַט, האָבן פאַרלוירן די שאַרפקייט, זיי זענען געוואָרן רויִקער אָבער פינסטערער. זי האָט אים נישט געפרעגט, ווו ער איז אויסן געווען, וואָס ער האָט געזען, ער האָט זי נישט געפרעגט, ווי זי האָט געלעבט די קנאַפע דריי יאָר. ער האָט זי נישט געפרעגט, ווען און פאַרוואָס האָט זי אויפגעגעבן איר קרעמל, און זי האָט אים נישט דערציילט, אַז דער זון זייערער האָט איר געהייסן פאַרמאַכן דאָס קלייטל, פאַרדינגען דאָס הויז, זיך אַריבערציִען צו אים, און אַז דאָס ערשטע האָט זי געטון, דאָס הויז האָט זי נישט געוואָלט פאַרלאָזן. געוואַרט אויף אים. איז ער דאָך מיט אַ יאָר צען צוריק אויך געהאַט

אַוועקגעגאַנגען און צוריקגעקומען. דעמאָלט איז ער צוריקגעקומען אַן אָפּגעפרישטער, אַ לעבעדיקער, און איצט... זי האָט אַלע מאָל מורא געהאַט פאַר זײַנע ביסטרע אויגן, און איצט געפעלט איר נישט זייער רויִקייט, די פינסטערקייט. וואָס האָט ער אַזוינס געזען, דערזען? אין אַ קורצער צייט נאָך זײַן קומען האָט זי צוגעמאַכט זײַנע אויגן, אָבער דער לעצטער קוק איז אויך געווען אַ שטומער. דאָס מויל האָט זיך נישט געעפנט. איר האַנט האָט ער בלויז אָנגענומען. און די האַנט האָט זי געפילט נאָך זײַן טויט. די האַנט האָט איר נישט געלאָזט פאַרלאָזן דאָס הויז. וויפיל דער זון האָט זי נישט דערבעטן, און בײַ זיך, בײַ אים אין הויז, האָט זי אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם.

דער טאַטע זײַנער האָט שוין געפירט געשעפטן — די גרעסטע שניט-קראָם אין זוואָניצע. געשלעפט די קונים האָט די מאַמע און דער פריקאַזשטשיק אָדער פריקאַזשטשיצע, זיי האָבן אויך אײַנגערעדט דעם קונה, אים אָפּגעלאָזט און צוריקגעשלעפט און סוף-כּל-סוף אים אָפּגעמאָסטען די דרײַ אַרשין מילטע און אָנגעמאָסטען דעם ריכטיקן פרייז. ער, שמואל אברהם איציס, איז געזעסן אויפן הויכן בענקל בײַם סטענדער צוגעבויט צו דער וואַנט, איין האַנט האָט גערוט אויף אַ בלאַט פון אַ גרויס געעפנט בוך, די צווייטע האַנט איז אָפּגעשטאַנען פון דער אונטערגעשפּאַרטער באַק, און צווישן די פינגער האָט זיך גערויכערט אַ דיקער ציגאַר טוטין. דאָס האָט שמואל אברהם איציס געטראַכט פון געשעפט, פון אויסגעשטעלטע וועקסלען. צוויי מאָל אין יאָר איז ער אויך געפאָרן אײַנקויפן סחורה. אין איין וועג איז ער שוין אויך אַרונטערגעפאָרן צום רבין. זיך אַראָפּגעכאַפּט צום רבין ערב ראש השנה, האָט ער שוין דאָרט אויך געהאַלטן סכּות, און ווען דער ערשטער שיטערער נאָך שמחת-תּורהדיקער שניי איז פּליאַמעסוויז געפאַלען אין זוואָניצע, אָנזאָגנדיק, אַז די ריכטיקע סליאָטע קומט, האָט זלאַטע אין אײַלעניש געדונגען אַ פור, און געפאָרן צום רבין נאָך איר מאַן, נאָך דער מילטע, קאָרט, אײַנשיטן אויף ציכן, נאָך וועלכע די גויִים שלאָגן אָפּ די טירן. האָט פּאַסירט, אַז זי האָט אים געטראָפן מיט אַ שקאַליקל אין אַ אויפגעהויבענער האַנט,

זינגענדיק און טאַנצנדיק, האָט ער זי שוין אויך אַריינגעשלעפּט: קום אַהער, זאָגט מען דיר, נאַרישע יידענע! פאַר וועמען שעמסטו זיך? — און זי האָט געמוזט טאַנצן מיט אים אין רעדל, ערשט נאָכדעם אים אַרויסנעמען, באַלייגן שלאָפן אין דער אכסניה, ווו זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אויף מאָרגן אַרויסגיין איינקויפן. האָט זי אים געטראָפן אין רבינס שטיבל אַ שלאָפנדיקן, האָט זי אים געריסן פריער פאַר דער קאַפּאָטע, נאָכדעם פאַר דער האַנט, און ווען ער איז נאָך אַלץ נישט אויפגעשטאַנען, און זי האָט אַ דערשראָקענע געמאַכט אַ גוואַלד, האָט דער אַריינגעלאָפענער גבאי זיך צעלאַכט: קענט אים נישט אויפוועקן? ער'ט אויפשטיין.— אָנגענומען אַ קוואָרט וואַסער, אַ פליוך געטון, און שמואל אברהם איציס האָט געעפנט די אויגן: דאָס ביסטו? — האָט געוויינט זלאַטע און גערעדט: מילטע, קאָרט, פלאַנעל, פּארוסינע, און שמואל אברהם איציס האָט געווישט מיטן ברעג קאַפּאָטע דאָס פנים, פאַרקראָכן מיטן מיטלסטן פינגער טיף הינטערן העמד-קאָל-נער, גוט אַ דריי געטון מיט די אַקסלען: מילטע, קאָרט? נו, קום נו, קום איינקויפן. קום! — און ער איז געגאַנגען, געקויפט, אויס-געשטעלט וועקסלען, און געפאָרן אַהיים אַ שווייגנדיקער, אַ גרויער, ווי דער רויך פון זיינע דיקע ציגאַרן. אַ שווייגער געווען שמואל אברהם איציס — גערעדט אין טאַטן, מיט זיין ווייב און אַפילו צו זיין בן יחיד אריה לייב ווינציק גערעדט. דערפאַר אין קלויז, אין אַ ווינטער-נאַכט, האָט ער שעהנווייז געקאָנט דערציילן מעשיות פון „אים“, פון אַנדערע, צו שלש סעודות, אָנהויבנדיק מיט דעם עצמות-ציענדיקן בני היכלא דכסיפין, האָט ער געצויגן איין ניגון נאָכן צווייטן ביז מ'האָט אַ פאַטש געטון והוא רחום, און דער מעריב איז בלויז געווען אַן הפסקה, די מלוה מלכה האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, שוין ביי אים אין שטוב, און וויפיל באָרשטש זלאַטע האָט אָפּגעקאָכט, האָט מען אויפגעגעסן, וויפיל בראָנפן ס'איז געווען, אויסגעטרונקען, ווו אַ ניגון, אויסגע-זונגען, און אַ ריקודל, אַז דער בליץ-לאָמפּ האָט געציטערט, — אַרויסבאַגלייט דעם שבת. דער טאַטע האָט געשלעפּט דעם זון אין רעדל אַריין, און דער זון האָט זיך נישט געלאָזט. — קום, זאָגט

מען דיר! אָט אַזוי! לעבעדיקער! שטאַרקער! — דער טאַטע האָט געטופּעט מיטן פוס, געשטויסן מיטן קאָפּ. — אי, גיי, פון דיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין. — דער טאַטע האָט אַרויסגע-שטויסן דעם זון פון רעדל. — וואַקסט ביי מיר אַ מתנגד, וואַקסט ביי מיר, קוועטשט די גמרא.

אריה לייב האָט געקוועטשט די גמרא טאַקע אין טאַטנס קלויז, און דער טאַטע האָט זיך אויף אים קוים אומגעקוקט. אונטער דער גמרא איז שוין געלעגן דער „טריף פּסול", און דער טאַטע האָט גאָרנישט געזען. פון דער גמרא „דורך קירפּיטשניקאָוון" צו-געגאַנגען צו דער אוניווערסיטעט-שוועל, פון דאָרט „דורכן קאָמו-ניסטישן מאַניפעסט" אין טורמע, סיביר, און פון דאָרט, אונטער אַ הורבע פעל, אויף אַ שליטן, געשפּאַנט צו הירשן, געלאָפן צוריק אין רוסלאַנד און צו דער גרעניץ. אין שליטן איז אויך געלעגן זיין חבר און ווייב סאָניאַ און אַ דריטער מענטש נאָך נישט קיין גע-בוירענער — זייער קינד. פּאַסירט האָט עס איינפאַך. געוועזן קאַלט, אַז דער אָטעם האָט געפרוירן, און לאַנגווייליק, אַז דער מאַרך האָט געגליווערט. אריה לייב האָט געפּרווט ביידע צרות מיט בראָנפן פאַרטרייבן. זיך אָנגעטרונקען דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן. אים איז געווען וואַרעם און פריילעך. ער האָט געדענקט, ווי ער האָט געטאַנצט. ווי אַזוי ער איז אָבער געקומען אַהיים, צי איז ער אַליין געגאַנגען אָדער עמעצער האָט אים געבראַכט, דאָס האָט ער שוין נישט געדענקט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער גענומען טאַפּן אַרום זיך. זיין האַנט האָט דערפילט אַזאַ פּאַסקודנע קלעפּיקייט, די נאָז האָט דערשפּירט אַזאַ שווער זויערן גערוך. האָט ער אויפגעריסן די אויגן, דערזען זי, סאָניאַ, שטייט און קוקט אויף אים, דערזען אויך אין וועלכן קויט ער איז געלעגן, און זיין האַנט מיט די צעשפּרייטע פינגער איז אַ געליימטע געבליבן אין דער לופטן. זי, סאָניאַ, איז געשטאַנען, געקוקט אויף אים, אירע אויגן האָבן געגרופן: הויב זיך אויף, און ער, וויל זיך אויפהויבן, אָבער קאָן נישט אויסהאַלטן דעם קוק, זיינע אויגן לאָזן זיך אַרונ-טער און דער אויבערשטער האַלבער קערפּער גיט זיך אַ וואַקל אַריינצופאַלן צוריק אין קויט. זי האָט אים אונטערגעכאַפּט, אים

אַרומגעווישט, אַרומגעוואַשן, אים דערלאַנגט אַביסל בראָנפן. ער האָט עס אָפּגעשטויסן, אָבער זי האָט נישט אָפּגעלאָזט: טרינקט! ער האָט אויסגעטרונקען, עס האָט אַ ברען געטון, נאָכדעם האָט אים גענומען פרעסטלען, ער האָט געציטערט און זי האָט זיך געטוליעט צו אים, ביז זי האָט אים דערוואַרעמט.

ער האָט מער נישט געטרונקען. איינס אָן אַנדערן האָט מען זיך געטוליעט, געשוויגן און ס'איז נישט געווען לאַנגווייליק, און האָט מען גערעדט, איז וועגן דאָרטן... וועגן אַנטלויפן. און עס איז געווען אַזוי גוט צו רעדן, טרוימען אין דער הויך וועגן דעם, אַז זיי וואָלטן אפשר נישט געווען אַנטלאָפן, ווען עס זאָל זיך נישט געווען אונטעררוקן דאָס קינד. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט ער זיך תחילת דערשראָקן — עס וועט שטערן, געווען אין כעס, קודם, פאַרשטייט זיך, אויף איר, נאָכדעם אויף זיך, גערעדט וועגן פטור ווערן, אָבער זי האָט געשמייכלט: ניין, דאָס נישט. אַנטלויפן! זי וועט שוין זען. אויב זי האָט געקאָנט העלפן אַנדערע דאָס טון, וועט זיך פאַר זי אויך קאָנען. און זי האָט עס באַשטימט דעם טאָג, זי האָט באַשטעלט דעם שליטן, וואָס זאָל זיי ברענגען צו דער אייזנבאַן, און פון דאָרט זיך געלאָזט צו אירן אַ קרוב אין באָסטאָן, די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. בלויז דאָס געלט אויף דער נסיעה האָבן צוגעשיקט זיין טאַטע מאַמע.

2

אַריה לייב איז געזעסן און געמאַפּט ציגאַרן. די ציגאַר־פאַבריק איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. אין דעם הינטערשטן צימער האָט זיך געטרוקנט דער טאַבאַק. די טרוקענע טאַבאַק־בלעטער ווייקט מען אין וואַסער, אויסגעווייקטע ברענגט מען זיי צו מיני דער פּליקערין און גלעטערין. פון די שמאָלע בלעטער, די לאַנגע, פון וועלכע דער ציגאַר־קערפּער ווערט געמאַכט, ציט זי אַרויס דעם חוט־השדרה און מ׳לייגט זיי ווידער טרוקענען, די ברייטערע בלעטער, פון וועלכע די העמדלעך פאַרן ציגאַר ווערן געמאַכט, גלעט זי אויס, און פון איר גייט עס שוין צום ציגאַר־מאַכער. פינף ציגאַר־מאַכער. דער רויטער בעני מיט דעם פייערדיקן קאָפּ האָר, געקרייזלט און פאַרקעמט מיט אַ שרינט אויף איין זייט, מיט אַ גרויסן, ברייטן, האַלבן אויבערשטן קערפּער און קורצע דיקע פיס. זיין נאָמען אין פאַבריק — דער רויטער. דער שוואַרצער שוואַרץ, די האָר אָפּגעשוירן ביז צו דער הויט, און די הויט אַ קאָליר פון אַ מייזל־פעל, אַ שאַרף געשניטן שוואַרץ געזיכט. זיין נאָמען — ניגער. סעם, אַ פּעמפּיק, וועמענס בויך איז אַריבערגעהאָנגען ווי אַ פליישיקער פאַרטוך. זיין נאָמען — פּעטי. פּעט אקאנאר, מגושמדיקע לאַנגע אָרעמס, ברייטע הענט, קורצע טעמפּע פינגער, אַ ערד־קאָליר פּנים, גרויע ליים־קאָליר אויגן, די מוטנע ווייסלעך באַדעקט מיט אַ נעץ בלוטיקע פּעדימלעך, אַ לאַנגער קאָפּ — אַ קלעצל פאַר־קיילעכיקט פון אויבן, באַדעקט מיט בלאָנד־ווייסע שיטערע האָר, ערטערווייז מיט ברוינע פליאַמעס ווי צוגעלעגערט היי, אַ פישאַרטיק מויל, דער קין אָפּגעשניטן, דער האַלז הויבט זיך אָן פון מויל. זיין נאָמען — איירישער. אַריה לייב — מיטעלער וווקס, קיילעכיקער קאָפּ, שוואַרצע האָר מיט אַ נייגונג צום קרייזלען זיך, אַ הויכער שטערן, שאַרפע ווינקלען, אַ קליין מויל, סענסועלע ליפּן, און אַ שאַרף געשניצטער נאָז מיט נערוועזע נאָז־ווענטלעך. זיין נאָמען איז שוין פאַרבליבן „גריני״, אַלס זיכר פון יענע צייטן, ווען ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַרבעטן.

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַריין אין פאַבריק, האָט אים

אַ שלאָג געטון אין קאָפּ דער ניקאָטין טשאַד, דער טאַבאַק־שטויב האָט געריסן אין נאָז, אַז ער האָט גענומען ניסן, אָבער אינגיכן האָט ער זיך צוגעוווינט צום ביטערן טאַבאַק־טעם, האָט זיך צוגע־ווווינט צום זיצן אַכט שעה אַ טאָג, צום „קיצלען“ ציגאַרן. ער האָט זיך אויך צוגעוווינט צו די „שטיק“ פון דער פאַבריק, האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס מעסער, מיט וועלכן ער שניידט דעם טאַ־באַק, דאַרף מען אָנגעמען ביי שפּיץ שאַרף, אַ קוק טון פריער צי איז דאָס הענטל נישט אָנגעשמירט געוואָרן מיט קליי, און אויב עס איז אָנגעשמירט, נישט מאַכן קיין ווען, אָפּווישן און זיך זעצן אַרבעטן, ווייל אָנשמירן דאָס הענטל פון מעסער, דאָס ברעטל אויף וועלכן מ׳שניידט דעם טאַבאַק, דאָס בענקל, אָדער גאָר אַריינשטעקן אַ שפּילקע אין זיץ פון בענקל, דאָס באַלאַנגט צו די וווילע שטיק פון פאַבריק, מ׳טוט זיי אָפּ אַפילו נישט קיין גרינעם. עס באַלאַנגט צו דער פאַבריק, ווי דאָס טאַבאַק טריקענען דאָרט ווו מ׳אַרבעט, כאָטש עס איז אַפילו לויטן געזעץ פאַרבאָטן. ער האָט זיך אויך צוגעוווינט צו הערן טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד מיניס איין לידל:

> יעדער איינער טוט אָט דאָס
> טוט אַ דאָס!
> טוט ער וואָס!...

איר שטימע האָט נישט נאָר געלעכערט די אויערן, זי האָט אָנגעפילט דאָס צימער, געמאַכט נאָך ענגער, הייסער, אָבער דאָס האָט אויך באַלאַנגט צו דער פאַבריק. אקאנאר, דער עלטסטער תושב אין דער פאַבריק, קאָן נישט פאַרטראָגן איר שטימע, און ווען זי צעטרעלייקעט זיך אויף שטונדן אָן אויפהער, רופט ער אויס מער צו דער וואַנט ווי צו מינין: אַ, מאַך דאָרט צו דיין מויל! מיני עפנט ערשט דאַן איר מויל: געפעלט דיר נישט? ווייסטו וואָס דו קענסט טון! איך וויל זינגען, זינג איך, און קיינער קאָן מיך נישט אָפּשטעלן!

> יעדער איינער טוט אָט דאָס,
> טוט אָט דאָס,
> טוט ער וואָס

— אָה...! איז זי שוין מכבד אקאנאר מיט אַן אויסדרוק שטאַרק ענלעך צום שענדלעכן רוסישן מי שברך. מיני בלייבט נישט שולדיק. אַ קאַלטער שפריץ פון אַמעריקאַנישע און אַ הייסער טוש פון איטאַליענישע שענדלעכע אויסדרוקן גיבן זיך אַ לאָז אויף אקאנארן. — אָט אַזוי! גיב אים! — העצט דער רויטער מיט אַ שמייכל, וואָס זאָגט: וויין וואָס דו קענסט, און אַז דו קענסט, ווייס איך. וואָס, ניין? — אקאנאר ענטפערט מער נישט, זיינע טעמפּע פינגער רייסן נערוועז די טאַבאַק־בלעטער, דער ציגאַר פאַרקלעפּט זיך נישט, אַ זשמעניע טאַבאַק פאַרשווינדט אין מויל, ער קייט האַסטיק, שפּייט אויס מיט אַ סווישטש, שיר נישט דערלאַנגענדיק צו מיניץ אויפן גלעט ברעטל, און זי מורמלט שוין שטיל: חזיר, געשוויגן אַ ווייל און ווידער געגומען זינגען, שוין אַ „מאַראַלנע״...

וויים אַרויס אויפן סאַוואַנאַה טייך..

טייכן, שיפן, שיפלעך. אריה לייב ווערט אויך „מאַראַליש״, ער ברומט אַ רוסיש ליד.

— הער אויף ברומען! — שרייט אויס זיין אַרבעטס־שכן אקאנאר, גיט אַ זעץ מיטן מעסער אַן שנייד־ברעטל. — ברומט ווי אַ קאַץ! —

טוט אריה לייב אַ קוק אויף אקאנארן, דערזעט די לייםענע נאָז, וועלכע מ׳קען, דאַכט זיך, אָנגעמען, זי אַ דריי טון און זי וועט נישט פילן, דערזעט אקאנארס פינגער ציטערן, רייסן דעם טאַבאַק, און אויף דער כעס־פּאַרע, וואָס האָט זיך געזאָלט אַרויסלאָזן, לייגט זיך אַ שווערע פּאָקרישקע, דער צו־להכעיס־געפיל — דווקא נעמען זינגען הויך אויפן קול – ווערט דערשטיקט. טאַקע נאָכוואָס ברומען? אקאנאר וועט שוין באַלד אויסטון דאָס פאַרטוך, פּאָדערן זיינע שכירות, זיך פאַרנעמען טרינקען אויף אַ וואָך, צען טעג, ביז דער לעצטער ניקל וועט אויסגיין, ביז ער וועט ביי אים אריה לייבן „אַנטלייען״ אַ ניקל אויף אַלקאָהאָל. שווערנדיק זיך דערביי, אַז ער איז „כשר״, מיינענדיק דערמיט, ער האָט נישט פיינט יידן. ברומט שוין נישט אריה לייב, טראַכט וועגן אקאנארן, וויל אים זען, ווי האָט ער אויסגעזען מיט אַ יאָר אַכצן צוריק,

ווען ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן מאַכן ציגאַרן, ווי וועט ער, אריה לייב, אויסזען אין אַ יאָר אַכצן אַרום ביים ברעטל דאָ...

וואָס מער בעל־מלאכה ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך אויסגעטון פון דער אַרבעט, זיינע דריי דאָלאַר אַ טאָג האָט ער פאַרדינט נישט פון מאַכן ציגאַרן, נאָר פון זיצן און דרייען מיט די פינגער אַכט שעה אַ טאָג, זעקס טעג אַ וואָך. מאַכט זיך אַמאָל, און דער באַלעבאָס קומט אונטער, זעט אריה לייב שניידט אַ בלאַט טאַבאַק אויף צווייען, מ׳קען אויסשניידן דריי העמדלעך, צעשרייט זיך דער באַלעבאָס: שניידסט מיר מיין לייב, שניידסטו מיר! — קוקט אויף אים אריה לייב טאַמעוואַטע, וואָס וויל ער, אָט דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד. גיט זיך דער באַלעבאָס אַ ריס צום אַרבעטס־טיש, שאַרט אַוועק אריה לייבן, גיט אַ כאַפּ אַ בלאַט טאַבאַק, שניידט אויס דריי העמדלעך פאַרוויקלט איין ציגאַר, פאַרקלעפּט שלעכט דאָס קעפּל, און ווייזט אים: זעסט! אריה לייב זעט זיין אַרבעטס־שכן אקאנאר שמייכלט, און ער ווייסט נישט, וועמען ער האָט איצט מער פיינט, זיין באַלעבאָס אָדער זיין מיטאַרבעטער. ער זעצט זיך שווייגנדיק צום טיש, רוקט זיך צו אַזוי נאָענט, אַז דער קאַנט שניידט די ברוסט, בויגט איין דעם קאָפּ איבערן ברעטל. און וואָס נאָענטער זיין ברוסט צום טיש, אַלץ ווייטער דאָס האַרץ, וואָס נידעריקער דער קאָפּ איבערן ברעטל, אַלץ העכער דער געדאַנק. ער פאַרשווינדט פון דער פאַבריק. קומט אָבער אין אָוונט, ווען ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע מיטן רוקן אַרויף, די עלנבויגנס אונטערגעשפּאַרט, די אויגן אַריינגעגראָבן אין שעקספּירס האַמלעט (אָנגעהויבן לערנען ענגליש האָט ער דורך דער ביבל. דאַן איז ער געזעסן ביים טיש מיטן העברעישן טעקסט. פון דער ביבל אַריבער צו שעקספּיר, באַזאָרגנדיק זיך מיט אַ רוסישער איבערזעצונג, און לייענט שוין ליגנדיק) זאָלן מיט אַמאָל אַנטלויפן די ווערטער, פאַרשווינדן די געשטאַלטן. „די שיינע אפעליא? נימף, אין דיינע תפילות זאָלן אַלע מיינע זינד דערמאָנט ווערן". פאַרשווונדן די נימף, הוילער חלל, דאַן אַ נעבל, און אינם נעבל הויבט זיך אָן באַוועגן אַ פרויען פיגור, די היפּטן באַוועגן זיך ווי אַ וואָג שאָל, אַ קליבע אַרויף אַ קליבע

אַראָפּ, וואָס העפּטיקער דאָס וויגעניש פֿון די היפּטן אַלץ שיטערער דער נעבל, אָט זעט ער שוין דאָס פּנים — מיני!

יעדער איינער טוט אָט דאָס...

— אָ, פֿאַרמאַך דיין פּאַסטקע, דו...

— פֿאַרמאַך בעסער דו דיין נוזשניק, דו, הינטישער זון... איך וויל זינגען, זינג איך, קיינער קאָן מיר נישט פֿאַרווערן. יעדער איינער טוט אָט דאָס...

„נימף, אין דיינע תּפֿילות זאָלן אַלע מיינע זינד דערמאָנט ווערן"...

ער דערשפּירט דעם טאַבאַק-גערוך פֿון זיינע קליידער, כאָטש באַלד ווי ער קומט פֿון דער אַרבעט, בייט ער איבער פֿון שניפּסל ביז אונטערשטער העמד, פֿון זיינע פֿאָרן זעצט אַ טאַבאַק-גערוך, די ציגאַר-פֿאַבריק דערפֿילט זיך אין רוקן, אין די לונגען, אין מאַרך. און ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע, איז ער אין דער ציגאַר-פֿאַבריק.

אַ קינדעריש געוויין רייסט אים פֿון דער פֿאַבריק, אָבער ערשט ווען עס דערהערט זיך אַ פֿאַרשלאָפֿענער: ליאָוואַ! גיט ער זיך אַ ריס פֿון דער פֿאַבריק. שפּרינגט אויף פֿון דער קאַנאַפּע, אַרונטערוואַרפֿנדיק האַמלעטן אויף דער ערד. — וואַרעם אָן דאָס פּלעשל!

— איך גיי שוין.

מאַכנדיק אַ טריט צו דער קיך, כאַפּט ער זיך, „האַמלעט" וואַלגערט זיך אויף דער ערד, הויבט ער אים אויף, און „האַמלעט" אין האַנט, די אויגן אין בוך, גיט ער אַכטונג אויפֿן פּלעשל, וואָס וואַרעמט זיך. „פֿאַרוואָס זאָלסטו זיין אַ געבירערין פֿון זינדער?"

— וואָס נעמט עס דיר דאָרט אַזוי לאַנג?!

— באַלד. איך ברענג שוין. „נאָך וואָס זאָלן אַזעלכע פֿאַרשוינען ווי איך צווישן הימל און ערד אַרומקריכן" — כאַפּט ער נאָך אַריין איבערצוליינען, גיט אַ לייג דאָס ביכל אויפֿן אויוון, און מיטן פּלעשל אין האַנט לאָזט ער זיך אין שלאָף-צימער, ווו אַ קינד, פֿון דער וועלט ערגיץ אַ קינד, וויינט, און אַ ווייב,

זיין ווייב, אַזאַ מאָדנע, אַזאַ פֿאַרשלאָפֿענע, בייזע, פֿרעגט מיט אַ זינגעדיקער שטימע: וואָס האָט דיר גענומען אַזוי לאַנג? וואָס זאָל ער ענטפֿערן? ווען? שטייט ער, זעט די פֿרוי גיט דעם קינד איין אַ פֿלעשל שווייגעניש, זעט ווי די פֿרוי, אַזאַ מאָדנע אין איר נאַכט־העמד, רוקט זיך צוריק אַריין אין בעט, ערשט ווען זי פֿרעגט אים: נו, וואָס שטייסטו? פֿאַרוואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפֿן? מוז שוין זיין צוועלף, — הויבט ער אָן ציען די קליידער פֿון זיך, לייגט זיך אַריין צו דער פֿרוי אין בעט. צוויי אײנזלען אין איין בעט, און איבערביידן פֿאַרציט זיך אַ שוואַרץ־בלויער נעבל.

3

יענע נאַכט האָט דאָס קינד נישט געלאָזט צומאַכן מיט אַן אויג. ציינדלעך. דער איינציקער וועג דאָס איינצושטילן אויף אַ ווײַלע איז אַרומגיין מיט דעם, האַלטן עס אויף די הענט, וויגן, אונטערברומען אַ לידל, ביז עס פאַלט אַריין אין אַ דרימל, און ווען אריה לייבן האָט זיך געדאַכט, עס שלאָפט שוין, געפּרוּבט אַרײַנלייגן אין בעטל, האָט עס מיט אַ געוויין גלייך געלאָזט וויסן: איך וויל דו זאָלסט מיך האַלטן, מיך אַרומטראָגן! און אריה לייב האָט געפאָלגט, געהאַלטן, אַרומגעטראָגן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער שלאָף האָט סוף כּל סוף גובר געווען דאָס קליינע נפשל, און אריה לייב איז אויך אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ צעבראָכענעם שלאָף, אַ קינדעריש געוויין אויפקלינגענדיק אַלע מאָל אין די אויערן.

ביטער איז געווען דאָס טעפּל קאַווע ביים אָנבייסן נאָך דער נאַכט, דערווידער איז געווען סאָניאַס פאַרזאָרגט באַקלאָגן זיך אויפן קינדס געזונט, אויפן נישט לאָזן שלאָפן, איבעריק איז געווען איר אָנוועזנהייט, איר קערפּער. די שאַרפע קעלט אין דרויסן האָט נישט דערפרישט אריה לייבן, גייענדיק אין פאַבריק, זי האָט אים פאַרקוועטשט די ברוסט, די אויגן האָבן געטרערט. די הייסע לופט אין דער פאַבריק, וווּהין ער איז אַרײַנגעקומען, האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ, אין נאָז, אין האַלז. ניקאָטין, טאַבאַק־שטויב, גאַז, מענטשלעכער אָטעם, מענטשלעכע שטימען. — קאַלט הײַנטיקן פרימאָרגן! — ער האָט אַ קוק געטון אויף מינין, פאַרוואָס ווערט נישט פאַרפרוירן איר שטימע? אָדער דערשטיקט פון היץ?

— וואָס איז? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? געמוזט אויפשטיין אויף דער לינקער זייט.

„אַ גוטער מאָרגן, ריכטער, איך בין ווידער דאָ...‟

מיני פליקט און זינגט, און אריה לייב שווייגט, זעצט זיך צו דער אַרבעט. ער האָט זיך שוין איינגעמאסטעט לעבן טיש,

אַרויפגעלייגט אַ בלאַט טאַבאַק צום צעשניידן, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, זיין פענסטער, איינס פון די צוויי אין דער גאַנצער פאַבריק, איז שטייף צוגעמאַכט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געשטרעקט די פינגער צום פאַררוקער.

— לאָז דאָס פענסטער צורו!

שפּיזלעך זענען דורכגעלאָפן פון די שפּיץ פינגער צו די האָר, די הויט אונטער די האָר האָט זיך אַ קאָרטשע געטון. אַ קוק אויף אקאנארן, און מיט ציטערנדיקע פינגער רוקט ער אָפּ דעם פאַררוקער, דריקט אויפן לייסטל פון דער שויב.

— איך זאָג, לאָז דאָס פענסטער צורו!

אריה לייב צעגערט, קוקט זיך נישט אום, רוקט אַרונטער די שויב אויף דריי צאָל, און שטייט גרייט זיך אַוועקזעצן.

— פאַרמאַך דאָס פענסטער!

— דאָס פענסטער וועט זיין אָפן. — אריה לייב האָט אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, דאָך האָבן זיי אָפּגעקלונגען אין דער פאַבריק, אַפילו מיני איז אַנטשוויגן געוואָרן, און מיט אַ בינטל טאַבאַק אין האַנט, געוואַרט, געקוקט. אקאנאר האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרמאַכט דאָס פענסטער. אריה לייב האָט זיך אַ צי געטון, אַרונטערגערוקט די שויב נאָך נידעריקער ווי פריער. אקאנאר האָט אַ שפּרונג געטון, געגעבן אַ זעץ אַרויף דאָס פענסטער, אַ שאַר געטון דאָס בענקל: דו, גאָטפאַרדאַמטער ייד, אויב די רירסט זיך צו צום פענסטער, וועל איך דיר פאַרפאָרן אין די ציין! — אריה לייב ה אָט זיך אַ ריס געטו צום פענסטער, אקאנאר האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים. מיט איין קני אויפן טיש האָט ער מיט דער צווייטער פוס אַ שטויס געטון אקאנארן אין ברוסט אַריין, אַז יענער איז אָפּגעשפּרונגען הינטערווייל לעכס צוריק, אַן עפן געטון דאָס פענסטער, אַרונטערגעשפּרונגען, און זיך געשטעלט מיטן רוקן צום טיש. אַנטקעגן אים איז שוין געשפּרונגען אקאנאר, געפאָכעט מיט די קולאַקעס, געצילט אין די אויגן. אריה לייב האָט זיך געווערט, באַשיצט דאָס פנים, אייננורנדיק עס אין די אָרעמס, צווישן איין טעמפּן קלאַפּ און צווייטן זיך דערווייטערט פון טיש, אַפּערגענומען די אויגן, כאַפּן דעם שונא, אים דערלאַנגען

אָבער דער שונא איז פלינק אָפּגעשפּרונגען, צוגעשפּרונגען ביז אין אויער האָט אַ קלונג געטון, און דער הילכיקער קלאַנג האָט זיך געטראָגן צום מאַרך. דער קאָפּ איז געוואָרן שווער, זיך געבויגן פאָרויס, און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, שיקנדיג די אָרעמס פאָרויס דורכצושניידן אַ וועג, שפּירנדיק דעם שונא מער ווי זעענדיק אים, האָט ער זיך אַ לאָז געטון. אַ נורע געטון דעם קאָפּ נאָך נידעריקער, זיך אָנגעשלאָגן פריער אין שונאס האַרטן קולאַק, אָבער איבערגעקומען דעם קולאַק, זיך דערלאַנגט צו דער ברוסט, צוגעשפּאַרט דעם שונא צו דער וואַנט. די קולאַקעס האָבן געשטורכעט, געבויקערט אקאנארס זייטן, און דער קאָפּ, די קני לאָזן נישט אקאנארן זיך באַוועגן פאָרויס, אקאנארס קולאַקעס אַרבעטן ארום אריה לייבס זייטן, אָבער דאָס פילט נישט אריה לייב, אים דאַכט זיך בלויז, אקאנאר גליטשט זיך אַרונטער, אָט גרייכט שוין זיין קולאַק אונטער אקאנארס פּאַכווע. ער האָט צוגענומען דעם קאָפּ פון אקאנארס ברוסט, די פאַרשטייפטע פינגער זענען צעשפּרייטע געבליבן הענגען, די קני ציטערן, איבערן הייסן קערפּער גליווערט אַ שווייס, אונטער די פיס צעגייט זיך די ערד. איין טריט מאַכן. אָבער נאָך איידער ער האָט דעם טריט געמאַכט, האָט ער דערפילט אין קאָפּ ביי אים האָט עפּעס געפּלאַצט, אַ פייערדיקער שירם האָט זיך מיט אַמאָל געעפנט, און די פיל קאָלירטע שפּיזלעך שניידן זיך אַ וועג, און זיי שימערן מיט אַזוי פיל קאָלירן, און... פינסטער. ער איז געפאַלן. דאָס מאָל האָט אקאנאר ריכטיק געטראָפן — אין אויג. ער האָט אויסגעשפּיגן, אַ צי געטון די הויזן, און אַ ציטערנדיקער געשטאַנען און געקוקט אויף זיין ליגנדיקן שונא.

די גאַנצע פאַבריק, וואָס האָט געשוויגן ווי אַ שטיין אין צייט פון געשלעג, האָט איצט גענומען פילדערן. מיני האָט די ערשטע גענומען שרייען: הויבט אים אויף! הויבט אים אויף! — דער רויטער, דער ניגער זענען צוגעלאָפן, אָנגענומען אריה לייבן אונטער די אָרעמס, אים אויפגעזעצט, געפּרובט אים אויפשטעלן, אריה לייב האָט זיך נישט געלאָזט, געבליבן זיצן, מיט איין האַנט פאַרדעקט דאָס פאַרלאָפענע אויג, די צווייטע האַנט כּלאַך אָנגעשפּאַרט

אָן דיל. מיני איז צוגעלאָפן, אָפּגעריסן זיין האַנט פון פאַרלאָפּענעם אויג, צוגעלייגט אַ נאַסן האַנטוך. ער האָט געעפנט דאָס געזונטע אויג, אַ קוק געטון אויף איר, אַ שמייכל געטון. — פילסט בעסער? — ער האָט דערפילט זיין נאַרישן שמייכל אויף זיך, געוואָרן אין כּעס אויף זיך, ווען ער קען זי אַ שטויס טון, די מיני, זי זאָל אַוועקפליען צו דער וואַנט! ער האָט פאַרקרומט דאָס פּנים, זיך שנעל אויפגעהויבן. ווידער זענען אַלע געזעסן ביי דער אַרבעט, געשוויגן מיט אַ שווער שווייגן. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין טיש, מיט איין קוק אַריינגענומען דעם טאַבאַק, איבערגעדעקט מיט אַ פּייכטער שמאַטע דאָס ברעטל, דאָס שמוציקע קליי-בענקעלע, האָט אַ שאַר געטון דאָס ברעטל, אַ וואָרף געטון דעם נאַסן האַנטוך אויפן טיש, האָט נאָך באַמערקט, דאָס פענסטער איז געבליבן אָפן, און אקאנאר זיצט און אַרבעט, און האָט גענומען אַרויפציען דאָס רעקל. אָנגערוקט דאָס היטל, דעם דאַשעק טיף איבערן פאַרלאָפּענעם אויג, האָט ער זיך געלאָזט אין דרויסן. דער פראָסט האָט געגליוועט דאָס פאַרלאָפן אויג און דאָך נישט געקילט די היץ אינעווייניק. אין ברוסט אַזוי טרוקן, הייס, און אין רוקן לויפט אַ קעלט. הייס, קאַלט, אַ ברענענדיקע טריקעניש אינעווייניק, און ביים אויג פּליסט דאָרט עפּעס. ער האָט אַ ריר געטון מיט אַ פינגער, דער פייערדיקער שירם האָט זיך ווידער צעלאָזט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אָנגענומען אַ קויל שניי, צוגעלייגט צום אויג. — ה-ו-ו-ף! — אַזוי קאַלט, אַזוי גוט, אָבער די גוטסקייט רינט אויס, פרירט אויף דער באַק, עס פרירן אויך די פּיס פינגער, און די קני ברעכן, כאָטש נעם זעץ זיך אַוועק אין גאַס אויפן שניי. ער איז אַריין אינם סאַלון אויפן ראָג, שטייענדיק אויסגעטרונקען איין וויסקי, אַ צווייטע, דאָס נאַסע פייער נעצט און וואַרימט, און, דער גאַנצער קערפּער וואַרים, פילט זיך נישט אַזוי די איבעריקע היץ אין אויג. נאָך אַ טרונק. נאָך איינער. שווער צו שטיין. קען מען זיך דאָך אַוועקזעצן, טרינקען און צובייסן. ער האָט גענאָסן אין זיך בראָנפן, נישט פילנדיק שוין קיין טרינקען, געקייט אָבער נישט געגעסן, און איין אויג האָט קאָנקורירט מיטן צווייטן אין זיין פאַרמאַכט, זיך עפענען. איין אויג האָט זיך געעפנט,

געזען מענטשן, די אויערן האָבן פאַרנומען רייד, געהערט אַפילו, ווי איינער האָט געזאָגט: גאַנץ פרי און שוין אַזוי אויסגעפּוצט, פיין דעקאָרירט! אריה לייב האָט געוווּסט, דאָס טרינקט מען לחיים אויף זיין חשבון, און געענטפערט מיט אַ מאַך פון האַנט...

די פאַרלאָפּענע אויגן, וואַקלדיקע פיס האָבן אים דאָך פאַרפירט צו זיין גאַס. ער האָט זי דערקענט, צו זיך אַליין געזאָגט: דאָ איז דאָס שפּייז קרעמל, דאָרט ווייטער די יאַטקע, היט זיך. האָט ער אַרונטערגערוקט דעם דאַשעק נאָך נידעריקער איבערן אויג, און ווען ער האָט דערפילט, ער הויבט אָן גיין באַלכסון צום לאַמטערן-סלופּ אָדער צו סקאָס צו דער וואַנט צו, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פעסט צוגעדריקט די זוילן צום באָדן, און ערשט דאַן זיך גערירט ווייטער אין אַ גלייכער ליניע. גלייך איז ער אַריינגעקומען אין הויז, אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, און מיט אָנגעשטרענגטע טריט געגאַנגען גלייך אין שלאָף-צימער ביז צו דער בעט. דאָרט איז ער אַנידערגעפאַלן, נישט באַוווּסטזיניק אַפילו אַרונטערצונעמען דאָס היטל. ליגנדיק אין דער ברייט פון בעט, די פיס אַרונטערגעהאָנגען, דער דאַשעק איבער די אויגן, האָט אים סאָניאַ געטראָפן.

מיט אַ מין מורא, אַז ווי נאָר זי וועט זיך צורירן, וועט ער אויפשפּרינגען, האָט זי מיט די שפּיץ פינגער אָנגערירט דעם דאַשעק, זי האָט דערזען דאָס פאַרלאָפן אויג, דאָס געזונטע אויג האָט אויך אַ קוק געטון דורך אַ שמאָלער שפּאַרונע, אָבער סאָניאַן האָט זיך געדאַכט, ער קוקט אויף איר מיטן פאַרלאָפּענעם אויג, אָן אויג פון אַ אינדיק. — וואָס האָט פּאַסירט? —

אריה לייב האָט קוים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. זי האָט זיך צוגעבויגן, אַרונטערגענומען דאָס היטל. דער ריח פון שנאַפּס האָט איר אַ זעץ געטון אין פּנים. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, געקוקט, אים באַטראַכט, ביז די אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן זיינע נאַסע שיך. זי האָט אויסגעטון די שיך, אַריינגעלייגט די פיס אין בעט, אים אויסגעדרייט אין דער לענג, אונטערגעלייגט אַ קישן אונטערן קאָפּ, און ווען זי האָט צוגעלייגט אַ

קאַלטן קאָמפּרעס צו זיין אויג, האָט זיין האַנט זיך אַ כאַפּ געטון צום קאָמפּרעס, פאַרהאַלטנדיק איר האַנט דאַרויף. דער טאָג איז פאַרגאַנגען, די נאַכט איז געקומען, און אריה לייב איז נאָך אַלץ געלעגן, געשלאָפן. לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט סאָניאַ געפּרובט אויפוועקן איר מאַן ער זאָל זיך כאָטש אויסטון, אָבער מער ווי אַ ברומען האָט זי נישט געהערט פון אים. זי האָט אַראָפּגעצויגן די קליידער פון אים, צוגעלייגט דעם לעצטן קאַלטן קאָמפּרעס, און אַליין, אין נאַכט-העמד שוין, געבליבן זיצן אויפן ראַנד פון בעט. פאַר די אויגן האָט אַ בלענד געטון אַ ווייסע, שניי באַדעקטע וועלט, אינמיטן אָט דער ווייסער וועלט אַ שוואַרצער פלעק, דער אינעווייניק פון אַ שטיבל אין יאַקוטסקער גובערניע, דאָרט ליגט ליאָוואַ אין אַן אָנגעבראָכענער בלאָטע, און איר פאַרקלעמט אַזוי דאָס האַרץ... זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, היטנדיק זיך נישט אָנצורירן איר מאַנס קערפּער. איר מאַן האָט דאָס מאָל נישט געבראָכן, ער איז געשלאָפן ווי אַ שטיין.

4

עטלעכע טעג איז אַריה לייב געזעסן אין הויז, געקוקט אין פענסטער, געריכערט און געשוויגן. סאָניאַ האָט נישט געפרעגט דירעקט, וואָס האָט פּאַסירט, און אַריה לייבס צונג האָט זיך נישט גערירט איר צו דערציילן אַ גאַנצע געשיכטע, אָבער ער האָט געפילט אַ משא ליגט אויפן צונג, אַ משא, פון וועלכער ער מוז זיך באַפרייען. האָט ער אַגב-אורחאדיק אַראָפּגעוואָרפן אַ וואָרט און צוויי, סאָניאַ האָט די ווערטער אויפגעהויבן, זיי צוזאַמענגעבונדן, געקאַנט וואָס האָט זיך אָפּגעטון, געגעבן איר מאַן גערעכט פאַר די מאָטיוון, אָבער ברוגז געווען פאַר זיינע האַנדלונגען. נאָר מילא, פאַרפאַלן. אָבער וואָס וועט איצטער זיין? וואָס באַדייט דאָס זיצן ביים פענסטער און קוקן מיט פינסטערע אויגן אין דער פוסטער, ליכטיקער, ווינטערדיקער וועלט? פאַרוואָס גייט ער נישט אַרויס אין גאַס, אין אַן אַנדער פאַבריק זוכן אַרבעט? דאָס אויג איז שוין אָפּגעגאַנגען.

פון די עטלעכע ווערטער, וואָס אריה לייב האָט איר צוגע-וואָרפן, האָט זי קיין איינס נישט אַרויסגעוואָרפן, זי איז דערפאַר איבערראַשט געוואָרן צו זען אירע קרובים קומען צו איר, און זיי ווייסן מער פון איר, וואָס אין ציגאַר-פאַבריק האָט זיך פאַרלאָפן. די קרובים האָבן פריער זיך אָפּגעסודעט מיט איר און ערשט נאָכדעם גערעדט אין דער הויך, אַז: ס'איז נישט געפערלעך, ליאָוואַ קען צו יעדער צייט עפענען פאַר זיך אַליין אַ פאַבריק און צו יעדער צייט פאַרדינען מער ווי ביי יענעם און נישט אַרבעטן.

די קרובים, זייערע עצות געשיקט אויף זיין אַדרעס, נישט רעדנדיק צו אים, האָבן אים אַרויסגעטריבן אין גאַס. ער איז געגאַנגען איבער הערריסאָן עוועניו, ווו אַפילו דער ערשט-געפאַלע-נער שניי איז געווען קויטיק, און דער שטאַרקער פראָסט האָט נישט אויסגעפרוירן דעם געשטאַנק, און געפילט: אָט דאָס איז עס, דאָ וואַלגער איך זיך. פון דאָרט אַוועקגעבלאָנדזשעט אין דעם אַריסטאָקראַטישער געגנט, אין בעק בעי, צו די ברייטע גאַסן, ווו

דער ווינטער האָט גאָר קיין שליטה נישט געהאַט, ווו אויטאָמאָבילן האָבן זיך געטראָגן איבער די אָפּגערוימטע גאַסן מיט אַ חשיבות: היט זיך, ווינטער, דער רייכער פאָרט. ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צום טשאַרלז טייך, געשטאַנען, געקוקט אויף דעם פריילעכן יונג-וואַרג, וואָס האָט זיך געגליטשט, געשטיפט. פאַרשווינדט די יונג-וואַרג, עס דערזעט זיך זוואָניצע אום ווינטער, דער ווייסער רויך שטרעקט זיין לאַנגען גלייכן האַלז צום בלויען פראָסטיקן הימל. עס פאַרשווינדט אויך דער רויך, עס באַווייזט זיך אַ ווייסע ווינ-טערדיקע וועלט, אַ שטיבל צווישן הורבעס שניי. ער, סאָניאַ. דורך שניי פעלדער איז ער געגאַנגען אַהיים, אַרומגענומען זיין ווייב, זי שטאַרק צודריקן צו זיך, און שווייגן, שווייגן. דערזעענדיק זי, דערפילנדיק אויף זיך איר מאָנענדיקן קוק: נו, ווו ביסטו געווען, וואָס האָסטו אויפגעטון? וואָס שוויגסטו?! — פילט ער, דער וואַרימער געפיל אין אים קאָכט זיך איבער, שטיקט אים אין האַלז, און זיין ווייב איז אַזוי אומעטום דאָ, ווו ער זאָל זיך נישט אַ קער טון — זי. פאַרוואָס קען זי נישט פאַרשווינדן? נישט זעענדיק זי, וועט ער זי אַרומנעמען, אָנשפּאַרן זיין קאָפּ אויף איר אַקסל און פילן, אַז עמיצער שווייגט מיט מיט אים. אָבער זי דרייט זיך אַרום, ווו ער זאָל זיך נישט אַ קער טון — אַ ווייב, אַ קינד, קרובים.

ער איז אַרויסגעלאָפן זוכן אַרבעט. אָפּגעאַרבעט אַ האַלבן טאָג אין אַ שוך-פאַבריק, אין אַ פאָרשטעטל, פאַרדינט אין דעם האַלבן טאָג פיר און זעכציק סענט, און אָפּנעמענדיט זיין פאַרדינסט, פאַרלאָזט די פאַבריק. — מיט וואָס דער טאָפּ ברענט זיך אָן, מיט דעם שמעקט ער. אָנגעהויבן אין אַ ציגאַר-פאַבריק — פאַרפאַלן. אַ ציגאַר-פאַבריק, אַ באַלעבאָס מיט אַ שוואַרצער באָרד וועמענס „לייב מ'שניידט" מיט יעדער טאַבאַק-בלאַט, מיני, אקאַ-באַר, זידלערייען, געשלעגן. איז ער, אריה לייב, געווען דערביי? אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט. אין די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט און געגעבן, האָבן זיך די צוויי יאָר ציגאַר-פאַבריק אויסגעלופטערט, אין דעם אָנטרינקען זיך נאָכדעם האָט זיך די פאַבריק דעזינפעק-טירט. אַפילו דאָס אָנטרינקען זיך טוט אים נישט באַנג —

געמוזט אָפּצאָלן אַ חוב אקאנארן, אים אַרויסטרייבן פון די ביי־
נייער פון זיינע. און איצט צוריק אַהין?

— איך פאָר קיין ניו יאָרק.

— ניו יאָרק? וואָס וועסטו טון אין ניו יאָרק?

— שוין געפינען וואָס צו טון.

— באָסטאָן איז צו קליין?

— באָסטאָן! איך האַס די שטאָט, די מענטשן דאָ, די קרובים דיינע...

— און דאָס ווייב, — האָט סאָניאַ אומעטיק צוגעגעבן. אריה לייב האָט אויף איר אַ קוק געטון.

— אַז מ׳האָט ליב דאָס ווייב, האָט מען ליב דעם ווייבס קרובים, און אַז מ׳האָט פיינט די קרובים, האָט מען פיינט דאָס ווייב.

— אַי!...

לאָזנדיק זי שטיין אַ פּאַראומערטע, איז ער אַנטלאָפן אין צווייטן צימער. נו, פאַרוואָס לייגט זי אים אַריין ווערטער אין מויל? פאַרוואָס פאַרשטייט זי נישט? זעט זי נישט, אַז ער קאָן נישט, קען נישט גיין אין אַ ציגאַר־פאַבריק, קאָן נישט בלייבן דאָ, ווערן אַ ציגאַר־פאַבריקאַנט!

סאָניאַ האָט אַזוי גיך נישט נאָכגעגעבן, ווען מ׳האָט שוין פרידלעך גערעדט וועגן ניו יאָרק, אַז ער וועט פאָרן אַליין, קריגן אַרבעט, נאָכדעם וועט זי אַרויסקומען, האָט זי מיט אַ געטרייען מאַמע־טאָן אַ פרעג געטון: און אפשר וואָלסטו פאָרט געבליבן, געפינען וועלכע ס׳נישט איז אַרבעט, און זיך צוגעגרייט אין הארוואַרד אָדער טאַפט קאָלעדזש?

די פראַגע האָט אים אַ שטויס געטון, אים אַרויסגעוואָרפן פון דעם אומבאַקאַנטער ניו יאָרק, פון דער באָסטאָנער ציגאַר־פאַבריק, אים צוריקגעשליידערט קיין קיעוו צו אריה לייבן מיט דער פעלערינע, און פון דאָרט צו אריה לייב שמואל אברהם איציס אין זוואָניצער בית מדרש מיט אַ גמרא אויפן סטענדער, טריף פסול אויף אָדער אונטער דער גמרא. דער טאַטע דער חסיד, און דער זיידע דער וואָרט־קאַרגער. ווען דער רב איז נפטר

געוואָרן און מ׳האָט דעם זיידן זיינעם, וועלכער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, פאָרגעשלאָגן די כסא הרבנות, האָט ער געענטפערט: אויף געלעכערטע פופקעס בין איך אַ קנאַפּער מבין, קריגט אַ ר ב. אַ קלוגער ייד דער זיידע געווען. אריה לייב האָט אַ שמייכל געטון: עס פעלן באַנקע שטעלער? אַנטשולדיק, — האָט ער צוגעגעבן, אָבער די אַנטשולדיקונג האָט שוין באַדאַרפט נאָכלויפן סאָניאַן. אים האָט פאַרדראָסן, למאַי ער האָט איר אַזוי געענטפערט. דער פאַרדרוס — אַ צוגעדעקט טעפל וואַסער אויפן פייער — האָט געזאָטן אינעווייניק, נישט אַרויסלאָזנדיק קיין פאַרע. — וואָס ווילסטו? אַרבעטן אין אַ ציגאַר־פאַבריק נישט, אין אַ שיך־פאַבריק נישט, ווערן אַ דאָקטאָר נישט, טאָ וואָס ווילסטו? איך וויל עסן!

ער זעט ווי ער שטייט און וויינט פאַר דער מאַמע: איך וויל עסן! נעם ברויט מיט פוטער. איך וויל עסן! דיר געבן ברויט מיט שמאַלץ? איך וויל עסן! אפשר ווילסטו, מיין זון, אַ שטיקל ברויט מיט צרות? איך וויל עסן!! ווילסט אפשר אַביסעלע זויגן! נאַ ציציע, נאַ! — ער צעוויינט זיך שוין אויף אַן אמתן, און די מאַמע גייט אַוועק אין קלייט. ער פאָרט קיין ניו יאָרק!

באָסטאָן איז אַרונטערגעפאַלן פון די פלייצעס. פאַקנדיק זיין רענצל, האָט ער אונטערגעזונגען, סאָניאַן אַרומגענומען, מיטן קינד אַ טענצל געגאַנגען. — וואָס אַרט דיך, מירן נאָך אַ לעבּ טון! — אין סאָניאַס אומעטיקע אויגן האָט געשימערט פאַרבאָרגענע האָפנונג, דאָס קינד האָט צופרידן געוואָרפן מיט הענטלעך און פיסלעך: פאַפּי! פאַפּי!

אויפן וואָקזאַל האָט אריה לייבן אַרומגענומען די אויפגערוימטקייט, וואָס יעדער זעלטענער פאָרער דערפילט אין דעם פאָרהויז פון אַן אַנדערער, פרעמדער, אָפּגייענדיקער און קומענדיקער וועלט. די עטלעכע שעה רייזע זענען אַוועק אין אַ מין געדאַנקען רויך, זיך געקרייזלט, געקרייזלט, און צעגאַנגען, גאָרנישט געבליבן. דער אַריינפאָר אין ניו יאָרק, דער וואָקזאַל, די מחנות מענטשן, די באַוועגלעכקייט זייערע, וואָס האָט, דאַכט זיך, מיטגעשלעפט דעם ברוק פון אונטער זייערע פיס, האָט אים אַ קלאַפּ

געטון: דאָס איז די שטאָט! דאָ איז דער פּלאַץ. די שטיינערנע מויערן האָבן שטרענג געשוויגן, און, שווייגנדיק געוואָרנט: וואַרט!

אַרום פיר פינף וואָכן האָט זיך די פּילקע, אריה לייב, אַרומגעוואָרפן איבער דעם שטיינערנעם ניו יאָרק, זיך אָנגעשלאָגן און אָפּגעשלאָגן פון וואַנט צו וואַנט. ערשט אויף דער זעקסטער וואָך, נאָכדעם ווי ער איז איבערגעשלאָפן אַ נאַכט אויף אַ נאַקעטן דיל אין די צימערן, וואָס ער האָט געדונגען פאַר זיך מיט זיין פאַמיליע, געשלאָפן ווי אַ קלאָץ, האָט ער אָנגעשריבן צו זיין ווייב אַ בריוול פון צען ווערטער: זיך איינגעאָרדנט. שרייב, ווען דו קומסט, וועל איך דיך באַגעגענען.

5

אריה לייב האָט זיך איינגעאָרדנט. ער האָט געהאָדעוועט די מאַשין, איר אַרייַנגעשטופּט צווישן די ציין אַ שטיק זייד אָדער לייוונט, זי האָט זיך זשעדנע איינגעביסן אין דעם, צעקייט עס, און אַרויסגעוואָרפן פּאַרטיקע אַרבל. די מאַשין האָט אים געהאָדעוועט — אים געגעבן „אַ לעבן". אמת, ער האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט דייוו זאַרעמסקי. יענער האָט אַרונטערגעלאָזט די שלייקעס פון די אַקסל, געזעסן אָפּגערוקט פון דער מאַשין און איינגעבויגן צו איר ווי אַ זשאָקיי ליגט אויפן נאַקן פון אַ פערד אין געיעג, און די מאַשין איז געלאָפן איבעריאָגנדיק אַלע אַנדערע זשאָקייען פון שאָפּ. אריה לייב האָט אויך נישט געקענט מיטהאַלטן מיט דער אויסגעדייוועוערטער דזשעני, וועלכע איז געזעסן ביי דער מאַשין אַזוי גלייך ווי אַ פּיאַנאָ שפּילערין ביי דער פּיאַנאָ און האָט דאָך אַרויסגעוואָרפן שיר נישט אַזוי פיל אַרבל ווי דייוו. אריה לייב איז נישט געווען קיין „שיסער" אָבער אויך נישט דער לאָך באַק, דער קריכער פון שאָפּ, אַן אַרבעטער באַגלייך מיט אַלע, און דאָך גיט גלייך. דער שכן פון דער לינקער זייט זאָגט זאַרעמסקי דו און אים, אריה לייבן, אירצט ער. אין דעם אירצן פילט אריה לייב אַ געוויסן דרך ארץ צו זיך, אָבער אויך אַ פרעמדקייט — ביסט נישט משלנו. ווען די מאַשינען זענען געלאָפן, די אַרבעטער האָבן געזונגען, גערעדט, ווען דער טומל אין שאָפּ איז געווען אַמראַשיקסטן האָט אריה לייב די פרעמדקייט נישט געפילט ווי ער האָט נישט געפילט דעם שאָפּ. וואָס טומלדיקער אין שאָפּ אַלץ ווינציקער האָט ער געהערט וואָס דאָרט טוט זיך, ער איז נישט געווען דאָרט. כאָטש ער האָט דאַן געאַרבעט אַמפּלייסיקסטן, ערשט ווען אין שאָפּ איז געוואָרן שטילער, „אַ מלאך איז געבוירן געוואָרן", אַלע אַרבעטער הערן אויף זינגען, רעדן, טומלען, דאַן האָט אריה לייב דערפילט זיין אַליינקייט. נישט קענענדיק אויסהאַלטן די שטילקייט גיט יאַשקע שניצער אַ זאָג: אַ, דייוו!

— וואָס איז?

— גאָרנישט, כ'האָב דיך אין דרערד, פאַרסטריגע, — ענטפערט יאַשקע מיט אַ שמייכל, און דייוו זאַרעמסקי האָט זיך אויך פאַרגונען אַריינצושטעפּן אַ שמייכל אין איינעם פון די אַרבל. די „פאַרסטריגע" — אַ פּאַס־וואָרט, דער „איך האָב דיך אין דער ערד", ווייסט ער, איז אַ גוט ברודערישע אויפמונטערונג: דאָס רעדל דרייט זיך? איז נישט אַרונטערגעלאָזט די נאָז. אריה לייבן האָט יאַשקע נישט „געהאַט אין דער ערד", זיך אויך נישט געלאָזט דערקענען דורך שם המפורש — פאַרסטריגע, נאָך פרעמדער האָט זיך געפילט אריה לייב מיטאָג צייט, ווען די אַרבעטער, וועלכע זענען נישט אַרונטערגעגאַנגען עסן, האָבן צעלייגנדיק זייערע מאכלים, יעדער איינער זיין פּעקל, זיך דאָך גרופּירט אין מיני פאַמיליעס, נאָר ער איז געבליבן אַליין. יענע האָבן זיך געוויצלט, זיך געביטן מיט מאכלים, גערעדט וועגן אַרבעט, יוניאָן, און אריה לייב איז געשטאַנען דער ביסן אין גאָרגל — מיט אים רעדט מען נישט, טיילט מען נישט דעם מאָלצייט. ער האָט געפּרוּווט איבערטרעטן די אומזיכטבאַרע גרענעץ, דערלאַנגט זיין מיטאָג־שכן אַן עפּל. יענער האָט געקוקט אויפן עפּל, אויף אריה לייבן, גענומען דעם עפּל נאָך אַלץ קוקנדיק אויפן געבער, און צונעמענדיק אים, נישט גלייך גענומען עסן. אַפילו קיין דאַנק נישט אַרויסגעזאָגט. אריה לייב האָט דערפילט דאָס בלוט קומט אים אין פנים, האָט ער זיך אַרונטערגעכאַפּט פון דער מאַשין, אויף וועלכער ער איז געזעסן, געגאַנגען כלומרשט אַ טרונק טון, און געפילט ווי אויף זיין רוקן שפּרינגען אַרום שמייכעלעך. אַ באַליידיקטער, אַ ברוגזער אויף זיך אַליין, האָט ער זיך געזעצט צוריק צו דער אַרבעט. איז ער נישט אַן אַרבעטער באַגלייך מיט זיי? אַרבעט אין איין פאַך, באַלאַנגט אין איין צעך.

— איר זייט אַ שניידער פון צו הויזע? — איז מפסיק דייוו זאַרעמסקי פון זיין יאָגעניש. אין דעם „צו הויזע" פילט אריה לייב אַ געלעכטער, אָבער דייווס פנים איז אַזוי איבערגעבויגן איבער דער מאַשין, אַז אויב עס איז אַפילו געווען אַ שמייכל אויף דעם פנים, האָט ער שוין צייט געהאַט זיך באַ-

האַלטן אין אַרבל, די מאַשין ציינער האָבן שוין דעם שמייכל צעקייט. — ניין, — ענטפערט אריה לייב איינפאַך.

— הייסט עס, קאָלאָמבוסעס אַ שניידער.

אריה לייב זעט שוין אַ געשפּרעך פאַדעם, אָבער יאַשקע שניצער שניידט פלינק איבער דעם פאָדעם מיט אַ לידל: קאָלאָמבוס אַ מדינה, אוי אַמעריטשקע!...

לאַכט יאַשקע? ניין, ער זינגט בלויז, זינגט און אַרבעט, און אריה לייב נישט ער קען זינגען, נישט עס אַרבעט זיך, כאָטש די הענט האָדעווען די מאַשין. קאָמוניסטישער מאַניפעסט, דיסקוסיעס ביזן ווייסן טאָג, פלוג בלעטלעך, וועלדלעך, דעמאָנ־סטראַציעס, פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט אייך. דאַן ווערטער בלויז, איצט איז ער אַ פּראָלעטאַריער צווישן פּראָלעטאַריער, און נישט פאַרייניקט, — אָפּגעטיילט, אָפּגעשיידט, פרעמד. ערגעץ ווו מוז זיין אַ פעלער, אין אים גופא, אין זיין האַלטן זיך, באַנעמונג. אַן עפּל דערלאַנגט...

אריה לייב האָט דערפילט אַ שטילקייט איז אַנטשטאַנען אין שאַפּ און ערשט נאָכדעם דערהערט געשרייען. די מאַשינען האָבן געשוויגן, און צוויי אַרבעטער, פיליפּ און דזשאָו קריגן זיך, זידלען זיך, רייסן זיך איינער צום צווייטן, איינער וויל ביים צווייטן אַרויסרייסן אַ בינטל אַרבעט. אריה לייב האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ, דערפילט זיין בלוט אין די אָדערן, און ווען ער האָט דערזען, ווי פיליפּ איז פאַר־פאַרן דזשאָון מיט אַ קולאַק אין פּנים אַריין, האָט ער זיך אַ הויב געטון, געעפנט דאָס מויל, קיין קלאַנג איז נישט אַרויס־געקומען. ער האָט זיך אומגעקוקט צו זיין שכל דייוו, זוכנדיק ביי אים הילף, דייוו האָט זיך געגראָבן אין זיין ווינקל אַרבעט, באַהאַלטן עפּעס. אריה לייב האָט אַ כאַפּ געטון זיין צעוואָר־פענע אַרבעט, עס געהאַלטן מיט ביידע הענט, זיך אָנגע־שטרענגט צו מאַכן אַ טריט צו די זיך שלאָגנדיקע, אָבער די פיס האָבן נישט געפאָלגט, און די אויגן האָבן דערזען, ווי דער פאָרמאַן שטייט, קוקט אויף די זיך שלאָגנדיקע און שמייכלט. אריה לייבס הענט האָבן זיך אַ צי געטון, זיך געעפנט, און דעם

פּאַרמאַנס שמייכל איז פאַרדעקט געוואָרן מיט אריה לייבס צע־וואָרפן בינטל אַרבעט.

דער שאַפ האָט זיך פאַרטאַיעט. פיליפּ און דזשאו זענען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, נישט באַגרייפנדיק אַפילו וואָס האָט געטראָפן.

— פאַרלאָז דעם שאַפּ די מינוט! — האָט דער פּאַרמאַן געריטשעט. — משוגענער נאַר! — האָט ער שוין צוגעגעבן שטילער. — דער מענטש איז משוגע! ער באַלאַנגט אין אַ משוגעים הויז, נישט אין קיין שאַפּ. וואָס שטייט איר און קוקט ווי די סאָוועס? קאָם אַן, קאָם אַן, נעמט זיך צו דער אַרבעט!— שליידערנדיק די באַפעלן, האָט ער זיך געלאָזט נאָך דעם אַרויס־גייענדיקן אריה לייבן.

אַרויסגייענדיק פון שאַפּ אין אָפּיס אַריין קריגן זיין גע־צאָלטס און זיין „וויסילקע אַדמיניסטראַטיוונאָם פּאָריאַדקאָם״, האָט אריה לייב זיך געטראָפן מיט פיליפּ און דזשאָוס אויגן. אים האָט זיך געדוכט: זיי האָבן געקוקט אויף אים שולדיקע, אים באַדויערט און געטרייסט: מיר זענען מיט דיר, אַזוי האָט זיך אים געדוכט, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, נישט געענטפערט זיי אַפילו מיט אַ קוק, און פאַרלאָזט דעם שאַפּ ווי ער איז אַריינגעקומען אַהין — אַן אייגענער מיטן „קאָמוניס־טישן מאַניפעסט״ אין געדעכעניש, און אַ פרעמדער.

6

— פון די „קאַמאַנס״ אין „סענטראַל פּאַרק״, פון סיגאַרן צו אַרבל. דאָרט אַקאַנאַר, דאָ דזשאו, פיליפּ. פרישע לופט אין אַ סיגאַרן פאַבריק, ברידערלעכקייט ביי ברידער אַרבעטער, וואָס נאָך ווילסטו? גלייכהייט, פרייהייט? פריי פון וואָס? פריי צו טון וואָס? פאַרן קיין שיקאַגאָ נייען הויזן? סדנא דארעא חד הוא, און הויזן זענען אַרבל אויף די פיס... — אַ פּאַר־

נאַכטיק קיל ווינטל האָט אים דערמאָנט אָן אַ היים, אַ ווייב, אַ קינד, אַ וועטשערע אַ צוגעגרייטער, — וואָס טויג דאָס בריקען זיך? איינגעשפּאַנט — שלעפּ. —

אריה לייב האָט זיך געשלעפּט פון שאַפּ צו שאַפּ, שבת אָדער מאָנטיק געבראַכט די שכירות אַהיים, אָפּגעגעבן סאָניאַן. און זי האָט געפירט די שטוב, זי האָט געביטן מעבל, דירות, איינגעלאַדן געסט. געגאַנגען צו גאַסט, ווינטער זונטיקס געגאַנגען אין די מואוויס, זומער זונטיקס געפאָרן צום ים, און אריה לייב האָט זיך נאָכגעשלעפּט. אונטערהאַלטנדיק געסט בײַ זיך אין שטוב, האָט ער געפילט, אַז ער אַליין איז אַן אומגעבעטענער גאַסט, גאַנץ אָפט געקראָגן אַ קוק פון זיין ווייב, אַ קוק — אוי, גוואַלד! וואָס וועט זיין פון דיר? — ער האָט אַפילו נישט געוווּסט, וואָס ער האָט חוטא בעגל געווען, געקוקט אויף זיין ווייב, אָבער אָנשטאָט צו געפינען אַ באַשייד, דערזען, אַז סאָניאַ איז נישט די סאָניאַ פון סיביר, נישט די סאָניאַ פון באַסטאַן אַפילו. נישטאָ דאָס שוואַרצע קלייד, העל די קליידער, העל דאָס פּנים, פאַרוויטלט, הייטער, די האָר, אַמאָל גלאַט פאַרקעמט מיט אַ שרונט, איצט אויפגעשלאָגן, געוועלבט, די אויגן שפּילעוודיק. א... שענערע סאָניאַ, אַן אַנדערע. ניו-יאָרק פאַנעוועט איר. נו... — וואָס איילט איר זיך אַזוי? נאָך פרי! אייער מאַנטל? וואַרט, ווו האָב איך אים ערגעץ אַוועקגעלייגט? — אריה לייב וויל זיין אַ העפלעכער באַלעבאָס.

צו גאַסט איז ער געזעסן אויף אַ פרעמדער פור, זיך אַרויפגעכאַפּט אונטערפאָרן אַ ביסל, און ער האָט זיך באַמיט צו פאַרנעמען וואָס ווינציקער פּלאַץ. פאָרנדיק אַהיים, האָט ער געהאַלטן דאָס שלאָפנדיקע קינד אויף די אָרעמס, אַ בייז פאַרשלאָפן ווייב בײַ דער זייט. סאָניאַ האָט פאַרדראָסיק צוגעוואָרפן: זע ווי דו האַלסט זי! גיב זי אַהער! — אריה לייב האָט אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פון די אָרעמס, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף זיין ווייב, אָדער שטאַרקער פאַרדריקט די אָרעמס אַרום קינדס קערפּערל און דאַן ערשט אַ קוק געטון אויף דער מאָנערין.

געסט, צוגאַסט גײַן, „פאַמיליע" מאָוויס, און דער עיקר דער זונטיק ים האָט אים דענערווירט. יעדן זונטיק האָט ער באַשלאָסן, ער פאָרט נישט, און יעדן זונטיק, ווען סאָניאַ האָט נאָר געוואָלט, איז ער געפאָרן, ער האָט גענומען דאָס קינד אויף די פערדלעך, געפאָרן מיט איר אַרויף און אַראָפּ, און זי האָט אַלץ געבעטן נאָך: פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! קום אַהער! פּאַפּאַ, וואָס איז דאָס? ווער איז דער מאַן? קוק דאָ! גיב אַ קוק אויף אים, ווער איז ער?

דער מאַן, אַ זעקס פוסיקער, אַ ברייט ביניקער, אָנגעטון אין רוסישע שטיוול מיט געקנייטשטע כאָליעוועס, ברייטע בלויע פּלודערן, אַ גרינעם ברייטן גאַרטל, אַ רויטע בלוזע מיט אַ ווײַ־סער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, איז געשטאַנען פאַר אַן אַרײַנגאַנג, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט אַזאַ ברייטע, קײַלעכ־דיקע, שיטער פּליישיקע פרוי, אַז אַ שטייענדיקע האָט זי אויס־געקוקט ווי זי זיצט. מיט אַ דין שטעקעלע אין האַנט האָט דער מאַן געטייטלט אויף דער דיקער פרוי, און מיט אַ צעצויגענער, אין האַלז צעקוועטשטער שטימע איינטאָניק גערופן: פאָן! לאַטס אָף פאָן (שפּאַס, אַ סך שפּאַס)!

— אַ טערק, — האָט אריה לייב געענטפערט, און אַ צי געטון דאָס קינד פאַרן הענטל. זי האָט געכיטרעוועט, געוואָלט געווינען צייט. — פּאַ, וואָס איז אַ טערק?

— אַ טערק איז אַ טערק! — האָט שוין אריה לייב בייז געענטפערט, אָבער דאָס קינד האָט נישט נאָכגעלאָזט. — און וואָס זאָגט ער?

— ער זאָגט גאָרנישט! קום! — ער האָט אַ צי געטון דאָס הענטל, אַז דאָס קינד האָט געמוזט נאָכלויפן, און סאָניאַ האָט אויף אים בייז אַ קוק געטון. אָנגעשטויסענע איז מען אַהיים געפאָרן, אריה לייב טראַכטנדיק בלויז איין געדאַנק — קיינמאָל אין לעבן פאָרט ער מער נישט מיט ווייב און קינד זונטיק צום ים אין קוני אײַלאַנד.

דער קיינמאָל אין לעבן האָט אויסגעהאַלטן אַ צוויי זומער וואָכן, די לעצטע וואָכן פון סעזאָן, ווען סאָניאַ האָט שוין קיין

חשק געהאַט צו פֿאָרן און דעם גאַנצן ווינטער. ווען דער צווייטער זומער איז געקומען, און די היץ, אַ נאַסע, שטיקנדיקע היץ, האָט זיך ווי אַ דעמפּער הייסער לײַלאַך אַרויפֿגעלייגט אויף מאַן, ווײַב און קינד, האָט אריה לייב פֿאַרגעסן אינם „קיינמאָל מער" און גערן געפֿאָרן צום ים — זיך אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער שווימען, פּילן די כוואַליעס אויפֿן קערפּער.

דער געשטאַנק פֿון געקאָכטע וווּרשטלעך, געפּרעגלטע פֿלייש האָט אַ קלאַפּ געטון אריה לייבן אין נאָז, אין קאָפּ, פֿאַרשטעלט דעם ים פֿון זײַנע אויגן. ער האָט געזען קוני איילאַנד בלויז, און געוואָלט אַנטלויפֿן צוריק, אין סאַבוויי, אין צימער אַבי נישט דאָ.

ער איז געבליבן שטיין.

— נו, וואָס שטייסטו? קום!

ער האָט אַ קוק געטון אויף זײַן ווײַב. — דו האַלט דאָס קינד, — האָט ער אַ זאָג געטון, איבערגעבנדיק איר דעם קינדס הענטל, — איך גיי זיך איבערטון. וועסט מיך טרעפֿן אויפֿן זאַמד, לעבן די בעדער, — נאָך איידער זי האָט צײַט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט ער זיך שוין דערווײַטערט.

ער האָט געלייגט קלאַפּטער, געשווּומען ווי אַ ראַק, געגאַנגען טריט וואַסער, געליגן נאַזנדיק מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און זיך געוויגט, געדרייט אַ מילעכל, ביז ער איז אַ פֿאַרמאַטערטער דערשווּומען צוריק צום ברעג. זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים אַרויף, פֿאַרמאַכט די אויגן. די זון האָט געוואַרעמט, און די אויערן האָט גערוישט אַ געמיש פֿון מענטשלעכע קולות און קלאַפּן פֿון כוואַליעס. דאָס אומאויפֿהערלעך, איינטאָניק קלאַפּן פֿון די כוואַליעס איז גובֿר דעם כאַאָטישן מענטשלעכן טומל, ער הערט בלויז כוואַליעס, פֿילט זיי, ער וויגט זיך אין אַזאַ גרויס, ברייט, ווייך וויגל, אים איז אַזוי גוט!

אַ קינדעריש געוויין און דאַן: אָט איז ער, דער טאַטע דײַנער! — ער האָט אַן עפֿן געטון די אויגן, געזען ווי סאָניאַ האָט אַרויסגעלאָזט דעם קינדס הענטל מיט אַ שטויס, אַז דאָס

קינד איז שיר נישט אומגעפאַלן, ער האָט זיך אויפגעזעצט, — וואָס איז געשען ?—האָט ער געפרעגט ביים קינד.

— וואָס איז געשען ! — האָט סאָניא איבערגעקרימט. — באָדן זיך איז ער אַנטלאָפן ! אַ קינד איז דאָס ? אַ ווירא דאָק ! אַ מזיק ! נאָך אַ ביסל ווערט זי דערטרונקען.

— וואָס איז געווען ? דערצייל, רחלע !

— גאָרנישט, —האָט רחלע געכליפעט, — איך האָב בלויז געוואָלט אָפוואַשן די שיכעלעך, זיי זענען געווען שמוציק, האָב איך זיי אַריינגעשטעלט אין וואַסער.

— נו ?

— האָט מיך די מאַמע געשלאָגן ! — דער „געשלאָגן" האָט זיך אַרויסגעריסן, מיטשלעפנדיק אַ נייעם געוויין-אויס־ברוך.

— די מאַמע געשלאָגן. אַ כוואַליע האָט זיך אַ ריס געטון אַז ווען איך כאַפּ זי נישט אָן... זעסט נישט זי איז נאַס פון קאָפּ ביז די פיס ?

— נו שאַ, נישט געוויינט. מ'גייט נישט מיט די שיך אין וואַסער. זעץ זיך אַנידער, וועסטו זיך אויסטריקענען.

— איך וויל נישט זיצן.

— מיטן נאַסן קליידעלע זיך זעצן אויפן זאַמד ? — סאָניעס קוק נאָך די ווערטער האָט געזאָגט : דו ווייסט וואָס דו רעדסט ? — שטיי ביז דער פּאַפּאַ וועט זיך אויפהייבן, זיך איבערטון, וועלן מיר גיין. נאָך אַ קוק צום טאַטן, אַ קוק וואָס רייסט די זאַמד פון אונטער די פיס : נו, הויב זיך שוין אויף אַמאָל, ריר זיך שוין !—אריה לייב האָט זיך אויפגעהויבן.

— וועסט מיר קויפן אייז קרים ?

— דיר קויפן אייז קרים ?

— און וועסט מיך נעמען אויף די פערדלעך ?

— נעמען אויף די פערדלעך.

— און וועסטו...?

— לאָז דעם פּאַפּאַ זיך גיין איבערטון.

דער פּאַפּאַ האָט זיך איבערגעטון, מכבד געווען דאָס

קינד מיט אַן אייז קרים, מיט אַן הקפה אויף די פערדלעך, און דאָס קינד, דערפילנדיק אַז איצט קאָן מען ביים טאַטן פועלן אַלץ, האָט אַלץ געבעטן, פרעגנדיק בלומרשט פריער: וואָס איז דאָס? ווער איז דער? און דער טאַטע האָט געגעבן ענטפערס, נישט זעענדיק, נישט הערנדיק, ווען דאָס קינד האָט מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען: פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! גיב אַ קוק אויף דעם מאַן! — האָט ער נישט ווילנדיק אַ קער געטון דעם קאָפּ: וועלכן מאַן?

— דעם מאַן! געדענקסט נישט, לעצטן יאָר...

אריה לייב האָט שוין געזען דעם מאַן, דער טערק, דער פאַראַיאָריקער טערק, מיט די ברייטע בלויע פלודערן, גרינעם ברייטן גאַרטל, רויטע בלוזע, און מיט ווייסער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ איז געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט, געטייטלט מיטן טייטל אויף דער מגושמדיקער פרוי, און זיין צעצויגענע, אין האַלז־צעקוועטשטע שטימע האָט געלאָזט וויסן: פאַן! לאַטס אויף פאַן!

אריה לייב איז געשטאַנען, געקוקט אויפן טערק, פאַרנו־מען זיין „פאַן! לאַטס אַף פאַן", און תּחילת געהערט אין דער שטימע עפּעס אַ געלעכטערל, אַן אָפּלאַכעניש. דאָס לאַכט ער פון די יאָלדן, וואָס קומען און צאָלן די צען סענטיקעס, אָבער וואָס לענגער ער האָט געקוקט אויף אים, אַלץ טעמפּער, אַלץ טויבער האָט געקלונגען די שטימע, אַ קול נישט פון קיין לע־בעדיקן מענטשן. דער טערק גופא איז נישט קיין לעבעדיקער נאָר אַ טויטער, אַ הילצערנער טערק, וואָס שטייט שוין דאָ אַזוי אַ יאָר, צוויי, אַ הונדערט יאָר, וועט שטיין אַזוי נאָך הונדערט יאָר, און פון דעם גאָרגל וועט אַלץ אַרויסקומען: פאַן! לאַטס אַף פאַן!

— פּאַ! — האָט דאָס קינד אַ צי געטון ביים אַרבל. אריה לייב האָט זיך אַ טרייסל געטון.

— איך וויל אַריינגיין, פּאַ!

— אַריינגיין וווהין? קום! — ער האָט אַ שטאַרקן צי גע־טון דאָס קינד, גענומען שפּאַנען.

— וואָס לויפסטו אַזוי? — האָט אים סאָניע אָנגעיאָגט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון אויף איר.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

— גאָרנישט! קום! — ער האָט לויז געהאַלטן דעם קינדס הענטל און געגאַנגען שוין פּאַמעלעך. דאָס קינד האָט געשוויגן. אויפן וועג אַהיים האָט ער נישט אויסגערעדט אַ וואָרט, נישט אַ קוק געטון אויפן ווייב און קינד. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דער טערק, געלאַכט אים אין פּנים אַריין: פּאַן! לאַטס אף פּאַן! דו מיינסט איך בין טויט? לייק פּאַן? דאָס ביסטו טויט, איך האָב אָפּגעשטעלט דיין צייט זייגער. אַ יאָר צייט איז דיין זייגער נישט געגאַנגען, און דו האָסט אַפילו נישט געוווּסט דערפון. איצט ווייסטו עס. האָסט אַליין געזען. איבעריקנס, גיב אַ האַנט, מיר איז אויך לאַנגווייליק ביז צום טויט. פּאַן! לאַטס אף פּאַן!

אריה לייב האָט זיך דערזען אַ לעבעדיק טויטן. אין דעם ענג-געפּאַקטן סאַבוויי האָט ער זיך דערפילט ווי אין אַ חלל פּעסל, פון וועלכן, ער, אַ נאַקעטער. אַ בלויזער, וויל זיך אַרויסרייסן און קען נישט. ער האָט אַ הויב געטון די הענט. דער שכן לעבן אים האָט זיך אַ קער געטון. אריה לייב האָט זיך אומגעקוקט אויף זיין שכן, אויף זיין ווייב און קינד, אַלע פּאַסאַזשירן, און צוריקגענומען דעם קוק מיט אַן אויסדרוק: איך ווייס נישט... עפּעס... איך ווייס נישט...

ווען ווייב און קינד זענען שוין געשלאָפן, איז אריה לייב נאָך אַלץ געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, פאַר די פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך געדרייט אויסגעהוילטע וועלטן, דורך וועלכע ער איז געקראָכן אַריין און אַרויס, און קיין זאַך אונטער די הענט, קיין זאַך אונטער די פיס, תּוהו ובוהו, און ער אַליין, אַ שיטערער, צעקריכט זיך, צעגייט זיך אין דער לופט, אין חלל.

— ליאָווע! ליאָווע!

דאָס וועקט מען אים.

— פאַרוואָס גייסטו נישט שלאָפן?

— איך גיי, גיי שוין.

סומנאמבוליסטיש הויבט ער זיך אויף, ציט פון זיך די קליידער, טרעפט צו זיך, צו זיין ווייב אין בעט, לייגט זיך אנידער. אַן ענגלענדער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ יידן אויף איין באַנק אין באַן, אַ קלאָץ האָט זיך אַוועקגעלייגט. די קלאָץ איז באַצויגן מיט אַ ווייכער הויט, וועלכע דערפילט דעם באַריר פון אַ צווייטער הויט נאָך אַ ווייכערער, אָנגערירט־אָפּ־געבריט, גיט זיך אַ צאַפּל דער קערפּער, אַ רוק, דער צווייטער קערפּער גיט זיך אויך אַ רוק נעענטער צו אים, נאָך דאָ חלל צווישן די צוויי קערפּערס, אָבער דער חלל אַזאַ הייסער, אַ הייסער ווינט אַרבעט מעשים זיי צוזאַמענצוברענגען, ער ברענגט אַ פּאָר פינגער, וועלכע בלאָנדזשען שוין אַרום אויף אריה לייבס שטערן ווינקל, בלאָנדזשען אַזוי לייכט, קוים, קוים זיי רירן אָן. די באַקאַנטע באַוועגונג פון אירע פינגער...

אריה לייב איז וואַך און בייז. אָט אַזוי הויבט זיך עס אָן. פינגער בלאָנדזשען איבערן שלייף, איבער די אויגן לעדלעך צום האַלז, ברוסט, און דאַן... ניין! נישט היינט! היינט נישט! שרייט שיר נישט אויס אריה לייב, און איבער דעם פּאַר־שטיקטן געשריי הערט ער אַ דין געלעכטערל: ווער עס שרייט! זעסטו נישט! פּילסטו נישט, אַז דו, דער שרייער, ביסט נישט מער ווי „אַן אַפּענדיקס” צו דיין גאַנצן קערפּער, וועל־כער שרייט דווקא יאָ, און נישט נאָר ער שרייט, ער טוט, ער טוט שוין! אַזוי? טאָ נאַ, נאַ!

אריה לייב האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זיך באַנומען צו אַ פרוי ווי צו אַ פּראָסטיטוטקע, און די פרוי איז געווען זיין אייגענע געליבטע ווייב.

סאָניאַ האָט געקרעכצט אַזש פון פאַרגעניגן. אַ מידע איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ צופרידענעם זאַטן שמייכל: די נאַכט האָט אָפּגעווישט דעם טאָג. אַ מידער איז אריה לייב גע־לעגן, און זיין מוח איז געווען בלאַנק. צו טאָג צו האָט ער איינגעדרימלט, צו דער באַשטימטער שעה איז ער אויפגע־שטאַנען.

ער איז געזעסן ביים טיש, געזופּט די קאַווע, רחלע איז געשטאַנען ביי דער קני, זיך גענורעט ווי אַ קעצל. — פּאַ, ווען מיר היינט פאָרן צום ים?

— ניין, נישט היינט. היינט גייט פּאַפּאַ אַרבעטן.

— אָבער מירן גיין זונטיק.

— יאָ, זונטיק וועלן מיר גיין.

— מיר וועלן האָבן לאַטס אַף צאַן!

— יאָ, — האָט אריה לייב אַרויסגעקרעכצט. — לאָז!

— וואָס איז?

— גאָרנישט, רחלע, פּאַ דאַרף גיין צו דער אַרבעט. — דאָס קינד האָט אַ צי געטון די הענטלעך אים אַרומ־צונעמען. ער האָט זי אָנגענומען אונטער די אָרעמס, זי שאַרף אָנגעקוקט, צוגעדריקט צו זיך און אַרונטערגעלאָזט. דאָס קינד האָט אים שווייגנדיק נאָכגעקוקט.

אויף מאָרגן האָט סאָניאַ געקראָגן אַ קורץ בריוול:

„...לאַנגווייליקייט ווערט צווישן מאַן און ווייב נישט צעטיילט אויף אין צווייען נאָר געטאָפּלט, לאַנגווייליקייט אין קוואַדראַט. נישט דיין שולד, מיינע. אַנטלויף נישט פון דיר נאָר פון זיך. וווהין ווייס איך נישט, קען נישט וויסן. איך וועל צושיקן פאַרן קינד און פאַר דיר, אויב איך וועל נאָר האָבן. דו וועסט אויף איר בעסער אַכטונג געבן ווי איך קען. ליאָווע.

7

אריה לייב האָט גענומען פּויזען איבערן לאַנד, צוערשט דערקראָכן אין די קעטסקיל בערג, אין אַ גאַסט הויז, ווו ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטון אויבערהויזן, זיך אויסגעלערנט טרייבן אַ טראַק, און זיך צוגעוווינט צו הערן פון אַ באַלעבאָס

אַ משרתישן דו. אַ משרת. פון דאָרט זיך דערשלעפּט קיין דעטראָיט אין אַן אויטאָמאָביל, פאַבריק. אַכט שעה אַ טאָג האָט ער אויסגעקלאַפּט לעכער אין שטאָל. אַ „טיש”, אַ דלאָט, איבערן דלאָט אַ ליווער. צו וועלכן איין האַנט איז צוגעשלאָסן מיט אַ שלאָס, אונטערגעלייגט אַ שטיק שטאָל, דער דלאט לאָזט זיך אַרונטער, און דער ליווער שלעפּט צוריק אויף אַרויף די צוגעשלאָסענע האַנט — נישט אָפּצוהאַקן די פינגער. דער פאָרמאַן שליסט צו און שליסט אָפּ די האַנט. ווען ער דערפילט, אַז דער דלאָט קלאַפּט שוין לעכער אין מארך ביי אים, זיין האַנט רייסט זיך שוין אַרויף אַפילו אין שלאָף, עס פעלט איר שוין דער „בראַסלעט”, זיין פּנים נעמט שוין אָן דעם קאָליר פון שטאָל, איז ער אַרויסגעקראָכן פון דעטראָיט, אַריינגעקראָכן אין אַן אייזן-גיסעריי אין יאַנגסטאַן. פון דאָרט האָט מען אים משלח געווען. זיין נאָמען — סבלן (סאַוולאַן) האָט אָפּגענאַרט. געמיינט ביזט אַ טשעך, אַ איטאַליענער, אַ ייד? גיי ניי הויזן, רעקלעך. — אַרבל, — האָט אריה לייב אין געדאַנק פאַרריכט דעם אויפזעער, פאַרסטריגעס ציען, און זיך אַוועקגעלאָזט אין עקראַן אהייא, ווו ער האָט „געצויגן” גומי פאַר די אויטאָמאָביל שינעס. דאָס גומי ציען האָט געצויגן די קליי פון זיינע ביינער, און דער געשמאַק האָט פאַרפאַקט די נאָז, קעל, געהירן, און די היץ מאַכט פון אים גופא אַ שטיק גומי צעלאָזט. האָט ער זיך דערצויגן קיין קליוולאַנד. דאָרט שוין געזאָלט אַריין אין אַן אויטאָמאָביל-פאַבריק. מען האָט אים צוגענומען אויף נאַכט אַרבעט. ווען ער איז צוגעפאָרן צו דער פאַבריק האַלבע נאַכט האָט ער דערזען אַ מחנה אַרבעטער מיט שוואַרצע גלאַנציקע היטעלעך אויף די קעפּ, שוואַרץ פאַרשמירטע פּנימער, פאַרפעצטע רעקלעך, צעכראַסטעטע העמדער, מיט די שוואַרץ אָפּגעקראָכענע מיטאָג קעסטלעך אונטער די אָרעמס, האָבן זיך אַ לאָז געטון צום טראַמוויי, שטופּנדיק זיך איינער איבערן צווייטן, אַרבעטנדיק מיט די עלנבויגנס מאַכנדיק זיך אַ וועג אַריין אין טראַמוויי נאָך איידער די צוגעקומענע זענען אַרויס. איז ער געבליבן שטיין אין דרויסן פון דער פאַבריק. די פיס

האָבן זיך נישט גערירט. אלה אלהיך... אָט דאָס איז אַרבעט. קלאַפּן לעכער אין שטאָל... ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. די פאַבריק האָט אויסגעשטעלט אַ פייערדיקע צונג דעם בלוי שוואַרצן הימל. האָט זיך דער הימל איבער דער פאַבריק גערויטלט פאַר חרפה, דערפאַר ווייטער פון פאַבריק געווען טונקל, שוואַרץ אַזש, דער שוואַרצער הימל איז אָנגעשפּאַרט אויף אַ וואַנט — שאָטנס פון ביימער פון אַ פּאַרק, וואָס האָט אויף צו להכעיס זיך צעלייגט ביי דער שוועל פון פאַבריק, ביים ברעג פון לייק. דער טויער פון פאַבריק איז שוין געווען געשלאָסן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פּאַרק. ליגנדיק אויפן קילן גראָז, האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ, אַז אָט די „באַגעגעניש" מיט די אַרבעטער ביינאַכט איז נישט קיין צופעליקע, דער פּאַרק דערביי איז קיין צופאַל נישט. די אַרבעטער וואַשן זיך אַרום אין דערהיים, אַרומגעוואַשענע, זאַטע, קוקן זיי אַריין אין אַ בוך, אַ צייטונג, צערטלען פרויען און קינדער, יאָ, יאָ, נאָר ער וועט שוין אין קליוולאַנד, אין דער אויטאָמאָביל־פאַבריק נישט אַרבעטן. ער האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. געגאַנגען צופוס, זעלטן ווען זיך אַרויפגעכאַפּט צו עמעצן אויף אַן אויטאָמאָביל. וווּהין האָט ער צו איילן? אָנקומען ערגעץ אויף נאַכט־לעגער איז גוט, נישט, מאַכט אויך נישט אויס. אָן אַ זייט פון וועג, אונטער אַ בוים, דאָס זעקל אונטערן קאָפּ, דאָס רעקל איבערן פּנים איז ער געשמאַק געשלאָפן די נעכט.

אויך פון די שיקאַגאָ „סטאָק יארדס", ווו ער האָט געזאָלט פרעגן אויף אַרבעט, האָט ער זיך צוריקגעקערט, און אַפילו די איינלאַדונג צו באַקוקן דעם וויפלטן וווּנדער פון אַמעריקע האָט ער נישט אָנגענומען. מוחל, ער וויל נאָך אַמאָל פאַרזוכן אַ שטיקל פלייש. אַ שאָד, וואָס אַזוי ווייט געגאַנגען. טאַקע צו וואָס געגאַנגען אַהין? נו, אפשר אין אַן „אַרבל־פאַבריק", ציגאַרן? די בעסטע אַרבעט — אין יאנגסטאַן, ביים פליסיקן אייזן, ווו די אויערן זענען טויב צו דער וועלט, ווו עס איז גאָר קיין וועלט נישטאָ, בלויז פליסיק אייזן אויף

וועלכן מען דאַרף אַכטונג געבן מיטן אויג, מיטן מאַרך, בכל לבבך ובכל נפשך. אפשר פאַרקערעווען קיין געוויין ? כּדי מען זאָל אים משלח זיין פון דאָרט פאַר זיין יידישער סבלנות ? צוריק גייט ער נישט. איז ווייטער.

וויניעטקא. אַזוי האָט זיך געלייענט די שילד ביים אַריינגאַנג, און דער נאָמען פון דערפל איז אים געפעלן געוואָרן. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין דער „קרעטשמע ביים וועג", און ווען דער באַלעבאָס, באַטראַכטנדיק אריה לייבס „סאקאוויאזש" אויף די פּלייצעס, האָט אַ פרעג געטון: זוכסט אַרבעט ? האָט אריה לייב געענטפערט: מען קען זיך שטעלן אַרבעטן, און דער מסחר איז געשלאָסן געוואָרן. — הייסט עס, ווידער אַ משרת, — האָט אריה לייב צו זיך אַ שמייכל געטון, ליגנדיק אויף זיין נייעם געלעגער אין דעם צימער פאַר די באַדינער, און אַנטשלאָפן געוואָרן אין אַ געשמאַקן שלאָף.

געסט זענען געקומען, געסט זענען אָפּגעפאָרן, אריה לייב האָט זיי באַגעגנט און באַגלייט, האָט זיי פאַרלאַנגט עסן, ווען עס איז געווען זיין רײַ ביי די טישן, זיי געפירט אין שטאָט אַריין, און האָט דאָך צו פרינץ דעם לאַנגן ביינערדיקן הונט מיט דער שפּיציקער קלוגער מאָרדע גערעדט מער ווי צו די געסט, כאָטש זיי זענען געווען גאַנץ באַרעדעוודיק און געוואָלט אַפילו געשפּרעכן פאַרפירן מיט אים. נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו זען, ווי אַן איינלאַדונגס שמייכל פון אַ ברעגן אַ ווייבל בלייבט הענגען איבערן צעצויגענעם מויל, ווען ער טוט אַ קוק אויף איר. ער האָט געוווסט, ער האָט זיך געקויפט אַ דריבנעם שונא, זי וועט זיך שוין שאַפן מיט אים אַפילו ווען זי וועט נישט דאַרפן, וועט אים דערגיין די יאָרן, אָבער אים האָט עס נישט געקימערט. ער האָט שוין געהערט איינע אַזאַ ווייבל האָט אפשר צען מאָל געפרעגט דעם באַלעבאָס: ווו איז ער, דער מאַן ? אָט דער מאַן ! דער שטומער ! ער איז נישט שטום ? איז ער דום ! לואי הייסט ער ? איך דענק, ער שטאַמט פון לואי דעם זעכצנטן.

געוויס דאַרף איך אים, איך זוך אים שוין אפשר אַ שעה צייט, און ער איז ווי אין וואַסער אַריין.

— וואָס אַזוינס, מאַדאַם? — האָט ער אויפגעטויכט פון דער „וואַסער", אין וועלכער ער איז אַריין.

— איך... איך... איך וויל איר זאָלט אַ קוק טון וואָס איז דאָרט פאַר אַ צרה מיט מיין פענסטער, איך דענק, ער איז נישט געגנוג שטילנע צוגעמאַכט, און פליגן קומען אַריין.

— גוט, כ'וועל פאַרריכטן. נאָך היינט פאַרריכטן. — ער האָט זי געלאָזט שטיין מיטן באַלעבאָס. דער באַלעבאָס איז נאָכגעקומען. — זיי האָבן מורא פאַר דיר, די ווייבער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מיאוס שמייכעלע.

— נו?

— כ'מיין, צו געסט מעג מען זיין אַביסל פריינטלעכער.

— וואָס האָב איך איצט צו טון? — און אריה לייב איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט. ערשט נאָך דער אַרבעט, אין אָוונט שוין, זיצנדיק ביים ברעג לייק, פרינץ לעבן אים, האָט אריה לייב אָנגענומען פרינצס מאָרדע צווישן זיינע הענט און זיך געהאַלטן אַן עצה מיט אים: איז וואָס זאָגסטו, פרינץ, מ'דאַרף זיין פריינטלעכער צו געסט? פרינץ האָט געדרייט מיט דער מאָרדע אין אריה לייבס הענט, געקלאַפּט מיטן עק. — ניין, זאָגסטו? ביסט אַ קלוגער הונט, אַ קלוגער הונט פרינץ. און וואָס דענקסטו עפּעס וועגן איר, דער נייער, אָט די וועלכע איז היינט געקומען מיטן דיקן פּעמפּיקל, וואָס האָט אויף זיך געהאַט אַ קעפּעלע מיט צוויי פּאַמפּושקע-בעקעלעך, און אַ קליין קינעלע, אַ ניסל קעפּל? — ער האָט געצויגן פרינצס באַקן, ווייזן אים ווי דעם פּעמפּיקלס קעפּל האָט אויסגעזען. פרינץ האָט אַרויסגעריסן די מאָרדע, אַ מאַך טוענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ. — זי געפעלט דיר, האַ? ביסט נישט קיין נאַר. מיר... מ'נא, גיין שלאָפן.

8

אריה לייב איז געליגן נאזנדיק, געפֿילט, ווי דער פרימאָרגן־נעבל, וואָס איז פֿאַרצויגן איבערן וואַסער, שפּרייט זיך איבער זיין געזיכט, די זון, ווידער, קערט שוין מיט איר שטראַלן־בעזים דאָס וואַסער, און קערנדיק, גיבן די ריטלעך אים אַ שטאָך אין שטערן, אין די אויגן. שמייכלט ער מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן. — איך זע דיך, איך זע דיך, — זאָגט ער צו דער זון, מיט וועלכער ער שפּילט אין באַהעלטעניש, זיין גאַנ־צע באַהעלטעניש — די אויגן פֿאַרמאַכט, דערפֿאַר אָבער ווען ער האָט דערהערט לעבן זיך אַ פּליעשטש, האָט ער נישט נאָר געעפֿנט די אויגן, ער האָט זיך געטון אַ קער איבער, אָט ווי ער וואָלט דערשפּירט אַ האַי פֿיש לעבן זיך, און געבליבן „שטיין" פֿאַרחידושט צו זען נאָך אַ מענטשן אין וואַסער אַזוי פֿרי. דער מענטש? אָנגעטון אין באָד אַנצוג, אַ היטעלע, האָט ער זי קוים דערקענט. ס'אַרא ווייס לייב די קליידער האָבן פֿאַרדעקט! און זי איז דאָך נישט קיין רויטע. ער האָט דער־פֿילט, ער באָדט זיך אַ נאַקעטער אָן אַ באָד אַנצוג.

— גוט מאָרגן!

די זון האָט דעם גאַנצן נעפּל אויפֿגעגעסן, אַזאַ ליכטיקער פֿריידיקער גוט מאָרגן.

— דאָס וואַסער איז פֿיין! — זי וויגט זיך אין וואַסער אין אַ שטייענדיקער פּאָזיציע, די הענט — פֿליגל צוויי פּאַטשן.

— יאָ, עס איז פֿיין. — ער אַרבעט שווער מיט די פֿיס זיך האַלטן אויפֿן וואַסער, און דער קאָפּ אַרבעט אויך שווער: וואָס ווייטער? זי ליגט שוין אויף אַ זייט, דעם קאָפּ אָנגעלעגט אויף איין אָרעם, אָט ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַנדרימלט ווערן

דאָ אויפן וואַסער. אָבער דאָס איינע אויג איז אירס, וואָס ער זעט, אַ מאַנדל ברוין אויג, איז גאַנץ וואַך, עס שמייכלט שיר השירימדיק — משכני אחריך נרוצה. ער ציט אויס אַן אָרעם לייגן קלאַפּטער. זי דרייט זיך איבער, לייגט אויף קלאַפּטער, ער שווימט מיטן קאָפּ איבערן וואַסער, אַ שטיק פּלייצע זעט זיך ארויס. אַ טרוקענער קלאַפּטער מיט אַ הילך ביים אַראָפּ-לאָזן, זי שווימט דעם קאָפּ איינגעגעטונקט אין וואַסער, די אָרעמס פּלעכטן זיך איבערן קאָפּ, אָבער זי שטייט נישט אָפּ פון אים. ער פילט, ער שווימט צו ווייט, אָבער וויל זיך נישט אָפּשטעלן דער ערשטער. זי האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון וואַסער, זיך „אויפגעשטעלט", אָפּגעווישט דאָס פּנים. און כאַפּנדיק אָטעם אַ זאָג געטון: פיין!

— פאַרוואָס האַלט זי דאָס פּנים אין וואַסער?

— ער שווימט אויפן רוסישן שטייגער, אַרבעט שווער, וויל זיך אַרויסרייסן פון וואַסער, און זי שווימט אַמעריקאַניש, איינגעטונקט דעם קאָפּ און געמאַכט זיך אַ וועג לייכטער.

— יאָ, די אַמעריקאַנער, איבערהויפּט די פרויען, האָט ער באַמערקט, קענען זייער גוט שווימען אויפן וואַסער, אָט אַזוי ווי זי ליגט איצט. דאָס קאָן ער נישט. אויפן רוקן יאָ, אָבער נישט אויף דער זייט. דערפאַר אָבער קלאַפּטער געפעלט אים בעסער דער רוסישער. אָט אַזוי, — ער האָט גענומען לייגן קלאַפּטער צום ברעג צו.

— עס איז שיין! — האָט ער נאָך געהערט איר שטימע, אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אומגעקוקט און גענומען שווימען זייער שנעל צום ברעג, זיך אַרויסכאַפּן, אַרויפציען אויף זיך העמד און הויזן איידער זי גייט אַרויס. ווען ער איז אַן אָנגעטוענער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, האָט ער זי דער-זען שטיין אויפן ברעג. די ברוסט פאַרויסגעשטעלט, די אויפ-געהויבענע אָרעמס האָבן אונטערגעהאַלטן געדיכטע, לאַנגע קאַש-טאַניען האָר מיט אַ קופּערנעם אָפּשיין, און פון אונטער די פּאַכוועס האָבן אַ ווונק געטון געלע, געקרייזלטע, דינע האָר.

דריי פרויען האָבן אַ שווינדל געטון פאַר זיין צעמישטן בליק. די פרוי אויפן ברעג דאָ איז ענלעך צו דער שווימערין, גע־ראָטן אין דער פרוי אינם ענגלישן קאָסטיום, וועלכע איז נעכטן אָנגעקומען, און דאָך אַן אַנדערע.

— ס׳אַראַ ליבער פרימאָרגן! באָדט איר זיך יעדן אינ־דערפרי?

— כמעט, און זייער פרי, ווען קיינער איז נישטאָ. — ער האָט פאַרענטפערט זיין נאַקעטקייט:

— איך האָף, אַז איך האָב נישט געשטערט. — די ליפּן שמייכלען, און די מאַנדל ברוינע אויגן באַגיטיקן דעם שמייכל: בחור, דו געפעלסט מיר אין דיין שטאַלט און אין דיין שע־מעוודיקייט.

—נ—יי—ן, — האָט ער פאַרשעמט געענטפערט, און קאָמפּלימענטאַריש דרייסט צוגעגעבן: — זי איז אַ גוטע שווימערין, זי דאַרף זיין פאָרזיכטיק, גוטע שווימער ווערן דער־טרונקען.

— ער וועט נישט דערלאָזן, זי זאָל דערטרונקען ווערן. ווי?

— ניין, זי האָט פיינע לאַנגע האָר.

די לאַנגע האָר האָבן זיך אַ וויג געטון צוריק צום נאַקן צו, פנים צו דער זון, קין פאַררייסן אַרויף, די בריסט פאָרויס, האָט זי ווידער אָנגענומען אַן אַנדער אויסזען. ס׳אַראַ פיגור! וויפל געשטאַלטן די פרוי האָט עס!

— נו, איך דאַרף גיין. ער האָט זיך אָפּגעריסן, מורא געהאַט זיך אומקוקן, טאָמער טרעפט ער איר קוק און געוואָלט זען צי זי קוקט נאָך, דאָך גובר געווען זיך און שנעל געגאַנ־גען צו דער אַרבעט.

דעם פרימאָרגן האָט ער דערלאַנגט צום טיש. ווען ער האָט אַנידערגעשטעלט דאָס שיסעלע קאַשע פאַר איר, האָט זי זייטיק אויפגעהויבן די אויגן צו אים. ער האָט, אַרונטערקוקנדיק אויפן טיש, באַלכסון אויפגעכאַפּט איר קוק, און ביידע האָבן דערפילט, זיי האָבן אַ געמיינשאַפטלעכן סוד.

זי האָט געגעסן איר אָנבייסן, קאָנווענציאָנעל געשמייכלט צו נייע באַקאַנטע, געהערט באַמערקונגען: דער וואָלף דער-לאַנגט שוין! האָט זי אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן??? — זיין נאָמען איז לואי, לייב, — האָט אַ ווייבל דערקלערט, — אָבער ער איז אַ וואָלף, רעדט קיינמאָל נישט אויס אַ וואָרט ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויפן וואָלף, און געשמייכלט: נישט קיין וואָלף און נישט קיין לייב, אַ לעמע-לע... האָט אַ פיין געשניצטע נאָז און אַ שיינעם שטערן. אַ סטודענט? עפּעס צו אַלט! מוז עפּעס זיין... מירן זען...

— אַנטשולדיקט,—האָט אריה לייב אַ זאָג געטון, ווען די פּולע טאַס קאַווע האָט זיך איבערגעגאָסן ביים אַוועקשטעלן.

— זיכער,—האָבן די פּולבלוטיקע ליפּן אַרויסגערעדט, און די מאַנדל ברוינע אויגן האָבן געשמייכלט.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג. ער האָט זי נישט געזען, און געווען זיכער, אַז זי איז דאָ אַרום, קוקט אויף אים, שמייכלט. פאַרדאַמט! וועטשערע וועט ער נישט סערווירן. אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, איז ער אַרויס זיך באָדן, אָנגעטון אין באָד-אַנצוג...

זי איז געקומען ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין. מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן האָט ער דערזען, אַז זי האָט „באַמערקט” זיין באָד-אַנצוג, געשמייכלט...

— ווי איז דאָס וואַסער?

— קיל, אָבער פיין!

— זיך געפּעדערט היינט!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — עמעצער האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

אַ בעל חוב האָט געמאָנט מיט אַזאַ ערנסט, אָבער דער לווה נעמט זיך נישט צום האַרצן, ער שמייכלט גאָר און פרעגט: באָדט איר זיך אַמאָל אין אָוונט?

— אַמאָל.

— איך האָב ליב זיך באָדן אין אָוונט, ביי לבנה-שיין. דעם אָוונט איז פרינץ געלעגן ביי אריה לייבס פיס,

הנאה געהאַט פֿון אריה לייבס פֿינגער אויף זיין האַלז, שטערן, און ווען פּרינץ האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, פֿאַרשפּיצט די אויערן, האָט אריה לייב, נאָך אַן אַנגעשטרענגטן זיך איינהערן, ווידער אַריינגעכאַפּט פּרינצס מאָרדע. — נאַרישער פּרינץ, קיינער באָדט זיך נישט. און אים האָט הנאה געטון, וואָס ער איז נישט אין וואַסער. אָבער ווי לאַדט מען עס איין געסט און אַליין גייט מען אַוועק פֿון שטובֿ?

אַן אָנגעלאָדענער, טינט בלויער הימל איז געהאָנגען נידעריק איבער טייך און טאָל, געוואָרנט אָט פֿאַלט ער אַרונטער, די הינער, אין זייער בלינדקייט, האָבן דערשפּירט די וואָרנונג, געגומען פּאָכן מיט די געליימטע פֿליגל, זיך אויפֿגעהויבן און זיך צוריקגעזעצט, פֿייגעלעך האָבן אויף גיך אָפּגעהאַלטן אַן אסיפֿה, ווי בלעטער זיך אַ שאָט געטון פֿון בוים, אַ פֿלי צו אַ דאַך, זיך מיישב געווען, אַרויסגעשיקט אַ שליח, ווידער אַ ישוב, זיך צעפֿלויגן, און שאַ שטיל — וואַרטעניש.

די געסט אין דער קרעטשמע ביים וועג האָבן זיך קיין אָרט נישט געפֿונען. אינדרויסן האָבן די פֿליגן אכזריותדיק געביסן. האָט זיך אָנגעזעצט אַ פֿליג אויפֿן פּייכטן לייב, האָט מען זי נישט געקענט אָפּטרייבן. אין הויז שטיקט. דורכזיכטיקע וועש אונטער אַ דינעם כאַלאַט וועגן פֿונטן גאַנצע, כאָטש טו זיך אויס נאַקעט, און אויך דאַן וועט דער אָטעם וועגן צופֿיל. שווער צו אָטעמען. זיך אַוועקלייגן, נאַקעט אין בעט. אָבער ווי לייגט מען זיך אַליין, אַז אָט-אָט, און דער שטורעם ברעכט אויס, כאָטש זיין מיט מענטשן, און פֿון יעדן מענטשן שלאָגט אַ היץ, יעדנס לייב אַזוי מאַסיוו, אַזוי איבעריק. וואָלט שוין אַ גאָס געטון.

— מיר שווימען צוריק. — ער האָט זיך אויסגעדרייט, איר פֿאַרשטעלט דעם וועג.

— מיד?

— ניין, אָבער דער שטורעם רוקט זיך אָן.

— מורא?

ער האָט אָנגעכאַפּט איר אָרעם, אַ דרוק געטון. איר אָרעם האָט געענטפערט, און שווייגנדיק איז מען אַרויס אויפן ברעג. איר באָד-מאַנטל האָט פאַרדעקט ביידנס פיס.

אַ שטילער בליץ האָט אַ שניט געטון דעם הימל אין דער טיף און אין דער לענג, דערלאַנגט מיטן שפּיץ אין וואַסער, און פאַרשוווּנדן. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון צו זיין קערפּער, איינגענורעט דעם קאָפּ, וואַרטנדיק אויפן דונער, וועלכער האָט מיט זיין נישט קומען פאַרטיפט די שטילקייט, שטייפער אָנגעצויגן די געשפּאַנטקייט.

— מוֹרא ?

— גלייך אין די אויגן אַ שניט געטון. דורכן פּלייצע דורכגעלאָפן. — זי האָט אַ ציטער געטון.

— בעסער אַריינגיין.

איר קערפּער איז נאָכלאָזיק געהאָנגען אויף זיין אָרעם — פיר מיך, טראָג מיך. אַזוי ביזן צימער. די הייסע לופט, די אָנגעברענטע ווענט פון צימער האָבן אַ קלאַפּ געטון אין פּנים. זי איז אַ פאַל געטון אויפן בעטל.

— זיך איבערטון, אויסטרוקענען זיך.

זי איז געלעגן נאָזנדיק, איין פוס אויפן בעט, דעם צווייטן נאָכלאָזיק אַרונטערגעלאָזט, די ליפּן, טרוקן, האָבן זיך אַ פּאָר מאָל געפּרוווט באַנעצן, איין אָרעם האָט זיך שוואַך אויפגעהויבן און געמאַכט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געקאָנט הייסן: לופט! עפן! עפן טירן, עפן פענסטער, עפן !...

ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער טיר, אויף דעם אַרויפגערוקטן אָפענעם פענסטער. אין דעם בהרף עין האָט אַ בלענד געטון אַזאַ ליכטיקייט, אַז ס'איז געוואָרן פינסטער אין די אויגן, אַ דונער האָט אַ קראַך געטון דאָ גלייך, איבערן קאָפּ, אַ רגע, און אַ מחנה וואַסער-טריט האָבן געטופּעט אויפן דאַך.

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן...

שווייגנדיק האָט מען אויף מאָרגן זיך געבאָדן, שווימענ-

דיק שטייענדיק האָט מען זיך אַרומגענומען, זיך אָנגעקוקט, גע־שמייכלט פון דער וואַסער־מחיצה, און זיך צעגאַנגען. אין אָוונט האָט מען הינטער אַ בוים, מיט קערפּער־באַריר און איינצלנע ווערטער, זיך דורכגערעדט, און ווען איר וואַקאַציע האָט זיך געענדיקט, האָט זיך געענדיקט זיין אַרבעט. ער איז געפאָרן אויף צוריק מיט איר קיין שיקאַגאָ.

9

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— די איינציקע זאַך, וואָס אַ מענטש קען טון איז טראַכטן.

— אַ מענטש קען טון. טראַכטן און טון.

— טראַכטן און טון זענען צוויי עקן פון איין שטעקן. די צוויי עקן באַגעגענען זיך נישט.

— בויגט מען אויס דעם שטעקן.

— ווי אַזוי טוט מען עס אַ שטייגער?

— מיט אַ ווילן, אַ שטאַרקן ווילן.

— ווילן צו וואָס?

— אַ מאָדנע פראַגע.

— נישט אַזאַ מאָדנע, אויב זי ווערט אַ טראַכט טון.

— ווערטער, רייד. לעבן וויל ער, יאָ? און ער וויל הנאה האָבן פון לעבן. יעדער וויל עס. און כדי מ׳זאָל קענען הנאה האָבן פון לעבן, מוז מען קודם האָבן געלט.

— ???

— קענען לעבן! עסן גוט, טרינקען, גיין שיין אָנגעטון, גיין צו בעלער, קאָנצערטן, טעאַטער, פאָרן, זען אַ וועלט, דאָס אַלץ מיינט געלט. און דער איינציקער וועג ווי צו מאַכן געלט איז, ווי זי האָט אים שוין געזאָגט, — ריעל עסטייט.

לעבן, הנאה, געלט, ריעל עסטייט. אַזאַ איינפאַכע לעבנס

חכמה. וואָס זאָגסטו עפּעס, דאַנציגער פילאָזאָף, אויף דיין שי־קאַגאָר קאָנקורענט? טרייסלט דיך אויס פון אַרבל? פון איר ברייטן אַרבל, וואָס פאַרבאָרגט און אַנטפּלעקט אַזאַ שלאַנקן, ווייסן אָרעם...

— איך דענק זיך שטעלן אַרבעטן אין די שלאַכט־הייזער.

— שלאַכט־הייזער!

אריה לייב האָט דערשפּירט אַ געשטאַנק, דערזען, אַז אויך בת שבעס נאָז האָט אים דערשפּירט, אָבער צו איר האָט זיך דער ריח דערטראָגן נישט פון די שלאַכט־הייזער, נאָר פון אים, פון אריה לייבן. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר. קו־מען פון די שלאַכט־הייזער און אַרומנעמען זי. דער גערוך פון איר קערפּער און די שלאַכט־הייזער. אַנדערע האָבן אויך ווייבער, קינדער... יאָ, נישט מיט איר, מיט איר שטימט עס נישט.

— איז נישט אין די שלאַכט־הייזער, אַנדערע הייזער.

— דו וועסט פאַרקויפן הייזער!

— איך? אַ פינפערל פאַר פיר דאָלאַר וועל איך נישט קענען פאַרקויפן.

— דאָס לאָז צו מיר. איך וועל איבעררעדן מיט מיסטער יאָדער.

— יאָדער? וואָס איז דאָס פאַר אַ נוס?

— נישט קיין נוס! דאָס איז מיין באַלעבאָס!

וואָס איז זי אַזוי ברוגז אויפן חוזק טאָן? איר באַלעבאָס. דער ענגלישער „באָס" איז פרעמד, האַרט, דער יידישער „באַ־לעבאָס" האַמעטנע, גראָב, דערפאַר דער העברעאישער, „בעל־בעל, בועל... ווער איז זי? און וואָס וויל זי פון אים?

— ער איז אַ רייכער ריעל עסטייט מאַן, זי אַרבעט שוין ביי אים פינף יאָר, ווייסט זיינע געשעפטן בעסער ווי ער, און אַז זי וועט אים בעטן עפּעס טון פאַר איר, אים געבן אַ שאַנס, וועט ער עס טון, און „ביי גאָלי" פונם ערשטן מסחר, וואָס ער וועט דורכפירן, פאָרן מיר קיין פלאָרידאַ. וואָס זאָגט ער?

אריה לייב האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אים מיטגע-נומען מיט אַ מיסטער ווײַנטרויב אָנקוקן אַ געביידע, זי האָט אונטערהאַלטן דעם מיסטער ווײַנטרויב, נאָכדעם האָט זי אין קאָנטאָר אים באַוואָרפן מיט ציפערן, אַזוי איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, און אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זי אים דער-לאַנגט מר. יאדערס אַ טשעק, דאָס איז זיין פּאַרדינסט פאַר פאַר-קויפן.

— ער, פּאַרקויפט?

— אוודאי ער! ווער דען?

די מאַמע האָט געפירט די קלייט, און שמואל אברהם איציס האָט געפירט... די געשעפטן, ערגער נאָך, זי האָט אים, אַ קליין ייִנגעלע, אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש און שמייכלט צו אים:

— הו! זע נאַר, ס׳אַראַ גרויסער דו ביסט!

— איך האָב דיך בלויז איינגעבראַכן אין דער אַרבעט, איצט קענסטו שוין. איצט ווייסטו שוין, אַז מ׳דאַרף נישט זיין קיין וועלט-חכם צו פּאַרקויפן. אַלץ וואָס דו דאַרפסט קענען, איז רעדן איין זאַך צען מאָל, רעדן אין אַ צירקל, עס זאָל זיך אָבער אייבעסן יענעם אין מאַרך. רעדן צו אים דאַן, ווען ער איז אויפגעלייגט צו הערן. דאָס דאַרפסטו שוין אויסגעפינען. האָט ער ליב אַ שנאַפּס, איז אַ שנעפּסל פריער, האָט ער ליב גוט אָפּצועסן, איז נאָכן עסן. דאָס קען זיין אַ כלל אַפילו — קיינ-מאָל פאַרן עסן, און דער אַגענט צאָלט, פונדעוועט. ווייל, פאַר-שטייסטו מיך, דו ביסט דער גביר, שטייסט נישט אין זיינע געשעפטן, האָסט געגוג געלט, ביסט רייך. איז די ערשטע זאַך אַן אויטאָמאָביל, שרעק זיך נישט, נישט קיין נייעם, און באַהיט גאָט פון אַ נייעם פאָרד. אַ נייער פאָרד מיינט, דו האָסט זיך קוים דערשלאָגן דערצו, ביסט אַ גאָרנישט. אַן אַלטן ביואיק, ווען מ׳קריגט אַן אַלטן ראָלס ראָיס פאַר פיר הונדערט דאָלאַר אויף אויסצאָלן, וואָלט גאָר געווען גוט. פאַרשטייסט? האָסט שוין אַן אויטאָמאָביל פון לאַנג, וואָלסט אים שוין לאַנג אויס-געביטן אויף אַ נייעם, אָבער דו ווילסט זיך נישט שיידן מיט

אים. אמתע גבירים שיידן זיך נישט אַזוי גיך מיט זייער אוי־טאָמאָביל אַפילו. פּאַרוועניוס בייטן אַלע יאָר.

ער האָט געקוקט אויף איר כּלומרשט ערנסט פּנים ביים אויסלייגן דעם מעקלער־קאַטעכיזם, אין די מאַנדל־ברוינע אויגן, וועלכע האָבן אַזוי שטיפעריש געשמייכלט. אַ נאַריש מיידל, האָט זיך פאַרנומען אים מאַכן פאַר אַ ריעל עסטעטניק. אָבער דאָס נאַרישע מיידל פאַרשטייט מענטשן. פון די ליפּן קייקלט זיך ריעל עסטעט חכמה, אָבער אין אמתן שפּילן זיי זיך, ווילן אַ קוש, ער וואָלט עס גערן געטון. אָבער ווי קושט מען דאָס אַ לערערין אין קלאַס?

איר לעקציע האָט ער געהערט מיט די אויגן, אין די אויערן איז עס נישט אַריין. דער תּלמיד האָט קיין פּעולה נישט געהאַט. גייענדיק איבערן געשעפטס צענטער פון שטאָט, דעם „לופּ״, האָט ער געקוקט אויף די הויכע, פאַרחושכטע גע־ביידעס, געטראַכט: דאָס אַלץ איז נכסים דלא מכסי, אומבאַ־וועגלעך אייגנטום, און זיין אַרבעט איז צו באַוועגן דאָס, אי־בערשרייבן פון ווייטערשרייבן צו יאדערן, פון יאָדערן צו ווייג־טרויבן. ביים איבערשרייבן זאָל אים אַראָפּפאַלן אַ ביינדל, און דאָס פלייש בלייבט ערגעץ אין אַ באַנק. ערגעץ ווו אין אַ בוך ווערט אָפּגעקראַצט פון איינעמס קאָנטאָ אַ פּאָר נולן און צוגע־שטעלט צו אַ צווייטנס. דאָס הייסט פאַרקויפן. ער דאַרף צו־נויפּברענגען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און זיך רייבן אַרום די ווענט. אים איז ענג צווישן די ווענט, גייט ער צום וואַסער, אַ קאַל־טער פרישער ווינט בלאָזט פון לייק, אָבער דער לייק איז אויך צום פאַרקויפן. דער גאַנצער ברעג אַ פאַרקויפטער, די פאַרקויף־פירמע אַנאָנסירט: מיר פאַרקויפן די וועלט! געדאַרפט אַנאָנסירן: מיר פאַרקויפן דעם אוניווערזום. באַלד וועט מען פאַרקויפן דעם הימל. ער, אריה לייב, וועט זיין דער מעקלער צווישן דעם רבונו של עולם און מר. קאָראַך (קרח), אַך טי, גאַטעניו!

10

אריה לייב האָט באַדאַרפט אַרויסנעמען מר. קאַראַך, אים ווייזן נישט קיין שטיקל הימל, נאָר אַ שטיקל ערד, דריי שעה רייזע פון שיקאַגאָ. דאָס שטיקל ערד איז אויך געווען אין יאַדערס רשות. מר. יאדער האָט עס געדאַרפט אַרויפאַרבעטן, מאַכן דערפון אַ „יידישן רעזאָרט פּלאַץ מיט אַן אַמעריקאַנער אַטמאָספערע". און מר. קאַראַך איז אַ פּראָספּעקטיווער געלט-אַריינלייגער, וועלכן מ'דאַרף פּאַראינטערעסירן באַצייטנס, איצט אין שפּעטן האַרבסט, כדי אין פרילינג זאָל מען שוין קענען עפּעס טון. פון טאָג צו טאָג האָט אריה לייב אָפּגעלייגט די נסיעה מיט תירוצים — רעגן, שניי, דאַרף באַזאָרגן געשעפט אין שטאָט, אָבער מר. קאַראַך האָט שוין אָפּגערופן: וואָס איז מכּח האָניוויל? איז שוין קיין אַנדער ברירה נישט געבליבן, כאַפּן דעם ערשטן שיינעם טאָג און פאָרן.

— רויכערט? — האָט מר. קאַראַך פאָרגעשלאָגן אַ ציגאַר, ווי מ'איז נאָר אַרויסגעפאָרן פון שטאָט.

— אַ דאַנק, איך רויכער בלויז ציגאַרעטן. — אריה לייב האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט. מר. קאַראַך האָט זיך נישט באַליידיקט. אַ שטופּ טוענדיק דעם אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך אויף אַרויף, האָט ער זיך גוט אייגעמאָסטעט און ברייטלעך גערעדט. אויך אַמאָל גערויכערט ציגאַרעטן. פריער אַליין געוויקלט, נאָכ-דעם געקויפט גרייטע, ווי האָבן זיי געהייסן? העססען, יאָ, העססען. איך זאָג דיר, יונגערמאַן, זיי טויגן נישט. קודם דאָס פּאַפּיר. דאָס פּאַפּיר עסט אויף דאָס האַרץ, און ווידער, פון אַ ציגאַרעט קריגט מען גאַרנישט אַרויס. אַ ציגאַרעט איז, ווי דו זעסט אַמאָל, אַ קליין „הינדעלע", שפּרינגט אַרום איבערן גאַס,

מיט דינע פּיסעלעך, דינע קנעפּעלעך, פּי — פּו — האָט ער זשעסטיקולירט — אָבער ס'איז גאָרנישט, נישטאָ וואָס אָנצו־נעמען, קיין ברוסט, גאָרנישט. דערפאַר אַ ציגאַר, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס איז ווי אַ גוטע דיקע פרוי, מיט אַ בוזים, היפּטן. איך מיין נישט צו דיק. — ער האָט געמאַכט אַ רייף פון זיינע אָרעמס. — דאָס האָב איך נישט ליב, אָבער אַ פרוי ס'זאָל זיין וואָס אָנצונעמען. ביסטו פאַרהייראַט?

— ניין?

— אַזוי ווויל איז צו דיר. כאָטש צוריקרעדנדיק...

צוויי שעה צייט האָט דער מאָטאָר געאַרבעט אָן אויפהער, און צוויי שעה האָט אויך מר. קאָראַכס צונג גע־אַרבעט. אַ פליג האָט זיך געדרייט אַרום אריה לייבס אויער, קריכט אַריין אינעווייניק אים איינרוימען סודות פון מינוטיקע ליבעס. ער טרייסלט דעם קאָפּ, וויל די פליג פאַרטרייבן, אָבער נישט אָפּצוטרייבן זי, סיידן אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל, זי אַרויסוואַרפן. אַ נס, וואָס די פליג — קאָראַך האָט אַ מאָגן, וועל־כער אַרבעט אויפן זייגער, — עס מוז שוין זיין באַלד צוועלף. — ער גיט זיך אַ הויב מיטן גאַנצן מאַסיוון קערפּער, ציט אַרויס אַ מאַסיוון זייגער, געטראָפן: צען מינוט צו צוועלף, מיין מאָגן נאַרט קיינמאָל נישט אָפּ. ווו זענען מיר? — ער האָט גענומען אַרויסקוקן פון פענסטער. — טרייב נישט אַזוי שנעל! איך ווייס שוין. דאָ באַלד דאַרף זיין אַ קרעטשמע, אַ גוט פלעצל אָפּצועסן, דאָ קריגט מען אַ גוט־אָפּגעבראָטענע הון, און אַ סטייק—אַ מאכל. אָטאָ איז עס. שטעל זיך אָפּ! שטעל זיך אָפּ!

דער קרעטשמער האָט אויפגענומען מר. קאָראַכן ווי אַ חשובן גאַסט, און מר. קאָראַך האָט זיך געפילט ווי אין דער היים. — נו, וואָס האָסטו פון מיינעטוועגן?

— אָה, מיר האָבן... מיר האָבן... וואָלט איר געוואָלט... אָדער... פאַר צווייען?

— פאַר צווייען, אוודאי פאַר צווייען, — האָט מר. קאָראַך באַשטעלט, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף אריה לייבן, —

און, העי, וואַרט אַ ווײַלע, אַ גוט ביסל בראָנפן פאַרן עסן, פאַרשטייסט, דאַן אַביסל ווײַן. און מאַך עס שנעל, ווײַל מיר זענען זייער פאַרנומען. — מר. קאָראַך האָט געריבן איין האַנט אין דער צווייטער, אויסבויגנדיק דעם רוקן. — ווייסטו? ס'איז גאַנץ קאַלט. כאַפן אַ ביס וועט ווערן אַביסל וואַרעמער. זאָל ער נאָר דערלאַנגען צום טיש. אַ פײַנער גויעץ, און זײַנע סטײקס! — אַ דריי־צאָליקע עפענונג צווישן דעם אָנווייזנדיקן און גראָבן פינגער האָבן געוויזן די גרעב פון סטײק. — און ווייך ווי פוטער, נישט ווי די יידישע סטײקס. שוין געגעסן דאָ אַמאָל? קיינמאָל נישט! ווייסטו נישט, וואָס אַ סטײק איז.

דערזעענדיק דעם סטײק, באַאַרבעטנדיק אים, האָט ער, שטאָלץ מיט „זײַן קרעטשמער", געפרעגט: נו, ווי געפעלט עס דיר, האַ? — דער׳עענדיק, אַז אריה לייב האָט אָפגעטיילט איין שטיק פלייש, אָפגעלייגט אָן אַ זייט, איז מר. קאָראַך געבליבן מיטן גאָפל אין דער לופטן: וואָס איז? טויג נישט: טאָ וואָס דען? צופיל? גיי שוין גיי. נעם נאָך אַ גלעזל. אָט אַזוי.

אריה לייב האָט געטרונקען, געשטופט אין זיך סטײק, און קאָראַך האָט געקײַט מיט זײַנע אַרײַנגעשטעלטע ציינער, פאַרכאַפנדיק, זיי זאָלן נישט אַרויספאַלן און מיט אַן אָנגעשטאָפט מויל גערעדט: נישטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט ווי אַ גוטער סטײק. געווען אַמאָל צייטן, ווען ער האָט נאָר געוווסט דאָס וואָרט סטײק, געזען ווי עמעצער האָט געגעסן, אַליין עסן? פאַר פינף סענט אָפגעגעסן אין סאַלון, און געווען געזונט ווי אַן אָקס. אים געווען גוט ווי דער וועלט. וואָס האָט ער געדאַרפט? יאָ, געווען גוטע יאָרן. נאַ, פאַרזוך אָט דאָס שטיקל, — האָט ער איבערגעלייגט פון זײַן טעלער אין אריה לייבס, — פאַרזוך עס אומישנע. יאָ, געווען יונג און נאַריש, איצט, לאָמיך דיר זאָגן, אַ גוטער סטײק איז ווי אַ גוט ווײַב. נישט קיין אייגענע ווײַב. הם.. הם.. כ'האָב חלילה גאָרנישט אויסצוזעצן קעגן מײַן ווײַב, זי איז אַ גוט ווײַב און אַ געטרייע מאַמע, אָבער פאָרט אַן אייגן ווײַב, און אַן אייגן ווײַב איז ווי אַלט געבאַקן ברויט, גוט פאַרן מאָגן, אָבער נישט געשמאַק. די אַנ־

דערע אָבער... — צוויי פינגער אין אַ רייפעלע זענען אָפּגעשפרונגען פון די פאַרשמאָלצענע ליפן און זיך צעטיילט אין דער לופטן — אַ לופט קוש צו „יענע". — געווען אַמאָל אין דער „גייעטי"? נישט געווען? האָסטו פאַרפעלט עפּעס. דיך דאַרפן אַרונטערנעמען אַהין אַמאָל. מיידעלעך, איינס אין איינס! ליקער? נעם, עס איז גוט נאָכן עסן, עס העלפט פאַרדייען. — ער האָט עס באַטאָנט מיט אַ גרעבץ, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ בלאָז פון פאַרמאַכטן מויל שוין. — און איצט אַ ציגאַר. רויכער אַ ציגאַר אַמאָל! — האָט ער ברייטלעך בגילופינדיק געשטופּט אריה לייבן דעם ציגאַר. אין זיין ברייטקייט האָט ער אַפילו געמאַכט אַ באַוועגונג צו באַצאָלן פאַרן מיטאָג. דאָס האָט אריה לייב נישט דערלאָזט. דער פאַרקויף־קאַטעכיזם פאָדערט, דער אַגענט זאָל צאָלן. — אויסרויכערן, זיך אָפּרוען, און פאָרן.

מר. קאָראַך האָט געדרימלט אין אויטאָמאָביל, זיין קאָפּ האָט זיך איין מאָל אַזש אַ נייג געטון צו אריה לייבס אַקסל, אריה לייב האָט אַזאַ הויב געטון דעם אַקסל, אַז קאָראַכס קאָפּ איז אונטערגעשפרונגען, מר. קאָראַך האָט זיך אויפגעכאַפּט, תמעוואַטע אַ קוק געטון, און ווידער איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל. אריה לייב האָט זיך אַזש געהויבן אויף זיין זיץ, דרייענדיק דאָס רעדל, געגעבן גאַז צום דערשטיקט ווערן. פּטור ווערן פון אָט דעם קאָראַך — קרח, פון אָט דעם... סטעק, דעם שטיק פלייש. עס שטינקט!

„דאָס שטיק פלייש" האָט אַ קאָפּ אויף זיך, באַקוקט, באַטראַכט דעם פּלאַץ, גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט געזאָגט. — אָלרייט, מיר קענען פאָרן צוריק. — אויף צוריקוועגס געשוויגן, בלויז איינמאָל אַ פרעג געטון: וויפל זאָגסטו איז דאָ דאָ אַקער?

— וויפל אַקער? — האָט זיך אריה לייב אויפגעכאַפּט, — איך דענק אַרום זיבעציק.

— זיבעציק אַקער! — דער קוק נאָכדעם האָט געזאָגט: ביסט משוגע? ווייסט וואָס דו רעדסט? און נאָך אַ קוק, וואָס

באַשטעטיקט: אודאי ווייסט ער נישט וואָס ער רעדט, אַ גולם מיט אַ גולם געפּאָרן אָנקוקן געשעפּט! ער האָט זיך אַ הויב געטון אויף זיין זיץ, זיך אַ דריי געטון, אומגעקערט דעם קאָפּ צום פענסטער, געזעסן אַזוי ביזן שטאָט. — אַ גוטן, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווען אריה לייב האָט אים אַרויסגעלאָזט פון אויטאָמאָביל, און נישט פאַרמאַכנדיק דאָס טירל הינטער זיך, אַוועקגעגאַנגען. אריה לייב האָט ביז פאַרהאַקט דאָס טירל, געלאָזט די מאַשין, געיאָגט אַהיים צו זיך, זיך איבערטון, זיך אָפּוואַשן פון קרחן, אויסברעכן דעם סטעק. סטעק! דער גאַנצער קאָראַך איין סטעק, אַ לעבעדיקער סטעק, וועלכער גייט אַרום זוכן נאָך אַ סטעק, אַלע טאָג אַ פרישן, ווייל אַלט געבאַקן ברויט...

אריה לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט. דיך עקלט פון מר. קאָראך, און וואָס איז מכּה דיר? זוכסטו דען נישט אַ... פריש פלעצל, אין מר. קאָראכס שפּראַך? איז וואָס, האַסט ער זיך אויך. זיך, זי, אַלץ! צום טייוול מיט דעם! אַנטלויפן! ווהין? צו וואָס? אַרבל, ציגאַרן? קלאַפּן לעכער אין שטאָל?

דער טעלעפאָן, דער צודרינגלעכסטער בעל־חוב, האָט גע־רופן: ער מוז שוין קומען.

— ער קומט גלייך אַריבער.

אריה לייב טוט זיך אָן, אַרומגייענדיק איבערן צימער, האַלט דעם שניפּס אַריינצולייגן אין קאָלנער, און די הענט, אָנ־שטאָט בינדן דעם שניפּס, הערן זיך אונטער: אַ סוף מאַכן! ער וועט איר זאָגן, היינט. שוין. — וואָס הערט איר זיך אונטער, — האָבן די הענט געקראָגן אַ שטויס. — איר טוט אייער אַרבעט. בינדט! דערשראָקענע האָבן די הענט זיך גענומען צו דער אַרבעט, נישט ריכטיק אויסגעבונדן, צעטראָגענע ווידער אַמאָל געבונדן, דער שניפּס איז אין אָרדנונג. אריה לייב גייט מאַכן אַ סוף.

— ווי איך זע, האָסטו נישט געמאַכט קיין גלענצנדיקע געשעפטן,—האָט אים בת־שבע שפּאַסיק אויפגענומען.

— גייט ער צו אַלדי רוחות.

— אָבער געגעסן האָט ער, מר. קאָראך ?

— געגעסן ! אַ חזיר ! אַ שוויין ! אַ...

— טו-טו, וואָס אַזוי אין כעס ? לאָז דעם כעס איבער. מיר גייען צו אַ פּאַרטי.

— אַ פּאַרטי ?

— אמתע פּאַרטי ! דאָרט וועסטו טרעפן די אמתע מענטשן, מירן פאַרברענגען, אָבער אַזוי ! איך זע, ביסטו נישט באַגייסטערט.

— באַגייסטערט ?

— נו, נו, נאָר נישט אַזוי זויער, צי אויף זיך אַרויף אַ זיס פּנים, און אפשר אויך אַן אַנדער אַנצוג.

— וואָס איז דער ?

—אַ שוואַרצער אַנצוג וואָלט דיר זייער געפּאַסט. — זי דרייט אים איבער, באַטראַכט אים. — יאָ, זייער געפּאַסט, נאָר מילא, ביסט אַזוי אויך שיין, דו גאַרישער בחור דו.

אַ שנעל אין נאָז, און זי איז פאַרשוווּנדן. ער קוקט אין שפּיגל, און עס געפעלט דער יונגערמאַן דאָרט. אָבער ווער איז דאָס די פרוי מיטן רויטן מאַנטל, הויכער פריזור, מיט די זילבערנע שיכלעך ? ס'אַראַ לאַנגער אָרעם עס באַווייזט זיך, ווען זי צענעמט דעם מאַנטל און טוט זיך אַ דריי איבער : ווי געפעל איך דיר ? ווי קומען צו איר אַזעלכע קליידער ?

— ווער וועט דאָרטן זיין ?

— ווער ? מענטשן ! — זי פאַרהאַקט די פּאָלעס פון מאַנטל.—מיר גייען, לאָז די מאַשין, מירן נעמען אַ טעקסי.

פרויען אין טיף דעקאָלטירטע קליידער, געפּודערטע, פּאַרפומירטע לייבער, מאַניקורטע נעגל, געפאַרבטע ליפּן, וויעס און ברעמען, האָבן געטאַנצט מיט מענער, אָנגעטון אין שוואַרץ, שוואַרצע הויזן, שוואַרצע שיך, שוואַרצע סורדוטן, בלויז אַ מאַנישקע אַ ווייסע און אַ פליך אַ פּאַרמעטענער. מענער טאַנצן ווייניק, די מערסטע פון זיי ביי קאָרטן-טישלעך. קאָרטן, רויך, משקה. די „פּידסמעטענע" פון דער ריעל עסטייט וועלט.

אריה לייב האָט זיך צוגעשאַרט צו דער משקה, פון בופעט

אַרויסגעקוקט אין טאַנץ־זאַל, געזען בת־שבען טאַנצן מיט אַ פּלי־
כעוואַטן זשענטעלמאַן. אַ מאָדנער פּליך. דער שאַרבן הויל, מיט
פּליאַמעס, און דאָס קאָמישסטע — גריבלעך, טאָלן גאַנצע אינם
שאַרבן, און אויפן סאַמע מיטן אַ קנעפּל, אַ גרויס קנעפּל, אַ
גוז. צוגיין אַ קוועטש טון דאָס קנעפּל, אָדער גאָר זיך אַנידער־
שטעלן דיריגירן דעם טראַפיק. ער צוימט דעם געלעכטער מיט
נאָך אַ ביסל בראָנפן, און אים קומט אויפן זינען אַ גלאָבוס,
דער שטערן מאַרס מיט קאַנאַלן, גראָבנס, קנעפּלעך. קאָמיש,
זי טאַנצט מיט יאָדערן. אָט דאָס ניסעלע, מיט די פּאַמפּושקע־
בעקעלעך, שפּיציקער מארדעטשקע. פאַרדאַמט ! כאַפּט עס דער
וואַסלמאַכער. נאָך אַ גלעזל.

ער האָט געפילט, ווי די שכרות צעשרויפט אים. קאָפּ,
צונג, הענט און פיס פילט ער שאַרף ווי באַזונדערע טיילן,
ער קען נעמען אַ פּוס זי אָוועקלייגן. בעסער אַוועקגיין פון דאָ־
נען. ער האָט זיך אויפגעהויבן, גוט אַריינגענומען אין קאָפּ
נישט צו מאַכן קיין סקאַנדאַל, און תוך כדי מחשבה האָט זיין
אָרעם פאַרטשעפּעט עפּעס אַ טישטוכל, ער האָט עס גאָרנישט
געזען דעם גאַנצן אָוונט, און אַ גלאָז־בריאַזג האָט איבערגע־
שריגן דעם מענטשלעכן טומל.

זי איז אויך געווען צווישן די אַריינקוקער אין בופעט.
זי איז נישט צוגעגאַנגען, ער האָט בלויז געזען איר קוק. צו־
גיין זיך פאַרנויגן פאַר איר: אַנטשולדיקט, מאַדאַם! זי איז
געגאַנגען אַנטקעגן.

— איך גיי אַהיים.

— גוט, מיר גייען.

— איך גיי שוין!

— מאַך זיך נישט נאַריש. מיר גייען שוין. וואַרט!
אין טעקסי איז מען געזעסן שווייגנדיק.

— האָסטו, הייסט עס, זיך געלאָזט ווילגיין.

— נאָך אַ מין.

— ביסט ווערט שמיץ.— זיין באַק האָט דערפילט לייכטע
פּעטשלעך.

— וואָס זשע, דאָס קינד האָט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דאַרף צו זיין?

— דו ביסט אַ נאַריש קינד. אַ נאַריש, נאַריש קינד.

דעם קינדס קאָפּ שפּאַרט זיך אָן אויף דער מאַמעס אַקסל, פּילט ווייכע פינגער, דער קאָפּ גליטשט זיך נידעריקער, און עמעצער וויגט אַ וויגל, אַ ווייך בעטל, איינדרימלען...

שוואַרצע קאַווע מיט לימענע האָט אים געעפנט די אויגן. ער האָט זי דערזען אין אַ קלייד ספּק העמד, ספּק קלייד, פּאַר אַ העמד צו לאַנג, פּאַר אַ קלייד צו דין, אין דעם מלבוש איז זי אַזוי הויך, שלאַנק, שלאַנקער ווי אין איר באָד־קאָסטיום, ווי ...נאַקעטערהייד. סאָניאַ אין איר נאַכט־העמד, ווי זי באַהאַלט זיך שעמעוודיק אונטער דער קאָלדרע. זי שעמט זיך נישט... ער האָט זי גראָב צוגעצויגן צו זיך... דערשפּירט אַ שנאַפּס געערוך פון איר מויל, אַזוי? טאָ...

זי האָט אָפּגעצויגן אויף צוריק דעם אויבערשטן האַלבן קערפּער, אָנשפּאַרנדיק די האַנט־פלאַכן אָן זיין ברוסט. — פאַרוואָס האָסטו נישט געטאַנצט?

— האָסט געהאַט גענוג פּאַרטנערן. מר...

— אָבער איך האָב געוואָלט טאַנצן מיט דיר!

— האָסט געוואָלט...

זי האָט יצר־הרעדיק געקוקט אויף אים, שטום געצויגן זיינע הענט, געריסן, ער זאָל זיך אויפהויבן. ער האָט זיך געוועדט: איך קען נישט טאַנצן, לאָז מיך! — זי האָט נישט געלאָזט. — דאַרפסט נישט קענען. קוק נאָר אויף מיר, פאָלג מיר נאָך. זע, קוק...

ער האָט געזען אַ ווילד פאַרשייטע פרוי רייצט זיך מיט אים, מאַניעט אים, און ווען ער איז לעבן איר שוין, בלייבט זי נישט אונטער זיינע הענט. אָט ציט זי אויס איר האַלז, אַז אירע ליפּן קוקן אַרויף צו זיינע, בעטן אַ קוש, און ווען זיינע ליפּן זענען שוין לעבן אירע, דערפילט ער זיינע ליפּן זענען אין דרויסן געבליבן. אַ צערייצטער יאָגט ער זיך נאָך דער פרוי, סטעליע און פּאָדלאָגע ליגן ביי די זייטן, די ווענט

איבער און אונטער אים וויגן זיך, און ער וויגט זיך אין דער לענג, פּאַכעט מיט ליידיקע אָרעמס. זי אַריינכאַפּן! ער האָט זי געכאַפּט, אַ פאַרשמאַכטע האָט זי גערוט אויף זיין אָרעם, הייסער אָטעם, פאַרנאַכטע אויגן, און אַ פאַרריסענער האַלז — נאַ, קוילע!

פלאַם איז אין גלי פאַרגאַנגען. אַ גליענדיקער בעט ער זיך ביי דער נייער פרוי לעבן זיך: לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, אַוועקפאָרן. אַ גליענדיקע ענטפערט זי: יאָ, טייערינקער. יאָ, — און די סאַמעטענע אָרעמס גלעטן אַזוי ווייך און האַלטן אַזוי פעסט...

11

דער אויטאָמאָביל, אַ פאַרמאַכטע, אָפּגעשלאָסענע וועלט, וועלכע באַוועגט זיך פאָרויס, די הינטערגעבליבענע וועלט צעגייט זיך ווי דער קאַרבאַן, און די וועלט פאָרויס ווערט אויפגעגעסן, מיט יעדן איבערדריי פון די רעדער אַ שטיק וועלט איינגעשלונגען, און קיין זעט איז נישטאָ — הב, הב! אריה לייב האָט געגעבן דער מאַשין עסן. ווען מ'זאָל קענען, וואָלט ער געשאָסן זעכציק מייל אַ שעה, אָבער דער באָדן אונטער די רעדער איז נישט קיין אַספאַלט, קיין ערד, ממש גלאָז. דערזעענדיק גאַנץ פרי דאָס „וועטערל", ווי פונם נעכטיקן רעגן איז געוואָרן גלעזערן אייז, האָט ער שוין געוואָלט אָפּלייגן דעם אַרויספאָר אויף אַ טאָג אָדער צוויי, אָבער ביבי האָט נישט געלאָזט. אויב ער האָט מורא טרייבן, וועט זי טרייבן, האָט אריה לייב אַ קוק געטון אויף איר — איך בין אַזאַ גוטער טרייבער ווי דו, און מ'איז אַרויסגעפאָרן. איבערגעקומען די ערשטע אומפאַרמיידלעכע קריגערייען צווישן מאַן און ווייב, ביידע אויטאָמאָביל-טרייבער, איז אריה לייב געזעסןביים רעדל, גרייט צו טרייבן זיין גאַנצן לעבן לאַנג. — איז

אים קאַלט? — קאַלט? — ענטפערט זיין קוק. — וואַרט, מירן קומען אין פלאָרידא, וועלן מיר שוויצן. — זי רוקט זיך צו צו זיין זייט, און אריה לייב פילט, אים וואָלט נישט געאַרט פלאָרידא זאָל זיין דריי מאָל אַזוי די ווייט. ער פּרובט איבער־ציען זיין אָרעם איבער איר רוקן. זי טרייסלט אים אָפּ: מם... מם... ביי מיר טרייבט מען מיט ביידע הענט. זי לייגט אַרויף זיין האַנט אויפן רעדל, קוועטשט צו די פינגער — אָט אַזוי, שמייכלט אריה לייב. סאַראַ פּראַקטישער מענטש. דאָס מיידל האָט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך. מורא געהאַט, טאָמער האָט ער נישט גענוג געלט, פאַרלייגן דירעקט נישט געוואָלט, האָט זי אים געגעבן צוויי הונדערט דאָלאַר, ער זאָל אויסבייטן אויף געלט־אַנווייזונגען — אויפן וועג איז זיכערער נישט צו האָבן קיין געלט, נאָר אַנווייזונגען, — איז ער געגאַנגען אויסבייטן, און ערשט דאַן זיך דערוווּסט — ער, דער קליינשטעטלדיקער — אַז מ׳מוז אונטערשרייבן דעם אייגענעם נאָמען, די חתימות זאָלן שטימען, און אַזוי אַרום זענען די צוויי הונדערטער גע־וואָרן זיינע. און זי, דער ממזר, האָט דאָך געוווּסט. — ביסט אַ וווּיל מיידל, — גיט ער פּלוצלינג אַ זאָג, און טוט זי אַ דריק צו זיך.

— זיך פּלוצלינג דערוווּסט?

— יאָ, אָט ערשט.

— אויב אַזוי, טאָ זיי אַ גוטער בחור און גיב מיר דאָס רעדל. איבערנעמען די הענט. מ׳ווערט מיד טרייבנדיק, און נאָך מידער זיצן און נישט טרייבן. —

מ׳בייט זיך, און אריה לייבן טוט הנאה פון איר טרייבן, נישט נאָר טרייבט זי גוט, נאָר אויך גראַציעז. אַפילו אַן אוי־טאָמאָביל קען אַ געוויסע פרוי טרייבן מיט גראַציע. ער איז צופרידן פון ז י י ן פרוי. ז י י ן פרוי? ווען מ׳שטעלט זיך אָפּ אויף דעם ערשטן נאַכטלעגער, און ער דאַרף לויט די האָטעל־פאַרשריפטן פאַרשרייבן מר. און מרס. סבלן, דערפילט ער, אַז ערשט דאָ אין דעם שטעטל לאַפּאַיעט, אין פּרוזדור פון אַ „האָטעל״ האָט ער רעגיסטרירט זיין חתונה, געוואָרן מאַן און

ווייב כדת וכדין, און עס איז אַזוי קאָמיש, און צו דערזעלבער צייט אַזוי גוט, צווישן מענטשן און פרעמדקייט אַרום. די פיר ווענט פון האָטעל צימער־גרענעצן צווישן זיי און דער וועלט, די קעלט אין דרויסן, די מידקייט פון אַ טאָג זיצן, טרייבן, לאַדט איין צום וואַרעמען זיך, אָפּרוען, און פילן מיט אַלע חושים די וואַרעמקייט און רואיקייט, וואָס צעגייט זיך אין ביידע קערפּערס. אַזוי עטלעכע טעג און נעכט ביז די פלאָרידא, וועגן וועלכער ביבי האָט גערײדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, האָט זיך באַוויזן.

אריה לייב איז נישט נאָר נישט באַגייסטערט געוואָרן, ער האָט געפילט מ'נאַרט אים אָפּ. די וואַרעמקייט וואָלט ער געמעגט שווערן, איז אַ קינסטלעכע, ציט זיך ערגעץ דורך רערן, דאָס גרינע גלאַט־אָפּגעשוירן גראָז איז געבראַכט פון ערגעץ, צוגעקלעפּט — קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן, און די מענטשן דאָ, איבערהויפּט די מענער מיט זייערע בלויע רעק־לעך און ווייסע הויזן, זיי האָט מען זיכער געבראַכט אַהער אויף אַן אויסשטעלונג. און צוליב אָט די ווייסע הויזן איז צווישן אים און בת שבען די ערשטע שוואַרצע קאַץ דורכגע־לאָפן. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט: ער מוז זיך דווקא אויספּוצן אין די ווייסע הויזן. ער האָט זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, אַרומגענומען זיין נאַקן מיט אירע ווייסע לאַנגע אָרעמס. יצר־הרעדיק פאַרקוקט אין די אויגן: וועסט אָנטון אַ פּאָר ווייסע הויזן, גיין מיט מיר צום קאָנ־צערט. — דער זכר האָט דערפילט די נקבה לעבן זיך, און דער מאַן האָט מיט כעס אָפּגעשטויסן די פרוי, זי האָט פאַר־וווּנדערט בייז אַ קוק געטון אויף אים. ער האָט נישט געקענט באַגעגענען איר קוק, אָבער געפילט, זי פאַרנעמט דאָס גאַנצע צימער, אים איז אַזש ענג. — גייסט צום קאָנצערט? — האָט ער בייז אַ פרעג געטון. אַן אויסגעפּוצטע איז זי געזעסן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף איין האַנט, די צווייטע האַנט איז נאָכ־לאָזיק אַרונטערגעהאָנגען. ער האָט דערזען אַ כלה, וועלכע איז בחרפּה צוריקגעקומען פון אונטער דער חופּה, ווייל דער חתן

איז נישט געקומען. ער איז געוואָרן אין כּעס אויף זיך, אויף איר, איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס.

דאָס קליינע קרעצל האָט זיך כּלומרשט פאַרהיילט, אָבער אריה לייבן האָט געביסן — ווען פאָרט מען שוין אַוועק פון דעם פאַרשאָלטענעם גן עדן! זאָגן איר פאָרן, האָט ער נישט געוואָלט, געוואַרט ביז זי וועט זאָגן, און דערווייל זיך נאָכגעשלעפּט, ווען זי האָט עס פאַרלאַנגט, און ווען זי האָט נישט גערופן, אַליין אַוועקגעגאַנגען. האָט ער ליגנדיק אין צימער געזען ווי זי שמייכלט צו יענעם פאַרשוין מיט די ווייסע הויזן און שוואַרצע דינע וואָרצעלעך, געווען אין כּעס אויף זיי, אויף זיך, אויף דער וועלט. ניכאַי בי וואָלט דאָ כאָטש געווען אַ בוך אַן אָנשטענדיקס צום לייענען. אין מיאַמי אַ בוך! שוין אַזוי לאַנג נישט געלייענט, אַזוי לאַנג... ווו איז זי ערגעץ זיין ווייב און קינד? פרירן זיי נישט גראַדע איצט אין ניו-יאָרק? פאַרדאַמט זאָל עס ווערן! און וואָס זיצט זי דאָ? וואַרט אויף יאָדערן? פייגלינג, געוואָלט און נישט געוואַגט עפּענען זיין בריוו צו איר. יאָדער... פאַרדאַמט.

מיט עטלעכע גלעזלעך בראָנפן, אויגן פאַרלאָפענע, גלעזערנע האָט אריה לייב ערשט געקענט זען די העלע זון, אַן אמתע נישט אויף קאַטאָוועס אויפגעהאָנגענע זון, אַ בלויען, נישט אויף פראַקאַט געבאָרגטן הימל.

— איך זע, דער קלימאַט ווירקט אויף דיר נישט אַזוי גוט.

— פון מיינעטוועגן קענסטו דאָ בלייבן וויפל דו ווילסט אַליין.

— און דו?

— איך? — אַ צוק מיט די אַקסלען.

— וואָס קוועטשט דיר?

— גאָרנישט קוועטשט מיר. איך האָב פּשוט פיינט דעם פּלאַץ, איך האָס די מענטשן, פוילענצער, ליידיקגייער, פּוסטע-פּאַסניקעס, גאָרנישטן, וויסטע נאַראָנים, פאַרדאַמטע אידיאָטן...

— זע נאַר, זע, — האָט זי שוין שפּאַסיק גערעדט, —

נאָך אַביסל, און דער ווערטער-בוך וועט זיין אויסגעשעפּט. ווו האָסטו געגומען אַזאַ רייכע קאָלעקציע? דאָ שוין? דיר געפעלט דאָס נישט? טאָ פאַרוואָס האָסטו גלייך נישט געזאָגט? — זי האָט געשטרייכלט מיט די פינגער זיינע האָר פון שלייף אַרויף. — דו שלעכטער בחור דו, פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט דיין ביבין, קום לאָמיר פאָרן? ווילסט פאָרן? זאָג, ווילסט? יאָ?

— איך פאָר נישט קיין שיקאַגאָ.

— און ווער פאָרט יאָ אַהין?

— איך האָב געמיינט... האָסטו נישט געקראָגן אַ בריוו?

— אוודאי געקראָגן, איז וואָס? פרעג איך דיך אַמאָל וועגן בריוו?

שוין אַ צייט, אַז אריה לייב האָט נישט געקראָגן ק יי נ ע בריוו. פאַר די אויגן דערזעט ער אַ קאָנווערט מיט אַ באַמער-קונג: זיך אַרויסגעצויגן, אַדרעס אומבאַוווּסט. דאָס איז געווען דער לעצטער גרוס פון זיין פרוי און קינד. ווייסט זי פון דעם „קאָנווערט״? ער פאַרשטעקט דעם קאָנווערט אין אַ גע-דעכעניש-קעשענע, פאַרקוקט צו בת שבען.

— ביסט אַ שלעכטער, שלעכטער בחור. — דער מיטל-סטער פינגער טיקעט זיין שפּיץ נאָז. — די נעקסטע סטאַנציע איז האָליווּד! קאַליפאָרניע!

— פון מיינעטוועגן מעג עס זיין האָנאָלולו. כינע, אינדיע...

— ניין, עס איז האָליווּד.

— האָסט דאָרט אַ ראַנדעוווּ מיט עמעצן?

— אוודאי, ווייסט גאָרנישט? מיטן פרעזידענט פון די „וועלט סטודיאָס״, און געדענק, מיר גייען אַריין אין די מואוויס.

— וואָס דען, נישט אַריינגיין? פאַר פינפאונצוואַנציק סענט גייען מיר אַריין.

— הע, מאַך זשע נישט חוזק, מ׳שמועסט דאָך וועגן ווערן „שטערן״, לאָמיר נאָר קומען אַהין.

דער פרייער וועג האָט צוריקגעבראַכט אריה לייבן די

זאָרגלאָזיקייט פון דעם גייער. װעלכער דאַרף אין ערגעץ נישט אָנקומען אין א באַשטימטער צייט. עס לויפט דער וועג, עס לויפט די צייט, אריה לייב אַ מיטלויפער, מער נישט אָנשטאָט איינשלינגען דעם וועג, נאָך וואָס יעדער אויטאָמאָביל-טרייבער איז אַזוי זשעדנע, ווייל ער איצט אריכת הדרך, עס זאָל זיך ציען, ציען ביז...

האָט אַ קראָפּע געטון אַ רעגנדל, האָט ער אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל, כאָטש געוויינלעך האָט ער געהאַט אַ קינ-דערישע הנאה פון פאָרן, ווען עס רעגנט. — איינדרויסן רעגנט, ער פאָרט און ווערט נישט נאַס. ביי דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז די מאַשין איז נישט אין אָרדנונג, האָט ער זיך אָפּ-געשטעלט זי פאַריכטן. דער אויטאָמאָביל האָט פאָרט אויפגע-געסן די וועלכע דריי טויזנט מייל, און אין אַ נעבלדיקן אָוונט, אַז ער האָט זיך אַרויסגענומען די אויגן פאָרנדיק, זענען זיי אַריינגעקומען אין האָליוווד.

— נעבלדיק, — האָט דער קלערק פון האָטעל גע-שמייכלט.

— אַלץ הייסט אַ נעפּל!

— מיר האָבן שוין נישט געהאַט אַזאַ נעבל די לעצטע ניין און דרייסיק יאָר.

אריה לייב מיט בת שבען האָבן זיך איבערגעשמייכלט. דער שמייכל האָט זיי יינגער געמאַכט, געבראַכט צוריק קיין לאַפּאיעט, ווו דער האָטעל-אייגנטימער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין די לעצטע ניין און דרייסיק יאָר אַ רעגן דעם דרייצנטן פעברואַר. זיי איז היימלעך גע-וואָרן פון אָט דעם „סוד" זייערן, וועגן וועלכן קיינער, קיינער אויסער זיי, ווייסט נישט.

די פרימאָרגנדיקע זון האָט אויפגעגעסן דעם נעבל, און גוט געשטימטע האָבן אריה לייב און בת שבע זיך אַרויסגע-לאָזט איבערן שטאָט, אַרום שטאָט, זען, באַקוקן, באַטראַכטן. זי איז געווען באַרעדעוודיק, פאַרגליכן אַלץ מיט פלאָרידאַ, אריה לייב האָט געשוויגן. זיין אויג האָט זיך געצויגן צו די בערג,

האַרטע, שווייגנדיקע, און מיט זייער אייביקן שווייגן רופן זיי דאָך: זעסט די גאָלדענע ליניע אויף אונזערע רוקנס? זי ציט זיך ווייט ווייט אַוועק. און אים האָט זיך געוואָלט גיין, גיין צופוס איבער די רוקנס פון די בערג, פאַרשווינדן ערגעץ הינטער זיי, — דאָרטן מוזן דאָך זיין נייע וועלטן.

— און ווו איז דער ים?

— נאָך זען דעם ים אויך.

— זי מוז זען דעם ים. און כאַפּן אַ גוטן שווים אויך. שוין נישט געשוווּמען זינט מ'האָט פאַרלאָזט פלאָרידאַ. וואָס דענקסט איר עפּעס מכח אַ גוטן שווים, האַ?

— פון אַ גוטן שווים האָט ער זיך נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט.

מ'איז געפאָרן זיך באָדן. זי האָט געשטיפט אין וואַסער ווי אַ קינד, אים געריצט צו שווימען אויף אַלערליי אופנים, און ער האָט הנאה געהאַט פונם שווימען, פון איר, איר שטיפן, איר רייץ.

— בין איך הונגעריק! — האָט זי דאָס ערשטע געזאָגט, צוקומענדיק אַן איבערגעטוענע.

— ער וואָלט אויך געקענט אַ ביס טון. אַזוי נישקשהדיק.

— איז געגאַנגען!

פינגער אין פינגער, וויגנדיק די הענט ווי קינדער, איז מען ראש געגאַנגען עסן. אָפּגעגעסן, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ברעג, אָנקוקן דאָס שטעטל ווענעציע. דער נאָמען אַליין!

טויזנטער עלעקטרישע שטערן האָבן אַראָפּגענידערט דעם הימל נידעריק צו דער ערד, דאָך הויך גענוג צו פאַררייסן דאָס מענטשלעכע אויג: זע, קוק, וואָס דאָ טוט זיך! האָט בת שבע געזען עפּעס אַ ניי דריידל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געריסן אריה לייבן: זע נאָר, זע! קוק! אריה לייב האָט כלומרשט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און זי געצויגן ווייטער. מיט אַמאָל איז ער געבליבן שטיין.

— וואָס קוקסטו אַזוי?
אריה לייב האָט נישט געענטפערט.
— ווילסט אַריינגיין?
— ווּהין אַריינגיין?
— טאָ וואָס-זשע שטייסטו דאָ?
אריה לייב האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן, אַנטלויפן, און נישט געקאָנט. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דער „טערק", דער טערק פון קוני איילאַנד מיט די ברייטע בלויע פלודערן, ברייטן גרינעם גאַרטל, רויטער העמד, און ווייסער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, און דער טערק האָט געווונקען צו אים, גע-שמייכלט: אַ קליינע וועלט, וואָס? אַנטלאָפן, האַ? נאַריש-קייטן, פון מיר אַנטלויפט מען נישט. אַ פּלאַך לאַנד, אויסגע-גאָסן אַ ביסל וואַסער, גיב זיך אַ גליטש פון איין עק צום צווייטן, אָט בין איך דאָ, אָט דאָרט, דאָ און דאָרט, מלא כל הארץ כבודי. „פּאָן! לאַטס אָף פאָן!" — רופט דער טערק, ווייזט מיט אַ שטעקעלע אויף דער פעטער פרוי, וועלכע קוקט אויס שטייענדיק ווי זי וואָלט געזעסן, און לאַדט איין מיט אַ מאַך פון האַנט און אַ נויג פון קאָפּ, ווי אַ באַלעבאָס וואָלט אויפגענומען אָנגעלייגטע געסט.
— איז ער נישט קאָמיש?
— ווער?
— ער.
— דער טערק?
— ער קוקט אויס ווי אַ טערק. קום, לאָמיר גיין!
אריה לייב איז נאָכגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער. געטריבן דעם אויטאָמאָביל אויפן וועג אַהיים אַזוי שלעכט, אַז בת-שבע האָט איין מאָל אפילו אַ כאַפּ געטון דאָס רעדל: וואָס איז דיר!
— גאָרנישט,—האָט ער שאַרף געענטפערט.—ווער טרייבט, איך, צי דו?
אין הויז, ווען זי איז אַ האַלב אויסגעטועטע געלעגן מיטן קאָפּ אויף זיין שויס, האָט זי געצויגן אירע אויסגעשטרעקטע

אָרעמס צו זיין קאָפּ, אים געבויגן צו זיך, און מיט פּנים פּאַר־ריסן צו זיינעם, געקוקט פאַרשנדיק. ער האָט אַלץ געשוויגן.— וואָס איז?

— גאָרנישט.

— טאָ וואָס זיצסטו אַזוי פאַרזאָרגט, פאַרטראָגן, אַזוי ווי דיינע שיפן מיט זויער־מילך וואָלטן דיר אונטערגעגאַנגען? מירן זיך וועטן, איך ווייס, וואָס דיך קימערט! ווּעסט אָבער צוגעבן, אַז איך וועל טרעפן? דו זאָרגסט זיך, וואָס מיר וועלן טון? הא? זעסטו! איז הער, אין די פּאָר טעג האָב איך געזען, דאָ איז דאָ אַ גרויס פעלד פאַר ריעל עסטייט. די שטאָט וואַקסט, און האָט ווו צו וואַקסן. איך מיין עס ערנסט. איז וואָס דענקסטו מכּח בלייבן דאָ, עפענען אַן אָפיס? הלואי וואָלט מר. יאָדער שוין דאָ געווען!

אריה לייב האָט געהערט די פראַגע, געהערט דעם ווּנטש—מר. יאָדער שוין דאָ. הייסט עס, איר געלאָזט וויסן, ער פאָרט אַהער און דערפאַר איז מען דאָס געפאָרן אַהער, אָבער אים קימערט עס נישט.

— וואָס דענקסטו מכּח דעם? — פרעגט זי איבער.

— מירן זען מאָרגן, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט. — גיי שלאָפן.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון. — כ׳דענק, דו ביסט גע־רעכט, מ׳דאַרף זיך איבערלייגן.—זי האָט געקלאַפּט מיט צוויי פינ־גער אויף דעם געעפנטן מויל צו געגעצן.—קום, גייסט שלאָפן?

— גיי, איך וועל באַלד קומען.

ער איז נאָך לאַנג געזעסן און נישט געפילט, זיין אויג זאָל אַ פינטל טון, די אויגן־לעדלעך צוגעוואַקסן צו די ווייס־לעך. ווען ער האָט אַ צעבראָכענער זיך אַריינגעלייגט אין בעט, פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער דערזען ווי דער טערק שטייט אַנטקעגן אים, די פיס צעשפּרייט, און מיטן שטעקעלע אַנטקעגן אים לאָזט ער אים נישט אָפּגיין פון דער וואַנט, ביי וועלכער ער שטייט. אָט גיט ער זיך אַ ריס אין איין זייט, אָבער דאָס שטעקעלע פאַרצוימט אים דעם וועג, וואַרפט ער

זיך אין דער צווייטער זייט, ווידער דאָס אייגענע, גיט ער אַ בויג איין דעם קאָפּ, אַ נורע, און גיט זיך אַ ריס... פון בעט.

— וואָס איז? — האָט בת שבע אַ דערשראָקענע געפרעגט.

— דאָ אַזוי פאַרשטיקט!

— אַלע פענסטער אָפן.

— עס וואַרעמט.

— אפשר וואָלסטו אַרויסגעגאַנגען אַביסל אינדרויסן. קאָן זיין דאָס עסן ביים ים. איך פיל זיך אויך אַזוי שווער.

אריה לייב האָט זיך אָנגעטון, אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן. די קאַלטע נאַכט-לופט האָט געפרישט דעם פנים, דעם קאָפּ, און די שטילקייט האָט געזאָגט: קאָנסט טראַכטן, איך האָב זיך נישט אונטער, איך ווייס סיי ווי. געמיינט די שיף וועט שטענדיג שווימען אויף ברויזנדיקע וואַסערן. נאַרישקייטן די, ווי יעדע אַנדערע, זוכט אַן אַנקער, אַ מר. יאָדער, אַ סבלן, נו, זיך אַ וויג געטון, געמיינט זיך אַריינלעבן, נאַרישקייטן. מ׳לעבט זיך אַהויס, און וויאַזוי? וואָס איז דער חילוק? פאַרקויפן קאָראַכן אַ שטיקל הימל אויפן קוביק פוס, איז פונקט אַזוי אינטערעסאַנט ווי מאַכן ציגאַרן, אויסקלאַפּן לעכער אין שטאָל, און בת שבע צי סאָניא, דער טערק איז דערזעלבער, דער אומרו באַוועגט זיך נישט און די ווייזערס רוקן זיך. געדענקסט „דיין" שעקספיר? „די צייט איז אַרויס פון געלענק. סאַראַ פינסטער מזל מיר איז באַשערט! וואָס איך בין גאָר געבוירן געוואָרן, עס מאַכן צורעכט". קאָנסט נישט צורעכט מאַכן. — קאָן מען נישט? די צייט איז קראַנק, אפשר דער רוים.

די בלויע טונקלקייט האָט פאַרשווערעריש געשוויגן: נישט איינעם האָב איך שוין געהאָלפן, פּרווו. — זיך אַריינזעצן אין אויטאָמאָביל, פאָרן... ער האָט זיך אַ ריר געטון, אָבער אָנשטאָט שטעלן אַ פוס צום אויטאָמאָביל צו, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: דער אויטאָמאָביל באַוועגט, אָבער ברענגט אין ערגעץ נישט. זאָל זי פאָרן, קויפן, פאַרקויפן,

ער וועט גיין. אריה לייב האָט זיך געלאָזט אין דער בלויער פינסטערניש אַריין.

12

די יידישע געגנט אין לאָס אַנגעלאָס, וווהין אריה לייב האָט פאַרבלאָנדזשעט, האָט דערוועקט אין אים אַזאַ אוראַלטע בענקעניש, אַז דערזעענדיק די פירקאַנטיקע בוכשטאַבן שערי-תפלה איבער אַן אַלטער געביידע, האָט ער פאַרוואונדערט אַ טראַכט געטון: אַ שול? ווי לאַנג, אַז ער איז שוין אין קיין שול נישט געווען? דאָ אין אַמעריקע נאָך נישט געזען קיין יידישע שול פון אינעווייניק. אַן עלטערער ייד מיט אַן אויס-געקראָכן סיווע בערדל, מיט געקרייזלטע פיאות, וועלכע קוקן אַרויס פון אונטער אַ שוואַרצן קיילעכיקן, שטרויענעם קאַ-פעליוש, גייט פאַרביי, קוקט אים אָן פאַרדעכטיק, און שטעלנ-דיק אַ פוס אויפן צעבראָכענעם טרעפּל פון דער שול, קוקט ער זיך אום אויף צוריק: וואָס וויל דער פאַרשוין מיטן בלויזן קאָפּ דאָ ביי דער שול? אריה לייב כאַפּט זיך — רחמנא „היטל” בעי, טוט אַ שמייכל און בלאָנדזשעט אַוועק ווייטער. נישט ווייט אַ ביבליאָטעק. אפשר אין דער שול אַריינגיין? קינדער שיטן זיך אַרויס פון ביבליאָטעק. פּעק ביכער אונטער די אָרעמס, אויף די פּאַראָרעמס, דאָך שטערט עס נישט צו שפּרינגען, שטיפן, לאַכן. קוקט ער אויף זיי, אויף זייער פריילעכקייט. זיי כאַפּן אויף זיין קוק. איינע גיט זיך אַ שוש-קע מיט דער צווייטער, יענע קוקט זיך אום אויף אים, דאַן אויף צוריק, און מ׳לאַכט ביידע, באַלד אַ דריטע, אַ פערטע, אויגן כאַפּן אַ קוק, קעפּלעך בויגן זיך. איין פּאָר אויגן, וואָלט ער געמעגט שווערן... ער גיט דערשראָקן אַ הויב דעם קאָפּ, שטעלט אָן די אויגן, — כאַפּן אָט דאָס שוואַרצע קעפּל. ווו איז זי פאַרשוונדן? דאָרט איז זי. ער לאָזט זיך נאָך די קינדער, פאַרהאַקט זיך אַליין. קאָנאַן דאָיל האָט זיך אין אים

אָפּגערופן, וואָס ? אַ פּאָר קעפּלעך האָבן זיך ווידער אומגעדרייט, קוקן שוין מיט חשד. אָט דאָס שוואַרצע קעפּל. נאָך אַמאָל אַ קוק טון אין די אויגן, אָט ווי דאַן ביים וויגל, אָדער גאָר דעם ברוינעם פּלעק אויפן אַקסל לעבן נאַקן. ער צוימט זיך נישט צו פאַרלויפן דעם וועג. נאָכגיין, זען. אָט געזעגנט זי זיך שוין מיט די חברטעס, דערזעט אים, אָבער לאַכט נישט, ווינקט נישט צו די חברטעס, קוקט פאַרדעכטיק, מיט מורא. ווען זי לאָזט זיך גיין אַליין, גיט זי אַ כאַפּ אַ קוק אויף צוריק, דערזעט אים נאָכגיין און הויבט אָן גיין גיכער. ער פאַרשנעלערט זיין שפּאַן, אַזוי ביז אַ טיר פון אַ קליין שטיבל, וועלכעס עפנט זיך, פאַרמאַכט זיך, באַהאַלט פון אים דאָס שוואַרצע קעפּל, די אויגן.

— געענדיקט, — בלייבט ער שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.—משוגע.— זאָגט ער צו זיך אַליין אויפן קול, וויל אַוועקגיין און הויבט אויף די אויגן צו דער טיר. ס׳אַראַ מאָדנע טיר. אַ נידעריקע, אַ ברייטע, און אַ שמאָל פענסטערל אין דער הויך. איידער מ׳עפנט, זען ווער ס׳וויל אַריינקומען פיינט אָדער פריינט. מוריש.— נאַריש, אריה לייב.— אַ טריט זיך צו דערווייטערן פון דעם הויז, און אַ ראַשער דריי אויף צוריק, צו דער טיר צו, אָנקלאַפּן. ער קלאַפּט שטיל, ווי אַ נישט געניטער בעטלער.

— רחלע, מיר דוכט, עמעצער קלאַפּט. טו אַ קוק, ווער איז דאָרט.

— די שטימע ??? אָבער דער נאָמען

רחלע קוקט נישט אינם קליינעם פענסטערל, עפנט גלייך די טיר, אָבער אַ שמאָלע עפענונג, אַ שפּאַרונע, גענוג פאַר איר פנימל אָנצוקוקן דעם מענטשן. דערזען ווער דאָס איז, פרעגט זי נישט וואָס ער וויל, נישט ער זאָגט וואָס ער דאַרף. דערפאַר אָבער קוקט ער אַזוי, אַז זי וויל פאַרהאַקן די טיר, און זי קאָן זי דאָך נישט פאַרהאַקן, אָט פונקט ווי זי קאָן נישט עפענען דאָס מויל, אַרויסברענגען דעם ביין : וואָס ווילסטו ?

— ווער איז דאָרט ? — רופט שוין די שטימע פון אינע-ווייניק.

— אַ מאַן, — ברעגנט קוים אַרויס רחלע. און לאָזט פאַר-בייגיין די מאַמע, זאָל זי אַליין זען ווער דאָס איז.

די מאַמע אויף דער שוועל, דער מאַן אינדרויסן, האָט מען זיך אָנגעקוקט, און די מאַמע האָט די ערשטע אַרויסגע-זאָגט : ליאָווא ! אריה לייב האָט שטום דערלאַנגט די האַנט, זי האָט די האַנט אָנגענומען, און ער איז איבערגעטראָטן די שוועל. רחלע איז געשטאַנען, צוגעקוקט מיט מורא, מיט חשד.

— ווי קומסטו ? ווי... האָסטו געטראָפן ?...

ער האָט אָנגעוויזן אויפן קינד. די מאַמע האָט אַ קוק געטון אויף דער טאָכטער, איבערגעפירט דעם פרעגנדיקן קוק אויף אים.

— זי דערקענט אין גאַס. — טאַטע מאַמע קוקןביידע אויפן קינד.

— קום אַהער, רחלע, — בעט די מאַמע, און די טאָכטער גייט מיט צעגרנדיקע טריט. — דאָס איז דיין פּאַפּאַ. — זי הויבט אונטער דעם קינדס הענטל, טראָגט עס כמעט צו צום פאָטער. אריה לייב נעמט עס אַריין פריער אין איין האַנט, דעקט עס נאָכדעם צו מיט זיין צווייטער האַנט. ווען זי הויבט דאָך נישט אויף די אויגן, לייגט ער אַרויף איין האַנט אויפן קעפל, גלעט עס פאַמעלעך. טאַטע-מאַמע קוקן זיך איבער, דער טאַטע גיט אַ לייכטן דרוק דאָס קעפל צו זיין זייט און לאָזט עס אָפּ. — אויסגעוואַקסן !

— יאָ, — ענטפערט די מאַמע מיט אַ זיפץ, און אין די אויגן שיינט-אויף אַ שטאָלצע פרייד.—גיי, רחלע, צו אין קראָם, קויף אַ ברויט און אַ פערטל פּוטער. אַ שוואַרץ ברויט. דאַרפסט קיין געלט.

דאָס קינד איז גערן צו פאַרלאָזן דאָס צימער, מער נישט חשד אויגן אין נאָקן קוקן אויף די געבליבענע מאַן און פרוי, טאַטע און מאַמע.

— זיך.

— ווי קומסטו אַהער ?
— צוליב איר.
— ? ? ?
— יענעם ווינטער... דעם ערשטן ווינטער איז זי קראַנק געוואָרן, פליו עפּידעמיע. אויפגעשטאַנען און זיך ווידער אָני־דערגעלייגט. געמיינט לונגען־אָנצינדונג. זיך אויסגעדרייט, אָבער אַ הוסט פאַרבליבן. געמיינט, פרילינג וועט ווערן בעסער. נישט געוואָרן. געגאַנגען צו דאָקטוירים, דער זאָגט פּלעווע־ריט, דער—בראָנכיט. אַלע הייסן פאָרן ווו עס איז וואַרעם, טרוקן. נישט געוואָלט, נישט געוואָלט, גיי פאַרוואַרף זיך אַזוי ווייט, אָבער דאָס קינד גייט אײַן. נישט אַזוי דאָס הוסטן ווי דאָס שטעכעניש אין זײַטל. וואָס האָב איך געקאָנט טון ? האָב איך צונויפגעקלאַפּט אויף הוצאות און געקומען אַהער. דאָ פילט זי זיך קיין עין־הרע זייער גוט. שוין דער פערטער פרי־לינג, הלוואי ווײַטער, קיין איין פאַרקילונג נישט געהאַט. אַ ווויל קינד, לערנט זייער גוט. און דו ?
— און ווי ?
— ? ? ? — זי האָט געזען, ווי ער באַטראַכט דאָס צימער, דאָס מעבל, איר אָנטון.—איך אַרבעט ביי קליידלעך. איצט איז אַביסל שוואַך. איך קום אויס.
— האָסט זיך אַ סך געביטן.
— עלטער געוואָרן ?
— נ—י—י—ן. ווי זאָל איך דיר זאָגן, דערפאַרענער און... זיכערער. דיין אַמאָליקע זיכערקייט.

מ׳האָט זיך ביידע דערזען דאָרטן. זי גרייט צו דאָס אַנט־לויפן פון דאָרט... זיין קאָפּ ליגט אין וועג פון איר אויגן שיין.—ביי די זעען זיך שוין גראָע האָר.

אַ קינד איז אַוועקגעגאַנגען אין חדר, אָבער אָנשטאָט לערנען, זיך געשפּילט אין גאַס מיט יינגלעך זיין גלייכן, זיך צעשלאָגן, אַ פאַרפלאָמטער אַהיימגעקומען. די מאַמע לייגט אַרויף די האַנט אויפן שטערן: טוט דיר ווי דאָס קעפּעלע ?— גוט צו פילן דער מאַמעס קילע האַנט אויפן הייסן שטערן,

אָבער שווער צו קוקן איר אין די אויגן, שווער צו הערן איר פאַרזאָרגט רעדן, און עס שרייט זיך דאָך נישט אַרויס: ס׳אַ ליגן! זיך געשלאָגן! זיך געשלאָגן! נישט געלערנט.

— ביסט שוין לאַנג דאָ?

— ניין, דאָ נישט לאַנג.

דעם קינדס טריט האָבן זיך שוין געהערט. זי פרעגט אין איילעניש:—בלייבסט דאָ היינט, צי דו דאַרפסט ערגעץ גיין?

דער זייגער-אומרו האָט זיך אַ וויג געטון פונם אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק, אַ וויג געטון און געבליבן שטיין. — איך האָב נישט ווו צו גיין, — האָט ער שטיל געענטפערט.

דאָס קינד איז אַרײַנגעקומען.

אין טאַטנס פּיסטריט

אין טאַטנס פּיסטריט

„ברומס! ברומס!"

דאָס „ברומ"-ען האָט זיך טאָג-איין טאָג-אויס געהערט איבער די בערגיקע גאַסן פון דער „רויכיקער שטאָט" — פּיטסבורג. גע„ברומט" האָבן די בעזים-פּעדלער, אַזוי אַרום אויסרופנדיק זייער סחורה. דער געניטער אויער פון דער הויז-באַלעבאָסטע, וועלכער איז וואַך צו יעדן אומפּאַרשטענדלעכן פּעדלער-אויסרוף, פאַרנעמט אויך דאָס ברומען. זי רוקט אַרויף אַ פענסטער, שטעקט אַריין דעם קאָפּ — מיסטער! מיסטער! דער פּעדלער פאַררייסט דעם האַלז, מעסט אָפּ אויפן וויפילטן שטאָק, וועלכע טיר דאָס קען זיין, און, אָנבויגנדיק זיך נאָך נידעריקער אונטער דער משא, נעמט ער זיך קלעטערן די טרעפּ אַרויף.

פּיטסבורגער בעזים-פּעדלער האָבן געברומט, פּיטסבורגער באַלעבאָסטעס האָבן געקויפט בעזימער, פונדעסטוועגן האָט קיין פּעדלער נישט געהאַלטן פון די שטאָטישע, פּיטסבורגער, קונים.

אַלעגהייני, בלויז אויף יענער זייט בריק, איז שוין געווען אויפן בעסערן צעטל. פון מקיספּאָרט, מקיזראָקס איז אָפּגערעדט. איניקע פּעדלער האָבן אַזש אָנגעשפּאַרט אין ניו-קעסטל, וואָס ווייטער אין „קאָונטרי" אַלץ בעסער. טרעפנדיק זיך נאָך אַ נסיעה אין קאָונטורי אויף סענטער עוועניו, די יידישע גאַס, האָט יעדער איינער געהאַט צו דערציילן, וואָס מיט אים האָט

פּאַסירט, ווי אַזוי אַ „גאַיע", וועלכע האָט לכתחילה פאַרהאַקט די טיר פאַר דער נאָז, האָט נאָכדעם, ביי דער הינטערשטער טיר, געקויפט פאַר אַ פינף דאָלאַר „וואַרע"; ווי אַזוי דער שעריף האָט זיך פאַרלייגט דווקא אים אַריינזעצן אין חד גדיא, און ער האָט דעם שעריף אָפּגענאַרט, זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער זיין נאָז, און ווי אַזוי... נאָך די מעשיות האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט: פאָרסט ערגעץ אַרויס מאָרגן?

— כ'דענק אפשר דאָ אַ קלאַפּ טון, — ענטפערט גוזיקאָוו.

— איך דענק אויך. מיד זיך אַרומשלעפן, — גיט צו דראהליך. געמיינט האָט עס — ביידע וועלן מאָרגן אַרויספאָרן אין אַ שטעטל דערביי. און האָט דראהליך גלייך אַ זאָג געטון: נו, מ'דאַרף גיין, אויסגלייכן די ביינער אַביסל, — האָט גוזיקאָוו געענטפערט: — וועל אויך גיין צולייגן אַ פעדער צום קאָפּ. געמיינט עס: דו דענקסט דאָך אוודאי וועסט אַרויספאָרן פאַרפרי? דאַרפסט אויפשטיין אַ שעה פאַרטאָג, זאָלסט מיר פאַרלויפן דעם וועג.

און עס איז נאָך געווען אַ שעה פאַרטאָג, ווען גוזיקאָוו, אָנגעטון אין פולער אַמוניציע, צוויי טוצן בעזימער פאַרוואָרפן אויפן אַקסל ווי אַ ביקס, צוויי טוצן „ווישלעך", קליידער-בעזימלעך, האָבן אַרונטערגעהאָנגען פון איין זייט פּאַס, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט דאָס קורצע פעלצל, פון דער צווייטער זייט האָבן אַרונטערגעהאָנגען קיילעכדיקע בערשטלעך אויף צו ווישן גלאָזוואַרג, געשיר, אויף איין אָרעם אָנגעהאָנגען אַ קוישל מיט גאָז-מענטעלעך, גלעזלעך, סעקרעטקעס, נאָדלען, שפּילקעס, זאָקן און שיך-בענדלעך, — איז געגאַנגען אַן איינגעבויגענער איבער דער באַרגיקער, גלאָז-גליטשיקער גאַס, איילנדיק זיך צו כאַפּן דעם ערשטן טראַם קיין מקיזראַקס.

וויגנדיק זיך אויפן טראַם, האָט ברוך גוזיקאָוו מיט פאַרמאַכט-דרימלענדיקע אויגן געזען פאַר זיך דאָס מינען שטעטל, פנימער, „גאַיעס", וועלכע האָבן שוין מערערע מאָל געקויפט ביי אים עפּעס. ער האָט אויסגעלייגט גאַסן, וועלכע צו באַאַר-

בעטן פריער, וועלכע שפעטער, ווי אַנהויבן. ווען דער קאָנ־דוקטאָר האָט אויסגעכאָרכלט מקיז—ראקס! מקיזראקס! און ברוך גוזיקאָוו האָט געגומען צוריק אָנטון די קראָם זיינע, זענען די אויסגעלייגטע גאַסן פאַרשוואונדן, זיך צעלאָפּן, ער האָט זיך גע־איילט אַרונטערצוגיין, און ווען דער טראַם האָט זיך געלאָזט גיין, איז ברוך געבליבן שטיין ביי די נאַקעטע רעלסן אָט ווי דער טראַם וואָלט אים אָפּגעטון אַ שפּיצל — אים אַרונטער־געוואָרפן מיטן דרינען, אַנטלאָפן, און גיי כאַפּ אים. ער קוקט זיך אום — גרויסער טאָג. ער פילט דעם זונען־אויפגאַנג אין דעם דראָזש, וואָס גייט איבער זיין לייב, דער לעצטער נאַכט־ציטער גייט אַרויס פון זיין קערפּער. כאַפּן ערגעץ ווי אַ גלעזל וואַרעמס און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אַ דערוואַרעמטער גייט ער אַרויס פון דעם ביליקן רעס־טאָראַן, די מאָרגן פרישקייט גיט אַ ווײַ אין פּנים אַריין. זיין אַ שיינער טאָג. ער גיט אַ הויב די בעזים־ביקס אויפן אַקסל און לאָזט זיך גיין.

די טיר, אין וועלכער ער האָט עטלעכע מאָל אָנגע־קלאַפּט, האָט זיך אויפגעריסן פון אינעווייניק, און אַ בייזער „וואָס ווילסטו" האָט אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין.

— גוט מאָרגן! פיין און קיל היינט! — איין האַנט האָט צוגעהאַלטן די בעזימער, וואָס זענען שוין געשטאַנען אין דער טיר־עפענונג, די צווייטע האָט געצויגן דאָס היטל מיט די אויער־לעפּלעך פון קאָפּ, פון די אויערן.

— ביסט פון די פריע פויגל, האַ? — האָט אַ זאָג געטון דער באַלעבאָס, און אַ פאַרקנייטשטער שמייכל האָט נאָך שמע־לער געמאַכט זיינע שמאָלע אויגן־לעכער. דעם באַלעבאָס שמייכל איז אים נישט געפעלן געוואָרן.

— יאָ, ביי אונז זאָגט מען „כטאָ ראַנאָ וסטאַיע טאָמו באָך דאַיע".

— וואָס איז דאָס?

— דאָס מיינט, — דערקלערט גוזיקאָוו אין זיין בעסטן

ענגליש, וואָס ער פֿאַזיצט.—ווער עס שטייט אויף פרי, בענטשט גאָט זיין מי.

— אַזוי? ביזטו אַ בענזשאַמין פֿריינקלין? נו, קום אַריין, בענזשאַמין! לאָמיך זען, וואָס דו האָסט.

אַ צופֿרידענער פֿון דערקענען אַ קונה, נעמען אים מיט אַ ווערטל, לייגט ברוך גוזיקאָוו פֿאַנאַנדער זיין גאַנצע קראָם און רעדט, רעדט, ערשט ווען ער דערזעט, אַז דער באַלעבאָס קוקט אויף אים מיט אַ מעסער שמייכעלע, בלייבן די פֿינגער רוען אויף אַ בריוועלע נאָדלען, די צונג בלייבט אויך רוען.

— האָסט אַ פֿיינע קראָם.

ברוך גוזיקאָוו קוקט פֿון אונטן אַרויף. וואָס מיינט דער קאָמפּלימענט?

— און אַ דערלויבעניש צו פּעדלען האָסטו?

אַ קלאַפּ. דאָס איז דאָס. אַריינגעפֿאַלן. — אַ דערלויבעניש? — פֿרעגנדיק, גלייכט ער זיך אויס, איין האַנט רוקט זיך צו דער בוזים-קעשענע, און דער מח שרייט: וואָס קריכסטו אַהין? אַפֿילו אַ דאָלאַר אויף כאַבאַר האָסטו נישט! בלייבט די האַנט ביי דער פּאַזוכע.

— יאָ, אַ דערלויבעניש, — באַשטעטיקט דער באַלעבאָס.

— נישט געקענט אַרויסנעמען נאָך. דעם שעריפֿס אָפֿיס איז נאָך פֿאַרמאַכט. וועט זיך עפֿענען...

— דו ביסט ביים שעריף דאָ, זעסטו?

ברוך גוזיקאָוו האָט געזען אַ בלעכל, אַ שפּיציק בלעכל, געמעגט שווערן אַ מגן-דוד, נאָר מיט אַזוי פֿיל שפּיצן, און די שפּיצן שטעכן די אויגן: זעסטו? זעסטו?

— איך זע. איצט זע איך.

— ביסט דאָ נאָך קיינמאָל נישט געווען, וואָס?

— ניין. דאָס ערשטע מאָל.

— אַזוי? דאָס ערשטע מאָל? זאָג בעסער דאָס לעצטע מאָל. לאָמיך זען דיינע פֿינף דאָלאַר אויף לייסנס.

— מיינע פֿינף דאָלאַר? — ברוך גוזיקאָוו האָט זיך

טאַקע געחידושט וועגן וועלכע פינף דאָלאַר רעדט עס דער ערל.

— יאָ, דיינע פ י נ ף דאָלאַר!

— איך... איך וועל אייך דערציילן אייער... עהרע! — רעדט שוין ברוך צו אַ... פּריסטאַוו — שעריף. — איך בין אַן אָרעמאַן אַ ייד. איך האָב נישט איר זאָלט זאָגן אַ דאָלאַר. איר זעט אָט דאָס איז מיין פאַרמעגן. — ער האָט אַרויסגענומען אַביסל מינץ פון דער הויזן-קעשענע. — איר זייט דער ערשטער קונה, כ'מיין, דאָס איז די ערשטע טיר, ווו איך האָב אָנגעקלאַפּט. געדענקט, מאַכן אַ פּאָר מכירות, וועל איך גיין אַרויסקריגן לייסנס.

דער באַלעבאָס האָט זיך דערנענטערט צו אים. צוויי פינגער האָבן אָנגענומען דעם קין, אים געשטופּט אַרויף. די שמאָלע אויגן, נאָך מער פאַרשמעלערט פון דעם קנייטש, וואָס האָט זיך צעצווייגט איבערן גאַנצן פּנים, האָבן געשניטן זיין פּנים: ביסט אַ כיטרער ייד, האַ? פריער וועסטו פאַרקויפן די בעזימער, נאָכדעם וועסטו נעמען לייסנס! פאַרדאַמט! — דאָס צווייגל ביים קין האָט אַ קוועטש געטון, אַ שטויס געטון, אַז דער קאָפּ לויפט אויף צוריק, מיטשלעפנדיק דעם גאַנצן קערפּער צו דער וואַנט צו. ער בלייבט שטיין ביי דער וואַנט, זעט דער באַלעבאָס, גיט אַ שמיץ מיטן פוס זיין קוישל מיט די מענטעלעך.

— דו שטיי דאָרט! — באַפעלט דער באַלעבאָס, און דער פינגער איז אַ שפּיז, אַ רעוואָלווער-מויל. — איך וועל אייך ווייזן, פאַרדאַמטע... ווי צו פאַרפעסטן די שטאָט. נעם דיינע בעזימער! שנעל! — פאַרטיק, גיט ער אים אַ נעם ביים שלאָס-ביין. — קום!

—... איך... אויף מיין וואָרט...

— גיי! — אַ כעס הייזעריקע שטימע.

גייט ברוך גוזיקאָוו מיט דער בעזים-ביקס אויפן אַקסל, די בערשטלעך פּאַטראָנען ביים גאַרטל, אָבער דער קאָנוואָי איז נישט ער. דאָס פירט מען אים. וווהין?

דער שעריף האָט אים צוגעפירט צו דער טראַם־סטאַנ־ציע, אים אַ נעם געטון הויך ביים אָרעם, אַרויפגעשטופּט אויפן דריטן טרעפּל, און אַ זאָג געטון דעם קאָנדוקטאָר: וואַרף אים אַרונטער אין פּיטסבורג און ברענג אים קיינמאָל צוריק. דו הערסט?

דער קאָנדוקטאָר האָט אַ שמייכל געטון. אַ צי דאָס שטריקל, דער טראַם האָט זיך גערירט. אַרויסגייענדיק אויפן פּיטסבורגער וואָקזאַל האָט ברוך גוזיקאָוו דערהערט: איר פאָרט שוין צו־ריק? ער האָט דערזען דראַהליכן, אָנגעטון אין פולער אַמו־ניציע, גרייט צו נעמען דעם טראַם קיין מקיזראַקס. מ׳האָט זיך אָנגעקוקט. — איך... האָב געדענקט פאָרן, נאָכדעם זיך מיישב געווען...

די האַנט, וואָס איז געווייַנלעך פאַרנומען מיט האַלטן דאָס קוישל, האָט אַ מאַך געטון... עך! נישט זאָגנדיק קיין גוטן טאָג, האָט ער זיך געלאָזט פאַמעלעך אַהיים. דראַהליך האָט אַ שמייכל געטון, זיך געכאַפּט, ער ווערט אָן דעם טראַם, האָט ער צוגעדריקט דאָס קוישל מיט די מענטעלעך צו דער זייט, און אומגעשיקט זיך געלאָזט לויפן צום טראַם, וואָס דאַרף אים ברענגען קיין מקיזראַקס.

2

— אַז איך וועל כאַפּן דעם יידן, וועל איך אים דער־הרגענען!

— וויל נישט גיין, האַ?

סטאַניסלאַוו קראַוטשינסקי האָט נאָך אַמאָל אַ טרייסל גע־טון דעם זייגער, צוגעלייגט צום אויער, אַ הילכיקער קלאַפּן און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. — הינטישער זון! זאָל ער נאָר קומען דער ייד!

דער ייד, ברוך גוזיקאָוו, איז געקומען. ער ווייסט שוין,

ווען די אַרבעטער קריגן זייערע שכירות, און אַז מען דאַרף פאַרכאַפּן איידער דאָס רעשטל פון געלט גייט איבער צום שענקער.

— דו, דאָ?! — סטאַניסלאַוו קראַוטשינסקי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם יידן, וואָס איז געקומען דווקא איצט. נישט אַנדערש אים שטעלן צום נסיון — הרגענען אָדער נישט.

— אוודאי, בין איך דאָ. ווו דען בין איך? געקומען געוואָיר ווערן, וואָס מאַכן אַלטע גוטע פריינט. וואָס מאַכט איר, דאָס ווייב, די קינדער?

גיי הרגע דעם יידן. מיט אַ מיאוסן קוק קען מען אים בלויז מכבד זיין, און ווען מ׳באַגעגנט זיך מיטן יידנס דער־שראָקענעם קוק: וואָס טוט זיך דאָ? עפּעס... קען מען שוין אפילו דעם מיאוסן קוק נישט אָנהאַלטן. פּלאַצט סטאַניסלאַוו אַרויס: — דו פרעג בעסער, וואָס מאַכט דיין זייגער? — ער שפּאַרט דעם זייגער ברוכן אין פּנים אַריין. קוקט ברוך אויף סטאַניסלאַוון, און מיט דער בלינדער האַנט געמט ער דעם זייגער. — וואָס איז אים, דעם זייגער?

— אַ זייגער רופסטו עס? אַ ציבעלע! — ער רייסט צו־ריק אַרויס דעם זייגער פון ברוכס האַנט. — דו פאַרדאַמטער שווינדלער! אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי דו ביסט אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט! אַ זייגער! — סטאַניסלאַוו גיט אַ עפן די קאָפּערטע, טוט זי אַ בויג, אָט ברעכט ער זי אָפּ. ברוכס האַנט מישט זיך אַריין.

— שאַ, שאַ, שטילער אַביסל. וואָס אַזאַ אומגליק? ער גייט נישט? — זיין אויער דערקינדיקט זיך, צי איז עס אַזוי. — יאָ, האָסטו אים אָנגעצויגן? — דערפילנדיק דאָס לויזע קעפּל צווישן די פינגער, פּאַלט ער ביי זיך נישט אַרונטער. — נו, איז וואָס? האָב איך דען נישט געזאָגט, אַז דער זייגער איז גאַראַנטירט?

— אוודאי האָסטו גאַראַנטירט... איידער דו האָסט גע־קראָגן דאָס געלט.

— איך האָב גאַראַנטירט, אויב דער זייגער וועט נישט גיין, גיב איך גלייך אַ צווייטן.

— מוחל דיינע זייגערס.

— מ י י נ ע זייגערס! הלוואי וואָלטן זיי געווען מיינע. איך מאַך זיי? אַ פאַבריק מאַכט זיי. די פאַבריק גאַראַנטירט, דער זייגער ווערט קאַליע, שיקט זי אַן אַנדערן.

— און אַז די פאַבריק וועט נישט צושיקן, וועל איך דיך גיין זוכן!

— איך גיב דיר גלייך אַ נייעם זייגער, אַ שפּאָגל נייעם זייגער. ערשט געקראָגן.

ברוך גוזיקאָוו צעלייגט זיין קראָם. דאָס „גאָלד", די „דימענטן" אויף זייערע פּליושענע איבערבעטן, גיט אַ בליש־טשע, און סטאַניסלאַוו, זיין ווייב און קינדער שטייען שוין אַרום רענצל, אויסגעצויגענע, לאַנגע פּנימער שפּיגלען זיך אין שײַנענדיקע קאָפּערטעס, פינקלדיקע „דימענטן" ווינקען זיך אי־בער מיט בלישטשענדיקע אויגן.

— אָט איז דאָס ז ע ל ב ע זייגערל. שפּאָגל ניי, ערשט פון פאַבריק.

סטאַניסלאַוו וויל נישט דאָסזעלבע. עפּעס אַנדערש.

— סטאַניסלאַוו וויל אַ בעסערס? ברוך האָט בעסערע זייגערלעך אויך. וואָס איז מכח דעם, אָ? גייט ווי אַ באַן. און די קאָפּערטעס! זאָל ער זען, גאָלד. ריין גאָלד! פּערצן קאַ־ראַט. — ברוך גיט אַ נעם די קאָפּערטע צווישן די ציין, נישט איינבייסנדיק גיט ער זי סטאַניסלאַוון. — נו, זעסט? — באַ־טראַכט עס סטאַניסלאַוו מיט אַ מבינישער מינע, גוזיקאָוו זאָגט דערווייל גאַנץ הלל דעם זייגער. — לאָמיך זען נאָך איינס, — זאָגט סטאַניסלאַוו געלאַסן, אָפּלייגנדיק די סחורה אָן אַ זייט.

— ווייזן אַן אַנדערס, — זאָגט גוזיקאָוו סוחריש. ער דרייט איבער די פּליושענע איבערבעטלעך. פאַרבלאָנדזשעט צו די בעסערע זייגערלעך, מוז שוין אַרויסנעמען איינס. — אויך אַ גוט זייגערל. — סטאַניסלאַוו נעמט עס צום אויער. — נישט אַזוי שטאַרק ווי יענער, אָבער אַ גוטער זייגער.

— וויפל ?

— פופצן דאָלאַר.

— און יענער ?

— צוואָנציק.

— צוואָנציק דאָלאַר !

סטאַניסלאַוו האַלט שוין ווידער דעם זייגער, אָט דעם וואָס גייט ווי אַ באַן. ברוך נעמט אים פלינק אַרויס פון האַנט. עפנט די הינטערשטע קאָפּערטע. ווייזט די שטיינער, זיבעצן שטיינער, שווערט זיך מיט כּלערליי שבועות, ער קאָסט אים אַליין אַכצן, נאָר גאָרנישט, אַזוי ווי סטאַניסלאַוו האָט טענות, גיט ער אים אַוועק פאַר זיבעצן, מילא, נו, זעכצן, פּטור, נו, פופצן, פאַרטיק. אַלץ, וואָס ער דאַרף איצט געבן איז פינף דאָלאַר, יענע פינף פון יענעם זייגערל איז שוין צען, בלייבט באָך איין פינפערל. נישקשה, סטאַניסלאַוו איז אַ בטוח, אפילו אויף פופצן דאָלאַר, אפשר וויל ער אַ קייטל צום זייגער ? ער האָט פיינע קייטעלעך, גוט צו פאָטאָגראַפירן, און פאַר דעם ווייב עפּעס ?

אַ קייטל, אַ פינגערל, אויררינגלעך, פינגערלעך. סטאַניס-לאַוו מיט זיין פאַמיליע איז שוין באַצירט, אים איז גוט, פריי-לעך אויפן האַרצן, הייסט ער מאַריאַן שטעלן אַביסל בראָנפן, באַנעצן.—נו, יאַנקל, טרונק !

סטאַניסלאַוו לאַכט פון יאַנקלען, ווי ער פאַרכלינעט זיך, גיט אים אַ פּאַטש אין פּלייצע, גיסט אָן נאָך אַ גלעזל, אַ הויב זיין גלעזל, אַ קער איבער.—נו, וואָס טרינקסטו נישט ? מאַריאַ, גיב פאַרבייסן.

— דיך, יאַנקל, האָב איך ליב.—דערקלערט אים סטאַניס-לאַוו נאָכן וויפלטן גלעזל. — דו ביסט אָן ערלעכער ייד. אַ פיי-נער ייד. גייט נישט דער זייגער, גיסטו אָן אַנדערן, אַ בעסערן, אַזוי דאַרף זיין. די אַנדערע יידן, אַ רוח אין זייערע מאַמעס, גנבים, שווינדלער, דערהרגעט וואָלט איך זיי, אַלעמען דער-הרגעט ! — ער גיט אַ שאַר מיטן אָרעם איבערן טיש, אָפּצווווישן אַלע יידן, פאַרטשעפעט דאָס פלעשל, כאַפּט עס אונטער, באַ-

טראַכט דאָס ביסל מיט אַ שמייכל, קערט איבער דאָס העלזל, גיסט מער אויפֿן טיש ווי אין גלעזל, צו ברוכן אין גלעזל שטופּט ער אַריין דאָס גאַנצע העלזל: טרינק, יאַנקל! טרינק, זאָג איך דיר! אַנישט, הרגע איך דיך! דו פֿאַרדאַמטער ייד...
סטאַניסלאַווס אָרעם לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן טיש, בלייבט ליגן אַ געליימטער, אַ שווערער, דער קאָפּ פֿאָלגט נאָך, פֿון דער אונטערשטער ליפּ רינט אַ שיטער שטראָמעלע, די האָר קלעפּן צום נאַסן שטערן, דער גאַנצער קערפּער לאָזט זיך אַרונטער, די הויזן פֿול מיט שיטער לייב.

איצט קאָן מען שוין זיך אויפֿהויבן, באַשליסט ברוך. אים איז וואַרעם. ער טוט אַ נעם דאָס רענצל. עפּעס אַזוי גרינג. האָט מען אָקאָרשט נישט אַרויסגענומען עפּעס? ער עפֿנט עס. זייגערלעך, פֿינגערלעך, דימענטן בלישטשען איצט אַזוי. שפּרינגען אים אַנטקעגן. שמייכלט ברוך, פֿאַרמאַכט דאָס רענצל, געזעגנט זיך מיט מאַריאַן, סטאַניסלאַווס ווייב. דער מאַן אירער שלאָפֿט מיטן קאָפּ אויפֿן טיש.

אויפֿן באַן כאַפּט אויך ברוך אַ דרימל. ביי אַ טרייסל גיט ער אַ כאַפּ זיין רענצל און דרימלט ווייטער. ערשט אין שטאָט דערפֿילט ער זיך וואַך, מער נישט—אין מויל אַזוי פֿאַסקודנע, און אין קאָפּ... סטאַניסלאַווס הויז מוז מען שוין אויסמיידן, זיך אויסהיטן, סטאַניסלאַוו איז ערגער ווי דער שעריף.

— וואָס איז שוין היינט געווען? — פֿרעגט קיילע, זעענדיק, ווי ברוך האָט נישט אויסגעזופּט דעם גאַנצן טעלער יויך.

— גאָרנישט. וואָס זאָל זיין?

— טאָ וואָס עסטו נישט?

— האָסט אפֿשר אַ זויער אוגערקעלע?

— האָסט שוין פֿאַסטעפּקעס? אָבער באַלד דערשמעקט.

— פֿאַסטעפּקעס, — זאָגט נאָך ברוך אומעטיק, און פֿאַרקוקט זיך אויף סטאַניסלאַוון...

— נאַ! דאָ האָסטו דיר דיין אוגערקע! — גיט קיילע אַ שטעל אַוועק אַ טעלערל מיט אַ צעפֿערטלטער אוגערקע.

סטאַניסלאַוו פאַרשווינדט. ברוך דערקוויקט זיך מיטן ערשטן פערטל.

— ווייטער, אַז דו וועסט זיך אָנטיאַסיען, מעגסטו שוין דאָרטן בלייבן אויף פאַרבייסן אויך.

— וווּ?

— דאָרט, כ'ווייס, וווּ דו טרינקסט?

— ביי מאַריאַן.

— וואָס פאַר אַ מאַריא?

— קענסט נישט מאַריאַן? יאַנקל מיט מאַריאַן.

— וואָס פאַר אַ יאַנקל?

— אַי, קיילע, קיילע, הערסטו, קיילע, פע! בעזימער איז דאָך פאַסקודנע, שלעפּן טאַסקען, שעריפּס — גאָלד איז נאָך מיאוסער. פע!

— פון ווען אָן איז עס געוואָרן פע?

— אַלעמאָל געווען פע.

— פע, פע! זיך צעפּעקעט!

— אַי, וואָס ווייסטו?

— איך ווייס, אַז ביז גראָס האָט זיך געשלעפּט מיט די בעזימער, איז ער געווען אַזאַ קבצן ווי דו, און איצט, קרום זיין שאָדן, — אויף אונז געזאָגט געוואָרן, אַ קראָם אויף לי-בערטי.

— גראָס! אַ ראיה פון גראָסן! וואָס גראָס קאָן, קאָן איך נישט.

— דאָס ווייס איך.

— וואָס ווייסטו, וואָס? ווייסט ווו גראָס האָט געמאַכט זיין געלט? ביי נאַפּקעס, קורוועס, דאָרט איז ער רייך גע-וואָרן! גראָס!

— שטי—לער! — האָט קיילע אויסגעקוויטשעט אַ שטילן קוויטש, אַ קניפּ-טוענדיק זיך אַזש אין באַק. — די קינדער...

ברוך האָט אַ וואָרף געטון אַ קוק אין צווייטן צימער, ווו די קינדער, מאָריס און לואי, זענען געזעסן איבער די ביכלעך, געצוימט די צונג. אָפּגעהאַקטע ווערטער זענען דאָך

געפֿאַלן: אויף דער עוועניו, ביי זיי, ביי די, דאָרט האָט ער געמאַכט זיין געלט, פֿינגערלעך, קימאָנאָס...

— ווער שוין אַנטשטומט!

ברוך האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

גייענדיק פֿון קיך אין שלאָף-צימער, איז ער פֿאַרבייגע-גאַנגען דעם צימער, ווו די יינגלעך זענען געזעסן און גע-לערנט. אַ האַלב-שיכורער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט אויף ברוכס פּנים, קוקנדיק אויף זיינע זין. — סטאַטקעס, — האָט ער אַ זאָג געטון, און דער שמייכל איז שוין געוועזן אויפֿן וועג צו אַ געלעכטער. די יינגלעך האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ, דערזען דעם טאַטנס שמייכל, האָט אַ געלעכטער זיי גענומען שטיקן.

— וואָס לערנט איר, וואָס?

— זשעאָמעטרי [1], — האָט לואי, דער יינגערער, דאַרער, אַן ענטפֿער געטון, און אין דעם וואָרט זשעאָמעטרי האָט זיך געפֿילט אַ ספּרונזשינע-געלעכטער, אָנגעצויגן צום פּלאַצן.

— זשאָמעטרי? — דאָס וואָרט האָט געקלונגען אַזוי מאָד-נע.—זשאָמעטרי, — האָט ברוך איבערגעחזרט, — וואָס איז דאָס אַזוינס די זשאָמעטרי?

— זשעאָמעטרי, — האָבןביידע, דער דאַרער לואי און דער דיקער מאָריס, אויפֿגעכאַפּט דאָס וואָרט מיט אַמאָל. ביידנס שמייכלען האָבן זיך באַגעגנט, און לואיס שמייכל, די-נער און שאַרפֿער, האָט געזאָגט: לאָז מיך! — זשעאָמעטרי איז דאָס וואָס מ'מעסט. די ערד מעסט מען.

— אַ זעמליעמער?

— אַ וואָס?

— די ערד זאָגסטו דאָך.

— יאָ, די ערד, דעם צימער,— האָט לואי געבלאָנדזשעט מיט די לאַכנדיקע אויגן, — אַלץ מעסט מען.

— מעסט, מעסט! — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטון, און

[1] געאָמעטריע.

אַ צופרידענער וואָס זיינע קינדער מעסטן, לערנען,—וועלן שוין נישט זיין קיין פעדלער, איז ער אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער.

3

— יעדן טאָג ווערט אַ נייער פריץ געבוירן, — האָט גוזי־קאָוו געענטפערט דראהליכן, ווען יענער האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז ער האָט שוין באַלד נישט ווו צו פעדלען. דאָס ווערטל האָט ער באַשטעטיקט מיט אַ מעשה, וויאַזוי ער האָט איין „גאי", פון די כיטרע, די וואָס ווייסן אַלץ, אָפּגע־פריצעוועט איין מאָל, און נאָכדעם ערשט נאָכאַמאָל, אָבער אַזוי ווי אין פסוק שטייט. דראהליך איז, פאַרשטייט זיך, נישט געבליבן קיין בעל־חוב, דערציילט נאָך אַ שענערע מעשה, ווי ער האָט [אָפּגעפריצעוועט אַ „גאיע". ווען מ'איז אָבער אַרויס־געפאָרן אין אַ שטעטל, איז מען געגאַנגען איבער די גאַסן ווי אויף אַ טייך, וואָס שפּאַלט זיך שוין, אָט־אָט הויבט אָן גיין די קריעה. די אויגן האָבן געטאַפּט די הייזער, דער נאז האָט גע־שמעקט, פון דאַנען דאַרף מען זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן, אַהער מעג מען נאָך אַריינגיין.

האָט פּאַסירט אַ קלייניקייט. אין דעם הויז, אויף וועלכן גוזיקאָוו האָט געהאַט אַ הכשר־סימן, האָט זיך אַריינגעקליבן אַ טריפהנער ביין. אַריינגעקליבן זיך, נישט לאָזנדיק ווייסן גוזי־קאָוון. מיט דער השערה, אַז דאָ, ביי דזשאהנען, וועט ער די וואָך קריגן אַזויפיל און אַזויפיל, און אַז ער וועט פּרווון פאַר־קויפן נאָך עפּעס, האָט גוזיקאָוו אָנגעקלאַפּט אין טיר, גרייט אויסצורופן: העלאו, אלד דזשאהן, און הערן: העלאו, אלד מייק! דערזען דעם טיר־עפענער, איז דאָס מויל געבליבן אָפן, די אויגן זענען פאַרגליווערט געוואָרן.

— איז אָט ביסטו דאָ!

— איך... איך... בין געקומען זען... מר. דזשאהן... איז מר. דזשאהן דאָ?

— אַזוי, ווילסט זען מיסטער דזשאהן, נו מיסטער דזשאהן איז נישטאָ. מר. דזשים איז דאָ, אים ווילסטו נישט זען?

— מר. דזשים?

— יאָ, מר. דזשים! קענסט אים נישט, וואָס? קענסט אים נישט, האַ?

אַ מענטשלעכער לולב האָט זיך געטרייסלט אין אַ פּאָר געזונטע מענטשלעכע הענט. דער לולב האָט זיך איינגעשרומפּן, קלענער, דינער געוואָרן, ווען ער קאָן זיך אַרויסגליטשן פון די קליידער, אַנטלויפן, אַ נאַקעטער באָדיי, אַבי נישט...

— אָבער דיך געכאַפּט! און, ביי דזשימיני, דאָס מאָל לאָז איך דיך נישט אָפּ. גיב אַהער דיין רענצל! גיב דאָס רענצל, זאָג איך דיר!

דאָס רענצל מיט זייגערלעך, פינגערלעך, קייטעלעך, שפּילקעס, וואָס האָט זיך אַלע מאָל אַזוי לייכט אַ הויב געטון צום עפּענען פאַר אַ קונה, האָט איצט געריסן די הענט אויף אַרונטער. דזשים קאָן נישט וואַרטן ביז ברוך וועט אים דער-לאַנגען דאָס רענצל. איינקלעמענדיק שטאַרקער גוזיקאָווס רעקל, קאַמזויל און אויבערשטע העמד צווישן די פינגער, גיט ער מיט דער צווייטער האַנט אַ ריס דאָס רענצל, אַז עס גיט זיך אַזש אַ וויג. ברוכס קערפּער לאָזט זיך נאָכן רענצל.

— אַזוי?

ברוך האָט נאָך געזען ווי דזשים האָט אַ וואָרף געטון דאָס רענצל, נאָכדעם האָט זיך די וועלט צעשפּאָלטן, צעשפּלי-טערט אויף שפּיציקע פּיין פּיצלעך, און די שאַרפע, הייסע שפּיצן, שטעכן, בריען אין נאָז, אויג, שטערן, קאָפּ.

— געוואַלד! העלף!

פון אונטן אַרויף האָט אים עמעצער פאַרמאַכט דאָס מויל, אַז די אונטערשטע ציין האָבן אַרויפגעטריבן די אויי-בערשטע ביז צו די אויגן, דעם מאַרך.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויפגעזעצט, באַ-

טאַפּט דאָס פּנים, דאָס פאַרלאָפּענע אויג, ווו עסיק, האָט ער געפּילט, איז געפלאָסן, דעם קין, וועלכער איז דורך אַ נס געבליבן אויף זיין פּלאַץ, האָט ער מיט זיין איין אויג דער־זען נישט ווייט פון זיך זיין רענצל אַ געעפנטס. פון רענצל האָט ער איבערגעפירט זיין קוק צו דער טיר פון הויז, די טיר איז געשטאַנען אַ טויבע, די פענסטער בלינד, קיין דעך פון אַ מענטשן, און די גאַס אויך אויסגעליידיקט. די הייזער פון ביידע זייטן צעבראָכענע ווענט, דער דאַך אַרונטערגע־ריסן. אַנטלויפן פון דער פּוסטקע. זען אַ לעבעדיקן מענטשן. זיין צווישן יידן. אַהיים! דאָס רענצל. איבערלייגן, איבער־קוקן, וואָס פעלט. אינדערהיים. דאָרט שוין טון אַלץ, אייז! אַ שטיקל אייז צום אויג, צום פּנים, אַהיים!

אויף קיילעס „ווי איז מיר! וואָס איז מיט דיין אויג!“, האָט ער ברוגז געענטפערט: ווייקע נישט! — די צוויי יינגלעך וואָס זענען אָנגעלאָפן אויף דער מאַמעס געשריי, האָט ער אַוועקגעטריבן — גייט צו אייער אַרבעט! — ער איז אַוועק גלייך אין שלאָף־צימער, קיילע איז נאָכגעגאַנגען, נאָכדעם גלייך אַרויס־געקומען.

— וואָס איז געשען, מאַ?

— גאָרנישט! — האָט זי צוגעוואָרפן די קינדער, אַוועק־געאיילט, און זיך צוריקגעקערט מיט אַ פענכער אייז. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך צוגעהערט צום שלאָף־צימער, און פון דאָרט האָט די שטילקייט אַרויסגעשריגן: עפּעס אַ מיאוסע זאַך האָט פּאַסירט.

— האָט עמעצער געשלאָגן דעם פּאַ? — האָט דער עלטע־רער, פּעמפּיקעוואַטער מאָריס געפרעגט דעם יינגערן, דאַרן לואי.

— לאָז מיך צורו! — האָט לואי זיך אַ בייזער געטון. מאָריס האָט נישט געלאָזט צורו, און לואי איז שוין געווען גרייט אויפשפּרינגען, צעפירן די האַרטע קליינע קולאַ־קעס אַנטקעגן זיין ברודערס פּנים. די מאַמע איז אַרויסגע־קומען פון טאַטנס שלאָף־צימער, טראָגנדיק אַ ליידיקן טעלער,

און פון הינטער דער מאַמעס טריט, פון דעם ליידיקן טעלער האָט עס סודותדיק אַרונטערגעפּליסטערט: זאָל זיין שטיל היינט. די יינגלעך האָבן, מעשה יתומים, געגעסן זייער מאָל־צייט, זיך געהיט נישט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

ביים מאַכן די לעקציעס נאָכן עסן, האָט די שטיל־קייט געפּלאַצט, דער דאַרער לואי איז געשפּרונגען אַרום זיין פּעמפּיקעוואַטן ברודעו׳, געפּאָכעט מיט די קולאַקעס, געצילט אין געזיכט, און דער דיקער מאָריס האָט בעריש אָפּגעווערט דעם ברודערס אָנגרייף, געשמייכלט נאַרישעוואַטע, נעמענדיק עס אַלץ פֿאַר שפּאַס. דער דאַרער לואי איז נאָך ערנסטער גע־וואָרן, זיין אָנגרייף העפטיקער, צווינגנדיק דעם ברודער זיך שלאָגן, ראַנגלען. שטולן פֿאַלן, דער טיש רוקט זיך, צוויי יינגלשע קערפּער ראַנגלען זיך. דאָס דינע קערפּערל וויקלט זיך אַרום דעם דיקן, דער דיקער קערפּער דריקט מיט זיין משא, וויל צונאָגלען די פּלייצע צום דיל.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טומל, האַ?

די ברידער האָבן עפּעס יאָ געהערט אַ שטימע פֿון י ע־נ ע ם צימער, די מוסקולן האָבן נאָכגעלאָזן אַ כּהרף עין, אָבער אין דעם כּהרף עין האָט לואי דערפּילט, זיין ברודערס דיקער קערפּער איז אַזוי לויז. אַ דריי, און דער ברודער איז איבער־געוואָרפֿן, לואי איז פֿון א ו י ב ן, ע ר וויל איצט צונאָגלען דעם ברודער. דער געראַנגל העפטיקער ווי פֿריער נאָך. מ׳האָט נישט געהערט דעם טאַטנס טריט, זיך געכאַפּט ווען ער האָט אַן עפֿן געטון די טיר.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שלאָגן זיך, האַ?

— ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ, — האָט זיך דער על־טערער פֿאַרענטפֿערט.

— פֿאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן?

לואי שווייגט.

— מ׳פֿרעגט דאָך דיר, פֿאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן?

לואי דרייט אַרויס דעם אויער פֿון צווישן דעם טאַטנס פֿינגער, שווייגט.

— פאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן? — טרייסלט שוין דער טאַטע זיין קינד.

— ער לאָזט מיך נישט צוגרייטן די געשיכטע-לעקציע, — זאָגט לואי צום דיל מער, ווי צום טאַטן.

— פאַרוואָס לאָזטו אים נישט לערנען? — פרעגט שוין דער טאַטע מיט אַ נייטראַלער שטים.

— ווער לאָזט אים נישט? ער איז צעדרייט.

לואי גיט אַ קוק אויף זיין ברודער. אַ נס וואָס ד ע ר שטייט דאָ, דו וואָלסט שוין געוווּסט, וואָס צעדרייט איז?

— פע, נישט שיין זיך שלאָגן. גוים שלאָגן זיך. גייט, מאַכט אייערע לעקציעס. וואָס לערנסטו? — פאַרהאַלט ער דעם יינגערן.

— געשיכטע.

— וואָס פאַר אַ געשיכטע?

— גריכישע.

— וואָס פאַר אַ געשיכטע האָבן זיי?

לואי פרעגט דעם טאַטן מיט אַ קוק: וואָס מיינסטו? זעט דעם טאַטנס פאַרבאַנדאַזשירט אויג, און לאָזט אַרונטער די אויגן.

— איך מיין, וועגן וואָס דערציילט זיך דאָרט?

— אָ, וועגן מלחמות, העלדן, גבורים?

— זיי האָבן אויך געהאַט גבורים?

— איך זאָל עס דענקען! אכילעס אַליין...

דאָס קינד דערציילט דעם טאַטן וועגן העלדן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן צוליב אַ שיינער פרוי. דער טאַטע הערט, און דאָס איינע אָפענע אויג קוקט ערגעץ אין דערווייטן. — און יידישע געשיכטע לערנט מען דיך?

— יידישע? ניין. אַביסל, נישט פיל.

— האָסטו געלערנט וועגן יידישע גבורים?

— גבורים? יידישע?

— יאָ. ווייסטו גאָרנישט פון שמשונען, שמשון הגבור?

— שמשון?

דער טאַטע דערציילט דעם זון פון שמשונס גבורות ביז דלילה האָט אים אָפּגעשוירן. ווען עס קומט צו דעם, ווי שמשון איז שוין בלינד, גיט דער טאַטע אַ זיפץ און דערציילט ווײַ־טער ביז תמות נפשי עם פּלשתּים. לואי קוקט אויפן טאַטן. כאַפּט דער פאָטער אַן אומרואיקן קוק אויף זיין זון. לואי באַ־נעצט מיטן צונג זיינע טרוקענע ליפּן, און פרעגט מיט אַ הײַ־זעריקער, הייסער שטימע: האָסטו אים צוריקגעשלאָגן?

— ווע מען?

— דעם... וואָס...

— דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. איך בין געפאַלן. געפאַלן, צעקלאַפּט דאָס אויג. גיי לערנען, גיי! — ער האָט אים אָנגענומען בײַ די אַקסלען, אַ שטופּ געטון — גיי, — און אַליין אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין שלאָף־צימער.

לואי איז צוריקגעגאַנגען צום טיש, צו זיינע ביכלעך. ער האָט אַ ריר געטון אַ טאָוול, אַ שמייך געטון דאָט ביכל, די אונטערשטע ליפּ זיינע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט. אַ שאָטן פון אַ וואָרט „ליגנער! ליגנער!” האָט זיך געגליטשט איבער דער ליפּ, אַרויסשרייען דאָס וואָרט האָט ער נישט געקענט. ער האָט זיך אַ וואַלגער געטון אויף דער קאַנאַפּע מיטן פּנים אַרונטער, די אָרעמס האָבן אַרומגענומען דעם קאָפּ.

4

דאָס פאַרלאָפענע אויג איז אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג אָפּגעגאַנגען, אָבער גוזיקאָוו האָט שוין מער קיין אויג נישט געהאַט אין די שטעטלעך אַרום פּיטסבורג. אויס פעדלען. ווען מ׳טראָגט אים גאָלד אַנטקעגן, גייט ער מער נישט. גענוג. מיט די פּאָר דאָלאַר וואָס ער האָט, קען ער עפענען אַ יובילער־געשעפט אין שטאָט, אויף ווײַלי עוועניו, צווישן די „שוואַרצע”, און פאַרדינען מער, ווי בײַ די „האַנקיס”, ווו יעדער הונט

איז באַלעבאָס אויף זיין הויף. הינטערן טאַמבאַנק איז ער באַלעבאָס.

טייערע קונים די „שחורים", האָט אַ שחור געלט, איז פאַר אים קיין זאַך נישט צו טייער. דאַרף ער געלט, איז פאַר אים קיין סומע צו קליין. פאַר אַ פּערטעלע וועט ער פאַרזעצן דעם זייגער, אים נישט אַרויסנעמען, און נאָכדעם קויפן דעמזעלבן זייגער פאַר אַ פינפערל. איין צרה — ער דערקענט זיי נישט. פון אָנהויב, הערנדיק די פריינטלעכע באַגריסונגען פון איינעם צום צווייטן, דעם ברייטן גוטמוטיקן געלעכטער ביים באַגעגענען זיך, האָט זיך אים געדוכט, אַז נישט נאָר זענען אַלע נעגער גוטע באַקאַנטע, נאָר קרובים, איין משפחה שוואַרצע. וואָס לענגער ער איז געשטאַנען אין זיין קראָם, אַלץ מער איז ער געוווויר געוואָרן, אַז די „שוואַרצע משפחה" איז אַ גאַנץ גרויסע, און די משפחה איז ווייט פון לעבן בשלום. נישט נאָר רייסט מען זיך ווי קרובים, נאָר מ'בייסט זיך ווי הינט, גאַנץ אָפט בלאַנקט אויף אַ גאָל - מעסער, און דאָס בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן, איז נישט קיין כּורת הברית. דער גרוי-בלויער גאָל-מעסער, כאָטש ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען, פלעגט אָבער אַ שימער טון פאַר זיינע אויגן יעדעס מאָל, ווען אַ בייזער פרעמדער נעגער איז געקומען עפּעס קויפן. גוזיקאָוו האָט אַ געניט אויג. ער דערקענט ווער עס קומט קויפן, און ווער בלויז קוקן, אָדער גאָר אויסקוקן... אַזאַ מרגל האָט ער נישט אָפּגעלאָזט פון אויג, און יעדעס מאָל, וואָס דער מרגל האָט אַ פיר געטון מיט די אויגן-ווייסלעך — גרויסע ווייסלעך, וואָס דערמאָנען אָן בלוילעכע אָפּגעשיילטע האַרטע אייער — האָבן זיינע שוואַרצאַפּלען געלויערט פון אויג - באַהעלטעניש, צי בלאַנקט נישט אויף אַ גאָל-מעסער, און אָנשטאָט נאָכגיין דעם מרגל—געשטאַנען הינטערן שטעל — דאָרט איז פאָרט זיכערער.

איז געשטאַנען גוזיקאָוו הינטער זיין שטעל, ווען פאַר זיינע אויגן האָט עפּעס אַ בלאַנק געטון. וואָס אַזוינס, האָט ער נישט געזען דייטלעך. ער האָט אויך נישט געהערט קלאָר די עטלעכע ווערטער, ער האָט אָבער אַלץ באַנומען. דאָס איז עס.

אַ סוף, אַ פּהן ביים דוכענען ברעכן נישט אַזוי די אָרעמס, ציען זיך נישט אַזוי אויף אַרונטער, ווי גוזיקאָווס אָרעמס האָבן זיך געצויגן. און געדוכנט האָט ער אפשר אַ מינוט, נישט מער. דער רעוואָלווער האָט שוין נישט געשטעקט ביי זיין ברוסט, נאָר האַרט אין רוקן, שטופּנדיק אים ער זאָל גיין אין דער הינטערשטער טייל פון זיין קראָם, דאָרט ווו די פייער-קאַסע איז. ווען די צוויי — ער וואָלט געמעגט שווערן, זיי זענען געווען ווייסע מיט „שוואַרצע" מאַסקעס — האָבן אויסגעליידיקט די פייער-קאַסע, האָט דער רעוואָלווער ווידער געביטן זיין פּאָזיציע, שוין פאַרן נאָז, און רוקט אים ער זאָל הינטערוויילעכטס, ווי צום אויסגיין שמונה-עשרה, זיך אַליין אַריינרוקן אין דער פייער-קאַסע. מ'שפּאַרט אַריין זיינע פיס, אַזוי ווי צו אַ לאַנגן ליילעך, וואָס הענגט אַרונטער פון בעט, און פאַר זיינע אויגן פאַרמאַכט זיך די שווערע טיר פון דער פייער-קאַסע. דאָס האָט מען צוגעדעקט דאָס דעקל איבער זיין קבר. חשך. לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

ער האָט געקלאַפּט מיט די ביינערדיקע הענט אין די שטאָלענע ווענט, און געשריגן. אוודאי געשריגן, ממעמקים קראַתיך, ביז ער האָט נאָר געהאַט אָטעם. אָבער ווען מאָריס האָט געעפנט די קאַסע, דאָס האָט ער שוין נישט געוווּסט, און לכתחילה גאָרנישט באַגריפן, ווי אַזוי מאָריסן איז גאָר איינגעפאַלן אים זוכן אין קאַסע, און ווי די קאָמבינאַציע איז צו אים געקומען, אַז סך-הכּל האָט ער אים בלויז איין מאָל געוויזן. אַ נס, אַ נס מן השמים. און נס גורר נס. נישט נאָר איז גוזיקאָוו אַרויס פון זיין שטאָלענעם קבר אַ לעבעדיקער, אַ געזונטער, נאָר אויך אַ רייכער, גאָט איז אַ פאָטער. מ'האָט די צוויי חברה נישט געכאַפּט. אויף וויפל זיין קראָם איז געווען פאַרסטראַכירט, אַזוי פיל האָט ער געקראָגן, ווייל זיי, די צוויי, האָבן אויסגעליידיקט, ממש אויסגעליידיקט די קראָם, אַזוי האָט מאָריס געשוווירן. ווען ער איז אַרייַנגעקומען אין קראָם און דערזען די ליידיקייט, האָט דאָס אים אַ שטויס געטון, גיין

עפּענען די פייער-קאַסע, זען צי האָט דער טאַטע נישט אַריינגעלייגט אַהין אַביסל צירונג, און אַנשטאָט צירונג האָט ער דאָרט געפונען דעם טאַטן אַ פאַרהלשטן.

אַי דער מאָריס! נישט געהאַלטן פון אים. אַזאַ אָנגעגאָסענער, נישט רירעוודיקער, האָט קיין חשק נישט צום לערנען. ליב געהאַט דעם קלענערן, לואין, דעם דאַרן, זשוואַווען, מיטן פלינקן קאָפּ, ווייזט זיך אַרויס, אַז צו געשעפט האָט דער שוין גאָר שכל. יאָ, דאָס האָט מאָריס אים געשטעלט אויף די פיס. מאָרריס מיט זיין עדות זאָגן. און ווען מ׳האָט שוין געקראָגן דאָס געלט, איז דאָס געווען מאָריסעס איינפאַל, נעמען דאָס ביסל צירונג וואָס מ׳האָט באַהאַלטן, צוקויפן נאָך סחורה, און עפענען אַ געשעפט דווקא אויף ליבערטי גאַס — „גאָס ענד סאָן דזשועלרי קאָ״.

— גאָס, — אַנדערש האָט ער נישט געוואָלט. — ווער קען עס אַרויסרעדן גו-זי-קאָ-וו... ? אין שול האָט מען אים גערופן גאָס, לייכטער און קלינגט אַ סך שענער ווי גוזיקאָוו. אַלטינקער. פאַרלאָז זיך אויף מיר!

ברוך גאָס קוועלט אָן פון זיין דערוואַקסענעם זון דעם בר דעת. פאַרשטייט אַ געשעפט. דוכט זיך וואָס, מ׳קויפט פאַר צוויי, מ׳פאַרקויפט פאַר פינף, דאָסזעלבע פעדלען, אָבער פאָרט אַנדערש.

די אַנדערשקייט האָט ברוך געפילט נישט נאָר אין דעם מסחר, פון האַנדלען אין די טויזנטער, האַלטן אַן אמתן דימענט אין האַנט נישט נאָר גלעזלעך, נאָר אויף זיך גופא האָט ער דערזען, ער ווערט אַנדערש. זיינע הענט. זינט ער האָט אויפגעגעבן די בעזימער, האָט קיין זאַך זיינע הענט נישט געריבן, און דאָך די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געשטאַנען אויף ווויליעוועניו, זענען זיינע הענט געווען שוואַרץ, די שוואַרצקייט פון די קונים איז געליגן אויף זיינע הענט. ערשט דאָ אויף ליבערטי, אין דער גרויסער ברחבותדיקער קראָם, זעט ער, זיינע הענט ווערן ווייסער פון טאָג צו טאָג. עס געפעלט אים, און ער העלפט אַרויס זיינע הענט, זיינע נעגל ווערן ווייסער, ריי

נער. פּילן נעגל, ווען האָט ער אַפילו געדענקט וועגן דעם? איצט פּילט ער זיי, און די נעגל זענען שענער, ווייסער. דאָס פּנים, דעם נאָז — פּילן קען מען נישט, אָבער אים דוכט, דאָס פּנים ווערט אויך ווייסער, די האָר קעמען זיך אַזוי גלאַט אַרויף, גרויסע „ווינקלען“ שוין. דאָס קימערט אים נישט. פאַרקערט, ווען די האָר גייען אינגאַנצן אויס פון פאָרנט וואָלט געווען נאָך שענער, מער געשעפטס-מאַן. איז ער נישט אַ גרויסער געשעפטס-מאַן, שטייט ער נישט מיט אַ קרום אויף ליבערטי? פאַרגינען אים נישט די דראהליכס: — געוואָרן אַ גאָלדשמיד, קאָוועסט גאָלד, קאָוועסטו? וואָס הערט זיך עפּעס מכּה נעמען אַ בינטל בעזימער אויפן אַקסל?

— אויסגעקערט, דראהליך, אויס בעזים! פאַרשטייסטו מיך, דער בעדער בלייבט ביים ביטל, דער קירזשנער ביים היטל, און דער בעזים-פּעדלער ביים ריטל. גוט אַריינגעזאָגט. זאָל ער וויסן. פאַרגינט אים נישט. אַרומגעגאַנגען, געוואַלעט מיט די אויגן, געמעגט שווערן פאַרנומען זיינס. נישקשה, גענוג געהאָרעוועט, גענוג שפיכות דמים געהאַט. דערפאַר איצט...

וואַטאָווע פינגער האָבן שטיל געטעפּט אויף דער גלעזערנער שויב פון דער טיר, וואָס האָט אָפּגעטיילט ברוכס חדר מיוחד פון קראָם. ברוך האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען דעם גלאַט-אויסגעפּרעסטן פּנים פון זיין אָנגעשטעלטן, דעם פאַרקויפער: עמעצער וויל אים זען.

— ווער איז דער עמעצער?

דער אָנגעשטעלטער האָט דערלאַנגט אַ קאַרטל: מאָריס ווינטפיעלד, רעאַלטאָר.

— שיק אים אַריין.

— וואָס מאַכט איר, מר. גאָס?

אַזאַ פריינטלעכער וואָס מאַכט איר, געמעגט שווערן אינאיינעם אין חדר געגאַנגען, אַ שאָק מיט יאָרן זיך נישט געזען. מר. גאָס איז נישט אַזוי צוגעלאָזן, אָבער פריינטלעך גענוג צו בעטן זיצן. דער גאַסט זעצט זיך אַוועק, פאַררויכערט, מכבד דעם באַלעבאָס, דערפרעגט זיך ווי גייט עס אין געשעפט.

געשעפט אין אַלגעמיין, און ערשט דאַן קומט ער צו זיין געשעפט — דאָס הויז אין דעם איסט ענד.

ברוך גאָס ווייסט שוין אַלע מעלות פונם הויז. עס איז אינם אַריסטאָקראַטישן געגנט, גרויס, רחבותדיק, אַ גרויסער הויף, אַ פּאָסעסיע אַ גאַנצע, און מ'קען עס קריגן פאַר אַ שיבוש, מוז פאַרקױפט ווערן, די באַנק וויל עס צונעמען. דאָס אַלץ ווייסט שוין ברוך גאָס פון מר. ווינטפיעלדס פריערדיקע וויזיטן, אָבער מר. ווינטפיעלד ווערט נישט מיד אויסצורעכענען די מעלות נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און ברוך הערט. אַ הויז אין דעם איסט ענד, אַ הויז אַ פּאַלאַץ, אָבער וואָס וועט ער טון מיט אַזוי פיל צימערן, אַזאַ הויף, ווי וועט קיילע זיך אויספּאָרען דערמיט. סיידן אַ דינסט אַרייננעמען. נאָך ווערן דיקער. לויפט שוין אַזוי אויך צו דאָקטוירים. זאָלן זי כאָטש נישט קראַנק מאַכן. און אַ יידישן מאָלצייט? אַ שטיקל הערינג? ער דאַרף זיך בּאַראַטן מיטן ווייב.

מר. ווינטפיעלדס פּנים לויכט אויף: דער ריכטיקער געדאַנק! ווען עס קומט צו אַ הויז, האָט די פרוי דאָס לעצטע וואָרט. — ער האָט מיט אַ טאָג פריער, אין דער שטיל, ברוך זאָל נישט וויסן, אַרויסגענומען די מרס. גאָס אָנקוקן דאָס הויז, און יענע איז צוגעזאָגט געוואָרן צו דעם. — ווי וואָלט געווען, מ'זאָל נעמען די מרס. גאָס, און אינאיינעם אַרויספאָרן איצט אין זיין אויטאָמאָביל?

ווידער טעפּן וואַטאָווע פינגער, עמעצער וויל זען מר. גאָס.

— ווער איז?

— מר. דרעליך צי דראליך, אָדער דראַליק.

— מאָריס קען אים זען.

— ער זאָגט, ער דאַרף א יי ך זען.

— איך בין „אין קאָנפערענץ"‚—די טיר פאַרמאַכט זיך.

איבער ברוכס פּנים לויפט איבער אַ וואָלקנדל. וואָס טוט ער ווידער דאָ, דער בעזים-פעדלער? ער איז צופרידן, אַז ער

זעט אים נישט. צוליב אים אַליין זיך געמעגט אַרויסציען פון „סענטער עוועניו”, פטור ווערן פון אַלע בעזים-פּעדלער. ער דאַרף אים זען. מ'ווייסט שוין. זען אין געשעפט מיינט, אָדער אַ גמילות-חסד אָדער אַ חתימה אויף אַ וועקסל.

— נו, וואָס דענקט מר. גאָס מכּה אַרויספאָרן איצט?

— אַרויספאָרן קען מען, דאָס שאַדט נישט. ווי זאָגט מען, קויפן צי נישט קויפן, דינגען זיך מעג מען, אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך נישט באַשלאָסן, צי וויל איך זיך גאָר ציען אין יענער געגנט. איר זענט דאָך אַ יאהודי, ניין? נו, איר פאַרשטייט, איך האָב ליב אַ שטיקל העריגג, אַ פריש שטיקל הון, גיי אַמאָל אַריין אין אַ שול, ראש-השנה און יום-כּפּור איז דאָך אָפּגערעדט, און דאָרט...

מר. ווינטפיעלד האָט אויך האָלט אַ כּשרן מאָלצייט, ער נעמט אַפילו אויס זיינע קליענטן, אמתע קריסטן, אין אַ כּשרן רעסטאָראַן, און זיי געפעלט עס. דאָ אַנומלטן האָט ער אויס-גענומען דעם וויים פּרעזידענט פון דער מידלאַנד באַנק...

מר. ווינטפיעלד לויפט שוין ווידער אין זיין רעד צירקל, און ברוך גוזיקאָוו הערט זיך צו צו אים און צו דעם וואָס טוט זיך אין קראָם. איז דראהליך אַוועקגעגאַנגען אָדער זיצט און וואַרט, אויף אים איז צו גלויבן, ער זיצט און וואַרט, זאָל ער זיצן, אים וועט נמאס ווערן.

דראהליך האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט אויפגע-הויבן, אַ קוק געטון אויף דעם אָנגעשטעלטן מיט בעטנדיקע אויגן: וואָס זיצט ער דאָרט אַזוי לאַנג? פאַרוואָס גייסטו אים נישט זאָגן, אַ מענטש וואַרט אויף אים? דער אָנגעשטעל-טער, אָדער ער האָט אַריבערגעקוקט איבער דראהליכן, אָדער אויף אים געקוקט פון די שפּיץ שיך ביז צו די אויגן: גולם, וואָס זיצסטו? פאַרשטייסטו נישט, אַז „ער איז אין קאָנפערענץ” מיינט ער וויל דיך נישט זען? דראהליך האָט שוין גאָר פאַר-שטאַנען, אַז מ'וויל אים נישט זען, האָט געשפּירט, גוזיקאָוו האַלט אים בכּיוון אַזוי לאַנג, ער זאָל מיד ווערן, אַוועקגיין. אַ מכּה! ווייל דו ווילסט, גיי איך נישט אַוועק. דראהליך איז אויס-

געזעסן. ווען גאָס האָט זיך, סוף-כּל-סוף, אַרויסגעשטעלט פון חדר מיוחד אין דער באַגלייטונג פונם מעקלער, האָט דראהליך אים אויפגעכאַפּט מיט די אויגן, פיינטלעכע אויגן וואָס זאָגן: פּעטער מ׳קען דיך! אָבער ווסט זיך פון מיר נישט אַרויס-דרייען.

— אָ! העלאָ, דראהליך!

— העלאָ. איך דאַרף דיך זען אַ מינוט.

— איך בין זייער פאַרנומען.

— אַ מינוט בלויז.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס?

דראהליך האָט אים אָפּגענומען אָן אַ זייט, גערעדט שטיל אָבער דייטלעך. ברוך האָט געענטפערט הויך! נישט איצט. איצט קען איך עס נישט טון. איך בין איצט פאַרנומען מיט אַ גרויסער אונטערנעמונג. קען נישט. וואָלט עס גערן געטון. אַלע מאָל גערן צו העלפן אָן אַלטן פריינט. אָבער איצט קען איך נישט. קום אַריין אַן אַנדערש מאָל. אָלרייט, מר. ווינט-פיעלד, מיר קענען גיין.

ער האָט פאַרלאָזט זיין קראָם, נאָך איידער דראהליך האָט צייט געהאַט אַרויסצוגיין.

3

ברוך גאָס האָט געקויפט דאָס הויז אין דעם מזרח-טייל פון שטאָט. די ערשטע פאַר וואָכן איז דאָס הויז געווען פאַר אים אַ גרויסער, פרעמדער האָטעל, מורא געהאַט צו פאַרבלאָנ-דזשען נישט אין זיין טיר, און פאַר זיין אייגענער דינסט געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, אָט ווי אַ פּראָווינציאַל נעמט שיר נישט אַרונטער דאָס היטל פאַר דעם שיק-יינגל מיט די גאַלונעס אין אַ רייכן האָטעל. די פרעמדקייט האָט זיך גיך

אָפּגעריבן, דאָס גרויס געראַם הויז איז געוואָרן אַזוי באַקוועם ווי אַן אַלטער אָפּגעטראָגענער שוך. די פּיס האָבן זיך געפילט פריי אָט ווי ער וואָלט דאָ זיך געלערנט גיין, געבוירן געוואָרן. דאָס אויג האָט זיך דאָך געבאָדן אין דער נייער רחבות, הנאה געהאַט פון דעם טייערן שפּאַליר אויף די ווענט, פון דער געמאָלטער סטעליע, און דערעיקר — פון דעם גרויסן זאַל, ווו מ׳קען זיצן ביים קאַמין, אין שטעק-שיך, זיצן, קלערן וועגן געשעפט, טויזנטער, וועגן די קינדער, הערן קיילען רעדן וועגן אַ נייעם דימענט, דעם אויטאָמאָביל. טרייבט גוט די אַלטע. ער עפּעס נישט אַזוי... און די חברה, יענע! פון דעם נחת, דער וואַרעמקייט, וואָס שטראָמט אויפן פּנים, הויבט ברוך אָן צו דרימלען, פּאַרלירט דעם נאָז, כאַפּט זיך אויף, דרימלט ווידער איין, ביז דער זייגער, דער טייערער זייגער, אַן אַנטיק, הויבט אָן שפּילן, נאָכדעם אויסקלינגען צען. צייט צו גיין שלאָפן.

ליגט ברוך אויפן פליסענעם מאַטראַץ, ליגט, הערט זיך צו. ס׳אַראַ שטילקייט דאָ איז! קריכט אין די אויערן ממש. דער טומל פון „סענטער עוועניו" גיט זיך אַ קוילער פאַרביי זיינע אויערן. וואָס דאָרטן טוט זיך! די קינדער! און די פּעדלער! און דאָ, שאַ שטיל. אַ ווייס שילדל מיט בלויע בוכשטאַבן „קיינע פּעדלערס דערלויבט", צוגעקלאַפּט צו זיין טויער ווי צו אַלע אַנדערע טויערן, טוט אַ שימער פאַר זיינע אויגן. קיינער קלאַפּט נישט אין טיר, קיינער קומט נישט. יעדע-רער פאַר זיך. אַפילו די פּאָר יידן, וועלכע וווינען אין דער גאַס, זיצן הינטער פאַרמאַכטע טירן, שטאַרן אויף די פענסטער, אין גאַס גריסט מען זיך מיט די אויגן: אויך אַ יאהודי? וואָס דען! דער גוישער שכן, מר. וואַרטהינגטאָן, באַגריסט זיך דווקא מיט די ווערטער: אַ גוט מאָרגן מר... קיינמאָל געדענקט ער נישט זיין נאָמען. וואָס וואָלט שוין געווען, ווען ער רופט זיך טאַקע גוזיקאָוו? — קיילע, שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז?

— די קינדער זענען נאָך נישטאָ?

— לואי זיצט דאָרט בײַ זײַנע ביכער.

— און מאָריס?

— אַזוי פּרי?

— ווייסט נישט, ווו ווערט ער עס פאַרפאַלן גאַנצע נעכט?

— גאַנצע נעכט! וואָס וואָלסטו געוואָלט? ער זאָל זיצן מיט דיר בײַם אויוון? אַ יונג קינד גייט אַרויס אין גאַס אין טעאַטער, מאַלע ווו מ׳גייט.

— און מיט וועמען גייט ער, ווייסטו?

—כ׳מיין, אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס?—האָט זיך קיילע איבערגעדרייט מיטן פּנים צום מאַן.

— כ׳ווייס, גאָרנישט, סתם.

— דו דערצייל נאָר נישט סטאַם סטום. פרעגסט, מיינסטו דאָך עפּעס.

— מר. וואַרטהינגטאַן האָט מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל אָפּקויפן זײַן הויז.

— איז ווי קומט אַ פּאַטש צו אַ גוט שבת? וואָס האָט עס צו טון מיט מאָריסן?

— ביסט אַ יידענע, וואָס פאַרשטייסטו?

— אַבי דו ביסט אַ חכם.

— חכם! מאָריס נעמט אַמאָל אַרויס די שיקסע? דעם וואַרטהינגטאַנס טאָכטער?

— נו, יאָ, כ׳ווייס, יונגע קינדער, מ׳שפּילט באָל צי שמאָל, טעניס צי פּעניס, איז דעריבער?

— דעריבער גייען קאַטשקעס באָרוויס.

— אַנ דו רעדסט, טאָ רעד ווי אַ מענטש.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? אים שטייט נישט אָן דער שידוך. מ׳האָט אים אין דער אדמה. שלאָף!

ער האָט זיך איבערגעדרייט מיטן רוקן צו איר, זיך גענורעט אין דער קאָלדרע, אָט-אָט שלאָפט ער אײַן. דער מאַרך איז אָבער געבליבן וואַך, געמאַכט קאָמבינאַציעס ווי אָפּצוקויפן דעם שכנס הויז אין גלייכן געלט, פּטור ווערן פון אים,

ווייל אים, ברוך גוזיקאָוון, שטייט אויך נישט אָן דער שידוך... מער פעלט אים נישט, אַ שיקסע פאַר אַ שנור. אַז ווינטפּיעלד וועט אַריינקומען, וועט ער מיט אים אַ רעד טון.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מר. ווינטפּיעלד, נישט ווייסנדיק פון קיין פּותר חלום, איז אַריינגעקומען צו גאָסן און אים אָנגעהויבן רעדן, ער זאָל פאַרקויפן דאָס נישט לאַנג-געקויפטע הויז, ער האָט אַ קונה מיט מזומן, מ׳קאָן מאַכן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, האָט אים ברוך געענטפערט: אַז ס׳לוינט זיך פאַר יענעם, לוינט זיך פאַר מיר אויך. איך האָב געקויפט אַ הויז צום וווינען, נישט אויף מסחר, פאַרקויפן.

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט ווינטפּיעלד צוגעגעבן, — אָבער גיט אַ קוק אויף אַלע הייזער, אַלע זענען געבויט געוואָרן צום וווינען, און אַלע זענען צום פאַרקויפן. נישטאָ איין הויז אין גאַנץ אַמעריקע, מיט דער אויסנאַם אפשר פון „ווייסן הויז", וואָס מ׳קאָן נישט קויפן אָדער פאַרקויפן. דערעיקר איז געלט, און דאָ — אַ מזומנער קונה, מיט ריוח.

ברוך איז געבליבן קאַלט. ער האָט זיך איינגעאָרדנט, ס׳האָט אים געקאָסט געלט, וווּ וועט ער זיך איצט קלייבן?

— וועגן דעם דאַרף זיך מר. גאָס נישט זאָרגן. ער האָט פאַר אים אַ דירה אָן אַנטיק.

— ווו אַ שטייגער?

— טאַקע אין דעם געגנט?

— ווו אין דעם געגנט?

— אַ פּאָר בלאָק אַוועק.

אין ברוכס אויגן האָט אויפגעשיינט אַ שמייכל. הייסט, ער ווייסט נישט פון שכנס הויז, אויב אַזוי קאָן מען מאַכן געשעפט. — ניין, פאַר דעם פּרייז לוינט זיך אים נישט. — האָט ער אַ זאָג געטון און זיך אויפגעהויבן.

— די פראַגע איז, צי וואָלט ער פאַרקויפט?

— ווען מ׳גיט אים אַ גוטן מקח, דאַן...

ווען ווינטפּיעלד איז געקומען מיט אַ בעסערן מקח, האָט

ברוך נאָך אַביסל קווענקלען זיך צוגעשטימט, אָבער — איין תּנאַי — קיין מעקלעריי צאָלט ער נישט.

אַרום ווינטפּיעלדס מויל האָט זיך באַוויזן אַ פאַראַכטונגס־בייטש. נאָך אַביסל און דאָס מויל עפנט זיך אַ שפּיי צו טון. אָבער ער שפּייט נישט, דערווייל איז עס אַ ברונים. — איר מיינט נישט צו זאָגן, איך פאַרקויף הייזער פאַר עולם־הבא. איר זענט דאָך אַ געשעפטס־מאַן, צאָלט איר נישט אייער פאַרקויפער דאָ אין געשעפט? איך פאַרקויף אַ הויז, דאַרף איך קריגן מעק־לעריי.

— אוודאי דאַרפט איר, ווער זאָגט דען, אַז ניין, אָבער איך וועל נישט צאָלן.

— ווער דען זאָל צאָלן?

— זעצט זיך אַנידער, וועל איך אייך זאָגן ווער. — ער האָט זיך אַנידערגעזעצט קעגן ווינטפּיעלדן, אַז קני אָן קני האָט זיך אָנגערירט, אים פאַרקוקט אין די אויגן און געוומען אויס־לייגן דעם פּלאַן. ער האָט אַ שכן אַ גוי, ווייסט ער? נו יאָ, איז אָט דעם גוי שטייט נישט אָן צו האָבן אַ יידן אַ שכן. זיין טאַטע, פאַרשטייט איר מיך, איז דאָ געווען אַ ליפעראַנט, אַ פערד גנב, און מיין טאַטע, באַהיט גאָט, אַ דרדקי מלמד. האָט מען אים אין דער ערד, זעסטו? איז אָבער די מעשה, וואָס אָט דער גוי האָט אַ שיקסע, און ער, ברוך הייסט עס, האָט אַ זון, ס'הייסט, צוויי זין, אָבער דער עלטערער, איר ווייסט דאָך, שכנים... איז אָט דער שידוך שטייט אים נישט אָן. פאַר־שטייט? איז אַזוי, דער גוי האָט מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל קויפן זיין הויז. האָב איך אים געזאָגט, איין הויז איז גענוג פאַר מיר צו וווינען, פונדעסטוועגן האָב איך געפרעגט דעם פּרייז, טאָמער דערוויס איך זיך פון אַ קונה. האָט ער מיר געגעבן דעם פּרייז און אַפילו צוגעזאָגט מעקלעריי. איצט פאַרשטייט איר שוין? איר גייט צום גוי, קוועטשט אַרונטער אַ פּאָר טויזנטער, און וואָס איר וועט קריגן מעקלעריי איז...

— אין אַנדערע ווערטער, ווילט איר, איך זאָל פאַר־

קויפן צוויי הייזער און קריגן איין מעקלעריי. דאָס וואָס איר ווילט.
— וואָס הייסט איין מעקלעריי פאַר צוויי הייזער? דעם גויס הויז פאַרקויף איך דאָך. על פי יושר קומט מיר נאָך אַ העלפט.—מר. ווינטפיעלד האָט אַזש אַ דריי געטון מיטן קאָפּ — נאָר גאָרנישט. זאָל מיינס איבערגיין. דער עיקר איז — דער גוי ווייסט נישט, אַז איך קויף עס. פון דער צווייטער זייט, אויב איר וועט פּרובן מיך אַרומגיין, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס הויז וועט זיין מיינס, נאָך איידער איר וועט זיך אַ ריר טון.
— איר זענט דער אמתער געשעפטס-מאַן!
— נו, וואָס דענקט איר, איך האַנדל צוליב עולם-הבא?
ברוך גאָס האָט געהאַנדלט נישט לשם עולם-הבא. ער האָט פאַרקויפט זיין הויז, אַרויס מיט אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר ריוח, געקויפט דעם שכנס הויז, טאַקע דורך ווינטפיעלדן, און דורך אים עס ווידער פאַרקויפט. ווינטפיעלד האָט זיך געדונגען, גע-אַמפּערט, און סוף-כל-סוף נאָכגעגעבן. ווי ס'נישט איז, מאַכט מען אַרום אים אַ פּאָר דאָלאַר. אַ ייד אַ סוחר, קויפט, פאַר-קויפט.
ברוך האָט געהאַנדלט. אָט דער ייד, וואָס האָט געפּעדלט מיט בעזימער, מיט צען סענטיקער צירונג, און וועלכער האָט איצט געהאַט אַ גרויס געשעפט, האָט אין משך פון אַ קורצער צייט געוווּסט אַלע דריידלעך, געוואָרן אַ מבין אויף הייזער, קראָמען, און אַפילו אין די געזעצן געוואָרן אַ גאַנצער בקי. דער מסחר מיט הייזער איז אים געפעלן געוואָרן. דימענטן? דאָ אפשר, אַ פּאָר וואָס ווייסן וואָס אַ דימענט איז, די איבעריקע וואָס ווייסן זיי? אַזוי פיל וויפל ער. געקויפט פאַר צוויי, פאַר-קויפט פאַר דריי, זעקס. ווייטער גאָרנישט. דערפאַר דאָ איז עפּעס אַנדערש. דאָ לאָזט זיך עפּעס אויפטון. האָט ער טאַקע פאַרנאַכלעסיקט דאָס צירונגס-געשעפט, דאָס איבערגעלאָזט צום זון, צו מאָריסן, ער טויג זיך אויס דערצו.
מאָריס האָט לפנים געפרעגט אַן עצה ביים טאַטן, אָבער באַלעבאָס פון געשעפט, האָט ער געפילט, איז ער. און ווען דער באַלעבאָס פון געשעפט האָט איין טאָג דערזען אין קאַסע

פעלט געלט, האָט ער אין אָוונט אַ פרעג געטון דעם טאַטן, צי האָט ער גענומען געלט פון קאַסע.

— יאָ, גענומען, וואָס איז דען?

— וויפל האָט ער גענומען?

— וויפל ער האָט געדאַרפט, — האָט ברוך געענטפערט מיט שטירדעס.

— הער מיך אויס, פּאַפּאַ, — האָט שוין מאָריס גערעדט געשעפטסמעסיק, — קענסט קריגן וויפל געלט דו ווילסט, אָבער פון קאַסע זאָלסטו נישט טשעפּען.

— וואָס?!!!

— פאַרשטייסט נישט וואָס איך זאָג דיר. עס איז נישט קיין פראַגע, וואָס דו האָסט גענומען געלט. דיר געזאָגט, קענסט קריגן וויפל דו ווילסט...

— איך קריגן! ביי וועמען? דו סמאַרקאַטש איינער, וועמעס געלט איז עס? דיינס?

— קיינעמס נישט, — האָט דער זון האַרט געענטפערט, דאָס געלט באַלאַנגט צום געשעפט, און יעדער פעני, וואָס קומט אַריין אָדער גייט אַרויס, מוז פאַרשריבן ווערן. נאָך אַמאָל, אַז דו ווילסט געלט, נעם אַ טשעק. פון יעדער הוצאה מוז זיין אַ רעקאָרד.

— וואָס?! דו זניק איינער! דו וועסט מיר היטן די פינגער? דו...

דער זון האָט אָנגעכאַפּט דעם טאַטנס אויפגעהויבענע האַנט ביים שלאָס-ביין, אים פעסט אַנידערגעזעצט. ברוך האָט זיך אַ הויב געטון צום זון, דערביי דערפילט אָבער אַזאַ שטעכעניש דורכלויפן פון די שפּיץ פיס-פינגער ביז צום מאַרך, אַז ער האָט זיך אַ טרייסל געטון און אַ פאַל געטון צוריק אויפן שטול. דער לינקער פוס איז געבליבן אויסגעצויגן ווי אַ שטעקן נישט איינצובויגן, און די לינקע האַנט פאָלגט נישט — אָפּגענומען. האָט ער אַ הויב געטון דעם קאָפּ בלויז, אַ קוק געטון מיט פאַרבליפטע אויגן אויפן זון, און דאָס מויל געעפנט, ווי

אַ דעקל אויף שטייפע זאַוויעסעס, האָט אַרויסגעשריגן מיט אַ פרעמד קול: קיילע! קיי—לע!

קיילע איז אַריינגעפאַלן אַ צעפּוזשעטע. — וואָס איז? ווי איז מיר! וואָס איז געשען? — ברוך האָט געפּרובט עפּעס זאָגן, דער האַלז איז געווען פול מיט לופט, דאָס מויל פול מיט צונג. — ברוך! ברוך! — האָט זי גענומען טרייסלען איר מאַן, ווי אָפּרייסן אַ טויטן. — גוואַלד! ראַטעוועט! — דער זון איז צוגעלאָפן, אָפּגעשטופּט די מאַמע: גיי, ברענג וואַסער! בלייבנדיק אַליין, האָט ער אונטערגעהויבן דעם קין, אָנגעקוקט דעם פאָטערס ליימענעם פּנים, זיך צוגעבויגן צום האַרץ צו. ווען די מאַמע איז צוגעלאָפן מיט וואַסער, איז מאָריס גע-שטאַנען ביים טעלעפאָן, גערופן אַ דאָקטאָר.

6

ברוך איז געקומען צו זיך פונם קלאַפּ. מער נישט, ער האָט זיך דערוווּסט, ער האָט אַ האַרץ, אויף וועלכן מ׳דאַרף אַכ-טונג געבן, דעריקער — נישט אויפרעגן זיך. דאָס איז פאַר אים געווען אַ נייעס. זינט ער לעבט, נישט געווען קראַנק. כ׳וויס, אַמאָל דאָרט, ביים קלעטערן אויף די טרעפּ, האָט פאַר-שלאָגן דעם אָטעם, געקלונגען אין די אויערן. גיי ווייס, אַז דאָס האָט גאָר צו טון מיטן האַרץ. אָבער דער דאָקטאָר זאָגט, מסתּם ווייסט ער, דערויף איז ער דאָך אַ דאָקטאָר, נישט אויפ-רעגן זיך. אָבער ווי ווערט מען נישט אויפגערעגט, ווען אַזאַ זניק, אַ צוציק...

טאַטע און זון האָבן געשלאָסן אַ געשעפטלעכן שלום. אַ שלום-אָפּמאַך אויף אַ פּאַפּיר, ביי אַן אַדוואָקאַט, מיט אַ נאָטאַריוס זיגל דערצו. דער טאַטע קריגט אַזוי פיל געהאַלט וועכנט-לעך, נאָכן יאָר קריגט ער אַ העלפט פונם ריינעם ריוח, נאָכ-דעם ווי עס ווערן אַרונטערגענומען אַלע הוצאות, דארין

אויף דעם זונס געהאַלט, וואָס איז צוויי מאָל אַזויפיל, ווי דעם טאַטנס. דערפאַר אָבער נעמט אויף זיך דער זון די גאַנצע פאַרוואַלטונג, און דער טאַטע איז אַפילו נישט מחויב אַריינצוקומען אין געשעפט.

— נישט מחויב אַריינצוקומען אין געשעפט, — אַזוי האָט זיך עס געלייענט, און ביידע, טאַטע און זון, האָבן פאַר־שטאַנען דעם געגויעם מיין פון די ווערטער. דער זון האָט דעם פאָטער נישט געוואָלט זען דאָרט, און דער פאָטער האָט פאַרלוירן דעם חשק צו גיין אַהין, צו זען ווי זיין זון באַלעבאַ־טעוועט. זיינע געשעפטן — קויפן הייזער, פאַרקויפן, לייען געלט אויף היפּאָטעקן, קען ער פירן פון דערהיים. אין דער־היים, ווידער, איז ער נישט מחויב צו רעדן מיט מאָריסן, ער האָט, גאָט צו דאַנקען, נאָך אַ זון, לואי, אַלעמאָל אים בעסער ליב געהאַט, ווי אָט דעם פּעמפּיק.

לואי פאַרשאַפט אָבער ווינציק נחת דעם טאַטן. ער מיידט אויס צו רעדן מיט אים, און כאַפּט אים אַמאָל, דער טאַטע, וויל מיט אים פאַרפירן אַ שמועס, קומט ער אָפּ מיט יאָ און ניין. אַנומלטן האָט ער אים געכאַפּט. — וואָס גריבלסטו זיך אַזויפיל אין דיינע ביכער? פאַרוואָס גייסטו אַמאָל נישט אַרויס, פאַרברענגסט?

— איך פאַרברענג.

— און ווילסט דווקא זיין אַן אינזשיניר?

— יאָ.

— אַ נאַרישקייט, אָפּהאָרעווען אַזויפיל יאָרן, און נאָכדעם אַרבעטן פאַר הונדערט צוואָנציק דאָלאַר אַ חודש. נישט קיין געשעפט דיין אינזשיניריִנג.

— אוודאי נישט קיין געשעפט. געשעפט טוט מאָריס... דו...

— ווי וואָלט געווען אַ שטייגער, ווען איך זאָל עפענען פאַר דיר אַ געשעפט? גלויב מיר, וועסט אין איין יאָר מאַכן מער געלט, ווי אין צען יאָר ביי דיין אינזשיניריִנג.

— איך דאַרף נישט קיין געלט.

— ???

— און וואָס דאַרפסטו געלט?

— צו וואָס איך דאַרף געלט? פון מיינעטוועגן, דער מאַמעסוועגן, דיינעטוועגן...

— איך דאַרף נישט.

ער איז אַוועקגעגאַנגען, לאָזנדיק דעם פאָטער אַ פאַר־טראַכטן. געהערט? ער דאַרף נישט. אַ מענטש זאָל זאָגן, ער דאַרף קיין געלט נישט! ער געפעלט אים נישט, לואי. פון קליי־נערהייט אַזוי. אַ באַהאַלטענער, האָט פליי אין נאָז, און דאָך, האָט ער אים ליב, אַלעמאָל ליב געהאַט. איצט איז ער נאָך מער פאַר זיך, זעט שלעכט אויס. עפּעס מוז אים קווענטשן. אַ מיידל אפשר. זאָגן קיילען, זי זאָל אויף אים אַכטונג געבן.

די מאַמע האָט געפּרובט קעכלען לואין, אים פּיי־געווען, אָבער די אַלע מאַמישע טובות, האָט לואי אָפּגעשטויסן פון זיך אַמאָל מיט כעס, אַמאָל מיט סתם אַ פינסטערן קוק, וואָס האָט נישט געלאָזט מער רעדן.

— כ׳ווייס נישט, וואָס מיט אים טוט זיך, — האָט זיך קיילע געקלאָגט פאַר איר מאַן.

טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זייער זון, און דער זון גופא האָט אויך נישט געוווּסט, וואָס מיט אים קומט פאָר. ער האָט געפילט, אין אים יוירט עפּעס, שטעכיקע אומגעדולד עפּעס איבערצוקומען, שאַרפע שטויסן זיך אַרויסצורייסן, אָבער גענוי פון וואָס, וווהין, און ווי אַזוי, האָט לואי נישט געוווּסט. ער האָט בלויז געפילט, מ׳שפּילט מיט אים, ווי מיט אַ פּילקע, ער שטייט מיט געבונדענע פיס און מ׳וואַרפט אים הין און צוריק, נישט ער קען שטיין פעסט אויף די פיס, נישט ער פאַלט אום, און אינעווייניק זידט עס, קאָכט עס, פּלאַצן פון האַס, שנאה, צו אָט דעם... האַרבאַטן, אָדער גאָר איבערלויפן פון ליבע צו אים. פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן, דער האָרבאַטער. וואָס האָט ער אים גאָר באַגעגנט?

געזען האָט ער אים פיל מאָל, און געזען, פיינט געהאַט, למאי אָט דער ייִד מיט זיין האָרב, קריכט דאָ אַרום צווישן די יונגע, געזונטע חברה. אין צוזאַמענשטויס מיט אים איז ער געקומען

אויפֿן קעמפּוס. דער האַרבאַטער איז געגאַנגען, און חבֿרה יונגוואַרג, לואי צווישן זיי, זענען געשטאַנען און געלצעוועט: העי, דזשייק! האַ, דזשייק! האָסט פֿאַרגעסן מיטצונעמען דיין פּעקל! איינער פֿון דער חבֿרה, באָב, האָט איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, פֿאַרשפּיצנדיק זיי אַרויף, אויסגעבויגן די פּיס, און מיט אַ קלישעוואַטן גענגעלע גענומען נאָכלויפֿן נאָכן האַרבאַטן, מאַכנדיק דערביי העווייות מיט די הענט, און קייענדיק די ווערטער: אוי, דזשייק. די חבֿרה האָבן געלאַכט, און ער, לואי, האָט געביסן די אויבערשטע ליפּ. אַנטקעגן דעם האַרבאַטן זענען אָנגעקומען צוויי סטודענטן. באָב האָט צו זיי אַ ווונק געטון — איבערנעמען דעם הויקער, אים פֿאַרשטעלן דעם וועג. ער האָט געפּרוווט אַ גיי טון אין איין זייט, אין דער צווייטער, געבליבן שטיין. די חבֿרה זענען אויך געבליבן שטיין. אַ שווייגעניש, אַ שווערע, אַ האַרטע. באָב האָט צעבראָכן די שווייגעניש מיט אַ מאַך פֿון אָרעם — אַ צייכן, שפּילן באָל מיטן האַרבאַטן. מ'האָט אים איינגעסענדוויטשט און גענומען וואַרפֿן. אַ שטויס, אַ פֿאַל, אַ שטויס אויף צוריק, און ווידער אַ שטויס. ער איז אומגעפֿאַלן, זיך נישט גערירט, באָב איז צוגעלאָפֿן. — פֿוס־באָל, חבֿרה! — מיט דעם קיילעכדיקן נאָז פֿון זיינע גראָבע שיך, אַ שטורכע געטון דעם הויקער אין ליטקע: שטיי אויף!

לואי האָט זיך אָפּגעריסן פֿון זיין אָרט, אין אַ כהרף עין איז ער געווען לעבן באָבן, אים אַרויסגערופֿן: שלאָג זיך מיט דיין גלייכן, נישט מיט אַ ליגנדיקן, און נישט מיט די פּיס, מיט די פֿויסטן, — און באָב איז שיער נישט געווען טשעמפּיאָן!

אַ פֿאַרביסענער פֿויסטן־קאַמף. יעדער מוסקול זיינער פֿון דעם דאַרן, זשוואַוון קערפּער, האָט זיך געריסן צום שונא, און זיין קערפּער, אַ צעטרייסלטער פֿון צאָרן, האָט זיך דאָך געמוזט אונטערוואַרפֿן דעם קאָפּ, וועלכער האָט געצויגן אַלע אָדערן, זיי פֿאַרשטייפֿט און נאָכגעלאָזט, גראָד לויט דעם האָגל פֿון קלעפּ וואָס האָט זיך געשאָטן איבער אים, זיך געשאָטן און

צעשאָטן. ער האָט אַװעקגעלייגט באָבן מיט אַ פלינקן זעץ אין קין. — שטיי-אויף! באָב, שטיי-אויף! — האָבן חברה געריטשעט. באָב האָט געפּרוּווט זיך אויפהויבן און נישט געקענט.— הורא, פאַר לואין! — האָט עס אַ הילך געטון. אייניקע האָבן זיך אַפילו געררוקט אים דריקן די האַנט. ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט. הענט און קני ציטערנדיק, האָט ער זיך געלאָזט גיין, און ביים אַרויסגאַנג פון קעמפּוס אים דערזען. ער האָט דערשפּירט, דער האַרבאַטער זיצט און וואַרט אויף אים, און מורא האָבנדיק, אַז ער וועט אים דערלאַנגען אַ כמאַל אין פּנים אַריין, איז זיין קרענקלעכן, בלאַסן פּנים, האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ, גיכער אַרויסגיין פון טויער. דער האַרבאַטער האָט אים פאַרט אָפּגעשטעלט, און אַ באַוועגונג פון אַ פינגער, בלויז מיט די אויגן, מיט זיינע הינטישע אויגן, בלוי-שוואַרצע, אַט פייכט, אַז זיי פליסן איבער פון געבעט, הכנעה, אַט קלאָר, כאָטש שפּיגל זיך אין זיי, און דערזע זיך דאָרט אַ נאַקעטן, און אַט שפּיציקע, אַז זיי שטעכן דורך, פאַרטשעפּען אינעווייניק און ציען צו, כאָטש דו רייסט זיך פון זיי. ער איז געבליבן שטיין. קלאָרע אויגן, וואָס קענען דורכזען ווענט, האָבן געקוקט צו אים. די דינע, טרוקענע, איינע אין דער אַנדערער איינגעשניטענע ליפּן, האָבן זיך קוים געעפנט און געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו זיך געשלאָגן?

— פאַרוואָס, צון אַל די טייפלען, האָסטו זיך נ י ש ט געשלאָגן? — האָט לואי אויסגעשריגן. און געפּילט, אַז נאָך אַביסל, און בלוט וועט אַרויסשפּריצן פון זיינע אויגן.

— אַזאַ נאַר בין איך נישט.

— אַ פייגלינג! אַט וואָס דו ביסט!

איבער די קלאָרע אויגן פאַרציט זיך אַ פינסטער הייטל, און דורך דעם פינסטערן הייטל שטעכן זיך דורך צוויי שאַרפע שפּיזלעך. — זעץ זיך אַנידער. דיין גאַנצער קערפּער ציטערט. זעץ זיך אַנידער! — לואיס באַשלוס, אים אַ זעץ טון אין פּנים און אַנטלויפן, איז צערונען. ער זעצט זיך קוים, קוים אָנרירנדיק די באַנק. — האָסטו אַמאָל געהערט וועגן אַ מענטש,

וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון אַ בער, אַוועקלייגנדיק זיך אויף דער ערד, נישט אָטעמענדיק, טויט?

— יעדער האָז האָט זיך זיין פאַרוואָס, האָסט פאַר זיך נישט געהאַט קיין בער!

— גערעכט, נישט קיין בער, וועלף, און אפשר קיין וועלף אויך נישט, שעפסן. פחדנישע וועלף, און אכזריותדיקע שעפסן. ווען איך זאָל קענען אַ זעץ טון, אַ גוטן זעץ טון... — ווידער האָבן זיך די אויגן פאַרצויגן. לואין האָט גענומען קיצלען אין האַלז פון דעם געפּיל, אַז אָט-אָט לויפן איבער דעם האָרבאַטענס אויגן, און ער וועט זיך צעוויינען אויף אים קוקנדיק. דער האָרבאַטער האָט זיך נישט צעוויינט. אויסגעלייטערט די אויגן, און קלאָרע קוקן זיי אויף לואין. אַ דינע האַנט מיט לאַנגע, לאַנגע פינגער, זוכט לואיס האַנט, נעמט זי אָן מיט אַזאַ שטייפקייט. אויף וועלכער לואי האָט זיך נישט געריכט. — ביסט אַ ווױלער בחור! איך האָב דיך האָלט!

— און איך האָס דיך! — האָט לואי אַרויסגעפּלאַצט, אַרויסגעריסן די האַנט, און געפילט, אַז דער גאַנצער האָס צו דעם קאַליקע, איז אויסגעשאָסן געוואָרן אין די ווערטער.

— האָסט מיך. פאַרוואָס?

די פראַגע שטייט ווי אַ סלופּ. לואי קען נישט אומוואַרפן דעם סלופּ מיט אַ זאָג: ווייל דו ביסט אַ הויקער. דאָס, פילט ער, וואָלט געווען צו פּאַסקודנע. גייט ער אַרום דעם סלופּ.

— וואָס טוסטו דאָ?

— ???

— איך מיין, ווי קומסטו צו לערנען אויף אינזשיניר?

— איך מיט מיין הויקער לערנען אויף אינזשיניר, דאָס וואָס דו האָסט געוואָלט פרעגן, נישט אַזוי? נו יאָ, אַ הויקער. און וואָס איז מיט זייערע הויקערס? — ער האָט אַ וויַז געטון מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון די סטודענטן. — אַ גייסטיקער הויקער מאַכט נישט אויס, וואָס?

— זיי זענען ווױלע חברה.

— יאָ, ווױלע יונגען, — האָט ער מיט אַ שלעכטן שמייכל

איבערגעחזרט, און מיט פֿאַרשפּיצטע אויגן, דורכדרינגנדיק לואיס קוק, האָט ער גענומען שיפּען פֿון צווישן די דינע ליפּן: ווילע יונגען, צו שפּילן באָל, האַנט־באָל, בייז־באָל, פֿוס־באָל, מענטש באָל. ווילע יונגען. פֿרעג יעדן איינעם פֿון זיי, מיט דער אויסנאַם פֿון אַ פּאָר אָרעמע דאָ, צוליב וואָס לער־נען זיי. פֿרעג זיי צוליב וואָס? צוליב וואָס, פֿרעג איך דיך?

לואי האָט מורא געקראָגן פֿאַר דעם האָרבאטן, ווענענס קאָפּ צווישן די אויפֿגעשפּיצטע אַקסלען זעט אויס, ווי אַן אי־בערגעקערטע פֿייל פֿון אַ בויגן, און די אויגן — צוויי פֿיילן, וואָס פֿאַרטשעפּען און לאָזן נישט אָפּ. — צוליב וואָס אַלע לערנען. זיך אויסלערנען אַ פֿאַך, אַ גוט באַצאָלטן פֿאַך. אַרבעטן, מאַכן געלט. מאַכן דערפֿינדונגען, ווערן רייך.

— געלט, רייך. און ווייסט ווער פֿון זיי, וואָס געלט איז? וואָס מיינט זיין רייך? פֿון וואַנען רייכקייט קומט? ווייסט דו, וואָס געלט איז?

— איך ווייס, ווען איך האָב עס.

דער האָרבאַטער האָט אַ קוק געטון אויף לואין. אַ הינטל האָט געקראָגן אַ זעץ פֿון זיין יונגל־באַלעבאָס, אַ זעץ אַ נישט פֿאַרדינטער. — ביסט נאָך צו יונג. פֿונדעסטוועגן וואָלסטו זיך באַדאַרפֿט אויסהיטן פֿון זאָגן זאַכן, וואָס דו ווייסט נישט. און דו ווייסט נישט. זע. — ער האָט אַרויסגענומען אַ געלט־פּאַ־פּירל. — דאָס איז געלט, ניין? געוויס געלט. און דאָס פּאַ־פּירל? — ער האָט אַרויסגעצויגן אַ שטיקל פּאַפּיר פֿון בוזים־קעשענע. — דאָס איז נישט קיין געלט. האָט נישט דעם שטעמפּל אויף זיך. און ווי איך זאָל נעמען און אַרויפֿלייגן דערויף גע־נוי דעם זעלבן שטעמפּל?

— וואָלסטו געווען אַ פֿאַלש מינצער, און דאָס געלט, פֿאלש געלט.

— און ווו איז אמתע געלט?

— אמתע געלט איז, ווען מ׳האָט עס, און דו רעדסט אַזוי ווייל דו האָסט קיין געלט, „זויערע ווייַנטרויבן״, פֿאַרשטייסטו מיך? אַ גוטן?

לואי איז אויף גיך אָפּגעגאַנגען פון אים, און דער האַר־באַטער איז געבליבן זיצן מיט די קלאָרע אויגן, געריכטעט אין דער פוסטער וועלט אַריין, געזעסן, ביז אַ שמייכל האָט אַ שימער געטון אין די אויגן, פון די אויגן איז דער שמייכל אַריבערגעשפּרונגען צו די דינע ליפּן, זיי האָבן זיך אַ קרום געטון, ווי צו זאָגן עפּעס פּריילעכס, אַ פּריילעכער קוק, און ער האָט זיך אויפגעהויבן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, באַגעגענענדיק לואין, האָט ער זיך מיט אים קאַלט באַגריסט, אים דערלאַנגט אַ בוך, און צוגעגעבן: אַביסל אויסער דיין פאַך, אָבער מיט אַ קליינער אָנשטרענגונג וועסטו עס פאַרדייען. — אין די אויגן האָט אויפגעשפּילט אַ שמייכל, אַן אָפּלאַכערישער, אָבער נישט פון אַ בעל גאוה, נאָר פון אַ גוטן ברודער, אַ חבר, וואָס טוט אָפּ אַ שפּיצל. לואי האָט צוגענומען דאָס בוך מיט אַ לייכטן ווידערגעפיל.

7

דאָס בוך און נאָך אַ בוך. האַרטע עברי. לואי, געוווינט צו טעכנישע טערמינען, האָט, באַגעגענענדיק זיך מיט טערמינען נישט פון זיין פאַך, געפילט, אַז ער דאַרף פאַרשרויפן אַ ענגע גאַיקע, ער שטרענגט זיך אָן, פאַרשרויפט און זעט — עס איז אַזוי איינפאַך. איינפאַכע זאַכן, זאַכן, וואָס ער האָט שוין געוווסט זינט ער איז צום שכל געקומען געלט, אַרבעט, מאַשינען, פאַבריקן, אַלץ איז איינפאַך, און דאָך נישט אַזוי פשוט. ער כאַפּט זיך, איניקע זאַצן, כאָטש ער האָט זיי איבערגעלייענט, פאַרשטאַנען דעם טייטש פון יעדן וואָרט באַזונדער, האָבן זיך פאָרט נישט פאַטויפּעט ביי אים אין קאָפּ, און דאָס, וואָס איז שוין יאָ אַריין, ליגט דאָרט ווי אַ באַזונדער שווערע משא, נישט איבערצודרייען, נישט אַרויסצוואַרפן. ערשט ווען ער באַגעגנט זיך מיט אים, מיט דעם האַר... מיט הורוויצן, און

יענער הויבט אָן רעדן וועגן די זאַכן, רעדן פּשוט, מיט אַזעל־כע טעגלעכע ווערטער און ביישפּילן, ווערט די שווערע משא לייכטער, הערט אויף צו זיין אַ משא, צעגייט זיך, בלייבט נישט. און דאָך, פילט ער, זי איז דאָ אין אים, אים איז עפּעס צו־געקומען, מער נישט, אים איז נישט שווערער דערפון, פאַר־קערט, עס איז אים לייכטער, אַריינגעקראָגן אין האַנט אַן אייד־לען אינסטרומענט, מיט וועלכן מ׳קען עפּעס אויפטון, אַ סך אויפ־טון, אַ וועלט. לואין בייסן די פינגער — טון, גלייך, שוין...

ער וועט זיך אַרויסציען פון טאַטנס שטוב, גיין אַר־בעטן. אויב עס וועט זיין צו שווער, כדאי אויפגעבן דאָס לער־נען. מיט זיין פּאַרטיקן פּלאַן לויפט ער צו הורוויצן, דערציילן וועגן דעם.

ער איז געפאָרן צו הורוויצן, אויף דינווידי גאַס, נישט אין אויטאָמאָביל, גענומען דעם טראַמוויי אָט ווי אַן... אַרבע־טער. אַן אויטאָמאָביל טרייבער אויף אַ טראַמוויי איז אַ מאַט־ראָס אויף דער יבשה, אַ קאַוואַלעריסט, אונטער וועמען דאָס פערד איז געפאַלן און ער מוז זיך אָנטשעפּן אויף אַ וואָגן, זיצן די פּיס אַרונטערגעלאָזט. ביי לואין, וועלכער האָט די לעצטע פאָר יאָר כמעט נישט פאַרזוכט פאָרן אויף אַ טראַמוויי, האָט די רייזע דווקא אויסגענומען. ער זעט זיך מיט הורוויצן אין אויטאָמאָביל, ער, דער פירער, דער מאַן, הורוויץ אַ קליין הילפלאָז קינד, מיטגענומען אויף דער רייזע, בתנאי עס זאָל זיצן רואיק. דערפאַר אָבער, ווען ער פאָרט צו צו הורוויצעס קוואַרטיר, און די קליינע חברהלייט, די פאַרמורזעטע ייִנגלעך, לויפן זיך צונויף, באַקוקן, באַטראַכטן, און איינער וואַגט אַפילו אַ קוועטש טון דעם פייפער, אַ קוועטש און אַנטלאָפן, דערפילט ער, די אָרעמקייט קוקט אויף אים דעם רייכן מיט קנאה, אי־בערלאָזנדיק הורוויצן ביי זיין הויז, ווען דער אויטאָמאָביל גיט זיך אַ ריס איבער דינווידי גאַס, דערפילט ער אַליין דעם חילוק צווישן דינווידי, סענטער עווענױ, אָדער גאָר טאַונסענד גאַס, ווו די שטשורעס לויפן אַרום, און דער איסט ענד. אים דוכט אַז אויך הורוויץ זעט אין אים דאָס גביריש קינד, איצט אין

אויס. גלייך מיט אים, מיט אַלע. און ווען ער וועט אים זאָגן, ער וויל זיך אַרויסקלייבן, גיין אַרבעטן...

— וואָס עפּעס צופוס? — פרעגט הורוויץ.

— דער אויטאָמאָביל עפּעס קאַליע, — ענטפערט ער, אויסמיידנדיק הורוויצעס קוק. ווען ער באַגעגנט אים ווידער, זעט ער שוין, הורוויץ האָט געכאַפּט דעם ליגן. און אַ בייזער, טראַציקער געפיל ברויזט אויף אין אים צו הורוויצן, צו אַט דעם האַר...

— אויב דו וועסט אַזוי אָנהאַלטן, וועט דער אויטאָמאָביל טאַקע קאַליע ווערן, די באַטערע וועט אויסגיין.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין, אַז פון דעם וואָס דו וועסט דיין אויטאָ-מאָביל לאָזן שטיין און זשאַווערן, וועל איך קיין אויטאָמאָביל נישט קריגן.

— שטעל זיך פאָר, איך האָב נישט קיין אויטאָמאָביל.

— אָבער דו האָסט דאָך יאָ.

— נו, האָב איך נישט! דו הערסט? איך האָב נישט קיין אויטאָמאָביל! און נאָך וואָס: איך ווין נישט מער אין איסט ענד ביי מיין רייכן טאַטן.

— פון ווען אָן?

— פון איצט?

— אַזוי? נו, נו, דערצייל שוין, וואָס האָט פּאַסירט? זיך צעקריגט?

— גאָרנישט האָט פּאַסירט. פּשוט, אויס טאַטנס אַ קינד. איך וויל נישט זיין ביים טאַטן. דאָס וואָרט טאַטן איז אַרויס-געשטופּט געוואָרן פון אַ שאַרפן האַס-ווינט.

— דיין טאַטע איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער. פון דעם איינעם מאָל, וואָס איך האָב אים געזען, וואָלט איך געזאָגט, ער איז ווייט נישט קיין שלעכטער. דער איינציקער חסרון זיינער, ער האָט צו שווער געהאָרעוועט אויף זיין געלט, האָט עס דער-פּאַר אַזוי שטאַרק ליב. מענטשן ווי ער דאַרפן געבוירן ווערן רייך, צו פילן די ווערטלאָזיקייט פון געלט. נישט אומזיסט זאָגט

מען—געבוירן אין אַ הייבל. מערסטע מענטשן ווערן געבוירן נאַקעט און שעמען זיך מיט דעם ביזן טויט אַריין.

לואי קוקט אויף הורוויצן, ווייסט נישט, צי שפּאַסט ער אָדער איז ערנסט. ע ר רעדט וועגן געבוירן ווערן רייך! ע ר פאַרטיידיקט זיין טאַטן?—געפעלט דיר, הייסט עס, מיין טאַטע?

— נישקשה פון אַ מענטש.

— געפעלט ער דיר. און איך האַס אים. און דיך אויך!

— אָהאָ! ווו האָסטו געגומען אַזויפיל האַס? וואָלסט עס געמעגט וויסן: פּונקט ווי אַ מענטש קען נישט ליבן צופיל, קען ער אויך נישט האַסן צופיל.

— אָ, הער אויף מיט דיינע יעזוס-שטיק. ליבע, האַס... מאַכסט מיך קראַנק.

— נו, נו, מאַך זיך נישט נאַריש. איך פּריידיק נישט. נישט ליבן, נישט האַסן — פאַרשטיין, פאַרשטיין זיך, יענעם, און טון.

— טון וואָס?

— וואָס דער פאַרשטאַנד וועט הייסן.

— און אַז דער פאַרשטאַנד הייסט האַסן?

— האַס האָט נישט צו טון מיט פאַרשטאַנד. דער פאַרשטאַנד הייסט לערנען, ענדיקן דיין קורס. פאַרשטאַנען?

נישט דער האָרבאַטער הורוויץ האָט גערעדט, נאָר עפּעס אַ פאַרשטאַנד, פאַרקערפּערט אין אָט דער באַשעפעניש, און די באַשעפעניש איז אַזאַ שאַרפע, שפּיציקע. ווער איז ער אָט דער... די שפּיצן ברעכן זיך. די בלוי-שוואַרצע אויגן זענען איצט קלאָר, אַריינקוקן אין זיי, מיינט פאַרשעמען זיך פאַר קאָפּלאָזיקייט, פאַר יינגלשקייט... אָט דער צוועדג איז אַ דערוואַקסענער, און ער, דער הויכער לואי, דער אויסגעצויגענער, איז אַ חדר-יינגל, וואָס פּעסטעט זיך, וויל נישט גיין אין חדר.

— פאַרשטייסטו מיך, — זאָגט הורוויץ מיט אַ ווייכערן טאָן, אַריבערציִענדיק זיין אָרעם, וואָס גרייכט קוים צו לואיס גאַרטל, — געבן דאַרף מען קענען, און אויך נעמען דאַרף מען קענען. דער וואָס קען נישט נעמען, קען אויך זעלטן ווען

געבן, מיט דעם וואָס דו ווערסט איצט נישט נעמען, וועסטו ווינציק וואָס אויפטון. געבן האָסטו נאָך נישט וואָס, ביסט צו יונג, וואָס דו דאַרפסט איצט — איז לערנען, זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס.

— זאָרג זיך נישט, איך קען שטיין אויף מיינע אייגענע פיס, — האָט לואי אָנגעבלאָזן געענטפערט, דערביי זיך אַרויסגעשאַרט פון הורוויצעס אָרעם, וועמעס באַרירונג איז די גאַנצע צייט אים געווען פריקרע.

— וועסט נאָך צייט האָבן צו זיין אַ גרויסער, — האָט הורוויץ געענטפערט נישט אָן איראָניע. דער געשפּרעך איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. אַן אָנגעשטויסענער, אַ צעשרויפטער, אַרויסוואַרפנדיק „אַ גוטן", איז לואי אַרויסגעגאַנגען. דאָס אויג האָט אַ זוך געטון דעם אויטאָמאָביל, און לואי האָט געפילט, ווען ער זעצט זיך אַריין אין זיין „סטאַץ" — זעכציק וואָלט ער געשאָסן!

8

לואי איז ווייטער געגאַנגען אין „חדר". די לופט דאָרט איז געווען אַ שטיקנדיקע. ערגעץ ווו אויף יענער זייט ים האָט געברענט אַ שייטער-הויפן. אַ הייסער ווינט האָט געבראַכט דעם טשאַד אויף דער זייט. דער טשאַד האָט פאַרטשמעליעט דעם קאָפּ, און דער גערוך פון מענטשלעך פלייש, געבראָטן אין מענטשלעך בלוט, האָט געשטאָכן אין די נאָז-לעכער, געררייצט דעם יאַגד-הונט. יונגע-לייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרשרייבן אַלס וואָלונטירן, און אויף יעדן איינעם אין מיליטער עלטער, וואָס האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן פרייוויליק, האָבן די פאַרשריבענע געקוקט קרום, געקיבעצט, פריער פריינטלעך, חבריש, וואָס ווייטער אַלץ מער העניש.

לואי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשרויפּטער. ער, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרשוויגן אַ קלאַפּ, אַ קרום וואָרט, דאַרף איצט אויסהערן ווערטלעך, מיאוסע ווערטלעך אויף זיין חשבון, פילן ווי די פויסטן ביילן זיך, און זיי נישט אויפהויבן. נישט ווייל ער האָט מורא, נאָר ווייל ער איז אָפּהענטיק אָט ווי אַ קלאָ־רער, וואָס פאַלט אַריין אין אַ משוגעים הויז, ווען יענע זענען צוליב עפּעס שטאַרק אויפגערעגט. אַלע שרייען, אַ טומל, דער טומל שטיקט, ליימט די הענט, פענטעט די פיס, וואַרפט אַריין דעם קאָפּ אין אַ צווייפל, אפשר איז ער גאָר משוגע. וואָלט כאָטש געווען איין קלאָרער מענטש. הורוויץ. נישט איינמאָל, זינט יענעם געשפּרעך, האָט ער געוואָלט צוגיין צו אים, זיך דורכרעדן, אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. ער א י ז אַ הויקער. אַלץ וואָס מ'וועט אים זאָגן, וועט ער פאַר־הויקערן, און דאָך, ער איז דער איינציקער אויפן גאַנצן קעמ־פּוס, די פּראָפעסאָרן אַריינגערעכנט. פאַרוואָס קומט ער נישט צו? ער האָט אים נישט באַליידיקט. אַ רחמנות ווי זיי מאַטערן אים, די לאָבוסעס, — מיט זייערע פוילע וויצן וועגן אים מיט זיין האָרב אויפן שלאַכט־פעלד. און עס איז קאָמיש. אַ רחמנות אויף אים. אַז ער וועט אים דערזען...

ווען ער האָט אים דערזען, האָט ער דערפילט, ווי דער גוטער געפיל צו הורוויצן מישט זיך אויס מיט אַ מין ביטערן סם צו דעם הויקער און אָנשטאָט זיך אַנידערצוזעצן, רעדן פריינטלעך, הערן, פרעגן, שיסט ער אויס מיט אַמאָל: איך שליס זיך אָן!

— געזונטערהייט. מער נישט, ווען דו פרעגסט מיך, וואָלט איך דיך געקענט פאַרשפּאָרן אַביסל אַרבעט.

— וואָס אַזוינס?

— גאַנץ איינפאַך. אויב דיין אַפּעטיט צו הרגענען און דערהרגעט ווערן איז ביי דיר אַזוי שטאַרק, טאָ נעם אַ רע־וואָלווער, דערשיס אַ פּראָפעסאָר, דאָ אַ דייטשער פּראָפעסאָר, אָדער אַן אַנדער „שונא", נאָכדעם זיך, און ביסט אָפּגעקומען

דעם חוב צום פאָטערלאַנד, געראַטעוועט די דעמאָקראַטיע. און אַ מעדאַל?...

— הער אויף! הער אויף אַזוי צו רעדן! דו...

— שריי נישט אַזוי. קום לאָמיר זיך אַנידערזעצן.

— איך קען עס מער נישט אַריבערטראָגן.

— ביסט נישט דער איינציקער.

— דו פילסט עס נישט.

— מיין האַרב איז מיר אַזוי אויך שווער, און דו וואָלסט זיך געמעגט פאַרשפּאָרן די טרחה...

— נישט דאָס האָב איך געמיינט. כ׳שווער דיר עס, אַפּילו אין זינען נישט געהאַט. דו ביסט אַן אַנדערער, אַן עלטערער, אַ פרעמ־דער, האָסט זיך מיט זיי נישט אָנגעקערט. איך בין מיט זיי אויסגעוואקסן, ווי איך זאָל נישט אַוועקגיין פון זיי, בין איך פאָרט אַ זייעריקער, זיי האַלטן מיך פאַר איינעם פון זיי.

— לאָמיר נישט רעדן וועגן מיר און דיר. אַזוי לאַנג ווי מען האַלט נישט פאַרן גאָרגל, מען קען אָטעמען, — אָטעם, לערן, ענדיק.

— און אַז מען וועט אָנגעמען פאַרן גאָרגל. מ׳רעדט וועגן דעם.

— רייסט זיך אַרויס מיט אַלע מעגלעכקייטן.

— איך קען זיך נישט באַהאַלטן אונטער אַ קליידל ווי מיין ברודער...

— רעדסט שוין מיט זייער שפּראַך, אי״ך האָב נישט ליב דיין ברודער, אויב אָבער אַ קליידל איז אַ שמירה קעגן שדים, כאַפּט דער טייוול די הויזן!

— איך בין קיינמאָל נישט אַנטלאָפן.

— פאַרדאַמט זאָל עס ווערן! אַזוי יונג, אַזוי אַמערי־קאַניש יונג, קיין סימן פונם אַלטן ייד. האָסט אַמאָל געשפּילט שאַך? ווייסטו נישט, אַז דאָרט גיט מען אַוועק פערדישע בראַווקייט פאַר דער פלינקייט פון אַ לויפער, מ׳רעדט שוין נישט פון אויסבייטן אַ פערד פאַר אַ טורעם.

— ביי דיר איז עס אַ שפּיל, און אַ כיטרע דערצו. איך קען נישט.

— אויב דו קענסט נישט שפּילן — שלאָג זיך.

— וואָס מיינסטו?

— נישט דאָרט. דאָ, גיי נישט. אָבער זיי גרייט אויפן ערגסטן. די לופט אין טורמע איז מער שטיקנדיק ווי דאָ, און אַ פויסט אין די ציין, ווען די הענט זענען געבונדן, טוט אויפן מאָמענט שאַרפער ווייַ ווי אַ וואָרט פון צווישן די ציין. וועסטו עס קענען אַריבערטראָגן? געדענק, עס איז נישט אַ קאַמף פון כאַפּן און געבן קלעפּ, עס איז קריגן קלעפּ און שווייגן, פון די קלעפּ געווינען קראַפט, און מיט שווייגן געבן צו פאַרשטיין דעם שלעגער, אַז דער געשלאָגענער איז ער. דאָס איז אַ געשלעג מיט אַ „בער" און „בראווע יונגען" וועלן זאָגן: „אַ האָז"...

— מיט אַלע דיינע גוטע רייד ביסטו אַ שלעכטער מענטש, צו וואָס דערמאָנען?

— אפשר. עפּעס פערזענלעכס איז דאָ געווען. צו אַ גוטער זכרון, אַ ייד און אַ תּלמיד־חכם. אָבער נאָך עפּעס, געמיינט האָב איך מער. פאַרגעס נישט, אַז מענטשן האָבן הנאה פון כאַפּן אַ פליג, אָפּרייסן איין פליגעלע, דאָס צווייטע, אַרויסרייסן איין פיסעלע נאָכן צווייטן, און נאָכדעם ערשט אַריינשטעקן אַ שפּילקע אין דעם ווייכן טייל פון קערפּער. און די זעלביקע מענטשן, אָט די „ריזן, וועלכע לייגן אַוועק זיבן מיט אַמאָל", זיי וועלן דיך, דעם קעמפער, רופן „האָז".

— נישט אַלע זענען דאָך „ריזן".

— כמעט אַלע. משוגעת איז אָנשטעקנדיק, גייט איבער פון די שעפּסן צו די פאַסטוכער אַפילו.

— האָסט געזאָגט כמעט.

— יאָ, כמעט, בלייבן אַ פּאָר קלאָרע. איך האָף, בין זיכער, וועסט נישט זיין דער איינציקער.

— איך גיי מיט די „האָזן", — ער האָט דערלאַנגט די האַנט. — און דו?

— איך ?... — אַן אומעט האָט זיך פֿאַרצויגן איבער די קלאָרע אויגן... — איך וועל קוקן אויף די שעפּסן, טראַכטן פֿון די „האָזן“.

— וועסטו שרײַבן ?

— אַ בלינדער דאַרף אַ שטעקן.

— גערעכט. איך קען שטיין אויף די אייגענע פֿיס. אַ גוטן.

9

אין איינע אונטערהויזן, מיט די באָרוויסע פֿיס אויפֿן קאַלטן צעמענט, די הענט איינגעשמידט און צוגעשלאָסן צו די פּרענטעס, איז לויט שוין געשטאַנען דעם דריטן טאָג. דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך געריסן פֿון די פּרענטעס ווי אַ בייזער הונט פֿון קייט. אַלס ענטפֿער אויף זיין רייסן זיך, זענען געקומען קלעפּ מיט אַ האַרטן שטעקן איבער די פֿינגער-ביינדלעך. ער האָט פֿאַרביסן די ליפּ, אַז בלוט איז געגאַנגען, ער האָט אָבער נישט אויסגעשריגן פֿון ווייטיק. ביינאַכט אויפֿן צעמענטענעם דיל, ציטערנדיק פֿון קעלט, האָט ער געריבן די פֿאַרגליווערטע פֿיס, געטאַפּט די הענט געלענקען, ווו די „מאַנזשעטן“ האָבן אַ גאַנצן טאָג געריבן, געפֿילט מיטן צונג די פֿאַרביסענע ליפּ, און דורכן קאָפּ איז דורכגעלאָפֿן דער געדאַנק — נישט אויסגעשריגן, ווען מ׳האָט געשלאָגן. גוט. דעם צווייטן טאָג האָט ער שוין נישט געפּרוווט זיך רייסן. ער האָט איבערגעשטעלט אַלע מאָל איין פֿוס, זיך דערוואַרעמען, איבער-רייסן דאָס שטיין, געקוקט אויף דער לאָך אין דער הויך, צו דער לאָך אין טיר, דאָרט איז ליכט. אַ ליכטיקע וועלט אינדרויסן, און דאָ אַזוי פֿינסטער, פֿינסטער ווי זיין געמיט. דעם דריטן טאָג איז ער לכתחילה געשטאַנען שטיל, אויגן אָנגעשטעלט צו דער לאָך, וואָס לאָזט אַריין ליכט און לופֿט, אויערן אָנגע-

שטרענגט צו הערן, וואָס טוט זיך אויף יענער זייט וואַנט. דער מינדסטער גערויש, אַ מענטשלעכער קלאַנג, אַן אויסגעשריי איז אַ שטויס צום טראַכטן, דערפילן זיך אַלס לעבעדיקער צווישן לעבעדיקע. ער שטייט לעבן אַ טיר, הערט זיך איין מיט אַלע חושים, וואָס הינטער איר קומט פאָר, איז צוגעשמידט פון נייגע־ריקייט, ווען ער דערפילט, אַז עמעצער כאַפּט אים אָן ביים בויך, ניין, אין בויך האָט עמעצער אַריינגעשטעקט אַ בינטל לאַנגע פינגער און דרייט אים דאָרט אויס די קישקעס. דער מאָגן האָט אים אָנגעכאַפּט. ער האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות, געקלאַפּט מיטן קאָפּ אין די אייזערנע פּרענטעס, גע־טופּעט מיט די פיס. דערפילנדיק, אַז יעדער ריר פון זיין קער־פּער שטויסט אַרויס זיין מאָגן און קישקעס פון בויך, האָט ער פאַר־ביסן די ליפּן, געצויגן דעם אָטעם אַרויף — איינהאַלטן, איינ־האַלטן זיך, דעם מענטשן, זיך נישט אָפּלאָזן. דער מענטש לואי, דער געענדיקטער אינזשיניר, דער רעוואָלוציאָנער, זיין גאַנצער קערפּער — אַ שיידל בלויז פאַרן מאָגן פאַר זיינעם, און אַ שלעכט שיידל דערצו, עפּנט זיך פון זיך... נישט דער־לאָזן! נאָך איין אָנשטרענגונג, נאָך איין געשריי, אַ וועכטער קומט צו, הערט אויס, און גיט אַ שפּיי גלייך אין פּנים אַריין, — טפו, דו הינטישער זון!

— איך בעט אייך...

— אַ, טינופת! אַ בעלנות! מיך רופן. רוף די דינסט דיינע. אַנדערש נישט געווינט, גבירישן זונדל.

דאָס מענטשלעכע שיידל האָט זיך געעפנט, אַרויסגע־לאָזט אַ שטיקנדיקע פליסיקייט, און די פליסיקייט פאַרשפּרייט זיך, ריזלט זיך פאַמעלעך איבערן לייב, און דאָס מענטשלעכע שיידל ווערט צעקנייטשט, איינגעקאַרטשעט, אָפּגעלאָזט, און דער אַרונטערגעלאָזטער קאָפּ קוקט — אָט דאָס איז אַ מענטש.

— פוי, ווי ער שטינקט — האָט דער וועכטער, וועלכער האָט אים אָפּגעשלאָסן פון פּרענטעס פאַרנאַכט, אויסגערופן צום צווייטן. — כ'דענק, מ'דאַרף אים געבן אַ שפּריץ. וואָס זאָגסטו?

— נישט קיין שלעכטער איינפאַל.

— גייט עס.

אַ צוגעבונדענער צו אַ סלופּ איז לזאַי געשטאַנען, שטראָמען וואַסער, געלאָזט פון פייערלעשער רערן, האָבן געקלאַפּט רוקן, בויך, פּנים. אָפּכאַפּן דעם אָטעם! באַהאַלטן דאָס פּנים! איינציען דעם קערפּער! אַ וואַסער־מיל אין קאָפּ, און דורך דעם וואַסער־רויש רייסט זיך דורך אַ ברייט געלעכטער, און „לאָטס אָף פאַן, האַ?" אַן עפן די אויגן, און אין דעם אויגנבליק דערזעט ער קוועלנדיקע פּנימער. די וואַסער פאַרגיסט די אויגן, דרינגט אַריין אין דעם געעפנטן מויל, אַ מויל פון אַ פיש אויף דער יבשה. אָטעם! אָטעם! לופט, ליכט, אַלץ פאַרשווינדט. פינסטער.

ער האָט דערפילט אַ בריק אינם פאַרשטאַרטן קערפּער, דערזען איבער זיך פּנימער, און דערהערט: שטיי אויף! — דער קערפּער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפהויבן, אָבער די ערד האָט געצויגן צו זיך. איז ער געבליבן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. פון דער פינסטערניש איז אויסגעקראָכן דער הויקער און רעדט צו אים: מענטשן האָבן דאָך הנאה פון מאַטערן אַ פליג. אָפּרייסן איין פיסל, אַ צווייטס, איין פליגעלע, נאָך אַ פליגעלע, אַריינשטעקן אַ שפּילקע אין ווייכן טייל פון קערפּער. אַ שטורך פון אַ שטיוול־נאָז האָט אויפגעריסן די אויגן.

— וואָס מאַטערט איר אַ פליג? — האָבן די אויגן געפרעגט.

— מיר דאַרפן אים אָפּוואַשן דאָס פּנים, נישט אַזוי?

מ'האָט אים אויפגעהויבן, אים געפירט אונטער די הענט, אַזוי ביז דער לאַטרינע. דערזעענדיק די לאַטרינע שיסל, באַגרייפנדיק, אַז אָט־דאָ וויל מען אים אָפּוואַשן דאָס פּנים, האָט די מענטשלעכע פליג גענומען פלאַטערן, און זי איז געזונט די מענטשלעכע פליג, זי ווערט זיך מיטן קאָפּ, מיט די פיס, די ציין. אָבער האַרט ווי דער נאַקן איז, ווערט ער געבראָכן און געבויגן, דאָס פּנים טונקט זיך אין לאַטרינע שיסל, פינגער

דריקן דעם האַלז, די צונג שפּאַרט זיך אויף אַרויס, אָבער לואיס ציין זענען פאַרקלעמט, לאָזן נישט די צונג אַרויס, קיין טראָפּן וואַסער אַריין. ווען דער נאַקן דערפילט דער אייזערנער קלעם האָט זיך אָפּגעטון, שפּרינגט ער צוריק אויף ווי אַן אָפּ־געלאָזטע ספּרוזשינע, דאָס פּנים נאַס, דערפאַר די אויגן טרוקן, אויסגעטרוקנט פון ברענענדיקער שנאה — מלחמה! מלחמה מיט זיי!

— איך גלויב, נאָך אַ שפּריץ וואָלט אים אויסגעהיילט, וואָס זאָגסטו?

— קיינער איז נאָך דערווייל נישט געשטאָרבן דערפון.

— גייט עס...

לואי איז נישט געשטאָרבן פון דעם צווייטן שפּריץ, האָט בלויז נישט געפילט, ווען מ׳האָט אויפגעהערט שפּריצן. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, אין עטלעכע וואָכן אַרום, דערזען ליכט, פענסטער, בעטן, דערפילט אַ בעט אונטער זיך, האָט ער גע־נומען אַרומקוקן דאָס אינעווייניקסטע פון בעט, באַטאַפּן זיך. ער איז גאַנץ, געזונט, און... קראַנק... אין שפּיטאָל. ווי לאַנג? וויפל וואָכן? אפשר יאָרן? אַ פּעקל בריוו פון דערהיים. דאָס ערשטע מאָל, וואָס מ׳גיט אים איבער אַ בריוו. לייענען אַלע קען ער נישט. איין דאַטום, אַ צווייטער, איין חודש, אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, אַ צוועלפטער. שוין אַריבער אַ יאָר. דער לעצטער בריוו. „שלום. מ׳שלאָגט זיך מער נישט, אַ האָפ־נונג, אַז טאַטעס וועלן זיך אינגיכן זען מיט זייערע זין...”

טעג, ווען קערפּערלעכע גלידער און מאַרך דרימלען און פילן דאָך ווי כּח שלייכט זיך אַריין און מחשבות גייען פאַר־זיכטיק פאַרביי. נאָכדעם טעג, ווען כּחות דרינגען אַריין עזות־דיק און אויך די געדאַנקען ווערן חוצפּהדיק: נו, באַלד איז אויס חדר. וואָס האָסטו אויסגעלערנט? וואָס ווייטער? „טאַטעס וועלן זיך אינגיכן זען מיט זייערע זין”. דער טאַטע, דער בעזים־פּעדלער, דער צירונגס־פּעדלער, דער צירונגס־הענדלער דער הייזער־הענדלער, דער פּראָצענטניק, קומען צו אים, זיין מיט אים, נאָך דעם אַלעמען, איצט? ער ליגט געליימט דער טאַטע. ווען מ׳האָט

צוגענומען דעם זון, האָט ער געקראָגן אַן אָנפאַל און איז שוין זינט דאַן פון בעט נישט אַרונטער. צוליב אים געפעדלט, צוליב אים געליימט. „דיין טאַטע איז נישט קיין שלעכטער, די צרה מיט אים — ער האָט צו שווער געהאָרעוועט אויף זיין וועלט”. ווו איז ער, דער האָרבאַטער? ער קען מענטשן, אָט דער הויקער, קענטיק גענוג געליטן, אָבער ער, לואי, קען זיי בעסער. אויפן אייגענעם לייב געלערנט. און ער אַליין? איז ער בלויז אַ געשפּריצטער, אָדער אויך אַ שפּריצער? אַ געשלאָגענער, אָדער אויך אַ שלעגער? שלאָגן, ווערן געשלאָגן, ווען, פון ווען, פאַר וואָס, פאַר ווען? טאַטע, מאַמע, חברים, באַקאַנטע. דער טאַטע איז אויך געשלאָגן געוואָרן. איז ער אויך אַ געשלאָגענער?... זיין טאַטנס אונטערגעשלאָגן אויג, און זיין אייגן געקאַטעוועט לייב. געלערנט, אַ סך געלערנט, אָבער אַ סך געבליבן צו לערנען, אַלץ גיין אין חדר. ד ע ם חדר זיכער דורכגעגאַנגען. אַן אַנדער חדר. אַרויס פון דאַנען! באַפרייט ווערן! אַרויס פון דאַנען, דאָס איז איצט דער עיקר. און דאַן...

10

די מאַמע האָט אים געפּילנעוועט, אים אונטערגעטראָגן די גלאָז מילך, אים געקוקט אין די אויגן אַריין, כאַפּן זיינעם אַ פאַרלאַנג, אים גלייך דערפילן. האָט דער ברודער אָנגעהויבן רעדן מיט אים, דער געשפּרעך ווייט נישט קיין ברידערלעכער, האָט די מאַמע אָן ווערטער, מימיש, געבעטן: הער אויף, טשעפּע נישט! און אין דעם ברודערס נאַרישע חכמהלעך, נאָך מער אין דער מאַמעס גרימאַסן, האָט לואי געפילט, אַז דאָ אין הויז איז ער אַ קראַנקער, נאָר־וואָס געקומען פון אַ משוגעים הויז, כלומרשט אויסגעהיילט, אָבער נישט זיכער, אַ ליאַדע קלייניקייט, און די משוגעת ברעכט ווידער אויס. בלויז אין פאָטערס

אויגן האָט ער די מורא נישט געזען. דער גאַנצער קערפּער געליימט, דאָס לשון אָפּגענומען, בלויז די מאַמע האָט פאַרשטאַנען די קלאַנגען, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון צונג-פּולן מויל, האָבן די אויגן נישט נאָר געקוקט אויף אים, נאָר אויך געגלעט זיין פּנים, זיך געפרייט מיט אים, אים געבעטן! דערציל, מיין זון, דערצייל, זעסט אויס חושך. דיך געשלאָגן, וואָס? איך ווייס, וואָס דאָס מיינט, גוּאישע הענט. נאָר גאָרנישט, דאַנקען גאָט, ביסט דאָ, קען דיך נאָך זען. — זיץ, — בעטן די אויגן, ווען לואי וויל זיך אויפהויבן, און ווען ער זעצט זיך אַנידער, דאַנקען די אויגן. קוקט ער גוט אָן דעם טאַטן זיינעם. די עלטער, דער פּאַראַליטש האָט זייער געענדערט דאָס פּנים. דאָך ערשט איצט — דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער זיצט אַזוי נאָענט צום פאָטער און קוקט אויף אים מיט אָפענע אויגן פון אַ דערוואַקסענעם — זעט ער, ווי ענלעך ער איז צו זיין פאָטער. „דיין טאַטע איז נישט קיין שלעכטער...” נישטאָ דער האָרבאַטער, זיך נאָכגעפרעגט, דער זאָגט אַוועקגעפאָרן, דער זאָגט אַרעסטירט, קיינער איז נישט צופרידן צו הערן זיין נאָמען. „דיין טאַטע איז נישט קיין שלעכטער”. אפשר. וואָס זאָגסטו, טאַטע? זון און פאָטער קוקן זיך אָן. זיך גוט אָנגעקוקט, הויבט דער טאַטע אָן האָרעווען מיט זיין געליימטן קערפּער זיך אַ ריר צו טון, קען נישט, קוקט ער מיט דערשלאָגענע אויגן: זעסט? אַ קלייניקייט, זיך אַ ריר טון, איבערדרייען זיך, און קען נישט. — וואָס ווילסטו? — פרעגט דער זון און פאַרשעמט זיך פאַר פרעגן אַ שטומען... דאָס מויל איבערפולט מיט צונג, וואַרפט אַרויס עפּעס קלאַנגען, אָבער לואי פאַרשטייט זיי נישט. — רופן די מאַמע? — ניין, — זאָגן די אויגן דערשראָקן, גנבהש פאַרזיכערנדיק זיך, אַז קיינער זעט נישט, הויבן זיך אָן די אויגן צו באַוועגן, איין אויג רופט שטאַרק דעם זון, ער זאָל אַרונטעררוקן די האַנט אונטערן קישן. — אָט אַזוי, — פרייען זיך די אויגן, ווען לואי כאַפּט זייער מיין. ער ציט אַרויס אַ שליסעלע פון אונטערן קישן און קוקט פרעגעריש אויפן טאַטן. יענעמס אויגן שמייכלען. — פאַרשטייסט נישט,

וואָס? זעסט דאָרט אַ קעסטל? — וואַרפן די אויגן אַ פראַגע. נו יאָ, עפן אויף. עפן! עפן! איצט זעסטו שוין? אַ צוואה. דיך באַוואָרנט, מיין זון, און איצט...

ברוך גוזיקאָווס אויגן האָבן עקשנותדיק געוואַרט אויף לואיס צוריקקומען, און ווען זיי האָבן זיך גוט אָנגעקוקט אויפן זון, איז דאָס עקשנות געבראָכן געוואָרן, די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט...

די מאַמא האָט געוויינט, פריער הילכיק, נאָכדעם שטילער. דער ברודער האָט גערעדט, פריער שטילער, נאָכדעם העכער וועגן ירושה, צוואה. פרעמד איז געווען לואין דער מאַמעס געוועון, ווי וויינט עס אַ מענטש אויפן קול? דערווידער זענען אים געווען דעם ברודערס רייד. זיין ברודער, אָט דער דיקער, פעטער מאָריס. פעטי, וועמען ער, דער דאַרער לואי, פלעגט אַוועקוואַלגערן אויף דער ערד, אים בויקערן די זייטן, איז איצט נאָך אומגעלומפערטער, און אַפילו זיין יונג ווייבל, מילדרעד, געווען, דוכט זיך, אַזאַ איידל מיידל, און איצט, שוין אַזוי צעגאָסן. מאָריס און מילדרעד אין בעט... צוויי פליישיקע, צעפלאָסענע לייבער... ליבע...

— גו, וואָס דענקסטו צו טון?

קוקט לואי אויף זיין ברודער, אויף זיין דאָפלטן גוידער, אויף דער דימענטענער שפּילקע אין שניפּסל, אויף דעם טרעלבוך, וואָס רייסט זיך פון אונטער דער קאַמזויל. אַפילו זיך שלאָגן מיט אים וואָלט ער איצט נישט געוואָלט. — איך וועל זען.— פטרט ער אים אָפּ, און פאַרלאָזט דאָס הויז.

סענטער עוועניו. יידן, יידענעס, קרעמער, פעדלער. אָט איז אַ בעזים-פעדלער. זיין טאַטע. היימיש די גאַס, נאָענט די מענטשן. רייבט עמעצער אָפּ זיין אַקסל אַרט עס אים נישט, און קוקט ער זיך אום אין דער זייט, „באַמערקט" אויף זיך דעם טייערן, גוט געפּאַסטן וואָלענעם אָנצוג, איז ער דאָך צופרידן, וואָס ער האָט אים ביז אַהער אַפילו נישט געפילט אויף זיך. און דער פאַרבייגייער, וואָס האָט זיך אָנגעריבן אָן אים, האָט עס אויך נישט געפילט, היימישע מענטשן.

איז דאָ זיין טאַטע נישט געשטאַנען מיט אַ בינטל בעזימער אויפן אַקסל?

דער טאַטע גייט אים נאָך אויף ווייל'י עווענױ. ער וויל דווקא זען די „קראָם", וווּ זיין טאַטע איז געשטאַנען, וווּ זיי האָבן געוווינט. דוכט זיך די. ניין, יענע אפשר?

קרעמלעך נידעריקע, פינסטערע. אין דעם האַלב חושך זיצט דאָרט אַ ייד, פאַרקעט זיך מיט עפּעס, קומט מען אַריין, הויבט ער אויף די אויגן, פאַרשט אויס, ערשט דאַן הויבט ער זיך אויף — יעס, סיר!

לואי איז אַרויס פון קרעמל, געבליבן שטיין. דער ייד איז געשטאַנען אויפן שוועל, געהאַלטן אַ זייטיק אויג אויף לואין. אַ פאַרדעכטיקער ספּאָרט. כאַפּנדיק דעם יידנס קוק אויף זיך, דערוויטערט זיך לואי. פינסטערע קרעמלעך, חושכדיקע קרע־מער, די גאַס שמאָל, בלאָטיק, חושך, און די פנימער אויך שוואַרץ, חושך, מער נישט די אויגן־ווייסלעך — ווייסלעך פון אַ האַרט איי, און די ציין אַזעלכע געזונטע, ווייסע, ברייטע ציין, און אַזאַ ברייטער, האַרציקער געלעכטער. פאַרמורזשעטע קינדער וואַלגערן זיך אין בלאָטע... דאָ האָט עס דער טאַטע געטון געשעפט. פאַרקויפט צאַצקעס צו די דערוואַקסענע, פאַר־מורזשעטע קינדער, פאַרקויפט זייגערלעך, געגנומען משכּנות, געליען געלט, ביז מ'האָט אים פאַרשפּאַרט אין זיין אייגענער פייער־קאַסע. מיט זייער געלט איז ער אַרויס אויף ליבערטי גאַס, און אַז ער וועט אומקערן זייער געלט? וועט אפשר דער חושך נישט אַרויסקוקן פון די פענסטער? ניין, אויסקערן די בלאָטע פריער, מאַכן אַ ברייטע, ליכטיקע גאַס, אָט ווי ליבערטי.

„גאַס, צירונגס־געשעפט". די שילד באַשיינט ליבערטי גאַס. אָט דאָס איז עס. דאָ קיניגט עס זיין ברודער. מיט אים דאַרף מען עס פאַרהאַנדלען וועגן ירושה, געלט, הייזער, אי־בערלאָזן אַלץ?

דער ברודער האָט זיך דערפרייט ביי זיין אַריינקומען. זעענדיק ווי ער באַטראַכט די חפצים, האָט מאָריס, מעשה באַ־לעבאָס און בקי, אָנגערופן פרייזן, הינטער אַלע רייד האָט זיך

נאָכגעשלעפט: זעסט וואָס איך האָב אויפגעטון. דערשפּירנדיק, אַז לואי קומט שוין מער נישט, הערט אים נישט, איז ער געוואָרן אויס הועג־ווייזער, פאַרשנדיק געקוקט אויפן ברודער, לואי האָט געשוויגן.

— נו?

— ?

— כ'מיין, האָסט שוין באַשלאָסן עפּעס צו טון?

— דערווייל נאָך נישט.

— פאַרשטאַנען אַזוי,

לואי האָט אויף אים אַ קוק געטון. מאָריס האָט גענומען רעדן ברידערלעך, דערמאָנט די אַלטע מאַמע, דער טאַטן עליו השלום, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ דייטלעכער האָט לואי געפילט, ווי דער ברודער זיינער וויל אויסרעדן ביי אים זיין חלק ירושה. נעמען, אַ וואָרף טון, נאַ, וואַרג זיך דערמיט. ווען דער ברודער האָט אָבער אויסגעלאָזט: פאַרשטייט זיך, דו וועסט קריגן דיינס, אָבער דו דאַרפסט דאָך איצט קיין געלט, האָט לואי שטרענג געענטפערט: איך דאַרף יאָ!

— וויפל דאַרפסטו? — ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, גרייט אַרויסציען אַ פינפערל, אַ צענערל.

— אַלץ וואָס מיר קומט לויטן טאַטנס צוואה.

— צוואה! פאַרדאַמטער נאַר!

לואין איז נישט געווען קלאָר, אויף וועמעס חשבון דער „פאַרדאַמטער נאַר” איז געגאַנגען, אויף זיינעם אָדער דעם טאַטנס, וואָס האָט קיין שכל נישט געהאַט און אָנגעזאָגט געבן אָט דעם טויגעניכטס געלט. און צו וואָס דאַרף ער עס? דער־ווייל דאַרף ער עס נאָר פּדי אָפּצוצאַפּן פונם ברודער אַביסל שמאַלץ. און נאָכדעם? איז זיין טאַטע געווען טאָקע אַזאַ נאַר, געהאָרעוועט, געפּעדלט, געשווינדלט, געקראָגן קלעפּ, פּדי זיי־נער אַ זון זאָל שטיין מיט אַ גרויסער קראָם אויף ליבערטי גאַס זיך שמעלצן פון נחת, צעשמאָלצן ווערן אין פעטס? „דיין טאַטע איז נישט קיין שלעכטער, די צרה איז, ער האָט שווער געהאָרעוועט אויף זיין וועלט”. יאָ, געהאָרעוועט און אויך „גע־

האַנדלט״, פאַרקויפט זייגערלעך צו קוילן־גרעבער, אייזן־גיסער אויף אויסצאָלן...

דער הימל איבער דער ברייטער ליבערטי גאַס האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ רויך־וואָלקן. דער רויך איז געקומען פון האַמ־סטעד, מקיזראקס, מקיזפארט. אייזן־גיסערייען, קוילן־גריבער, דאָרט האָט עס דיין טאַטע געשטעלט די ערשטע טריט. גיין אין טאַטנס פיסטריט. זען די קוילן־גריבער, אייזן־גיסער, אויפ־קלייבן אַלע שטיין־געבליבענע זייגערלעך, אַלע שוואַרץ־גע־וואָרענע רינגעלעך, צעשמעלצן אַלץ, אויסשמידן אַ נייעם רינג, אַן אייזערנעם רינג...

זעסטו, טאַטע, אַ „אינזשיניר״ קען אויך עפּעס אויפטון...

א סטאנציע

אַ סטאַנציע

דהאָטעל באַלטימאַר, האָטעל בילטמאַר. צוויי אויטאָמאָבילן פון צוויי האָטעלן האָבן גערופן ברוך זיוו אויף נאַכטלעגער. און ברוך זיוו איז געשטאַנען מיט צוויי רענצלעך אין די הענט, ישובנדיק זיך, אין וועלכן אויטאָמאָביל זיך אַרייַנזעצן. וואָס איז דער חילוק? איז געקומען די שטאָט באַלטימאָר מיט איר פּאָרט מיט איר „קעסטל־גאַרדן" פאַר אימיגראַנטן, און מלמד זכות געווען אויפן האָטעל — אין באַלטימאר וועסטו זיך פילן היימישער, ווייל אָרעמער. האָט ער אַ שפּאַן געטון אין דער ריכטונג פון באַלטימאָר. דער שאָפער האָט אַ נעם געטון די רענצלעך, דער אויטאָמאָביל האָט זיך גערירט. אַרייַנגעקומען אין האָטעל, איז ברוך געווען זיכער, אַז ער האָט געטראָפן — באַלטימאָר, איז אָרעמער פון בילטמאָר. אָרעמקייט־שאָטנס האָבן שווייגנדיק זיך געשלייכט איבערן שפּאַליר פון די ווענט, טעמפּע אָרעמקייט האָט זיך געטראָגן פונם אויסגעטראָטענעם גרינעם טעפּיך, דער וויג־שטול האָט געקרעכצט: נישטאָ די אַמאָליקע יאָרן.

ברוך זיוו האָט אַרויפגעצויגן דעם גרינעם אויסגעטריפעטן רולעט, אַרויפגערוקט דאָס פענסטער, און דורך דער דראָטענער זיפּ־נעץ אַרויסגעקוקט, אַרונטערגעקוקט אויף דער שטאָט. דאָס איז לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע, זיין סטאַנציע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

אַרויספאָרנדיק פון פועבלאָ, קאָלאָראַדאָ, אין דער ריכטונג פון קאַליפאָרניע, האָט ער פאַר זיך געזען אַ גלייכע ליניע פועבלאָ — תּל־אביב און אַ פּינטעלע קאַליפאָרניע אינמיטן דער ליניע. דאָס וואָס דער וועג איז נישט אַזאַ גלייכער, מאַכט נישט אויס, די ליניע איז אַ גלייכע. דער קאָלאָראַדאָ טייך, וואַסער לויפט נישט גלייך. געדרייט זענען די וואַסער־וועגן, אָבער נישט צעדרייט, סתּם קאַפּריזן. ווען מ׳מוז לעכערן אַ פעלז ווערט ער דורכגעלעכערט, אָבער אויב מ׳קען אים אַרומגיין, ,מאַכט נישט אויס, אַז מ׳גייט אַביסל אויסערן וועג אַבי גיין, קומען ווו מ׳דאַרף. ברוך זיוו גייט אַרום אַ פעלז — זיין עמי־הארצות אין הלכות ארץ. אין קאַליפאָרניע, וואָס ליגט, דוכט זיך, אויסערן וועג, אָבער ווו דער קלימאַט און די געוויקסן זענען כּמעט דיזעלביקע ווי אין ארץ־ישראל, וועט ער זיך אויסלערנען אַלץ וואָס ער דאַרף צום באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. די קרומע ליניע וועט זיך אַרויסווייזן אַ גלייכע. שטייענדיק איצט ביים פּינטעלע, קאַליפאָרניע, שווינדלט עס אים פאַר די אויגן. אָט זעט ער מער גאָרנישט ווי דאָס פּינטעלע, און אָט פאַרשווינדט עס, איבערלאָזנדיק אַ ריס אין דער ליניע פועבלאָ — תּל־אביב, און ער קען ביידע עקן נישט פאַרקנופּן. אַרונטערגיין, אָנקוקן די שטאָט, אויפזוכן די יידישע געגנט.

אַ פאַרבייפאָרער איז ברוך זיוו, אָבער נישט קיין טוריסט. די „הכנסת־אורחים״־אויטאָמאָבילן, וועלכע שטייען גרייט אויפצונעמען יעדן אורח, אים אַרומפירן איבער דער שטאָט, ער זאָל זען אַלע מערקווירדיקייטן, לאָקן אים נישט. די אויסרופן פון די פירער שטערן אים צו הערן, וואָס זיי זאָגן, און די „ליטעראַטור״, מיט וועלכער מ׳איז אים מכבד, ער זאָל פון איר זיך דערוויסן וואָסערע אוצרות עס ליגן און וואַרטן אויף זיין אויג, רוקט ער נאַכלעסיק אַריין אין קעשענע. נישט די שיינקייטן, נישט די מערקווירדיקייטן פון שטאָט וויל ער זען, די, יידישע געגנט דאַרף ער. אַז אַזאַ געגנט איז דאָ, ווייסט ער, ווו זי געפינט זיך? שטעל זיך שמונה עשרה, מיטן פּנים צו

מזרח, און פאַרלאָז זיך אויפן נאָז, אויפן יידישן נאָז, ער וועט שוין דערשמעקן און דערפירן, דער עיקר איז — גיין, נישט האָבנדיק דעם געפיל, אַז מ׳בלאָנדזשעט, מ׳ווייסט נישט וווהין. און גיין קען ברוך זיוו, ער האָט געזונטע צוויי פיס, וואָס בענקען ממש נאָך אַ גוטן גאַנג — צוויי טעג געזעסן אין וואַגאָן.

— אַ כּרך, — גיט אים אַ קלאַפּ אין די אויערן דער געקלאַנג פון די טראַמווייען, דאָס רעווען פון אויטאָמאָבילן. גיט ער אַ פּיר מיט די אויגן — אַ מעסט טון די שטאָט, שלאָגט זיך אָפּ זיין קוק אָן הויכע ווענט, באַלד שניידט אי־בער אַ פאַרבייגייער דעם קוק. אַ סך מענטשן. גייט ער, קוקט זיך צו צו די מענטשן, הייזער. די מענטשן — עס וואַרפן זיך אין די אויגן אַ סך שפּאַניער, מעקסיקאַנער. פאַר אים קיין נייעס. אין פּועבלא אויך פאַראַן, אָבער דאָ, זעט ער, פילן זיי זיך היימישער, אָט ווי די... אַראַבער אין ארץ־ישראל, למשל. און די הייזער אויך אַנדערש ווי אין פּועבלא, דענווער, שיקאַגאָ. איין הויז פאַרשידן פונם צווייטן, דאָך זעט זיך איין ליניע — דער האַלבער קרייז. ארק פענסטער, ארק טירן, אין די טירן קליינע פענסטערלעך, שפּאַניש. די פאַרבן פון די הייזער אַזעל־כע העלע — ווייס, ראָז, רויט, און ביי די הייזער פּאַלמעס, צעדערן. צעדערן פון לבנון. די בערג — הרי יהודה, און דער טייך, „לאָס אנגעלעס ריווער״, דער ירדן? ניין! דער ירדן איז טאַקע אַ טייך מיט וואַסער. דאָס איז דאָך אַ סאַזשעלקע, אַ ריטשקעלע. אַ וווּנדער, צוליב וואָס זיי האָבן געמאַכט אַזאַ לאַנגגן הויכן בריק איבער דעם ריטשקעלע? אַ פיינער בריק. און אַזוי פיל אויטאָמאָבילן! זיי לויפן דאָ משוגענערווייז. פאַרט אויפן מענטשן און שרייט נאָך אויף אים. ער איז נאָר גע־רעכט. ער וואָלט זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיקער גאַס, אויס־מיידן די מחבלים. האָט ער אָבער באַמערקט אין טראַמוויי אַ פּאָר יידן פאָרן, און ער האַלט זיך מיט דער טראַמוויי ליניע, מיט דער הויפּט־גאַס, וועלכע פירט, קענטיק, אין דער יידישער געגנט. אַן אויטאָמאָביל האָט זיך פאַרבייגעטראָגן מיט פערציק

מייליקן אימפעט. אַ קינדערשער קוויטש, שאַרף פאַרשפּיצט, איז אויפגעשפּרונגען, דורכגעשטאָכן די לופט און געבליבן שטעקן. אַ טומל פון מענטשן־געווימל. מוטערלעכער יאָמער. אַן אַמבו־לאַנס סירענע האָט זיך פאַרויסגעטראָגן, געקאָסעט די גאַס: היט זיך! איך איל זיך סכנות! געשפּאַנטע פּאָר מינוטן. אַ פּאָליציסט צעטרייבט דעם עולם. מ׳צעגייט זיך, מורמלענדיק: אויף דער מאַמע אַ רחמנות.

דערהערנדיק דעם קינדערישן קוויטש, האָט ברוך זיוו פאַרשטשעמעט די אויגן. איצט, מיט אָפענע אויגן, זעט ער דעם קוויטש און איז בלינד צו אַלץ אַרום. און ער האָט עס באַ־דאַרפט ביי׳ווי׳ינען דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז געקומען אַהער! ער איז עפּעס שולדיק אין דעם קינדס טויט. טויט, אין דעם איז ער זיכער. ער טוט אַ קוק אויפן אָרט, ווו דער אומ־גליק האָט געטראָפן. קיינע סימנים. געלעבט אַ קינד, דערהר־געט. שאַ. מיט דיר, פּרעמדער, האָט עס גאָרנישט צו טון. וואָס האָט די שטאָט צו אים, האַ? ער הויבט אויף די אויגן אַ קוק צו טון אויף דער פיינטלעכער שטאָט, און אַ פריינטלעכער „בשר כשר" באַגעגנט אים: גיי שוין גיי, ביסט צווישן אייגענע.

יידן. יידן קצבים מיט קמץ בערדלעך, יידן קרעמער אָן בערד, אָן וואָנצעס, יונגע יידן מיט יונגע דינע וואָנצעלעך, אַ ייד אַ כריין־רייבער מיט אַ שיטער רויך קאָליר בערדל, און אָט איז אַ ייד מיט אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע ביז די שוואַרצע שיך מיט די גאָר נידעריקע קנאַפּל. לאַנג איז די קאַפּאָטע, דער עיקר פון גאַרטל ביז די שיך, און ברייט ווי אַ קרינאָלינע, דערפאַר אין גאַרטל איז זי ענג איינגעפּאַסט צום קערפּער, און ביזן האַלז איז זי שמאָל און קורץ. אויפן קאָפּ טראָגט דער ייד אַזאַ נידערירקן, קיילעכדיקן, סאַמעטענעם קאַפּעליוש אַ שוואַרצן, מיט ברייטע ראַנדן, און פון אונטערן קאַפּעליוש הויבט זיך אָן אַ שוואַרצע באָרד, וואָס צעוואַקסט זיך אַלץ ברייטער אויף אַרונטער, אַזוי אַז אויפן ברוסט הענגט זי שוין ווי אַ שוואַרצער חושן. אַ גוטער ייד, אַ גבאי, אַ משולח, אַ ייד פון ירושלים, אַ ייד פון... חומש. און ער גייט אַזוי־

פּאַמעלעך, קרייצט די גאַס אַזוי רואיק, אַז וואַרפט אים אום אַן אויטאָמאָביל!

ברוך זיוו האָט פאַרמאַכט די אויגן. ווען ער האָט זיי אויפגעעפנט, האָט ער געזען דעם הויכן יידן אויף יענער זייט גאַס גיין רואיק זיין גאַנג. דאָס געהרגעט קינד איז פאַרשוווּנדן, ער האָט אויפגעזוכט די גאַס, דאָס הויז לויטן אַדרעס, וואָס ער האָט געהאַט צו אַ באַקאַנטן, אַן אַמעריקאַנעם לאַנדסמאַן, — אַ פּועבלאַר טאַקע, דערצײלט, געענטפערט, געפרעגט, גערעדט, אויסגעהערט עצות מכּח זיין „פאַרמערײ", מוחל געווען די שפּאַסן אויף זיין חשבון, וואָס ער האָט זיך פלוצלינג אַריינגענומען אין קאָפּ ווערן אַ פאַרמער. „פון פעדלען מיט מאַראַנצן פאַרדינט מען מער ווי אין אַרבעטן ביי מאַראַנצן, און אַז גאָט העלפט אַמאָל אַ פּרעסטל, איז נישט נאָר אַרבעטן, נאָר האָבן אַפילו אַן אייגענעם סאָד איז אויך נישט אַזאַ מציאה". ווען אָבער דער לאַנדסמאַן האָט אים פריינטלעך פאַרזיכערט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט דאָ אָפּזיין אַ יאָר צייט, וועט ער אַפילו פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַן ארץ-ישראל אויף דער וועלט, האָט אים ברוך זיוו אַ זאָג געטון: דאָ האָט מען היינט געהרגעט אַ קינד.

— ווער געהרגעט?! — האָט דער לאַנדסמאַן, נישט באַגרייפנדיק, איבערגעפרעגט.

ברוך זיוו האָט נישט פאַרענטפערט, וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיט ארץ-ישראל.

— איבערגעפאָרן, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— איבערגעפאָרן! ווו? — האָט שוין דער לאַנדסמאַן געפרעגט, פאַראינטערעסירט אין דעם געשעעניש גופא.

— דאָ אויף דער הויפט גאַס, ברוקלין הייסט זי, ניין?

— אויף ברוקלין עווענױ? זיי פליען טאַקע ווי די טײוואָנים. אַ יידיש?

ברוך זיוו האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געהערט די מוטער פון קינד יאָמערן, אָבער דאַן נישט געהערט אַפילו צו דאָס איז אַ יידישע מאַמע. ערשט איצט, ווען דער יאָמער

שטייגט ווידער, הערט ער, דוכט זיך, אַן אוי... — דוכט זיך אַ יידיש.

— ס׳טרעפט זיך. הלוואי זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך!

„ס׳טרעפט זיך״. אַ טרעפיקער אמת, און דאָך פילט זיך ברוך אַזוי געטראָפן פון דעם אומגליק, אַז ווען ער קערט זיך אום אין זיין האָטעל, דערפילט ער דאָרט אַזאַ ליידיקייט, אָט ווי מ׳וואָלט נאָר וואָס פון דאָרט אַרויסגעטראָגן אַ בר־מנן, און ער דאַרף זיך זעצן שבעה נאָך אים. זיך צופיל אָנגעגאַנגען. מיד. שלאָפן. מאָרגן פאָרט ער אין אַנטאָריאָ צו אַ יידישן פאַרמער.

2

ווינאָקור דער פאַרמער, זיין ווייב און צוויי זין האָבן גע־געסן מיטאָג, ווען ברוך זיוו האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס ווייב האָט אַן עפן געטון די טיר אַריינצולאָזן דעם, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט, און ברוך זיוו האָט צעעפנט אַ פּאָר אויגן אַריינ־צונעמען מיטן קוק די גאַנצע פרוי, וועלכע האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג. דיק ווי אַ קעכין אין אַ יידישן רעסטאָראַן, אָבער סאָלידער, געדיכטער און העכער, אַ סאַנגאַליש פּנים מיט לעבעדיקע, בייז־שפּילעוודיקע, גרוי־בלויע אויגן, רויך גרויע האָר, פאַרדרייט אין אַ קובליק אויפן מיטן קאָפּ, האָט זי געקוקט אויפן פרעמדן, פרעגנדיק אים אָן ווערטער: ווער ביסטו, וואָס ביסטו געקומען שטערן דאָס עסן?

ווען ברוך זיווס אויגן האָבן שוין באַנומען די פרוי, האָט שוין אויך דאָס מויל אָנגעהויבן זיך באַוועגן. — איז דאָס ווינאָקורס פּלאַץ?

— יאָ, — האָט די פרוי געענטפערט מיט אַ טאָן, אונ־

טער וועלכן עס האָט זיך געהערט: און אַז דאָ וווינט ווינאָ־קור איז וואָס?

— איך... לייבאָוויטש, מר. לייבאָוויטש פון לאָס אנגע־לעס האָט מיר געגעבן אייער אַדרעס...

— קומט אַריין, — האָט די פרוי באַפוילן. — מיר עסן מיטאָג. זעצט זיך צום טיש.

— איך... איך בין נישט הונגעריק.

— דייוו! טו זיך אַ רוק! — האָט די מאַמע באַפוילן דעם זון, אָנגעוויזן דעם גאַסט אויף אַ בענקל, און דעם מאַן אירן אָנגעוויזן אויף ברוכן. — זיי קומען ערשט פון שטאָט, לייבאָוויטש האָט אים צוגעשיקט.

— שלום־עליכם, — האָט דער מאַן אויסגעשטרעקט די האַנט, נאָכדעם, ווי ער האָט זי אַ וויש געטון אָן די בלויע אויבערהויזן. — זעצט זיך צום טיש.

דער „זעצט זיך צום טיש” קלינגט שוין נישט אַזוי באַפעלעריש, כמעט אַן איינלאַדונג, אָבער אַן איינלאַדונג, וואָס לאָזט נישט די ברירה זיך אָפּצוזאָגן. ברוך זיוו מוז זיך זעצן צום טיש, און נאָך איידער ער האָט צייט צו דערקלערן ווער ער איז, צוליב וואָס ער איז געקומען, שטייט שוין פאַר אים אַ טעלער גרינסן, אַ שיסל יויך, און ביילע מונטערט: עסט!

עסט ער שוויינגנדיק ווי אַן אָרעמער אורח, פילנדיק, ווי די צוויי יונגען ביים טיש קוקן פון אונטערן שטערן אַרויף אויף אים, און ער פילט, אַז זאָל דער באַלעבאָס אים עפּעס אַ פרעג טון, וועט אים דער ביסן בלייבן שטיין אין האַלז. מ'לאָזט אים עסן. ערשט ווען ער איז פאַרטיק מיטן טעלער יויך, גיט דער באַלעבאָס אַ פרעג: וואָס מאַכט ער, לייבאָוויטש?

ברומט ברוך זיוו אַן ענטפער. ער ווייסט אייגנטלעך נישט, וואָס לייבאָוויטש מאַכט. און אַלס פאַרגיטיקונג פאַר דעם נישט־קלאָרן ענטפער גיט ער צו, אַז ער איז נישט קיין לאָס אנגעלעסער, ערשט נעכטן געקומען פון פועבלאַ, קאָלאָראַדאָ.

אַזוי?

די אָנגעשטעלטע אויגן אויף אים געבן אים צו פילן, אַז

ער איז חשובער געוואָרן ביי די מענטשן דאָ, און כאָטש ער פֿילט, ווי נייגעריקייט שאַרט אויפֿסניי זיין פּנים, ווערט ער ביי זיך שטאַרקער, דאָס מויל פֿרייער, די אויגן אָפֿענער. ער ענט-פֿערט, פֿרעגט, באַנעמט מיט די אויגן די שטוב, די מענטשן, און דער עיקר — דעם רייכסטן יידישן פֿאַרמער, ווי לייבאָ-וויטש האָט אים דערציילט. זיצנדיק, קוקט אויס דער רייכסטער יידישער פֿאַרמער אַ נידעריק, געזעצט, קרעפֿקע יידל, דער פּנים—קופּער, גרויסע ·טאַבאַק·ברוינע וואָנצעס, וואָס דעקן איבער די אויבערשטע ליפּ, און אַ געדיכטן קאָפּ האָר זשאַווער קאָליר, אָפּגעבליאַקעוועט ערטערווייז, און די האָר פֿאַלן אַריין אין בלאָנד, אין גרוי, די אויגן ברוינע, נישט אַזעלכע בייזע, אָבער אויך נישט אַזעלכע שפּילעוודיקע ווי ביי דעם ווייב, זיי לויפֿן נישט אַרום באַטראַכטן אַ מענטשן, זיי נעמען אים אָן, וועגן אים אָפּ, און וויפֿל ער וועגט, באַהאַלטן זיי פֿאַר זיך. ער רעדט ווייניק און פּאַמעלעך, מר. ווינאָקור, מערסטנס מיט פֿראַגן, דאָך ווען דער מאָלצייט איז געענדיקט, די זין גייען אַרויס, דאָס ווייב נעמט צו פֿון טיש, און ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ וויג-שטול אָפּרוען אַביסל, אויסרויכערן אַ ליולקע, ווייסט ער שוין כמעט אַלץ, נאָך וואָס ברוך זיוו איז געקומען, ווייסט שוין דעם ענטפֿער, וואָס ער וועט אים געבן, אָבער ער ציט נאָך אָפּ. ער פֿרעגט נאָך אַ פֿראַגע, גיט דערביי אַ מאָדנעם זייטיקן קוק, מעסטנדיק דעם מיטרעדנער פֿון דער זייט און פֿון יענער, פֿאַרצייכנט עס ערגעץ אין מח און הערט ווייטער. ברוך זיוו גיט אַ גוטע וואָג און מאָס. רעדט אַ סך, כאָטש ער פֿילט, אַז ער דאַרף אַזויפֿיל נישט רעדן. אויף די קורצע פֿראַגן וויל ער ענטפֿערן מיט קורצע ענטפֿערס, אָבער דאָס שווייגן נאָכן קורצן ענטפֿער, מאָנט ביי אים נאָך רייד ביז אַ צווייטער פֿראַגע.

ערשט ווען ווינאָקור האָט אויסגעטרייסלט די ליולקע, אַריינגעקוקט אין איר, האָט ער אַ פֿולן קוק געטון אויף ברוך זיוו, און מיט ישוב-הדעת גענומען רעדן: — וואָס האָט איר געטון, זאָגט איר? געפֿעדלט? אַ „קאסטימער פֿעדלער". יידן האָבן דערביי געמאַכט אַ סך געלט אַמאָל. איצט גייט עס אונ-

טער. ווילט איר זיך אויסלערנען פאַרמעריי און פאָרן קיין ארץ־ישראל? פאַרמעריי לערנט מען זיך נישט אויס. אַ פאַרמער ווערט מען. און נישט אין אַ חודש, נישט אין אַ יאָר. דאָ קאָל־לעזשעס. איך בין נישט קיין פּראָפעסאָר, — דערביי גיט ער אַ פולן קוק אויף ברוך זיוו. ברוך פילט, ווי דער קוק גיט אים נאָך אַמאָל אַ וועג אָפּ און זאָגט אויס: — און דו געפעלסט מיר נישט אַלס סטודענט, צו לייכט אויף דער וואָג. — אַר־בעטער דאַרף ער נישט. די צוויי חברה, וואָס ער האָט געזען, קענען קיין עין־הרע גענוג אַריינאַרבעטן, און ער קען אויך צולייגן אַ האַנט. ער האַלט נישט פון געדונגענע הענט.

האַרטע ווערטער פאַר ברוך זיוו. — ער איז חלילה נישט געקומען זיך אָנדינגען אַלס „פּאַראַבעק" אָדער „גאַימיט", אָפּגעטון דאָס ביסל אַרבעט און אַ דאַנקען גאָט—דער טאָג איז פאַריבער. אים גייט נישט אין געלט. פאַרן עסן בלויז. ער דערפילט ווינאָקורס קוק אויף זיינע הענט און גיט צו אין איילעניש: — און איך בין גרייט צו טון אַלע אַרבעטן, איך וויל טון אַלע אַרבעטן, ווייל איך וויל זיך אויסלערנען, אַלץ אויסלערנען, פון...

— איר טרייבט אַן אויטאָמאָביל? ווייסט איר דאָך מסתם, אַז אויף יענעמס אויטאָמאָביל קען מען זיך נישט אויסלערנען גוט טרייבן. אַן אייגענער אויטאָמאָביל, מעג עס זיין אַ טראַנ־טע, אַבי אַן אייגענער...

— איר מיינט קויפן אַ פאַרם?

— איך מיין...

— וואָס דאַרפסטו לייגן אַ מענטשן שטיינער אויפן האַרצן? —האָט זיך אַריינגעמישט דאָס ווייב, וועלכע האָט שוין געכאַפּט דעם שמועס אַריינגייענדיק און אַרויסגייענדיק, — מ'דינגט נישט קיין אַרבעטער, דינגט מען נישט?

ווינאָקור האָט מיט שפּאָטישן קוק געפרעגט זיין ווייב, ווער דינגט, ווער? טויגעניכטסן.

— מיינסט צו זאָגן, אַז „סאָנקיסט" באַאַרבעט אַליין זיי־נע סעדער?

— סאנ—קיסט!

— נו, וואָס איז סאנקיסט?

— אי, גיי שוין גיי, רעדסט נאַרישקייטן. דאָס איז אַ מיליאָנערסקע פירמע, — האָט ער שוין גערעדט צו ברוכן. — הונדערטער מיילן, איר הערט, מיילן מיט מאַראַנצן, דערציילט זי אַ מעשה. און זיי האַלטן אַרבעטער? מעקסיקאַנער האַלטן זיי! אַרבעטער! שניידט אָפּ איין מאַראַנץ, און דעם צווייטן מאַראַנץ לאָזט ער אויף „מאַניאַנאַ" (מאָרגן), היינט גיב אים אַ באַנאַנאַ. אַרבעטער!

— און אַזוי האַלט שוין קיינער קיין אַרבעטער?

— אדרבא, ווער?

— און זי?

— זעסטו! דאָ אַן אלמנה דאָ, האָט זי אַ שטיקל פּאַרם,— דערקלערט ער ברוכן, און געווענדט צו דער ווייב, גיט ער צו, — האָט זי דאָך עמעצן!

— האָט, דוכט זיך, קיינעם.

— ווו איז דזשאהן?

— דזשאהן איז אַוועקגעגאַנגען.

— דזשאהן אויך אַוועקגעגאַנגען? — ווינאָקור האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט, נישטאָ פון וואָס צו רעדן. — קומט, מר. זיוו, וועל איך אייך ווייזן די פּאַרם.

— אויב איר ווילט, וועל איך מיט אייך צוגיין צו איר, צו מיכליען.

ברוך זיוו האָט געדאַנקט. אומגערן איז ער נאָכגעגאַנגען נאָכן באַלעבאָס, זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס יענער האָט דערקלערט, צוגעקוקט צום געוויזענעם, צום ווייזער, געזען די הנאה, וואָס יענער האָט פונם ווייזן, אים מקנא געווען און גע- ווען בייז אויף אים. דוכט זיך, אַ גוטער מענטש. נישט קיין שלעכטער. וואָס וואָלט עס אים אַרן, ווען ער נעמט אים אַריין. ער וואָלט דאָך געאַרבעט ווי אַ געטרייער משרת, אומזיסט! ווי מאָדנע מענטשן זענען. האָבן הנאה פון לייגן שטיינער אין וועג. אָבער וואָסער גייט אַרום דעם שטיין, גייט זיך זיין

וועג. ער וועט געפינען זיינס. ער וועט נישט דערציילן פון ארץ־ישראל, לערנען. ער איז אַן אַרבעטער. — ניין, ער וועט דאָ נישט נעכטיקן, — ווייזט ער צוריק די איינלאַדונג אויף נאַכטלעגער, ער זאָגט זיך אויף אָפּ פון צוגיין צו איר, צו מיכליען. ביי אַ פרוי זיך לערנען פאַרמעריי!

— איר וועט געפינען, — פאַרזיכערט אים די פרוי מיטן מאָנגאָלישן פּנים און בייז־שפּילעוודיקע אויגן, וואָס קוקן איצט באַדויערנדיק און פריינטלעך. ענטפערט ער איר מיט אַ געמאַכטער פרייליכקייט: וואָס דען, איך וועל נישט געפינען?— ער באַדאַנקט איר פאַרן מאָלצייט, פאַר דער פריינטלעכקייט, און אַוועקגייענדיק, מורמלט ער צו זיך אַליין: גיי ווייס, דוכט זיך, אַ מרשעת אויפן אויסזען, אַ קאַלבאַסניצע, און... — מאָדנע מענטשן, — גיבן אַ קנייטש זיינע אַקסלען.

3

דער אויפזעער האָט גערעדט צו ברוכן שרייענדיק, וועלנדיק אַ פּנים מיטן העכערן טאָן קלאָרער מאַכן, וואָס ער זאָגט, און גערעדט האָט ער ווי אַ דערוואַקסענער צו אַ קינד: דו קען אַרבעטן? — ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ שפּאַניער. ברוך האָט געענטפערט יאָ און ניין, נישט אַרויסגעבנדיק זיך, אַז ער קען ענגליש, כּדי נישט צו שטערן דעם אויפזעער זיין איינדרוק און פּטור צו ווערן פון זיין ביליקן באַפעלערישן אַרט רעדן. אין עטלעכע מינוטן אַרום איז ער געשטאַנען אויף אַ קורץ לייטערל, אַ שער אין האַנט, שניידן מאַראַנצן.

דאָס קליין אויסגעפּוצטע מאַראַנצן־ביימעלע, וואָס האָט ביז אַהער געלעבט אויף דער וועלט, כּדי צו באַפּוצן די ערד, די וועגן, אויף וועלכע ברוך איז פאַרבייגעגאַנגען, פאַרבייגעפאָרן, איז איצט געוואָרן אַ בוים, אויף וועלכן ער דאַרף קריכן,

דאַרף אַרבעטן, דרייען דעם האַלז און נאַקן, אָפּשניידן בלויז די צייטיקע מאַראַנצן, די גרינע לאָזן הענגען. אַ מאָדנער בוים דאָס איז. אויף דעמזעלבן בוים צייטיקע מאַראַנצן, וואָס סטראַשען: נעמט אונז אַראָפּ, אַ נישט פאַלן מיר אַרונטער, און גרינע מאַראַנצן, וואָס אַז מ׳גיט נאָר אויף זיי אַ קוק, ווערט זויער אין מויל, און דאָ זעט זיך נאָך אַ ווייסער בליט. אַ מאָדנער בוים, אַ מאָדנע פּרוכט. אין ארץ־ישראל וואַקסן זיי אויך אַזוי? אין חומש נישט דערמאָנט. ארץ־ישראלדיקע מאַראַנצן זענען די בעסטע אין דער וועלט. ער שניידט און שניידט, און דער קאָשיק אונטערן בוים איז נאָך אַלץ נישט פול. און מ׳צאָלט פון קאָשיק. וועט ער פאַרדינען מיט צען סענט ווינציקער, ער איז דאָך נישט קיין מעקסיקאַנער...

די מעקסיקאַנער האָבן זיך אויסגעזעצט, אַרויסגענומען פון די בלעכענע קעסטלעך זייער מיטאָג, געגעסן, גערעדט, געקוקט אויף ברוך זיוו, וועלכער האָט געמאַכט המוציא איבער... אַ מאַראַנץ. איינער פון זיי האָט זיך געווענדט צו אים, געפרעגט עפּעס, ברוך האָט צעפּירט מיט די הענט — איך פאַרשטיי נישט. האָט דער מעקסיקאַנער אים פאָרגעשלאָגן אַ „טאמאלע", און ברוך, נישט ווויסנדיק וואָס פאַר אַ מאכל דאָס איז, האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון מיט „אַ דאַנק" אויף ענגליש.

— שפּיל באַל? —האָט זיך געווענדט אַ צווייטער, האַלטנדיק אַ מאַראַנץ, גרייט צום וואַרפן.

— ניין, מיך נישט שפּיל באַל, — האָט ברוך געענטפערט אין אַ אומישנע צעקאַליעטשעטן ענגליש, נישט דערלאָזנדיק דער אַמעריקאַנער קולטור צו פאַראייניקן דעם יידן מיטן שפּאַניער.

— דו ייד? —האָט דער שפּאַניער געפרעגט.

— יאָ, איך בין אַ ייד, — האָט ברוך געענטפערט מיט אַ פאַרריסענעם טאָן.

אַ קורץ שווייגן, נאָכגעפאָלגט פון אַ לעבהאַפטיקן געשפּרעך אין שפּאַניש, האָט ברייטער געמאַכט דעם שטח צווישן ברוך זיוו און די שפּאַניער. ער האָט געאַרבעט שווייגנדיק

דעם צווייטן האַלבן טאָג, פאַרנאַכט איז דער אויפזעער אויס־געוואַקסן לעבן אים, אַ קוק געטון אויף זיין טאָג „שניט", אָפּ־געמאָסטן ברוכן, און אַ רוף געטון: קום מיט מיר! — ברוך איז נאָכגעגאַנגען אַ ברוגזער, אַ באַליידיקטער. קיין זאַך האָט, דוכט זיך, פּאַסירט, און אינעווייניק קאָכט דער כּעס, רייסט זיך אויף אַרויס.

— חתמע זיך דאָ אונטער, און דו וועסט קריגן דיין געצאָלטס, — האָט אים דער אויפזעער אָנגעוויזן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

— צאָלט איר יעדן טאָג — האָט ברוך בייז געפרעגט.

— ניין, מיר צאָלן אַלע צוויי וואָכן, אָבער דיר צאָל איך אָפּ.

— מעג איך וויסן די אורזאַך?

— דאַרף איך דיר אָנגעבן אורזאַכן?

— ניין, איר דאַרפט נישט, אָבער...

— שרייב זיך אונטער! נאַ, אייב, דיין געצאָלטס!

— מיין נאָמען איז נישט אייב!

— ווי גוט עס וואָלט געווען אַ צעפּיר טון די הענט, — האָט געענטפערט דעם אויפזעערס קוק. ברוך האָט פּאַמעלעך אַרויפגעצויגן דאָס רעקל, נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן אויפ־זעער. יענעמס קוק האָט געטריבן: נו, גיכער, טראָג זיך אָפּ, ווייל... ברוך איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען. גייענדיק האָט ער אָנגעטאַפּט אין קעשענע דאָס געלט, וואָס ער האָט געקראָגן פאַרן טאָג אַרבעט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינגעוויקלט דאָס פּערטעלע אינם פּאַפּירענעם דאָלאַר, אַ וואָרף געטון אין גרובן ביי דער זייט פון וועג און אַוועקגעגאַנגען. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין, געגאַנגען צוריק, זיך אַרונטערגעלאָזט אין גרובן. געזוכט, געפונען דאָס געלט און אַריינגעלייגט צוריק אין קעשענע.

אויפן וועג צו זיין „מעבלירטן צימער" איז ער פאַרביי־געגאַנגען אַ רעסטאָראַן. דער ריח פון פלייש, געפּרעגלט אויף

חלב, האָט אים אַ זעץ געטון אין נאָז. ער האָט פאַרשנעלערט זיין גאַנג, אַ נישט-געגעסענער זיך אַריינגעלייגט אין בעט, און ביז דער מידער קערפער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם שלאָף, האָט דער האַלב-וואַכער מח באַשטימט, אַז מאָרגן ציט ער זיך אַרויס פון דאַנען, פונם „גוישן" הויז, פונם „גוישן" רעסטאָראַן, פון די „גוים"...

אויף דער פראַגע, ווו ער קען קריגן אַ צימער, האָט אים ביילע ווינאָקור געענטפערט מיט אַ פראַגע—איר מיינט אַ שטענדיקן צימער מיט עסן? דאָ איז שווער צו קריגן. ער קאָן דאָ איבערשטיין אַ פּאָר טעג, אָבער פאַרדינגען אַ צימער...

— דאָ איז דאָך פאַראַן אַ סך יידן!

— איר ווייסט דאָך, דאָ זענען אַלע פאַרמערס, יעדער האָט זיך אַ שטיבל פאַר זיך. קומט אַ מענטש, גיט מען אים אַ נאַכטלעגער, איבערשלאָפן. אָבער פאַרדינגען? סיידן אפשר מיכליע. זי האָט אַ צימער פאַרן אַרבעטער.

— מיכליע?

— די אלמנה, וואָס איך האָב אייך געזאָגט.

ברוך האָט גאָרנישט געענטפערט.

— קומט, וועל איך אייך צופירן אַהין. ס'איז דאָ נישט וויט, אַ צען מינוט גאַנג.

דער טאַטע פירט דאָס ייִנגל צום רב פאַרהערן. ס'ווילט זיך נישט גיין, אָבער פאַרפאַלן. שפּאַנט די געזונטע, גרויסע ביילע ווינאָקור, רעדט אַרונטער צום קליין-געוויקסיקן ברוך זיוו, דערציילט אים וועגן מיכליען, וועגן איר מאַן, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוויי צוריק, טאַקע דאָ אויפן פאַרם, צוליב אים געקויפט טאַקע, געמיינט דאָ וועט ער געזונט ווערן, אָבער וואָס קאָן אַ פאַרם העלפן, אַז ער איז געקומען אַ מת. געשטאָרבן. זי אויך, קוים וואָס זי האַלט זיך, קאָן נישט אויפהויבן אַ זעקל „מעש *)", די שוועסטער העלפט אַביסל

*) עסנוואַרג פאַר היגער.

צו. האָט אַ ייִנגערע שוועסטער, אָבער אַ פּאַרם אָן אַ מאַן, איז ווי אַ פּאַרמער אָן אַ ווייב. פונדעסטוועגן האַלט זי נאָך אויף די פּאַרם גאַנץ פיין, ס׳וואָלטן זיך געוווּנטשן אַנדערע פּאַרמער, כלומרשט אמתע פּאַרמער, זייערע פּאַרמעס זאָלן אויסקוקן אַזוי. דאָ איז דאָ איינער...

— דאָ איז עס, — האָט ביילע זיך אַליין איבערגעשלאָגן איר רכילות וועגן דעם און יענעם פּאַרמער. — אָט איז זי טאַקע. — אייך געבראַכט אַ באָרדער!

— אַ באָרדער ?!

מיכליע וואָלקענשטיין האָט פּאַרדראָסיק אַ קוק געטון אויף ביילען, און איבערטראָגנדיק דעם קוק אויף ברוך זיוו, איז ער געוואָרן קאַלט, פרעמד. ברוך זיוו האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ביילע האָט מיט איר ברוסטיקער שטימע גענומען דערציילן וועגן ברוכן, אָנווייזנדיק אַלעמאָל אויף אים. מיכליע האָט געהערט, נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן ביילעס אָנווייזונגען. ברוך, פאַרגעסנדיק אויף אַ ווײַלע, אַז דאָס רעדט מען פון אים, האָט באַטראַכט דעם הויף, מיכליען. זיך באַגעגנט מיט אירן אַ קוק, האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער נישט געקענט אַרייַנשטעלן אַ וואָרט אין ביילעס אויסגוס. אים האָט באַנג געטון דער גאַנצער עסק, און זי, מיכליע, געפעלט אים נישט. די האָר נישט שוואַרץ, נישט ברוין, אָפּגעקראָכענע שוואַרץ. דאָס פּנים, געווען אַמאָל מאַט ווייס, איצט איז עס כמעט אָליוון גרין, מער נישט די אויגן, בלויע אויגן! ער איז איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט זיי דערזען, דרייט זי אָפּ דעם קאָפּ, דערזעט ער אַן אויסגעדייוּוערטן האַלז, די קלעוויקאַל-ביינער סטאַרטשען אַרויס. גריבער. צו וואָס טראָגט זי נאָך אַזאַ לופטיק קליידל. גרייכט קוים איבער די קני. פיס גראָד שיינע, גלייכע, דינע.

— איר ווייסט דאָך, — הערט ער איר זאָגן, — כ׳האָב אַ צימער, דאַרף איך אים פאַרן אַרבעטער. לעווין האָט מיר צוגעזאָגט צושיקן אַן אַרבעטער, זיינער אַ באַקאַנטער טאַקע.

די שטימע געפעלט אים. אַ ווייכע, און דער עיקר אַן

אויפריכטיקע, מ׳וויל איר גלויבן. ביילע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — מסתמא אַזאַ אַרבעטער ווי ער אַליין. ווען איך בין איר, וואָלט איך אַפילו נישט געטראַכט וועגן דעם.

— אָבי וועמען וועל איך שוין נישט אַריינגעמען. איצט אַז איך וועל צונעמען אַן אַרבעטער, וועל איך נעמען אַזאַ, וועלכער זאָל שטיין און אַרבעטן. גענוג זיך אָנגעליטן פון די „זומער פייגעלעך".

אַזאַ אַנטשלאָסנקייט אין איר שטימע.

— אויף אַ פּאָר טעג קען איך דערווייל אָוועקגעבן דאָס צימער. שיפקע! שיפקע! גיי ווייז דעם מאַן דאָס צימער. און וואָס הערט זיך ביי אייך?

די צוויי פרויען זענען נאָך געבליבן רעדן, און ברוך זיוו האָט נאָכגעפאָלגט דער יינגערער שוועסטער. ער האָט כלומרשט באַטראַכט דאָס צימער, האָבנדיק שוין באַשטימט, אַז וואָס פאַר אַ צימער עס זאָל נישט זיין, וועט ער עס נעמען, זיך אַנידערלייגן, באַטראַכטן, זיך אַרומקוקן. ער האָט געקוקט אויף דעם מיידל, געזען — זייער ענלעך צו דער שוועסטער, די זעלבע געזיכטס שטריכן, מער נישט יינגער, געזונטער און ממילא שענער. דאַרף אַלט זיין אַ יאָר אַכצן. דאָס מיידל איז שוין געשטאַנען, נאָכגעפאָלגט ברוך זיווס באַוועגונגען. האָט ער אַ קוק געטון צום פענסטער, האָט זי אים דערקלערט, וווהין דאָס פענסטער גייט אַרויס, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, צום באַלקן, האָט זי מיט אַ שולדיקן שמייכל דערקלערט, אַז לעצטן ווינטער אין די גרויסע רעגנס האָט אַריינגערעגנט.

— גוט, — האָט ברוך אַ זאָג געטון, און עס איז נישט געבליבן מער וואָס צו טון, צו זאָגן. שיפקע האָט זיך געישובט, זאָל זי אַרויסגיין, בלייבן? געזען, ער מאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט אַפריער. ברוך איז נאָכגעגאַנגען. מיכליע איז זיי אַנטקעגנגעקומען. ביילע איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. ברוך האָט זיך דערפילט ווי אַ לערן-

יינגל, וועמען דער טאַטע האָט אַריינגעגעבן אין חדר און נאָר וואָס אַוועקגעפאָרן.

— איר זענט אפשר הונגעריק? שיפקע, גיי גיב די הי־נער אַ טרונק.

— ניין, ער האָט געגעסן. איר האָט הינער?

— יאָ, דאָ אַביסל. איר ווילט זיי אָנקוקן? קומט, וועט איר שוין זען די גאַנצע פאַרם, — האָט מיכליע צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. דאָס טונקעלע פּנים האָט אויסגעלאָכטן מיט אַ מאַ־טער שמייכל שיין, באַלויכטן דעם שטערן, די האָר, איר גאַנץ וועזן, זי איז מיט אַמאָל שענער געוואָרן.

4

אַ הייסער שטורעם־ווינט האָט זיך געטראָגן פון די סאַן בערנאַרדינאַ בערג איבערן יוקאַיפּאַ טאָל. כוואַליעס זאַמד האָבן פאַרפלייצט די וועגן, געריסן זיך אין דער הויך, געדרייט זיך אין גרויסע קרייזן און אויף איין אָרט ווי אַ דריידל־אַרום זיך — מיט אַ לעיקע־עפענונג אין דער הויך, און אומגעפאַלן מיט אַ זייט אויף די שוין פאַרמירטע זאַמד־וואַלן. איין כוואַליע האָט זיך נאָך נישט איינגעלייגט אויפן זאַמד באַרג, און אַ צווייטע כוואַליע, געיאָגט פון ווינטן שוואַל, האָט זיך שוין אי־בערגעטראָגן איבערן באַרג, ווייטער. דעכער פון אויטאָמאָבילן האָבן זיך געוויגט אויף די זאַמד כוואַליעס,ביימער זענען קרעכצנדיק צו דער ערד געפאַלן, איבערגעריסענע טעלעגראַף־דראָטן האָבן זיך פאַרשייט געהוידעט, אָנשטויסנדיק אָן סלופּ, אים אַ ברי געטון. אויפגעציטערט האָט דער סלופּ פון קאַלטן ברי, און באַלד זיך דערוואַרעמט אינם מאַנטל בלויע־פלאַמען. די ברענענדיקע סלופּ־ליכט איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער גרויער זאַמד פינסטערניש, און דאָס בייסנדיקע היסעניש פון

ווינט האָט פאַרטויבט וועלכן ס'נישט איז סיגנאַל אָדער וואָר־נונג.

געניטע פאָרער, פאַרכאַפּט פונם שטורעם, דערפילנדיק דעם ערשטן זיג־זאַג פון די גומי רעדער אויף די זאַמד־כוואַליעס, האָבן צוגענומען די פיס פון גאַז־קנעפל אָדער אַלמע, שוואַך געררודערט, קוים, קוים אָנגערירט דאָס רעדל, און ווי עס האָט צוגעשלאָגן דעם אויטאָמאָביל, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אײַנגעקלייגט, בויך אַרונטער, וואַרטנדיק אין שרעק, ביז דער שטורעם וועט זיך איבערטראָגן איבער זייערע קעפּ.

— אין ארץ־ישראל רופט מען דעם ווינט כאמסין, — האָט ברוך אַ זאָג געטון צו מיכליע וואָלקענשטיין, זיצנדיק אין שטוב ביים פאַרמאַכטן פענסטער צום גאַס צו. מיכליעס הויז איז געווען מיילן ווייט פון דער שטורעם־אַרעאַ, דאָך האָט זיך געפילט דער הייסער שטורעם אָטעם, און זאַמד איז געקראָכן אין נאָז, אין האַלז, כאָטש טיר און פענסטער זענען געווען פאַרמאַכט.

— איר טראַכט טאַקע ערנסט פון ארץ־ישראל.

— און איר שפּאַסט פון מיר.

— איר זענט צו סענטיטיוו, — האָט זי אַ זאָג געטון לערעריש, און חבריש צוגעגעבן, — אַנטשולדיקט, איך האָב נישט געמיינט ווייַ צו טון. איך פאַרשטיי בלויז נישט, וואָס ציט אַזאַ יונגן מאַן ווי איר, וואָס איז שוין אָפּגעווען אין אַמעריקע וויפל יאָר? צוועלף? אַהין קיין ארץ־ישראל?

— טאַקע אָט די צוועלף יאָר.

— רעד קלאָרער, — האָבן געמאָנט אירע אויגן.

— די צוועלף יאָר שטופּן מיך אַהין. צוועלף יאָר. פון צוויי און צוואָנציק ביז פיר און דרייסיק. די בעסטע יאָרן פון לעבן. אַרומגיין פון טיר צו טיר, פאַרקויפן קאָלדרעס, טישטוכער, ליילעכער, אָפּנאַרן דעם פויער און נאַרן זיך אַליין, אַז דאָס איז אַ לעבן. פריער מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס..— ער האָט אַ הויב געטון די אַקסל, געפילט די משא, און זיך

מתודה געווען אין דער הויך פאַר זיך אַליין. — נאָכדעם מיט אַ פּאָרדל, געדרייט אַ רעדל... און דאָס רעדל האָט זיך איבער־געדרייט. אַפילו די פּאָר דאָלאַר, וואָס שוין געהאַט אָפּגע־שפּאָרט, אויך אין דער ערד געגאַנגען. אַ קבר. און אויפן קבר אַ מצבה, אויסגעהאַקט פון צוועלף יאָר לעבן. — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— און דאָרטן? ווייסט איר, אַז דאָרט וועט זיין בעסער?

— איך ווייס נישט, און דאָס נישט וויסן ציט.

— פאַרוואָס גראַדע אַהין?

— ווייל דאָרט, אַז מ'באַגראָבט עטלעכע יאָר, וואַקסט עפּעס אויס דערפון. איז נישט פאַר זיך, איז פאַר אַנדערע, פאַר עפּעס, דאָ, איז... זאַמד...

— דאָרט בלאָזט אויך אַ... כאַמסין.

— יאָ, אָבער...

אַ זאַמד־בעזימל האָט אַ שמייס געטון מיט פּריסעק ריט־לעך איבער דער טאַפּליע: העי, דו, רעד נישט קיין לשון הרע.

— באַדאַרפט פאַרפלאַנצן ביימער פון פּאָרנט צום וועג צו. דאָס וואָלט פאַרשטעלט דעם ווינט.

— באַדאַרפט אַ סך זאַכן, — האָט מיכליע מיט אַ זיפץ געענטפערט, — פון דער פאַרם וואָלט מען געקענט מאַכן אַ לייט, אָבער...

— פאַרפלאַנצן מאַראַנצן ביימלעך.

— מאַראַנצן ביימלעך! — אירע אויגן האָבן שמייכלענ־דיק געזאָגט: אַי ביסטו אַ נאַריש קעלבעלע, אַ מאַן! אידעאַלן! פאַרט קיין ארץ־ישראל בויען אַ לאַנד. אַ קינד ביסטו. לער־נען דאַרף מען דיך. און איך קען זיין די לערערין.

— פאַרוואָס נישט?

— ווייל אַ פוטער פון שיפאַן האָט נאָך קיינער נישט אויפגעגעבן.

— איך בין נישט קיין שניידער, — האָט ער באַליידיקט געענטפערט.

— אָבער ביי מאַראַנצן האָט איר דאָך שוין געאַרבעט, — האָט זי רייציק געשפּאָסט. — איר האָט דאָך געמוזט זען, אַז ביים בּרעג פון אַ מאַראַנצן־סאָד זענען פאַרפּלאַנצט עקאַליפּ־טוסן, פּאַלמעס, אַנדערע ביימער, זיי זאָלן פאַרהיטן דאָס צי־טעריקע קינד, דאָס מאַראַנצן ביימעלע, עס זאָל זיך חלילה נישט פאַרקילן. און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק, אַז ס׳קומט דער ווינטער, עס כאַפּט אַ פרעסטל שטעלט מען אונטער יעדן ביימעלע אַן אייוועלע.

— אַן אייוועלע?

— אַן אויוועלע. עס איז גיכער אַ פייער טעפּל ווי אַן אויוועלע. עס רויכערן זיך דאָרט אַזעלכענע קוילן אָדער אויל און דער רויך דערלאָזט נישט די קעלט צו די בוימער.

— דער רויך דערלאָזט נישט?

— עס ווערט אַזאַ געדיכטער רויך, אַז מ׳זעט נישט פאַר דער נאָז. מ׳שטייט אַמאָל אויף אינדערפרי, איז דאָס גאַנצע פּנים שוואַרץ, דעם לייַלעך איז נישט צו דערקענען, בלויז וווּ דער קערפּער איז געליגן בלייבט ווייס.

— דאָס איז פאַר מיר אַ נייעס.

— וואָס מ׳לעבט מער, אַלץ מער לערנט מען.

— יאָ, כ׳האָב נאָך גענוג צו לערנען. — ער האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט פרומע בעטנדיקע אויגן: זיי דו מיין לע־רער, איך וועל זיין אַ גוטער תּלמיד.

זי האָט אַ שאַר געטון די האָר. — נו, וואָס וועט זיין דער תּכלית פון זיצן אַזוי? מ׳דאַרף אַרויסגיין אַ קוק טון צו די הינער.

— דער ווינט...

— וועט מיך נישט אָוועקטראָגן. — זי האָט זיך קאָקע־טיש אַ דריי געטון, געלאָזט זיך גיין אין דרויסן. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, זיך צוגעקוקט, וואָס זי וויל טון און עס אַליין געטון אונטער אירע אָנווייזונגען. אָפּגעטון, האָט ער זי שטום געפרעגט: נו, גוט? זענדיק אַ גוטהייסנדיקן קוק איז ער גע־

ווען צופרידן, ער וועט אַלץ קענען טון, זאָל זי אים נאָר לאָזן. ער וועט...

זיצנדיק ווידער אין שטוב האָט ער גענומען פאַרלייגן פּלענער ווי אויסצובעסערן די פאַרם. — זאָל זי אויף אים קיין פאַראיבל האָבן, איר פאַרם איז... אַן עפּל דאַרף זי דאָך קויפן, פון אַ גלאָז מילך איז דאָך אָפּגערעדט.

— און איר וואָלט פאַרפלאַנצט בהמות?

— איר קענט זיך לאַכן... — ער האָט אַרונטערגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ.

— נו, נו, איך לאַך נישט. אדרבה, זאָגט, וואָס וואָלט איר געטון.

— איך וואָלט... — ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, צי זי איז ערנסט, און געקראָגן אַ פאַרזיכערנדיקן קוק, האָט ער גענומען אויסלייגן די פּלענער, ער וואָלט פאַרפלאַנצט אַלערליי ביימער. עפּל און באַרן און פלוימען, מאַראַנצן און פייגן, אפילו ניס. פון גרינסן שמועסט מען נישט. ער וואָלט געקויפט אַ בהמה...

— איך וואָלט אַזוי געוואָלט אַ בהמה, און אַ קעלבעלע! אַ קליין, שיין קעלבעלע! — האָט שיפקע אַ זאָג געטון מיט מיידלשער התפעלות און צאַרטקייט פאַר קליינע באַשעפענישן.

— ביסט אַליין אַ גוט קעלבעלע, — האָט די שוועסטער געענטפערט מיט אַ שמייכל. שיפקע האָט זיך באַליידיקט פאַררויטלט. ברוך האָט געקוקט אויף איר.

— און איר וואָלט דער בהמה געגעבן עסן אַ פייג, — האָט מיכליע אָפּגעריסן ברוכס קוק פון שיפקען.

— אַז זי לאַכט...

— ניין, זי לאַכט נישט. אָבער ער רעדט וועגן אַ פאַרם ווי וועגן אַ געשמאַקן קאָמפּאָט נאָכן עסן. עפּל, באַרן, פלוימען — דאָס איז אַלץ קאָמפּאָט, און פון וואָס וועט מען ציען דאָס שטיקל ברויט?

— ווינאָקור, זאָגט מען, איז רייך.

— ווי—נאָ-קור! יענער האָט זעכציק אַקער לאַנד.

זיינע צוויי זין קענען אַריינאַרבעטן פּאַר צען, אים פּעלט אויך גאָרנישט, און ער דינגט נאָך אַרבעטער דערצו.

— מיר האָט ער געזאָגט, ער דינגט נישט.

— ער דינגט נישט קיין יידישע אַרבעטער און קיין שטענדיקע. האָט מורא טאָמער, חלילה, וועט מען בײַ אים אײַבערנעמען די תּורה, און ווערן אַ בעסערער פּאַרמער פון אים. אַ גוטער מענטש, און זי איז גאָר אַ גוטע, נאָר קענען נישט פּאַרטראָגן, טאָמער האָט עמעצער אַ גוטע פּאַרם, קיין בעסערער פון זײַנער טאָר נישט זײַן. ווען ער זאָל קענען אײַנשלינגען אַלע פּאַרמער, זײַ אויסקויפן, וואָלט ער אַ רואיקער געשטאָרבן. מיט ווײַנאָקורן איז נישטאָ וואָס צו פּאַרגלײַכן. אָט וואַרגט זי זיך מיט אירע פינף אַקער.

— אָבער ווען מ׳זאָל זײ באַאַרבעטן, ווען מ׳העלפט איר.

— פון פינף אַקער וואָלט אפילו אַ יאַפּאַנעזער נישט געקענט אויסזויגן אַ לעבן. מ׳קען, פּאַרשטייט זיך, פּאַרפּלאַנצן ביימער, אָט האָט זי פּאַרפּלאַנצט ווײַנטרויבן.

ברוך האָט געמאַכט אַ זויערע מינע. די ווײַנטרויבן, דער ווײַנגאָרטן האָט אים גאָר אָפּגענאַרט. אַזויפיל מאָל געלערנט אין חומש: איש—אַ מענטש תּחת גפנו—אונטער זײַן ווײַנשטאָק ותּחת תּאינתו—און אונטער זײַן פײַגנבוים, איז מילא, אונטער אַ פײַגנבוים איז טאַקע אַ פּאַרגעניגן צו זיצן, אָבער ווי זיצט מען עס אונטער אַ ווײַנשטאָק, אַז דער גאַנצער ווײַנשטאָק איז דרײַ טפחים פון דער ערד.

— פּאַרפּלאַנצט ווײַנטרויבן, — האָט זי געענטפערט אויף זײַן קרומער מינע,—דערפאַר, ווײַל זײ דאַרפן נישט קיין וואַסער, קענען וואַקסן אין זאַמד, און דאָס ביימעלע דאַרף מען נישט אַזויפיל כאָליען. אָבער אַ לעבן מאַכן, ציען דערפון חיונה, קען מען נישט, נישט פון א׳רע פינף אַקער. דאָ קען מען טון איין זאַך — הינער. הינער מעלקן זיך נישט, — האָט זי געשמייכלט. — געהאַט אַ ציג, האָט נישט שיפקע, נישט איך, געקענט זיך מיט איר ספּראַווען, געמוזט פּאַרקויפן. הינער, נישט הונדערט שטיקלעך עופות, ווי איצט, נאָר טאַקע אין די טויזנ-

טער, אָט ווי אין פּעמאַלאָטאָ. פון דעם קען מען ציען אַ פיין לעבן.

— איר מיינט האָדעוועט הינער און זיי פאַרקויפן.

— הינער, אייער.

— דאָס מיינט האַנדלען, פּעדלען.

— מ׳דאַרף נישט פּעדלען. מען פאַרקויפט זיי נאָך איי־דער זיי ווערן געבוירן... — האָט זי פאַרענדיקט לאַכנדיק.

— קויפן, פאַרקויפן. קען מען דאָך זיין אין שטאָט. צו וואָס נאָך זיצן אויף אַ פאַרם?

— געהאַט געגוג שטאָט... — האָט זי אומעטיק אַ זאָג געטון.

דער געשפּרעך האָט זיך מער נישט געקלעפּט. ליגנדיק ביי זיך אויפן געלעגער, האָט ער שיר נישט אַרויסגעזאָגט אויפן קול: זי איז אַ קלוגע פרוי. אַ קוק געטון אויף דער צו־געמאַכטער טיר, האָט ער איינגעגעבורעט דעם קאָפּ אין קישן. ער האָט געזען אַ פאַרם באַזעצט מיט ביימער. הינער טאַקע אַ פּלאַן, האָט אַ געזונטן קאָפּ אויף זיך, אָבער... „אַ פאַרם אָן אַ מאַן איז ווי אַ פאַרמער אָן אַ ווייב״. גערעכט די ווינאָקור, אַ פאַרם דאַרף האָבן אַ מאַן. און אַ פאַרמער... יאָ, דאָרט. אַ חלוצה... „איר וואָלט פאַרפלאַנצט בהמות״. האָט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך, און אַז מ׳קוק זיך צו צו איר, גאָרנישט קיין מיאוסע. ווען זי שמייכלט, איז זי אַן אַנדער מענטש. זעט אויס שיין. ער האָט זי נאָך נישט געזען אַ פרייליכע. געמוזט אַ סך אי־בערלעבן. איר מאַן... געמוזט פרי חתונה האָבן... אויסגעזען ווי שיפקע מסתם... ניין, ערנסטער, מוז איצט זיין אין זיין עלטער. דערהערנדיק אַ סקריפּ פון ברעטער, האָט ער אַ וואָרף גע־טון דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט, עמעצער גייט נאָך אַרום? ניין. שטיל.

אַן אומרואיקע נאַכט, פול מיט חלומות. ער פאָרט אין אויטאָמאָביל. אַ כאַמסין פאַרכאַפּט אים. דאָס רעדל דרייט זיך ביי אים אין די הענט, ער קען עס נישט איינהאַלטן, דער אויטאָמאָביל דרייט זיך אין אַ ראָד. ער הויבט אויף די הענט,

ווײַל אַרױסשפּרינגען. מיכליע טוליעט זיך צו אים, נעמט אים אָן שטײַף בײַם גאַרטל. אַ ווינט־כוואַליע גיט זײ בײדן אַ ריס, טראָגט זײ אין דער לופטן, העכער, העכער, מיטאַמאָל גיט דער ווינט אַ ריס, אַ שטױס, און זײ פֿאַלן בײדע אױף אַרונטער, פֿאַלן... פֿאַלן...

5

מיכליע! מיכליע!

— וואָס וויל ער דאָרט?! — האָט מיכליע אַ זאָג געטון צו זיך אַלײן, דאָך אָפּגעווישט די הענט און אַרױסגעגאַנגען צו ברוכן.

ער האָט אַריבערגעצויגן זײַן אָרעם איבער אַקסל און מיט דער צווײטער האָנט אָנגעוויזן אויפֿן פֿײַגנבוים. — זײ זענען דאָך שוין צײַטיק! התאינה, דער פֿײַגנבוים, חנטה, האָט געצײַטיקט, פּגיה, זײַנע פֿײַגן. אַכט פֿײַגן! זע! אײנס, צוויי, דרײַ, פֿיר... זעסט דאָס פּיצינקעלע? האָסט נישט ליב קײן פֿײַגן?

— געננוי ווי אַ קינד.

— באַרעכן נאַר. נאָך קײן פֿול יאָר נישטאָ, און שוין אַכט פֿײַגן. און ווי גרויס! מיכליע האָט אים שמײכלענדיק אָנגעקוקט, פֿאַמעלעך אַרײַנגעצויגן דעם שמײכל אין זיך, בלויז אַ שטילע, פֿרײדיקע שמײכל־שײַן האָט געשוועבט אַרום מויל. „דער פֿײַגן בוים האָט געצײַטיקט זײַנע פֿײַגן”. און אין מיר...

— אַרונטערגענומען?

— זײ זענען נאָך נישט צײַטיק. זײ דאַרפֿן ווערן בלוי, שוואַרץ כּמעט.

— די איז שוין פֿאַרטיק. זעסט? — תּוך כּדי דבור האָט ער איר דערלאַנגט די פֿײַג.

— איך וויל נישט. עס דו.

— ווילסט נישט די פײג ? !

ער דערלאַנגט איר די ערשטע פײג פון זײַן פאַר־פלאַנצטן בוים, און זי וויל נישט עסן. דעם פײגנבוים האָט ער פאַרפלאַנצט אונטער אירע אָנווײזונגען פונקט ווי ער האָט גע־בויט די הינער־הײזער אונטער איר אויפזיכט. בײדע זאַכן האָט ער געטון, ווײַל ער האָט געדענקט מ׳דאַרף עס טון, אָבער דער פײגנבוים איז זײַנער אינגאַנצן.

— די ערשטע פײג באַלאַנגט צו דיר.

— צו בײדן, — ער נעמט די פײג, ווײַל זי צערײַסן אויף דער העלפט. זי לאָזט נישט.

— עסן פון דער גאַנצער פײג איז געשמאַקער.

— איז מיר אַ ביס, דיר אַ ביס.

— די פײג איז געווען אַ זיסע...

— אַרונטערנעמען נאָך אײנע פאַר שיפקען. שיפקע !

אַזאַ שפּילעוודיקײט אין אים. זי, וועלכע טראָגט אין זיך זײַנס אַ קינד, באַטראַכט דעם טאַטן ווי אַ גרויס קינד אירס, און, זאָל זיך עס שפּילן...

— ווילסט עפּעס ? — פרעגט ער שיפקען ענגליש, האַלטנדיק איין האַנט אונטערן רוקן.

— וואָס ?

— זאָל זי טרעפן !

— גיב איר שוין, נו. — שמײכלט מיכליע.

— נײן, זי דאַרף טרעפן. וואָס האָב איך דאָ ?

— אַ פײג.

— אַ פײג האָסטו געטראָפן ! — ער טראָגט איר אונטער די פײג און שעפּט נחת פון שיפקעס ליוב געזאַנג : סאָראָ גרויסע ! איז דאָס די אײנציקע ?

— דאָ אַ וועלט. אָפּגעשאָטן !

— כ׳מײן צײַטיקע ?

— אַ טאָן אַ גאַנצער !

— נײן, טאַקע אויף דער אמתן.

— אויף דער אמתן. מ׳גיט דיר אַ פײג, עס און שווײַג.

— און איר?

— מיר האָבן שוין געהאַט אונזערס.

שיפקע גיט אַ קוק אויף ביידן, לאָזט אַרונטער די אויגן צו דער פייג. זי פירט מיט איין פינגער איבערן קעפל פון דער פייג, הויבט נאָכאַמאָל אויף די אויגן, גיט זיך האַסטיק אַ דריי אויס און אַנטלויפט. ברוך און מיכליע האָבן איר נאָכגעקוקט, און ווען זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָט ברוך אומגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט אַ זאָג געטון אין דער וועלט אַריין: דער פייגנבוים צייטיקט זיינע פייגן. מיכליע האָט אים שטרענג אָנגעקוקט.

— ס'איז איר אומעטיק דאָ מיט אונז. וואָלט באַדאַרפט זיין אין שטאָט, צווישן מענטשן...

— וועט נישט פאַרשפּעטיקן.

— איך דענק, מיכליע, ס'איז אַן עוולה, וואָס דו האַלטסט זי דאָ אויפן פעלד. אַ מיידל אין אירע יאָרן.

— דאַרף זיין דאָ!

— דאָס זאָגסטו אַזוי. אָבער פרעג נאָר זי.

— ווער דאַרף איר פרעגן?

— יענער האָט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

— יענער?! — זי האָט אים שאַרף אָנגעקוקט, און אַן אומעטיקע אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ער האָט אַ גלעט געטון אירע האָר. זי האָט שטיל גערעדט: — איך ווייס, דו קענסט עס מיר נישט פאַרגעבן. איך האַלט קיינעם נישט. — זי האָט אויף אים ווידער אַ קוק געטון, אָבער מיט אַזאַ לויטערן קוק, וואָס דרינגט אַריין אין דער טיפעניש פון יענעמס אויגן. אָבער טוט נישט וויי.

— וואָס מיינסטו?

זי האָט אַ שמייכל געטון. — ווייסט נישט? — זי האָט אָנגענומענזיין קין, געקוקט אים אין די אויגן. — וועסט פאָרן. מירן אַלע פאָרן. איך און דו און... ער. לאָמיך נאָר איבערקומען בשלום. זאָל ער נאָר אונטערוואַקסן דיין זון.

— און פון וואַנען ווייסטו, אַז אַ זון? אפשר גאָר אַ מיידל?

— ווילסט נישט קיין זון? זעסטו? אַ זון, אַ זון, נאָר נישט מיט אַזאַ קאַרפּאַטע נעזל ווי דעם טאַטנס. — זי האָט געדריקט מיטן אָנווייזנדיקן פינגער אויף זיין נאָז. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — וואָלסט אפשר נישט באַדאַרפט זיין אַזויפיל אויף די פיס. מער רוען.

— מאַכסט אַ טעות. וואָס מער באַוועגונג אַלץ בעסער.

— באַוועגסט זיך שוין צופיל... קום מירן אַריינגיין אין הויז.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ פאַרזאָרגטן מוטערלעכן קוק: וואָס ווייסטו? וואָס ווייסט איר, מענער?

מיכליען האָט שטאַרק געשראָקן דאָס האָבן. פרייד האָט אויפגעטוייכט פון דער טיפעניש פון איר קערפּער, ווען זי האָט דערפילט איר מוטערשאַפט. זי האָט געגעסטלט די פרייד אין זיך, אַפילו אים, ברוכן, נישט אויסגעזאָגט באַלד — דאָס קינד איז אירס, אירס. פאַר וועלכן זי איז גרייט צו גיין פון דער וועלט, ברענגענדיק עס אויף דער וועלט. גרייט, און דאָך זיך אַזוי געשראָקן. שפּעט. אַביסעלע צו שפּעט. אָבער אויב נישט איצט — קיינמאָל, און זי וויל זיין אַ מאַמע. וואָס טיפער אין די טעג, אַלץ העלער די פרייד, אַלץ טיפער די שרעק. פאַר קיי־נעם נישט זאָגן, קיינעם פאַרטרויען.

אַ שווער האָבן געווען. דער עלטערער פון די צווייי דאָקטוירים, זעענדיק ברוכן ווי ער זיצט אַזאַ דערשלאָגענער, האָט אים אויפגעמונטערט: נישט געזאָרגט, מיין זון, יעדער ערשטלינג איז שווער, ווער שמועסט אין די יאָרן. זי וועט עס איבערקומען. נישט געזאָרגט.

ווי אַלט איז אייגנטלעך מיכליע? ער ווייסט נישט. זיך משער געווען—אין איין עלטער מיט אים. פיר, פינף און דריי־סיק. איז פינף און דרייסיק אַזוי שפּעט? ער ווייסט נישט. ער ווייסט אַזוי ווייניק וועגן אַ מענטשלעכן קערפּער, וועגן אַ פרוי, אַ קינד האָבן. אַ ווייב, אַ קינד. ווי איז דאָס פאַרגעקומען? ער

האָט נישט געטראַכט וועגן חתונה האָבן, דאָרט ווו חתונה, קינדער איז אַ מצוה? אַ חלוצה. מיכליע. וואָס איז מיט איר? אַ קוק טון אויף איר. מ׳דערלויבט אים אַריינצוגיין אויף אַ רגע, און אין דער רגע דערזעט ער אַ גאַנץ אַנדערע מיכליע. הלוואי וואָלט ער זי נישט געזען. די אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן... אָבער גיט זי אַ שמייכל דורך די שרעקלעכע קראַמפּן, און ער וואָלט צוגעפאַלן צו איר, אויסגעקושט דאָס מויל און דעם האַלז, דעם צעקנייטשטן האַלז מיט די אָנגעלאָפענע אָדערן, וואָס פאַר־ראַטן איצט אַזוי איר עלטער.

— בנימין, — איז מיכליע באַשטאַנען, זאָל מען אַ נאָמען געבן דעם קינד. ברוך האָט נישט געוווּסט אַפילו אַז דאָס איז אַ נאָמען נאָך מיכליעס ערשטן מאַן, און דאָך איז אים דער נאָמען נישט געווען צום האַרצן. — בן אוני. — האָט עס אים געקלונגען אין די אויערן. ער האָט געפּרוּווט מיט איר איינ־טענהן. ראובן זאָל ער הייסן, אַ בכור.

— אַ בכור און אַ מיזיניק, — האָט מיכליע אומעטיק גע־שמייכלט. מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן בנימין, און ברוך האָט זיך געטרייסט און אויסגעטייטשט — בן ימיני.

6

פּערל גרויע רעגן־שנורן האָבן געצויגן דעם הימל צו דער ערד. דער הימל, אַ וואַטאָווער, האָט נאָכגעגעבן, די רעגן שנורן האָבן זיך געוויקלט פון אים, זיך געצויגן אויף מיילן ווייט איבער דער ערד, און ער איז נאָך אַלץ געהאָנגען אי־בערן קאָפּ.

ברוך זיוו האָט זיך אַרויסגענומען די אויגן פאָרנדיק אינם שלאַקס־רעגן. שטאָק־פינסטער, און טויכט ווו אויף אַ לאַמ־טערן־ליכט, ווערט זי דערטרונקען אינם גוס־רעגן, ליכט־שפּיז־לעך טאַנצן פאַר די אויגן. ער בויגט זיך אַלע ווײַלע אַרויס,

ווישט דאָס גלאָז פון אויטאָמאָביל, היט זיך דערביי, ער זאָל זיך נישט אַ גליטש טון, און חידושט זיך אַלץ, וואָס ער איז נאָך נישט אין דער היים. ווו איז ער אייגנטלעך? אפשר בלאָנדזשעט ער גאָר? ווען דער אויטאָמאָביל זאָל כאָטש האָבן דעם שכל פון אַ פערד, נישט גיין אויף אַ וואַנט, זיך פּאַרקע־רעווען און טרעפן אַהיים. ער וואָלט אָפּגעלאָזט די לייצעס. אַזוי מוז ער קוקן, קוקן, טאַפּן דעם וועג. וואָלט כאָטש גע־פאָרן אַן אויטאָמאָביל פאָרויס, וואָלט יענעמס רויט לעמפּל גע־ווען אַן עמוד האש, אָבער קיינער פאָרט נישט אין אַזאַ דרויסן, און עס מוז שוין זיין שפּעט. מוזן שוין אוודאי שלאָפן אין דערהיים.

דערזעענדיק פייער ביי זיך אין הויז, איז ער געוואָרן אומרואיק. אַזוי שפּעט שלאָפן זיי נאָך נישט? געוואַרט אויף אים? אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער געווען צופרידן דערפון. נישט היינט. היינט וואָלט ער געוואָלט אַריינקומען, זיך אַריינלייגן אין בעט, זיין אַליין. ער באַגרעט זיך ביים אַריינפירן דעם אויטאָמאָביל, דער רעגן צווינגט אים אַריינלויפן אין הויז.

אויפעפענענדיק די טיר, האָט ער דערזען שיפקען אין אַ לאַנגער ווייסער נאַכט-העמד, מיט אַ ליידיק קינדער-פלעשל אין האַנט, אַרויסגייענדיק פון זיין שלאָף-צימער.

— האָט זיך אויפגעכאַפּט?

—כאַפּט זיך אויף אַלע צוויי שעה מיט אַזעלכע געוואַלדן,— האָט שיפקע מיט אַ קלאָג-טאָן געענטפערט, און אַוועקגעשטעלט דאָס פלעשל. — ס'גיסט, האַ? — זי האָט צוגעדריקט די עלנ־בויגן צו די זייטן, די הענט צוגעטוליעט צום מויל, פאַרשטעלנ־דיק די ברוסט.

ברוך האָט אָפּגעטרייסלט די היטל. — נו, וואָס שטייסטו אַ באָרוועסע? וועסט זיך פאַרקילן.

שיפקע האָט זיך אומגעקוקט אויף אירע באָרוועסע פיס, אויף איר נאַכט-העמד, געקוקט פאַרלאָרן ווי פאַרבייצו־גיין ברוכן.

— און וואָס טוט מיכליע?

שיפקע האָט אַ ווייז געטון מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון שלאָף־צימער און שנעל אַרויסגעלאָפן.

— ווייַנט, האַ? — האָט שוין ברוך אַ זאָג געטון צו מיכליען.

— אוי, וואָס ער צעשרייט! וואָס ער צעשרייט!

— און דו קענסט דערווייל נישט שלאָפן.

— שלאָפן! ביסט גוט נאַס געוואָרן. האַ? מסתם הונגעריק? וואָס אַזוי שפעט? געמיינט, עפעס האָט געטראָפן.

— דו, נאָר דו טראַכסט איבער.

— אַזוי שפעט!

פאַר דעם „אַזוי שפעט" האָט ברוך מורא געהאַט דעם גאַנצן וועג אַהיים. נישט, חלילה, ווייל ער האָט פאַרבראַכט ערגעץ ווו מיכליע טאָר נישט וויסן, זי מעג וויסן, אָבער בעסער וואָלט געווען, ווען זי פרעגט אים נישט. ער איז געפאָרן נאָך שינדלען צו פאַרריכטן דעם דאַך. אַזוי האָט ער געזאָגט מיכליען. ווען זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ חשד און אָנגעוויזן, אַז שינדלען קריגט מען דאָ אויך, האָט ער שוין ברוגזלעך אַ זאָג געטון — ער דאַרף פאָרן אין שטאָט. זי האָט שוין מער נישט געפרעגט, בלויז אַ זאָג געטון: עס קלייבט זיך אַ רעגן. איצט ווען ער איז געקומען נאָך האַלבער נאַכט, האָט דער „אַזוי שפעט" און „ביסט נאַס געוואָרן" געמיינט: נאָך שינדלען געפאָרן? צוועלף בייַנאַכט אין אַ גוס רעגן.

— ווייסט דאָך, מ'קומט אין שטאָט אַריין...

ער האָט געפילט די נאַרישקייט פון זיין ענטפער, ברוגז געווען אויף זיך פאַר די ווערטער, אויף מיכליען פאַר איר פראַגע. זי האָט שוין מער נישט געפרעגט, געקוקט אויף אים מיט די איינגעפאַלענע אויגן, און די אויגן, האָט ער געפילט, נישט נאָר פאָלגן זיי נאָך זיין יעדע באַוועגונג, וואָס ער מאַכט ביים אַראָפציען די קליידער פון זיך, נאָר זיי רירן אָן זיין הויט, דרינגען אַריין אין מאַרך צו אים.

— ווי פילסטו? — האָט ער פאַרטרוילעך אַ פרעג געטון, אַריינקלייבנדיק זיך צו איר אין בעט אויף אַ ווײַלע.

— אָ,—האָט זי יאָושדיק געענטפערט און זיך אַ רוק געטון. — מסתמא גוט נאָס געוואָרן.

— אָבער עס גיסט ווי פון צעבערס!

— וועט שוין אַזוי אָנהאַלטן אַ דריי טעג.

— וואָס איז גאָר דריי?

— עפּעס אַזוי גייט עס שוין דאָ. הויבט אָן גיסן, איז דריי טעג נאָכאַנאַנד.

— און דאָרטן, — זאָגט ער — קען עס אַמאָל גיסן אַ וואָך און צוויי.

— ווו דאָרט?

— אין ארץ ישראל. דער דעלעגאַט. געקומען אַ דעלעגאַט פון ארץ ישראל.

— נו וואָס דערציילט ער פון דאָרט? אוי! האָסט אָנגערירט די זייט. אָט אַזוי.

— טוט וויי?

— ניין, איצט נישט, — האָט מיכליע געענטפערט, פאַרקלעמענדיק די אויגן פון ווייטיק.

— האָסט גערעדט מיט אים?

— גערעדט! ווייסט דאָך. פריער האָט ער געהאַלטן אַ רעדע. רעדט שיין. זייער שיין גערעדט... — ברוך האָט ווי דערהערט די גאַנצע רעדע.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— גערעדט וועגן די אַרבעטער, די חלוצים, קאָלאָניעס...

מיכליע האָט שווייגנדיק געהערט און געמאָנט: רעד, דערצייל. ווען דאָס שווייגן איז שוין האַרט געשטאַנען צווישן זיי, האָט ער זיך געכאַפּט: — נו, און נאָך דער רעדע, ווייסטדאָך, אַלע קלעפּן אַרום אים. ווער קען זיך עס דערשלאָגן.

— האָסטו גאָרנישט גערעדט מיט אים?

— גערעדט! — האָט ברוך זיוו געענטפערט. ער האָט דערזען פאַר זיך דאָס רעדל אַרום דעלעגאַט. ער, ברוך, שטייט פון פיס ביזן האַלז אַ פרוזשינע אָנגעצויגן, וויל הערן אַפילו וואָס יענע פרעגן, וואָס ער זאָגט, אָבער דער עיקר, כאַפּן אים

אַליין, דערציילן וועגן זיין פּלאַן, פרעגן אים אַן עצה, וואָס דאַרף מען דאָרט בילכער, אָבער קיינער טרעט נישט אָפּ, און עס ווערט שפּעט. אָט לאָזט מען זיך שוין גיין. ברוך גיט זיך אַ שאַר מיט אַ זייט, קומט אויס ביים דעלעגאַט אַזוי, אַז יענער מוז זיך אומקוקן.

— כ'האָב געוואָלט עפּעס פרעגן, — שטאַמלט ברוך. שטעלט דער דעלעגאַט אַן די אויגן דורך די ברילן: ווער ביסטו? — נישט קריגנדיק אַזוי גיך קיין ענטפער, מאַכט ער שוין די אויגן: נו, פרעג!

— אין ארץ ישראל רעגנט אויך אַזוי?

— יאָ, — האָט געענטפערט דער דעלעגאַט. די גלעזלעך פון די ברילן האָבן שמייכלענדיק געגלאַנצט. — נאָך שטאַרקער ווי דאָ.

ווען ברוך האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַן עפן געטון דאָס מויל אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, האָט שוין דער דעלעגאַט גערעדט צו עמעצן אַנדערש. ברוך האָט דערפילט די שיף גייט אָפּ, און דעם, מיט וועמען ער האָט זיך געדאַרפט זעגענען, האָט ער פאַרגעסן אָנצוזאָגן אַ וויכטיקע זאַך, האָט אים גאָר נישט געזאָגט, אַפילו קיין פּאָר געזונט, קיין גוטן טאָג. ווער ווייסט, ווען ער וועט אים זען. און ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אים. היינט אַ טאָג, אַ נאַכט באַלד. איבערגעלאָזט מיכליען מיטן קינד. ניין, ער מוז מיט אים רעדן. ער האָט אים ווידער געכאַפּט, אָנגעהויבן שטאַמלען: איך בין אַ פּאַרמער... דעם דעלעגאַטס לענגלעכער פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, ער האָט באַפּעסטיקט די ברילן אויפן נאָז. — ס'הייסט, איך אַרבעט דאָ אויף אַ פאַרם, — האָט ברוך פאַרריכט, — לערן זיך צו קומען קיין ארץ ישראל, דאָרטן קענען אַרבעטן...

— פעלן נישט קיין אַרבעטער אין ארץ ישראל, — האָט דער דעלעגאַט מיט אַ טרויעריקן שמייכל געענטפערט.

— יאָ, אָבער אַ פאַרם אַר...

— זעט איר, ווען איר קענט מיטנעמען די פאַרם... — ברוך האָט פאַרלעגן געשמייכלט. — איר זענט אַ בחור?

— פאַרהייראַט.

דער דעלעגאַט האָט מער נישט געפרעגט, אויך ברוך האָט פאַרלוירן דעם אימפּעט פון פרעגן, רעדן. ער איז נאָך געשטאַנען, געהערט אַנדערע רעדן. די רייד זענען פאַרבייגע־גאַנגען די אויערן. ער האָט אָנגערירט דעם דעלעגאַטס אַרבל. יענער האָט זיך נערוועז אומגעקוקט. ברוך האָט געהאַלטן אַן אויסגעשטרעקטע האַנט און מיט אַ פּערפּלעקסן שמייכל גע־שטאַמלט: איך וויל אייך זאָגן אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט דער דעלעגאַט צוגעוואָרפן.

— פאָרט געזונט, — האָט ברוך טיף אַ זאָג געטון, און געדריקט יענעמס האַנט. דער דעלעגאַט האָט אַ קוק געטון, אַרויסגעצויגן די האַנט. ברוך האָט זיך אָפּגעטיילט פון געזעמל, אויף גיך אַרויסגעגאַנגען.

ליגנדיק איצט ביי מיכליעס זייט, האָט ער גערעדט מיטן דעלעגאַט, אים אויסגעפרעגט אַלע פראַגן, וואָס האָבן זיך אָנ־געקליבן שוין אַ היפּשע פּאָר יאָר, און דאָ קומט מיכליע און פרעגט „האָסט גאָרנישט גערעדט מיט אים”?

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט, — האָט מיכליע שוין מיט געוואַלד איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— גאָרנישט, וואָס זאָל ער זאָגן, — האָט ברוך בייזלעך און פאַרטראַכט געענטפערט, און פאַרטראַכטערהייד צוגעגעבן: האָט געפרעגט, צי בין איך אַ בחור אָדער פאַרהייראַט.

שטיל. אַזאַ דווערנדיקע שטילקייט, אַז ברוך האָט זיך אַ ריר געטון. — שלאָפסט, מיכליע? קיין ענטפער. ער קוקט זיך אום. דערפילט, מיכליע שלאָפט נישט, בויגט ער זיך צו, פאַרנעמט מיכליעס אַ פאַרדריקטן כליפּע.

— וואָס איז געשען? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט, זי האָט נישט געענטפערט, — מיכליע!

זי האָט אַרומגענומען זיין האַלז, געצויגן זיין קאָפּ צו זיך אויפן ברוסט און אַרויסגעוויינט: — איך וועל דיך שוין לאַנג נישט האַלטן.

ער האָט געפּרובט אַ הויב טון דעם קאָפּ, עפּעס זאָגן,

זי האָט שטאַרקער געדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט, פאַר־ביסן די ליפּן, מיט ציטערנדיקע פינגער געגלעט זיינע האָר, דעם האַלז. ברוך זיוו האָט זיך מער נישט געווערט. ער האָט געפילט די מילדע האַנט, וואָס גלעט זיינע האָר, געפילט ווי די אָנגעצויגענע נערוון לאָזן נאָך, די אויגן־לעדעלעך ציען זיך אויף אַרונטער. שאַ שטיל. עס שווייגט שוין אפילו דער דורכגעווייקטער דאַך. עס רעגנט שוין נישט, עס הערט זיך בלויז וואַסער שטראָמען, ריטשקעלעך זשולטשען, לויפן אויף זייערע געדרייטע וועגן, מורמלען... שאַ, שטיל.

7

מיטן ערשטן אָטעם־צוג פון פרילינג האָט מיכליע אויס־געהויכט איר לעצטן אָטעם. געשטאָרבן ביים פולן באַוווסטזיין, און אַזוי רואיק, אַז קיינער אויסער איר, האָט גאָרנישט גע־גלויבט, אַז זי שטאַרבט. קיינער האָט נישט געגלויבט. און זי האָט געוווסט.

— ברענג מיר דאָס קינד, — האָט זי שטיל געבעטן ברוכן. ער האָט דערהערט אין די ווערטער אַזאַ נישט ווי־דעררופלעכן באַפעל, אַז ער האָט פאַרדראָסיק און דערשראָקן אַ קוק געטון אויף איר, און נישט פרעגנדיק גאָרנישט, אַוועק־געגאַנגען און עס געבראַכט. זי האָט זיך אויפגעזעצט, גענו־מען דאָס קינד אויף די הענט, ווי ביי קוואַטערשאַפט און גענומען קוקן אויף דעם. תחילת האָט נאָך דאָס קינד געצויגן די הענטלעך צו איר, נאָכדעם איז עס געבליבן שטיל, די אויגלעך האָבן זיך קוים באַוועגט, קוקנדיק אויף דער מאַמע. און די מאַמע האָט געקוקט: דיר האָב איך געגעבן מיין לעבן, און דו האָסט צוגענומען מיינס, און דאָך האָב איך דיך אַזוי ליב, אַז שטאַרבנדיק נעם איך דיך מיט מיט זיך, אָט איצט מיט מיין קוק, און דו וועסט דערהאַלטן מיין לעבן אין דיר,

אָט דער איצטיקער קוק מיינער וועט, זאָל לעבן אין דיר, ווען איך וועל שוין לאַנג זיין טויט.

דער צויבער האָט געפּלאַצט, דאָס קינד האָט אויסגעבראָכן אין אַ צאַפּלדיק געוויין. זי האָט אים לייכט אַ קוש געטון.—נעם אים צו,—האָט זי קוים אַרויסגערעדט. ווען ברוך איז צוריקגעקומען, האָט ער זי געטראָפן ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן. די ליפּן זיינע האָבן זיך אַ קנייטש געטון, אָבער דאָס וואָרט מיכליע איז נישט אַרויסגעקומען. איז ער געשטאַנען, געשוויגן ביז זי האָט אַן עפן געטון די אויגן. זי שטאַרבט! — האָט ער דערזען. אירע ליפּן האָבן זיך שווער באַוועגט, אויסשניידנדיק אַ ווייטיקדיקן שמייכל אַרום מויל. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, און קוים פאַרנומען די ווערטער: גיב אַכטונג אויפן קינד, אויף שיפּק... דער „קוף" איז דערוואָרגן געוואָרן ביי איר אין האַלז.

אין אַ פרעמד הויז איז ער צוריקגעקומען פון בית עולם נאָך מיכליעס לויה. ווער איז ער דאָ אין הויז אָן מיכליען? דאָס פּנים באַהאַלטן אין די האַנט-פלאַכן, איז ער געזעסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַ פינסטערניש האָט זיך געדרייט פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגן, אַ שוואַרצע וויסטעניש, און ער לייזט זיך אויף אין דער וויסטעניש, פאַרשווינדט.

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. ער האָט אָפּערגענומען די הענט פון די אויגן. געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבן, געהערט ווי שיפּקע נעמט איין דאָס קינד מיט אַ וויינענדיק קול, — אַן עופּהלע, — האָט ער אַ זאָג געטון, אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, און דער קאָפּ האָט זיך לייכט געוויגט.

— האַ! — האָט ער פרעמד אַ קוק געטון אויף שיפּקען.

— מ׳דאַרף געבן עסן די הינדעלעך.

— יאָ.

זי איז נאָך געשטאַנען אַ ווײלע, און באַשליסנדיק, אַז זי וועט שוין פון אים נישט הערן, צי גייט ער אָדער זאָל זי גיין, האָט זי זיך געלאָזט צו די הינער-הייזער, געגאַנגען נישט ווי אַ באַלעבאָסטע, דער באַלעבאָסטעס אַ שוועסטער, נאָר ווי

אַ דינסטמיידל, אַן אָרעמע קרובה, דעם ערשטן טאָג אויף דער שטעלע, און האָט מורא, אַז וואָס און וויאַזוי זי זאָל נישט טון, וועט מען זי אַוועקשיקן. דאָס הויז, די פּאַרם, דאָס קינד—נישט אירס.

אין שטוב אַן עופהלע. אין הויף עופות און עופהלעך, הינדלעך נישט לאַנג אויסגעפּיקט. מ׳דאַרף זיי געבן עסן, מ׳דאַרף זיי אַריינטרייבן אין זייער שטוב, און מ׳דאַרף זיי לערנען זיך זעצן אויף זייערע נאַסידעלעס. שיפקע קאָן זיך אַליין נישט ספּראַווען. אָט האָט זי שוין אַריינגעטריבן איין טייל, אָבער ביז זי פּאַרנעמט די איבעריקע, שפּאַרן זיך יענע אויף צוריק, זיי צעשפּרייטן זיך אין אַלע זייטן, פון אונטער די הענט דרייען זיי זיך אַרויס. לאָזט זי אָפּ די הענט און צע־וויינט זיך.

— קיש—קיש—קיש—קיש ! — האָט זי דערהערט.

— זיי ווילן נישט אַריינגיין, כאָטש גיב זיי... — האָט זי זיך פּאַרענטפערט.

— אין צווייען וועלן מיר זיי אַריינטרייבן, — האָט ברוך שטיל געענטפערט. איין הינדל באַפעדערט טשובעסווייז בלויז, האָט עס זיך אַ ריס, געטון אָן אַ זייט. שיפקע האָט זיך אַ צי געטון נאָך דעם, דאָס הינדל האָט זיך אַ גליטש געטון, געפאַלן, און שיפקע, אויסציענדיק די האַנט נאָך דעם, איז אויך שיר נישט געפאַלן. זי האָט עס אָבער געכאַפּט, זיך אויפגעהויבן, און האַלטנדיק עס מיט איין האַנט ביים בוזים, געגלעט דאָס עופהלע, פּאַרגעסנדיק אָן די איבעריקע. זי האָט דערפילט אויף זיך ברוכס קוק. ברוך איז געשטאַנען ביי דער טיר פון הינער־שטוב, געוואַרט אויף איר. אַ שולדיקע האָט זי נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן הינדעלע, זיך געלאָזט צו דער הינער־שטוב. ברוך האָט זיך אָפּגערוקט פון טיר, זי פּאַרבייגעלאָזט.

— אַלע אַריין ?

— אַלע. איינע אַליין איז אוממעגלעך.

— מ׳עט זיך מוזן ספּראַווען.

זי האָט דערשראָקן אַ קוק געטון אויף אים. ברוכס אויגן האָבן נישט געקוקט אין דער צוקונפט. זיין קוק האָט זיך גערוקט אויף צוריק, ווען זי, מיכליע, האָט מיט אים איינגעטענהט, אַז היינער, נאָר היינער קענען אויפהאַלטן די פאַרם, און איצט ווען אירע הינדעלעך האָבן זיך אויסגעפיקט איז... — מ׳דאַרף אויסמעלקן די ציג, — האָט ער ווייך אַ זאָג געטון צו שיפקען. אַ צופרידענע, וואָס זי האָט געקראָגן אַ נייע שליחות.

איז זי אַוועקגעגאַנגען.

די באַלעבאַטישקייט, וואָס איז שוין זייט אייניקע חדשים סיי ווי געווען אויף ביידנס הענט, האָט זיך דאָך שווער אַרויפגעלייגט אויף ביידן. מיכליע איז טאַקע געלעגן צו בעט, דאָך איז זי געווען די באַלעבאָסטע, ברוך און שיפקע אַרויסהעלפער. שיפקע האָט אַפילו אַכטונג געגעבן אויפן קינד אויך, אָבער מיכליע איז געווען די מאַמע. ביי דער מאַמען אין אַלקיר איז דאָס וויגעלע געשטאַנען, ברוך האָט עס געוויגט, געגעבן ביינאַכט דאָס פלעשל, אָבער מיכליע האָט אים באַדאַרפט אויפוועקן דערצו. שלאָפט שטאַרק ברוך איצט, נאָך מיכליעס טויט, איז שיפקע די באַלעבאָסטע, די מאַמע, אָבער דאָס קינדערשע וויגל איז געבליבן שטיין ביי ברוכן אין צימער. שיפקע האָט נישט געוואַגט דאָס אַרויסצונעמען, ברוך האָט נישט פאָרגעלייגט דאָס צו טון.

האָט זיך צעוויינט בנימין שפעט אין אָוונט, און ברוך אַ מידער נאָך אַ טאָג אַרבעט איז געשמאַק געשלאָפן. דערהערט דעם קינדס געוויין, האָט זיך שיפקע אויפגעזעצט אויף איר געלעגער, אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט, קיין שטימע אויסער דעם קינדס געוויין. איז זי אַרונטער פון בעט, שטיל אַריין אין צימער, געפרווט איינשטילן דאָס קינד, היטנדיק זיך נישט צו רעדן הויך, מורא האָבנדיק, אַז אירס אַ וואָרט וועט גיכער אויפוועקן ברוכן ווי דעם קינדס געוויין, און דאָס קינד האָט זיך נישט איינגענומען. ערשט ווען זי האָט אים גענומען אויף די הענט, אַרומגעגאַנגען מיט אים, איז ער אַנטשוויגן גע-

וואָרן. מיינענדיק, אַז ער שלאָפֿט שוין, האָט זי זיך איינגעבויגן אים אַריינלייגן אין וויגל, ווען ער האָט ווידער אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין. — נו שאַ, נו שאַ, — האָט זי צוגעטוליעט זיין קעפּל צו איר ברוסט.

ברוך האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ראַשיק. אַ געדעכעניש פֿון אַ קינדערש געוויין האָט געקלונגען אין די אויערן. אַ ווייס געשטאַלט האָט אָפּגעשטעלט זיין צעמישטן קוק אין דער פֿינסטערניש אַריין. דאָס ווייסע געשטאַלט וואַקסט אַרויס, ער זעט שוין שיפּקען מיטן קינד. — שטאַרק געשלאָפֿן, — פֿאַרענטפֿערט זיך ברוך.

— אויף די הענט שווייגט ער, — ענטפֿערט שיפּקע מיט אַ תּירוץ, למאַי זי האַלט דאָס קינד.

— גיין מאַכן אַ פּלעשל.

— ער וויל נישט. איך דענק, עס איז ציינדלעך.

— ציינדלעך? — האָט ברוך איבערגעפֿרעגט דאָס וואָרט, און עס האָט געקלונגען אַזוי פֿרעמד, אויסלענדיש. ער האָט מיט אַמאָל דערזען שיפּקען, זיך, און אַ שטרעק געטון די הענט נאָכן קינד. זי האָט זיך נישט געאיילט אים עס איבערצוגעבן. — מיר דוכט, ער איז איינגעשלאָפֿן.

— וועסט דאָך נישט אַרומגיין אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

זיינע פֿינגער האָבן באַרירט איר ברוסט ביים איבערנעמען דאָס קינד. ער האָט אַ פֿאַרמאַך געטון די פֿינגער אַרום קינדס זייט, עס אַ וויג געטון צו זיך. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. אַ קינדערלאָזע, אָן דעם „צודעק" איבער איר ברוסט, איז שיפּקע נאָך געשטאַנען מיט אויסגעליידיקטע הענט. ברוך האָט זיך אומגעדרייט מיטן רוקן צו איר, געפּרוווט איינשטילן דאָס קינד. געגאַנגען אַ פּאָר טריט, זיך אומגעדרייט, דערזען שיפּקען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, נאָכהענגענדיקע הענט.

— געדאַרפֿט אפשר...

שיפּקע האָט אַ קוק געטון אויף ברוכן מיטן קינד, אויף זיך, איר הילוך, אַ ציטער־ווינטל איז דורכגעלאָפֿן אונטער דעם דינעם ווייסן נאַכט־העמד, זי האָט צוזאַמענגעפּלאָכטן די פֿינגער,

פאַרשטייפט די עלנבויגנס ביי די זייטן, אַ פּליכטיקן קוק גע־
געבן, געשטעלט די גניבהשע טריט ביז דער טיר און אויף
יענער זייט שוועל שוין געלאָפן צו זיך אין צימער, זיך אַריינ־
געוואָרפן אין בעט, געגורעט זיך אין דער קאָלדרע, נישט
קענענדיק באַין אופן זיך געבנוג איינדעקן, און, קוים איינגע־
דעקט, האָט זי צוריק אַרונטערגעשאַרט די קאָלדרע מיט אַ מי־
דער באַוועגונג פון אַ הייסער האַנט...

8

— איז ווי לעבט זיך עס? — האָט די מיסעס ווינאַקור
געפרעגט ביי איר ערשטן באַזוך נאָך מיכליעס טויט, נישט
רעכענענדיק די מנחם אבל־וויזיטן.

— אַ, מ'לעבט, — האָט ברוך געענטפערט מיט אַן אויס־
משפטיקלעכן טאָן.

— און דער בחורעץ וואַקסט, קיין עין הרע! — האָט
די מיסעס ווינאַקור אויפמונטערנדיק אַ זאָג געטון, באַביש גוט־
מוטיק זיך צעשמייכלט צום קינד, און אויסגעשטרעקט די הענט
נאָך דעם. דאָס קינד האָט מיסטרויאיש געקוקט אויפן פרעמדן
מענטשן, זיך געישובט יאָ גיין, נישט גיין, זיך אַ דריי געגעבן
און אַ לייג געטון דאָס קעפל אויף שיפקעס אַקסל. שיפקע האָט
גענומען גלעטן זיין רוקן.

— פון אירע הענט וויל ער צו קיינעם נישט גיין, —
האָט ברוך פאַרענטפערט זיין קינד.

מיסעס ווינאַקור האָט פריינטלעך אַ קוק געטון אויף
שיפקען מיטן קינד, אויף ברוכן. — גוט אַזוי, טאָכטער, זיי אַ
מאַמע צום קינד, — האָט דער קוק גוט־געהייסן. ער האָט
אָבער אויך געשמייכלט: איך בין שוין אַריבער פופציק, און
ווייס, אַז אַ מאַן אַן אלמן און דער אלמנהס אַ שוועסטער...

שיפקע האָט האַסטיק גענומען גלעטן דאָס קינד. גע־

טוליעט אירע פאַרויטלטע באַקן צום קינדס פּנימל. ברוכס פּאָטערלעכער קוק אויף שיפּקען מיטן קינד האָט זיך איבער־געריסן. אַ געוואָרנטער האָט ער אַ קוק געטון אויף דער מיסעס ווינאָקור, אויפגעכאַפּט איר שמייכל, און אַ זאָג געטון: איך דענק, עס איז צייט אים לייגן שלאָפן.

— שוין פאַר מיר, דוכט זיך, אויך צייט צו גיין שלאָפן. אַ גוטע נאַכט. קומט אַמאָל אַריבער.

ביילע ווינאָקור איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר. ברוך האָט געהערט, ווי די קליאַמקע פונם פּלויט־טירל האָט זיך פאַרהאַקט הינטער איר, און דאָך האָט ער געפילט, איז דאָס צימער נישט פריי פון איר. די הויכע דיקע מיסעס ווינאָ־קור האָט אַרויסגעשפּאַצירט פון נאָך אַ גרעסערער שאָלעכץ, וועלכע איז געבליבן אין צימער. אַ פּוסטע שאָלעכץ, אָבער ער האָט מורא צו מאַכן אַ טריט, טאָמער רירט ער זיך אָן אָן איר. ער פּרווט אַריבערקוקן איבער דער שאָלעכץ צו שיפּ־קען. זי גיט אַ הויב דאָס קינד: בנימי, גיין סיופּע, יאָ? — פאַרשטעלנדיק אין זייט פּנים מיטן קינדס קעפּל, גייט זי צו ברוכן אין אַלקיר, אַכטונג געבנדיק דערביי, זי זאָל זיך נישט אָנרירן אָן אים אומגערן, כאָטש צווישן זיי — אַזאַ גרויסער שטח — די שאָלעכץ, פון וועלכער מיסעס ווינאָקור איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען.

ערשט ווען שיפּקע איז אַרויס צוריק פון זיין אַלקיר, האָט ברוך זיך אויפגעהויבן, און, נישט איבערקוקנדיק צו אַלע טירן זענען פאַרמאַכט, אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער. זיין אויסגעבעטע בעט האָט אַ שימער געטון פאַר די אויגן. גלייך איז געקומען די צווייטע שוין לאַנג פאַרבעטע בעט פון דער אַנדערער וואַנט און געלאָזט ווייסן וועגן זיך. ברוך האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ אין ווינקל. דאָס קליינע בעטל האָט זיך שוואַך געזען.

ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ אויפן קאָמאָד. די שיין איז געפאַלן אויף מיכליעס אַ בילד. ער האָט עס אָנגענומען, דערנענטערט צו די אויגן, עס צוריק אַוועקגעשטעלט, זיך

אױפֿגעזעצט אױף זײַן בעט און אַריבערגעקוקט אױפֿן בעט אַנטקעגן. אַ װײַסע, חדשים־לאַנג פֿאַרבעטע בעט, און איבער דער בעט אַ בלױ דרײַ עקיק שטיקל געװאַנט, אױף װעלכן עס װײַסן זיך די װערטער „אם אין אני לי מי לי". װײַסע װער־טער האַלטן אַ שטומע טענה, די בעט שװײַגט אױך, און װען בײדנס שװײַגן װערט צו שװער, דערהערט ברוך אַ שװאַכע שטימע: גיב אַכטונג אױפֿן קינד, אױף שיפֿק...

9

אײן פֿרימאָרגן, װען ברוך איז אַרױסגעגאַנגען געבן עסן די הינער, האָט ער געפֿונען אײן הון אַ טױטע. מיט צװײ פֿינגער האָט ער אױפֿגעהױבן די טױטע הון פֿאַר אַ פֿליגל, זי באַקוקט און אַרונטערגעװאָרפֿן אױף דער ערד.

— איך װיל נישט קײן אײער, — האָט ער בן יחידיש אַ זאָג געטון צו שיפֿקען, אַװעקשאַרנדיק די שאָל מיט די צװײ אײער — זײַן טעגלעכער אָנבײַסן. שיפֿקע האָט פֿאַרװוּנ־דערט אַ קוק געטון אױף אים. ער האָט געטרונקען די קאַװע, און נישט נאָר זײַנע ליפּן, די אױגן זענען אױך געװען אין גלאָז, נישט געקוקט אױף שיפֿקען. װען ער האָט זיך אױפֿגע־שטעלט אַרױסצוגײן צוריק אין הױף, האָט ער אַ זאָג געטון: געפֿונען אַ טױטע הון.

— װען?

ברוך האָט פֿאַרדראָסיק אַ קוק געטון — אַ מענטש פֿרעגט אַ פֿראַגע! — הײַנט אינדערפֿרי. — און אַרױסגעגאַנגען. ער האָט פֿאַרברענט די הון, אױסגערײניקט דאָס הינער־הױז, זיך געפֿאָרעט אין גאָרטן, אין סאָד. דער ריח און רױך פֿון דער טױ־טער און פֿאַרברענטער הון האָט געעגבערט זײַנע נאָז־לעכער. ער האָט אַרײַנגעטריבן די הינער אױף נאַכט־לעגער מיט אַ שטרענגן טאָן, און דעם גאַנצן אָװנט געװען שװײַגנדיקער װי

געוויינלעך. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער געפונען צוויי טויטע הינער.

— כ'האָב מורא, ס'איז אַ מגפה, — האָט שיפקע אַ זאָג געטון, און זיך גלייך דערשראָקן פאַרן וואָרט מגפה, פאַרן בייזן פנים, וואָס ברוך האָט געוויזן ביי דעם וואָרט — מ'וואָלט באַדאַרפט, — האָט זי געפרוווט רעדן וויסנשאַפטלעך דאָך ווייך, — זיך גוט צוקוקן צו די הינער, און אויב מ'באַמערקט אויף איינער, אַז זי איז נישט מיט אַלעמען, זי גלייך אַרויס־נעמען.

ברוך האָט זיך איינגעהערט מיט אַ שמייכל. אָט אַ נאַריש מיידל. זיך איינקוקן און באַמערקן אויב איין הון איז נישט מיט אַלעמען. פאָלג מיך אַ גאַנג, זיך איינקוקן, באַמערקן. ס'איז עפעס איין ראָבע הון צווישן צען ווייסע. הונדערטער הינער, און גיי דערקען איינע פון דער צווייטער. ער האָט פונדעסט־וועגן גענומען זיך צוקוקן צו די הינער, דערזען, אַז צווישן צוויי ווייסע הינער איז אויך דאָ אַ חילוק. אַפּיר הינער האָבן אים אויסגעזען פאַרדעכטיק, האָט ער זיי געכאַפּט, איזאָלירט, אויף מאָרגן האָט ער די פיר איזאָלירטע הינער געפונען לעבעדיקע, דערפאַר צווישן די געזונטע, נישט פאַרדעכטיקע האָט ער גע־פונען דרייצן טויטע.

— היינט ווידער? — האָט שיפקע אַ פרעג געטון.

— דרייצן! — האָט שיפקע דערהערט אַ שאַרפן ענטפער, אָט ווי זי וואָלט שולדיק געווען אין דעם טויט פון די דרייצן הינער.

— עס איז אַן עפּידעמיע, — האָט זי אַ זאָג געטון מיט זיכערקייט.

— שוין געהערט, — האָט ברוך ביטולדיק געענטפערט,

— מ'מוז עפעס טון, — האָט שיפקע געדולדיק גע־רעדט.

— וואָס אַ שטייגער?

— זי ווייסט נישט, אָבער מעגלעך אַנדערע פאַרמער ווייסן. ווינאָקור מוז ווייסן, אַריבערגיין צו אים.

— גיין צו ווינאַקורן ? !

פון זיין ערשטן באַזוך ביי ווינאַקורן, ווען ער האָט גע־וואָלט ווערן זיינער אַ תּלמיד אין פאַרמעריי, איז ברוכן שוין אויסגעקומען זיין אַ פּאָר מאָל ביי אים, יעדעס מאָל האָט ער ביי אים עפּעס געפרעגט וועגן פאַרמעריי און געקראָגן ריכ־טיקע ידיעות. נאָר קריגנדיק זיי, האָט ער געפילט, אַז ער רייסט זיי אַרויס ביי אים, און ווען שוין אַרויסגעריסן, איז ער נאָך אויך נישט געווען זיכער, צי די ידיעות זענען עכטע. נאָך ווינאַקרוקס קורצע ענטפערס האָבן זיך געצויגן לאַנגע שווייגע־נישן, וואָס האָבן געזאָגט: אוי, גרינע אוגערקע! דיר קען מען דאָך זאָגן, אַז פעפער וואַקסט ווי אַרבעס און וועסט גלויבן. דערפאַר טאַקע, ווען ווינאַקור האָט אים געוויזן די ראָזע פע־פערלעך אויף דעם קנאָכיקן פעפער־בוים מיט די דינע צאַרטע בלעטעלעך, אים דערקלערט, אַז דער פעפער ווערט דאָ קיינ־מאָל נישט צייטיק — נישט וואַרעם גענוג, האָט אים ברוך עפּעס נישט געגלויבט. די פעפערלעך, האָט זיך אים געדוכט, זענען גאָר בריסלינעס, יאַגעדעס אַזעלכע. ערשט ווען ער האָט לעבן זיין אייגן הויז איינגעביסן אַ פעפערל, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ווינאַקור לאַכט נישט פון אים. איצט דאַרף ער עס גיין צו ווינאַקורן נאָך אַן עצה מכּח אַזאַ וויכטיקן ענין. ליבערשט וואָלט זי, שיפקע, געגאַנגען. פאַרלאָזן זיך ווידער אויף איר איז עפּעס אויך נישט אַזוי... ווען מיכליע זאָל זיין.. זען וואָס פון אירע הינער ווערט. מיכליע שיקט אים שוין צו ווינאַקורן, און ער גייט.

דערהערט, אַז ביי אים פאַלן עופות, האָט ווינאַקורס הויז־געזינט זיך אומגעקוקט אויף אים ווי די עופות־עפּידעמיע וואָלט געווימלט אויף זיינע קליידער, זיינע הענט, זיין פּנים. — ביי אייך שוין אויך ?

— היינט דרייצן שטיקלעך.

— האָט איר עפּעס באַמערקט פריער אויף זיי ?

— איר זאָלט זאָגן אַ סימן.

— ווי איז דאָס הינער־הויז, ריין ?

— וואָס הייסט! — האָט ברוך זיך באַליידיקט.
— און דאָס עסן?
— ווי אַלעמאָל.
ווינאָקור האָט דאָס מאָל גערעדט לענגער ווי געוויינלעך. דערציילט פון עטלעכע עפּידעמיעס, וואָס ער האָט שוין צוגעזען, דערמאָנט אייניקע מענטשן, וועלכע האָבן געבראָכן דעם קאָפּ, געוואָרן בדיל הדל, אָנגעגעבן פאַרשידענע מיטלען, וואָס פאַרמער ווענדן אָן, אַמאָל העלפט, אַמאָל נישט. דער בעסטער מיטל איז—אויסקוילען.
— וואָס טוט ער, ווינאָקור?
— ער? דערווייל, גאָט צו דאַנקען, גאָרנישט. די פּאָר צענדליק הינער, וואָס ער האָט, זענען קיין עין הרע איינס אין איינס.
די באַראַטונג איז געענדיקט.
—נו, וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט שיפּקע נייגיריק געפרעגט.
— וואָס האָט ער געזאָגט. געזאָגט, אַז ביי אים פּגרן נישט קיין הינער. בעל-גוף!
ברוך האָט פונדעסטוועגן געפּרוווט אייניקע מיטלען, וואָס ווינאָקור האָט אָנגעגעבן. שיפּקע האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט, און די עצות פון אַנדערע זענען אויך אָנגעווענדט געוואָרן. אַ פּאָר טעג האָט זיך געדוכט, עס האָט געהאָלפן, די עפּידעמיע איז אָפּגעשטעלט. ס'איז אָבער גענוג געווען, אַז אינמיטן העלן טאָג זאָל אַ הון פּלוצלינג פאַרוואַרפן דאָס קעפּל, און ברוך איז געלאָפן אַוועקכאַפּן די געפאַלענע הון מיט אַזאַ רציחה, ווי ער וואָלט זי וועלן דערהרגענען, למאי זי איז פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן אַ טויטע. קוילען, איידער זיי פאַלן אַלע אויס, איידער דער אינספּעקטאָר דערוויסט זיך.
— ווערן אַ שוחט אויף דער עלטער, — האָט ער ביטער זיך געוויצלט. — אפילו קיין חלף קיין לייטישער נישטאָ.
שיפּקע האָט געכאַפּט די הינער, זיי דערלאַנגט אים, און אין דעם גוואַלדעווען פון די צעפּאַלאָכעטע הינער זענען פאַרלוירן געגאַנגען די טעמפּע קלעפּ פון דעם קליינעם העקל

אָן קלעצל, אַרום וועלכן אַ דרייסיק הינערישע קעפּלעך האָבן זיך שוין געוואַלגערט. ברוך האָט זיך אויפגעהויבן. אַ קרענק־לעך גרין האָט זיך דורכגעזעצט דורך דעם ליים־בלייכקייט אויף זיין פּנים. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אָפּצווווישן דעם קאַלטן שוויים פון פּנים, דאָס מויל האָט זיך אַ קרום געטון, און זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעווענדט פון די פאַרבלוטיקטע הענט צו שיפקען. זי האָט פאַרקוועטשט דעם ברעג פאַרטוך אין דער ציטערנדיקער האַנט, אים קוים צוגעטראָגן צו ברוכס שטערן, און באַמיענדיק זיך, דער פאַרטוך זאָל זיך פילן וואַטע־ווייך, פאַמעלעך געווישט ברוכס שטערן, נאָז, באַקן.

— זיין געגוג, — האָט ברוך אַ זאָג געטון.

שיפקע איז נישט געווען זיכער, אויב ברוך מיינט דאָס ווישן בלויז אָדער אויך די עופות, צוגעשטימט אויף ביידע זאַכן. אָבער אַזוי פירן אין שטאָט אַריין? — מען דאַרף זיי אָפּפליקן.

— מ׳דאַרף גאָרנישט, — האָט ברוך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — גיי אַריין אין שטוב. שיפקע איז געשטאַנען, געוואַרט, שטום געפרעגט, וואָס איז מכּה אים?

— איך גיי באַלד אַריין.

ער איז אַריינגעקומען אין הויז, ערשט ווען די הינער זענען שוין געלעגן אין אויטאָמאָביל־קאַסטן. ער האָט אָפּגע־שטעלט דעם אויטאָמאָביל ביי דער טיר, לאָזנדיק לויפן דעם אינזשין, אַריינגעגאַנגען בלויז נעמען דאָס רעקל, היטל. — דאַרפסט עפּעס אין שטאָט?

— כ׳ווייס נישט. — האָט שיפקע צעמישט געענטפערט. — ניין, איך דאַרף גאָרנישט. — ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך מיט אַ טומלדיקן כריפּען אַרויסגעריסן פון הויף, האָט זי זיך דערמאָנט, געהאַט אין זינען פאַר בנימינען אַ פּאָר זאַכן. איז זי אַרויסגעלאָפן פון יענער זייט טויער, אָבער אַפילו דער שטויב פון הינטערן אויטאָמאָביל איז זיך שוין געהאַט צעגאַנגען.

— ווען מ׳קען אַ שמייס טון אַן אויטאָמאָביל ווי אַ פערד! — ברוכס הענט האָבן זיך געריסן אַ שמייס צו טון,

אָבער די הענט זענען פאַרנומען ביים האַרטן רעדל. האָבן די פיס געטראָטן שווער אָט אויפן גאַז קנעפל, אָט אויף דער אַלמע. שלעכט, זייער שלעכט געפאָרן דאָס מאָל ברוך זיוו. פון שטאָט איז ער געפאָרן פּאַמעלעך גאָר פּאַמעלעך, אָבער אויך שיר נישט אַרונטערגעפאָרן פון וועג אין אַ גרובן ביי דער זייט. ערשט ווען די פאָדערשטע רעדער זענען שוין געווען האַלב אויף אַרונטער, האָט ער מיט דער האַנט אַ כאַפּ געטון דעם דראַנג טאָרמאז, מיטן פוס אַ קוועטש געטון די אַלמע, אַז דער אויטאָמאָביל האָט אַ קוויטש, אַ ציטער געטון און געבליבן שטיין. ערשט דאַן האָט ער דערזען, אַז ער איז אויפן ברייטן שליאַך און נישט אויפן בית עולם, לעבן מיכליעס קבר, צווישן מצבות.

ברוך האָט נישט אין זינען געהאַט צו גיין אויפן „פעלד". פאָרנדיק צוריק נאָכן פאַרקויפן די הינער, האָט ער מיטאַמאָל דערזען, ער איז לעבן בית עולם. איז ער אַרויפגעגאַנגען, לאַנג געזוכט דעם קבר, געשעמט זיך פאַר זיך אַליין, למאי ער קען דעם קבר נישט געפינען. און ווען ער איז שוין צוגעקומען, איז ער נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, ביז ער האָט זיך אָנגע-בויגן צום קליינעם ברעטל, כמעט איינגאַנצן באַהאַלטן אין ווילדן גראָז און איבערגעלייענט מיכליע בת...

ער איז געשטאַנען, נאָכדעם זיך צוגעזעצט, און ווען נישט דער ייד מיטן שיטער בערדל, וואָס האָט אַ וואָרף געטון אים אין אויער אַריין „מלא?", וואָלט ער אפשר נאָך לאַנג פאַר-בליבן דאָרט. תחילת האָט ער זיך דערשראָקן, נישט פאַרשטאַ-נען, וואָס דער ייד וויל פון אים. — מאַכן אַ מלא? — האָט דער ייד איבערגעפרעגט, און די דיקע קורצע פינגער האָבן געצויגן דאָס קורצע בערדל אויף אַרונטער, ווען דיק עס לענ-גער מאַכן.

— איך דאַרף נישט קיין מלא, — האָט ברוך אַ ברום געטון, זיך אויפגעהויבן, גענומען שפּאַנען. איין מצבה, אַ קליי-נער שוואַרצער שטיין מיט גאָלדענע אותיות, האָט אים אָפּגע-שטעלט. אָט אַזאַ מצבה וואָלט ער געוואָלט שטעלן מיכליען.

נאָך דער מצבה האָט ער נאָך געקליבן אַ מצבה, און די הענט האָבן געקערעוועט דאָס רעדל, די פיס האָבן געגעבן גאַז, גע-קוועטשט די אַלמע, אַזוי ביז ער האָט זיך געכאַפּט, ער האָט געקענט זיך איבערקערן, דערהרגענען זיך, עמעצן דערהרגענען. דער קוויטש פון דעם איבערגעפּאָרענעם קינד דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען האָט אַ שטאָך געטון אין אויער. וואָס איז מיט בנימינען? גיכער אַהיים!

בנימין איז געשלאָפן, שיפקע האָט שוין געהאַט וועטשערע פאַרטיק. צום פאַרבייסן אַ גרויסע, רייפע, בלויע פייג.

— ווו האָסטו גענומען פ י י ג ן?

— אויפן בוים, — האָט שיפקע געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— נעכטן נאָך קיין איין צייטיקע נישט געזען.

— אויף דער זוניקער זייט.

ברוך האָט געקוקט אויף דער פייג, זי געהאַלטן פאַרן וואָרצל מיטן קאָפּ אַרונטער, זי געמאָסטן. און נאָכדעם אַ קוק געטון אויף שיפקען, — מער נישט געווען ווי די איינע?

— געווען נאָך... — האָט זיך שיפקע געררויטלט.

ברוך האָט אַ קוק געטון אויף איר, צעשפּאָלטן די פייג אויף דער העלפט אין דער לענג און איר דערלאַנגט איין העלפט. זי האָט געהאַלטן די האַלבע פייג אויפן וועג צום מויל, די ליפּן האָבן פאַרמאַכטערהייד זיך באַוועגט, וועלנדיק עפּעס אַרויסברענגען. מיט זיין העלפט פייג שוין ביי די ליפּן, האָט ברוך נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף שיפקען און אָן ווערטער געפרעגט: וואָס אַזוינס?

— ער האָט היינט געזאָגט „מאַמע". — שיפקעס וויעס האָבן פאַרדעקט די אויגן, ברוכס אויגן האָבן זיך ברייט גע-עפנט, דאָס מויל אַן אָפּנס אַריינצונעמען די פייג, איז געבליבן אָפן. די האַנט האָט זיך געלאָזט אויף אַרונטער, אַוועקלייגן די פייג, אָננעמען שיפקען, פרעגן זי, רעדן מיט איר וועגן קינד. וועגן...

אַ מחנה וואָלקנס האָבן וועגלאָז געוואַקלט, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פֿאַרווירט געקוקט: אפשר דאָ? אַ לאַנגער ישוב. קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאַנען, ביז מ'האָט זיך געאייניקט, גענומען פֿאַנאַנדערוויקלען די לייוונט גרויע ליילעכער, צודעקן באַרג און טאָל. די קרומע רוקנס, די האָרבעס פֿון די בערג האָבן זיך אויפֿגעלייזט אין די כמאַרעס, פֿאַרשוווּנדן, דער הימל האָט אַראָפּגענידערט צו דער ערד, געליגן איבערן קאָפּ, שווערמוטיק געדריקט.

די נידעריקע סטעליע אין ברוכס הויז איז נאָך נידעריקער געוואָרן, די גלעזערנע טאַפּליעס האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין צעלאָלאָיִד, עפּעס לאָזן זיי יאָ דורך אַ שיין, אָבער זען דורך זיי קען ער נישט. דאָס שטערט אים נישט צו זיצן און קוקן אין פֿענסטער מיט אַ מוטנעם קוק. דערהערט טריט אין צימער, דרייט ער אויס דעם קאָפּ, פֿרעגט שטיל: שלאָפֿט?

— אַנטשלאָפֿן געוואָרן, — ענטפֿערט שיפֿקע שטיל און דערווייטערט זיך אין קיך אַריין.

דער גאַנג אַפֿילו אירער, אַ לעבעדיקע שטייט מיכליע פֿאַר זײַנע אויגן, קוקט אויף אים מיט דעם קלוגן קוק אירן „איר טראַכט טאַקע ערנסט וועגן ארץ ישראל". צוליב וואָס איז ער געקומען אַהער, אויב נישט צוליב ארץ ישראל, זיך אויסלערנען פֿאַרמעריי. „אַ פֿאַרמער לערנט מען זיך נישט אויס, אַ פֿאַרמער ווערט מען. און נישט אין אַ חודש, נישט אין אַ יאָר". גערעכט געווען דער ווינאָקור. זי, מיכליע, אויך געווען גערעכט. און ער איז אויך געווען גערעכט. אַלע גערעכט. און ווו איז גערעכטיקייט? „איך האַלט קיינעם נישט", און ווירקלעך קיינעם נישט געהאַלטן, דאָך... „מירן אַלע פֿאָרן, איך און דו און ער, זאָל ער נאָר אונטערוואַקסן דײַן זון". ער וואַקסט אַזוי שווער. טאָמער האָט נאָך געפֿעלט, קייך־הוסט. „גיב אַכטונג אויפֿן קינד, אויף שיפֿקע... אַכטונג געבן אויף איר...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעגאַנגען אין קיך און אַ זאָג געטון: איך פאָר אין שטאָט אַריין.

— וואָס איז גאָר פּלוצלינג? — האָט שיפקע געפרעגט מעשה באַלעבאָסטע.

— נישט פּלוצלינג, — האָט ברוך אויטאָריטיוו געענטפערט.

— אָבער אָפּעסן! צוגעגרייט מיטאָג, — האָט שוין שיפקע געבעטן.

— איך וויל נישט עסן.

שיפקע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

וואָס נעענטער ברוך איז געקומען צום שטאָט, אַלץ אומקלאָרער איז פאַר אים געוואָרן, צוליב וואָס ער איז געפאָרן. אין שטאָט דאַרף ער גאָרנישט. ביי איר זיין. פון זיין ערשטן באַזוך אויפן בית עולם ציט עס אים אַהין. און איצט אין דעם כמורנעם טאָג, ווען דאָס קינד ליגט. קראַנק און מיט שיפקען אין הויז איז אים ענג... האָט ער געפילט, אַז ער מוז פאָרן צו איר, כאָטש וואָס...

די מצבות זענען געשטאַנען, זיך איינגעהערט, אַזוי שנעל ווי עס וועט אָנהויבן רעגענען, וועלן זיי לאָזן וויסן זייערע שוכני עפר — אַ רעגן גייט, באַהאַלט זיך טיפער.

ברוך האָט דערקענט „זיין" סטעזשקע, וואָס פירט צו מיכליעס קבר, אויפן וועג זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שוואַרצער געשליפענער מצבה, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, זי נאָך אַמאָל באַטראַכט, און באַשלאָסן, אַז צום יאָר וועט ער שטעלן טאַקע אַזאַ מצבה. דאַרף קאָסטן? מילא, וויפל עס דאַרף קאָסטן. אָט די גרויע מצבה דאָ געפעלט אים נישט, צו אַ גרויסער שטיין, און עפעס אַזוי גרוי.

— איר זוכט אַ מצבה?

ברוך האָט זיך אומגעקוקט, באַטראַכט דעם יידן מיט גרויע וואָנצעס, מיטן ווייס גרויען שטויב אויפן פנים. —

ניין, איך זוך נישט קיין מצבה, מיין קבר איז אָן אַ מצבה דערווייל.

— באַדאַרפט זיך צואיילן, עס קומען אָן רעגנס.

ברוך האָט אים אָנגעקוקט. — וואָס האָט דאָך צו טון מיט די רעגנס?

— עס האָט שוין גאָר צו טון. איר זעט אָט די צע־מענטענע בעט? דאָס איז אומישנע געמאַכט געוואָרן, דער רעגן זאָל נישט דורכווייקן.

ברוך האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז כמעט פון אונטער יעדער שטייענדיקער מצבה ציט זיך אַרויס אַ ליגנדיקע מצבה, אַ „בעט", ווי דער ייד רופט עס. — אָבער עס איז נאָך קיין יאָר נישטאָ.

— דאָס איז גאָרנישט. די מצבה שטעלט מען צום יאָר, די בעט דאַרפט איר איצט. ווו איז אייער קבר?

דער ייד רעדט אַזוי זיכער, אַז ברוכן פאַלט נישט איין צו פרעגן: וואָס איז אייער עסק, ווו „מיין" קבר איז, נאָר לאָזט זיך גיין מיטן יידן נאָך אים. צוקומענדיק צום קבר, גיט דער ייד אַ מעסט מיט די אויגן: נו, אוודאי, איר זעט דאָך, ער האָט אַ נעם געטון אין דער האַנט אַביסל ערד, — איר זעט? נאַס.

ברוך האָט אַ טאַפּ געטון דאָס ביסל ערד. דער ייד האָט עס אַרונטערגעוואָרפן, אַ וויש געטון די האַנט אָן די ליכטיק גרויע הויזן. — אַ בעט וועט אייך קאָסטן דרייסיק דאָלאַר. דאָס איז איין פּרייז.

ברוך האָט געקוקט אויף אים.

— די בעטן מאַך איך. אַ מצבה קענט איר באַשטעלן ביי וועמען איר ווילט, כאָטש איך וועל אייך געבן אַ בעסערן פּרייז. ווי ווער מ׳ניט איז. די בעטן אָבער טאָר קיינער נישט מאַכן אויסער מיר — אַ קאָנטראַקט. איר זייט זיך מיישב, דאָ האָט איר מיין קאַרטל.

אָפּגעטון זיינס האָט דער ייד זיך אָפּגעטראָגן, נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף אַן ענטפער. ברוך איז געשטאַנען מיטן

קאַרטל אין האַנט, געקוקט אויפן בערגל ערד פאַר זיך. — נאַס. דורכגעווייקט ווערן. — ער האָט געקוקט טיף אין דער ערד אַריין. שטיקלעך ברעטלעך, ביינער, איברים, און דאָס אַלץ ווייקט זיך אין וואַסער, שווימט אַרום. זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן, ער האָט אַרויסגעכליפעט: מיכליע! — און זיך אַרונטערגעלאָזט צום קבר.

איינצעלנע טראָפּנס רעגן, דיקע און זעלטענע, די רעגן מרגלים, האָבן אים אויפגעוועקט. די גרויקייט האָט פאַרווישט די זייגער-צייט. ברוך האָט נישט געוווּסט, צי עס איז נאָך בייטאָג אָדער שוין פאַרנאַכט, וואָס ער ווייסט, עס הויבט אָן רעגענען. ווו איז דאָס קאַרטל? דאַרף עס טאַקע נאָך היינט באַזאָרגן. וואָס נאָך? יידישע צייטונגען. זען, וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט, אין ארץ ישראל. דער מצבה שלעגער וווינט אין יידישן געגנט, שוין אין איין וועגס באַזאָרגן.

אַ געדיכטע וואַסער-זיפּ איז געהאָנגען פאַר ברוכס אויגן, אים נישט געלאָזט זען דעם נאַסן, שוואַרצן וועג. דער דריבנער געדיכטער רעגן האָט אַ פּאָר מאָל אַ שמיץ געטון אים אין אויער אַריין. ברוך איז געזעסן אַ רואיקער ביים רעדל, געטריבן פּאַמעלעך, געהערט דאָס אַרבעטן פון מאָטאָר, דעם רעגן, געזען דעם בית עולם, מיכליעס קבר, זיין הויז, שיפקען, בנימינען. ער האָט אָנגעהויבן געבן מער גאַז.

ער האָט זיך געחידושט, ביי אים אין הויז לייכט זיך נישט. אַזוי פרי! נאָך תחלת אָוונט. שלאָפט שוין שיפקע! אַריינגעגאַנגען פאַרזיכטיק, זיך אַרומגעקוקט אין דער פינסטער, קיינעם נישט געזען, געמאַכט ליכטיק. נישטאָ קיינער. ער האָט אַ שפּאַן געטון צו זיך אין אַלקיר, געמאַכט ליכטיק. שיפקע האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף פון איר געלעגער — מיכליעס בעט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?

— אוי! כ'האָב געמיינט... זיך צוגעשפּאַרט דאָ. מורא געהאַט, טאָמער פאַרגייט ער זיך און איך וועל נישט הערן...

אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן! שוין שפּעט? — זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַרונטערצוגיין.

— נו ליג, אַז דו ליגסט.

— אַרונטערגיין, געבן עסן.

— וועל שוין אַליין נעמען. ווי פילט ער?

— הוסט צו ביסלעך.

שיפקע האָט אַ קוק געטון אויף דער צעוואָרפענער בעט אויף איר האַלב אָנטועכץ, אַ צי געטון די קאָלדרע. ברוך האָט אַ דריק געטון דאָס קנעפּל, פינסטער געמאַכט, אַרויסגעגאַנגען פון צימער. שיפקע איז געבליבן זיצן, קוקן אין דער פינס־טערניש.

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם איז שיפקע געלעגן. מיט פאַרמאַכטע אויגן געזען אין דער פינסטער, ווי ברוך טוט זיך אויס. די קישן אונטער איר קאָפּ האָט געשטאָכן. ווען ברוך האָט זיך אַרייַנגעלייגט אין בעט, האָט איר קערפּער נאָכגע־לאָזן, הענט און פיס האָבן זיך אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט, אָבער יעדער ריר ברוכס האָט ווידער געצופּט אירע גלידער. נאָר נישט אַנטשלאָפן ווערן. אַזוי שנעל ווי זי הערט אים שלאָפן, כאַפּט זי זיך אַרויס פון בעט צו זיך אין צימער. שטיל. שלאָפט ער? קיין ריר, אָבער קיין שלאָף אָטעם. עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון, זי האָט אָן עפן געטון די אויגן. דאָס קינד האָט אַ וויין געטון: מאַ! — און זיך פאַרגאַנגען אין אַ הוסט.

שיפקע און ברוך האָבן אַ שפּרונג געטון צום בעטל. זי האָט זיך אָנגעבויגן צום קינד, געוויִשט דאָס מייַלכל. עס איינ־געשטילט: נו שאַ, פייגעלע, שאַ, שאַ. מיין קינד. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, האָט איר אַקסל זיך אָנגעקלאַפּט אָן ברוכס ברוסט. זי האָט זיך אַ דריי געטון מיטן פּנים צו אים. דער־פילט זיין ברוסט, דערשפּירט די וואַרעמקייט פון זיין קערפּער וווייט אויף איר, רוקט זיך אָן, פאַרציט אירע אויגן. זי פילט זיין אָרעם איבער איר רוקן. א הייסער אָרעם. ער דריקט נישט,

פונדעסטוועגן בויגט זיך איר רוקן. איר קאָפּ פאַלט אויף זיין אַקסל, און די אויגן גייען איבער, עס וויינט זיך...

שטיל. אין דער שטילקייט הערט מען דעם רעגנס פינ־גער קלאַפּן אָן דאַך, און ברויך ענטפערט: באַזאָרגט. באַזאָרגט אַ בעט פאַר דיר. מיכליע, שלאָף רואיק. איך וועל אַכטונג געבן אויפן קינד, אויף שיפקען, דיין שוועסטער, אויף דיר. גן נעול אחותי כלה...

ער דרינגט אַריין אין דעם פאַרשלאָסענעם גאָרטן, פאַר־זייט דאָרט אַ ניי לעבן. שטיל. עס הערט זיך בלויז וואַסער שטראָמט, ריטשקעלעך זשורטשען, לויפן אויף זייערע געדרייטע וועגן, מורמלען... שאַ, שטיל.

צווישן אייגענע

צווישן אייגענע

1

ער האָט זיך געוווּנדערט אויף דער „קאַלטער אויפ־נאַמע” אין בידלס, אריזאָנא. — אַ קילער טאָג היינט. אַ פיינער טאָג היינט, — הערט ער גריסן זיך אַמעריקאַנער. טאַקע קיל, אינגאַנצן אַכציק גראַד. און פאַר זיבן יאָר איז עס געווען הונדערט און זיבעצן גראַד היץ. דער מירמלשטיין פון עס טאמבאנק אין וואָקזאַל איז געווען הייס, זיך נישט צוצורירן. היינט איז ער קאַלט דער מירמלשטיין, און דאָס מיידל הינטערן טאמבאנק האָט אַ קאַלטן פאַרגליווערטן שמייכל. דאַן איז אַ מיידל געפאַלן פון היץ. איצט איז אַפּריל, און דאַן איז געווען יוני, יאָ יוני... 19, זיבן יאָר אָן צוויי חדשים.

אויף רעלסן פון דעראינערונגען פאָרט די באַן. „סיידזש בראַש”, יאשוא־ביימער, טעלעגראַף־סלופּעס, זאַמד, זאַמד. אָט איז... אָט איז... און אָט איז שוין סאַן בערנאַרדינאָ, דער גרינער טויער פון דער גאָלדענער מדינה, קאַליפאָרניע. — שלום עליכם, — זאָגט ער שטומערהייט צו די פאַלמעס פאַרן וואָקזאַל. ער הערט זיי ענטפערן — שלום עליכם. ברוכים הבאים, — אָבער אויך אַזאַ קאַלטער שלום עליכם. דער שטאַם — אַ גראָבער אַנאַנאַס — איז שטום, די צווייגן — שפּיציק, יאָזשיק, שטעכיק. גיבן זיך נישט אַ ריר. מאָדנע, גאָרנישט אויסגעוואַקסן אין די זיבן יאָר. פאַרשטיינערטע פאַלמעס. דאָך גוט צו זען זיי נאָך צוויי מעת־לעת זאַמד און זאַמד, און נאָך זיבן יאָר...

זאַמד. ער איז צוריק אין קאַליפאָרניע, זיין צווייטע, זוניקע היים. דאָ איז וואַרעם, דאָ איז...

„אָ־ל־א־ב־אָ־ר־ד!" *)

פּנים צוגעשמידט צו שויב. בייכיקע פּאַלמעס, קנאָכיקע פעפער־ביימער, צירלעכע ציטרוסן, גרין און גאָלד, ליכטיק און וואַרעם. די באַן גנבעט זיך אַריין אין שטאָט דורך דער הינטערשטער טיר. די הינטער חלקים פון די שטיבלעך אויף הינערישע פיסלעך זעען זיך אַרויס אין זייער גאַנצער נאַקעטער אָרעמקייט, בלויז אַ שפּע פון מיסט. ברוינע איינגעבראָכענע פּאַרקנס. אויסגעהאָנגענע וועש. און די זון וואַרעמט, טריקנט, שיינט פאַר פרייד. ליכטיק און וואַרעם, שלאָפן דאַרף מען, פונדעסטוועגן, צווישן פיר ווענט. ווהין פאַרפאָרט מען?

פאָרנדיק אין באַן, האָבן געשימערט פאַר די אויגן מענטשלעכע פּנימער. וויינטרויב וועט זיך עס דערפרייען, ווייגבערג וועט אַוש טאַנצן, ציטרין וועט באַדאי מאַכן אַ מי שברך... און דער און די... אָבער פאַרפאָרן דאַרף מען אין אַ האָטעל. זיין איין נאַכט אין אַ האָטעל, וויסן, אָט בין איך אין שטאָט, ווייס, אַז וויינטרויב און ווייגבערג און ציטרין און... זענען דאָ, און זיי ווייסן נישט, אַז צוקערמאַן איז דאָ, אַ שפּיל אין בלינדעניש. עס געפעלט אים. קיינער זאָל זיך נישט אונטעררוקן אויפן וואָקזאַל. ס'מאַכט זיך דאָך.

דער וואָקזאַל, דערזעלבער סאַנטאַ פע וואָקזאַל, וואָס פאַר זיבן יאָרן. נישט איבערגעבויט, אַפילו נישט צוגעבויט. אָבער מענטשן מער, און טעקסיס! מ'רייסט דאָס רענצל פון די הענט. גאָר! אַ גרינער איז ער? ער'ט פאָרן מיטן טראַם. ווען ער גייט נאָר אַרויף אויפן טראַם, דערפילט ער פונדעסטוועגן די פאַרלאָרנקייט, נישט זיכערקייט פון אַ פרעמדן אין אַ שטאָט. שולדיק איז דער קאָנדוקטאָר. ער זעט, צוקערמאַן וואַרפט אַריין אַ פינף סענטיקן, זאָגט ער אַרויס ברוגז: נאָך צוויי סענט. קוקט אים צוקערמאַן אָן — וואָס איז דאָס? — ענטפערט אים דער

---

*) אויפשטייגן. —

קאָנדוקטאָר מיט אַ קוק: פון וואַנען קומסטו, פון דער לבנה?— אויב אַזוי, אפשר איז עס נישט דער ריכטיקער טראַם. פרעגט ער. יאָ, דער טראַם ברענגט אים אין שטאָט אַריין. איז שוין ווידער גוט, כאָטש די היימישקייט איז איבערגעפירט. די שטאָט, דער „דאַון טאַון" — ער דערקענט אים קוים. נייע געביידעס, הויכע, גראַדליניקע, ניו-יאָרק נאָכגעקרומט, און איבער שטיינערנע קאַסטנס שיינען שילדן — האָטעל. איז אין וועלכן?

געלעבט אין אַ שטאָט צען יאָר צייט. אין די צען יאָר נישט אַ טראַכט געטון אַפילו וועגן שלאָפן אַ נאַכט אין אַ האָטעל, אַפילו וועגן אַרייַנגיין אין פרוזדור. זיצן מענטשן מיט פאַרריסענע פיס אויף אַרויף, קוקן אין פענסטער ווי סאָוועס, וואַרפן אַרויס אַ שפּיי, ווי אַ הון איר קויט. און איצט אַ האָטעל. און ווי אַז אַ באַקאַנטער וועט איצט אונטערגיין, אים אַ פּאַטש טון אין פּלייצע? עמעצער האָט אים אַ שטורכע געטון. אַלזאָ, מ'דאַרף ערגעץ אַרייַנגיין.

2

דאָס טעלעפאָן-קעסטל מיטן אַרויסגעסטאַרטשעטן אָפּענעם מויל האָט געמאָנט: נעם, רוף אָפּ עמעצן, זאָג אָן, דו ביסט דאָ. רוף אָפּ, זע: צי מ'וועט דערקענען דיין קויל, אָבער צוקערמאַן רופט נישט. אין טעלעפאָן-בוך יאָ אַרייַנגעקוקט. ווייַנבערגס אָן אַ שיעור. ווייַנטרויבן לרוב, און אַפילו ציטרינען דרייצן אויף אַ טוצן. רופן וויל ער נישט; ער איז נישטאָ אין שטאָט, און די אַדרעסן וועט ער זיך שוין דערוויסן, זאָל ער נאָר אַרויסגיין מאָרגן אויף דער יידישער גאַס.

ער האָט זי נישט דערקענט, די יידישע גאַס. דאָרט ווו פאַלמעס זענען פריער געשטאַנען און שווער געשוויגן, שרייט איצט אַ הילכיקע עלעקטרישע שילד, און ווו אַ קליין הילצערן שטיבל האָט זיך געטונקען אין גרינס און בלומען, טאָפּטשעט זיך איצט אַ ייד אין הינער-קויט און פעדערן פון זיין

הינער־מארק. אים פֿאַרדריסט אויף די יידן, וואָס זיי האָבן חרוב געמאַכט זיין יידישע גאַס, זעט אין יעדן איינעם אַ משיג גבול. די יידן, ווידער, די קצבים, דעליקאַטעסן ־ פֿאַרקויפֿער, סאָדע וואַסער מעסטער, שיך און מעבל קרעמער, זיי, וועלכע האָבן גענומען אַ שטיל געסל און געמאַכט פֿון איר די עווע־ניו, זיי קוקן אויף אים מיט איין פֿראַגע: ביסטו אַ קונה? אַ־נישט וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום אויף אונזער גאַס? די רעסטאָראַנען און איבערבייס־קרעמלעך רייסן גאָר די אויגן, דאָס מויל: קום אַריין, עס אָפּ, כאַפּ איבער דאָס האַרץ, בייס איבער, נעם עפּעס אין מויל אַריין! טאַקע אַריינגיין. שוין באַלד אַ וואָך צייט נישט געהאַט קיין יידישן מאָלצייט. אין וועלכן רעסטאָראַן? אין זיינע צייטן געווען איין שטיקל רעס־טאָראַן. דאָ ערגעץ געדאַרפֿט זיין. אָט איז ער דאָך — ברייט־מאַנס רעסטאָראַן. האָט ער געהייסן ברייטמאַן? זעלטן ווען געגעסן אין רעסטאָראַן. אוודאי ברייטמאַן. קיין אַנדערער נישט געווען. פֿאַרגרעסערט, אויסגעפּוצט! אַ וווּנדער, אויב ברייטמאַן וועט אים דערקענען?

3

צוקערמאַן האָט זיך אומגעקוקט, געזוכט ברייטמאַנען. אַ קעלנער אין אַ שוואַרץ, גלאַנציק, לוסטרינען רעקל, מיט אַ ווייס האַנטוכל איבערן פֿאַראָרעם, האָט, נישט אָנרירנדיק צו־קערמאַנען, מאַכנדיק בלויז רעוועראַנסן פֿאַר בענקל און טיש, אים געשלעפּט: נו, זעץ זיך שוין אַנידער!

קעלנער גאָר.

— איז דאָס ברייטמאַנס רעסטאָראַן?

— יאָ, ברייטמאַנס. ער זעט דאָך אויפֿן פֿענסטער.

— איז מר. ברייטמאַן דאָ?

דער בריטער שמייכל אויפן קעלנערס פּנים שרומפּט איין, — ניין, ער איז נישטאָ. — די ליפּן פּאַרציִען זיך. אַז אַ פאַרשוין פרעגט אויפן באַלעבאָס, ווייל ער נישט עסן, וויל ער רעדן אַ שידוך... און אויב עסן איז מיטן באַלעבאָס ביים טיש, און דאַן איז קאַפּוט דער צען סענטיקער. — וואָלט זי פאַרשפּייז? — ער האָט אָן עפן געטון די מעניו, גרויס ווי אַ לאַנד קאַרטע, און שווייגנדיק געטריבן: נו, גיכער שוין, נו. דאַרפסט עס איבערלייענען אינגאַנצן?

— געהאַקטע לעבער.

— איין לעבער! — האָט עס אַרויסגעשריִען פון קעל-נער אין קיך אַריין, און פון דאָרט האָט אָן עכא אָפּגעענטפערט: איין לעבער.

— מיין איך, הערינג.

דער קעלנער איז שוין נישט געווען. צוקערמאַן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַ לייג געטון די מעניו אויפן טיש. ער האָט גענומען באַקוקן די ווענט, די געמעלן אויף די ווענט. צוזעקלעפּטע בילדער, — האָט דאָס געביטע אויג פון דעם בעל-מלאכה טאַפּעצירער גלייך דערקענט. שלעכט גע-מאַכט אויך. מ'זעט די נעט. און עס טוט אים הנאה. דער-זעלבער קבצן, הייסט עס, ברייטמאַן. דער קעלנער, דער „דייטש", דאָס איז גאָרנישט. דער פאַרגרעסערטער פּלאַץ, די טישן מיט די ווייסע טישטוכער, וואָס שטייען און טענהן: אויס-געפּוצט זיך, פּאַר וועמען? — דאָס איז אַלץ אָנשטעל. דער-זעלבער ברייטמאַן. שאַ, וואָס איז דער פּרייז? אַ גאַנץ הויכער. וויפל האָט דאַן געקאָסט? נו, דאָס איז דאָך אַ געשיכטע פון זיבן יאָר צוריק. זיבן יאָר?...

— וועלכע זופּ?

ס'אַ מאָדנע פּליג דאָס איז, לאָזט נישט לעבן.

ער באַשטעלט מיט איין מאָל די זופּ, דאָס פליייש, דעם קאָמפּאָט, אַפילו דאָס גלאָז טיי, פּטור. איצט קען ער שוין זיצן רואיק. ווער האָט זיך דאָס אַוועקגעזעצט ביי יענעם טיש? דאָס איז דאָך... וויינבערג! ער גיט זיך אַ הויב, כאַפּט זיך

גלייך צוריק, ער'ט זיך מאַכן, ער זעט אים נישט. זאָל ווייַנבערג זיך כאַפּן. פאַרטיפט זיך אין דער מעניו, כאַפּט אַ גניבהשן קוק, צי ווייַנבערג קוקט אויף זיין טיש. וויינ-בערג שרייבט מיט אַ בלייפעדל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואַרפט היינטערוויילעכטס די באַשטעלונג צום קעלנער. צוקער-מאַן לייגט אַוועק די מעניו, עסט, קוקט שטאַרק אויף וויינ-בערגן, באַפעלט, בעט שטומערהייט: קוק זיך אום! קוק זיך אום! — ווייַנבערג נעמט אַרויס פון בוזים-קעשענע, רויעט זיך דאָרט, נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר, עפנט. לייגט אַריין צוריק אין פּאַקעט. אַזוי פאַרנומען. קוקט אויס גאַנץ גוט. מוז אים גיין נישט שלעכט. דער קעלנער דערלאַנגט ווייַנבערגן זיין עסן. ער פּאַקט איין די פּאַפּירן, שטרעקט אויס די האַנט נאָכן זאַלץ-מעסטל, דערזעט צוקערמאַנען, די האַנט ביים זאַלץ-מעסטל פאַר-האַלט זיך, די אויגן קוקן אויף צוקערמאַנען, זוכן עפּעס אין דער פאַרגאַנגענהייט. צוקערמאַנס שמייכלענדיק פּנים כוואַליעט זיך פאַר ווייַנבערגס אויגן. געכאַפּט! דערקענט. דאָך נישט זי-כער. — העלאָ.

— העלאָ, ווייַנבערג! — האַלט שוין צוקערמאַן נישט אויס, גיט אַ גיי אַריבער צו ווייַנבערגס טישל, טרייסלט שטאַרק די דערלאַנגטע האַנט.

— מיך קוים דערקענט, האַ?

— דיך נישט געזען אַ שאָק מיט יאָרן. געמיינט, ביסט אַוועקגעפאָרן. — ער עסט אייליק די פּרעזשענעצע. זופּט קאַווע.

— געמיינט, איך בין אַוועקגעפאָרן?! איך בין שוין דאָ נישט געווען...

— איך האָב געדענקט אַזוי. געווען איסט?

— יאָ, זיבן יאָר.

— גיי שוין גיי.

— יאָ, יאָ, זיבן יאָר.

— ווי איז עס דאָרטן איסט? ווען ביסטו אַרויסגעפאָרן? געווען קאַלט דאָרט?

— דאָ אויך נישט איבעריק וואָרעם...

— קענסט זיך אויפן היגן וועטער נישט באַקלאָגן.

— נו...

— ווי איז געשעפט דאָרט?

— ווי אומעטום.

— דאָ איז נאָך אַלץ בעסער. ווען, זאָגסטו, ביסטו גע־קומען? נעכטן? וואָס דענקסטו צו טון? גיין אין געשעפט? אין וואָס פאַר אַ „לאַין" ביסטו געווען?

— טאַפּעצירער.

— איך דענק, וועסט איצט געפינען אַרבעט. דער סעזאָן.

— יאָ, דער סעזאָן.

— און וואָס הערט זיך נייעס?

— קיינע נייעס.

— נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון, האַ? נו, אַ גוטן, קום אַריין אַמאָל. דאָ איז מיין קאַרטל.

צוקערמאַן איז געבליבן שטיין מיטן קאַרטל צווישן די פינגער, געלייענט: „פּאַסיפיק פינאַנץ קאָרפּאָריישאַן, רעפּרעזענ־טירט ביי לואי וויינבערג... פּאַסיפיק. פינאַנץ, קאָרפּאָריישאַן. רעפּרעזענטירט. וויינבערג!

וויינבערג איז שוין נישט געווען. דער קעלנער האָט שוין אויפגעכאַפּט מיט די אויגן די צען סענט, פאַרבייגייענ־דיק זיינע פינגער האָבן זיי זיך אַריינגעשאַרט אין דער ברייי־טער קעשענע פונם שוואַרצן, גלאַנציקן לוסטרינענעם פּיזשאַקל, און ער שאַרט שוין מיט גרויס התמדה די ברעקלעך פון טיש אין צוקערמאַנס ריכטונג. — זעסט, אָט דאָס איז אַ קונד! געקומען, איבערגעביסן, באַצאָלט, אַוועקגעגאַנגען. נישט ווי דו. — ער האָט אַ שטעל געטון די שטול, אויף וועלכער וויינבערג איז געזעסן, שרייענדיק אַזוי אַרום צו צוקערמאַנען: נו, וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם? גיי דערטרינק די טיי, און לאָמיך פּטור ווערן פון דיר.

צוקערמאַן האָט אַ טאַפּ געטון די קאַלטע גלאָז טיי, אַ

מאַך געטון מיט דער האַנט און אַרויסגעגאַנגען פון רעסטאָראַן. רעסטאָראַן, קעלנער געלאָזן הינטער זיך, קיין טרינק-געלט נישט געלאָזט, אויך פאַרגעסן.

4

וויינטרויבן האָט ער נישט געטראָפן, אויפן פּלאַץ פון דעם הילצערנעם שטיבל, ווו וויינטרויב האָט אַמאָל געהאַט גע-וווינט, האָט ער געטראָפן אַ זעכצנשכנימדיק אַפּאַרטאַמענט-הויז. ווּעמען פון די זעכצן שכנים, וואָס ער האָט געפרעגט אויף וויינטרויבן, האָט קיינער נישט געוווּסט וועגן וויינטרויבן, נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן אַ וויינטרויב, אַז דאָ איז גאָר געווען אַמאָל אַ וויינטרויב. ווער עס וווינט דאָרט אַ יאָר, ווער אַ חודש. דער איינציקער, וועלכער ווייסט יאָ עפּעס וועגן וויינטרויבן, איז דער שאַטלענדער מ׳קברייד, וועמעס שטיבל ווערט אָקאָרשט דערקוועטשט פון דער הויכער געמויערטער וואַנט האַרט ביי דער זייט. ער האָט געהערט, אַ מענטש פרעגט זיך נאָך אויף וויינטרויבן און גאָרנישט געזאָגט. ערשט ווען צוקערמאַן איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער, די אויגן בלאָזשנדיק פון דעם אַפּאַרטאַמענט-הויז צו מ׳קברײדס שטיבל, האָט ער אים מ׳קברייד אַ פרעג געטון: זוכט עמעצן?

— אפשר ווייסט ער, דאָ האָט אַמאָל געוווינט וויינ-טרויב.

— געוויס ווייסט ער. ער האָט פאַרקויפט. לאַנג צוריק. אַלע האָבן אָנגעבויט און אויספאַרקויפט.

— ווייסט ער, ווו וויינטרויב וווינט איצט?

— ניין, ער ווייסט נישט, ווו ער וווינט, אָבער ער האָט געלייענט אין די צייטונגען וועגן אים מיט אַ יאָר צוריק.

— אין די צייטונגען?

— וועגן די אויל געשעפטן, ער איז געווען פאַרמישט אין דעם סקאַנדאַל פון דער „פאַראַגאַניאַ אויל קאָמפּאַנאַניע״, נישט געלייענט וועגן דעם? נישקשה, פון אַ סקאַנדאַל. זיי זענען אַלע פון זיגען אַרונטער. אויסגעפּאַרקויפט די הייזער, געמאַכט געלט, און זיך גענומען „געמבלען״. זאָלן זיי געמבלען. איך זיץ ווי איך זיץ.

— אַ דאַנק, — האָט צוקערמאַן אַ מורמל געטון.

אויל. ווייַנטרויב — אויל סקאַנדאַלן. וואָס טוט זיך עס דאָ? ט׳אפּנים די צייט שטייט נישט, און ווער עס איז פלינק אויף די פיס, לויפט מיט. ווייַנטרויב — אויל, ווייַנבערג — פינאַנץ, און ציטרין? גאָלד! אַ קשיא אויף אַ מעשה? צוגייין פונדעסטוועגן.

5

ער האָט דערקענט דאָס הויז. דיזעלבע צימרינג ברוינע הורבה, שטייט אַזוי ווי פאַר זיבן יאָר, מער נישט. אויף די ביימער זענען זיך שטיקער שפּינוועבס, נעסטן גאַנצע, דאָס גראָז פאַרברענט, ציטרין האַנדלט שוין נישט מיט אויל-אַקציעס אָדער גאָלד, אויב ער וווינט נאָך דאָ. ער האָט אָנגעקלונגען.

גיי זאָג ווער. קלינגט ווידער. שאַרן שיך אָן דיל, מ׳שליסט די טיר, און קוים געעפנט הערט זיך אַ געאיילטע אומרואיקע פראַגע אין אַ שלעכטן ענגליש: וואָס ווילסטו?

— וווינט דאָ מר. ציטרין?

— מ י ס ט ע ר ציטרין?

— יאָ, מר. ציטרין.

— נישטאָ מר. ציטרין!

— איר זייט זיין מאַמע, ניין?

— יאָ, איך בין זיין מאַמע. ווער זענט איר? קומט אַרייַן.

— דערקענט מיך נישט?
— האַ? זענט איר נישט...
— הערשל. הערשל צוקערמאַן, לייבציעס...
— הערשל! דאָס קול דערקענט, די אויגן זעען שוין נישט אַזוי. אוי... — די וויעסלאָזע אויגן האָבן גענומען בלינצלען, די גרויע אָנגעלאָפּענע בלעזלעך האָבן זיך גענומען טוקן, די ציטערנדיקע הענט האָבן אָנגענומען דאָס פאַרטוך, אים גערטאָגן צו די אויגן, און דער קאָפּ האָט געציטערט אינם פאַרטוך, דער צונג באַוועגט זיך נישט צו פרעגן, וואָס איז געשען, די הענט הויבן זיך נישט אַפּירצונעמען דעם פאַרטוך פון די אויגן, און די פיס רירן זיך נישט אַוועקצוגיין. שטייט צוקערמאַן, שווייגט, וואַרט.

אַלטע וויינען נישט לאַנג. די אַלטע האָט אַפּירגענומען דאָס פנים פון פאַרטוך מיט אַ „אוי, אַזאַ גזר"!

צוקערמאַן האָט נאָך אַלץ מורא צו פרעגן.

— האָסט גאָרנישט געוווסט אפנים.

— ניין.

— אַזאַ דעמב, אַזאַ יונגן בוים. און גיי, אויפן גלייכן וועג.

— אַן אויטאָמאָביל?

— אַ טראַק. אויף טויט. אוי..

— שוין לאַנג?

— שוין אַנדערטהאַלבן יאָר אין דעם. שוין אַנדערטהאַלבן יאָר, ווי מיין זון ליגט אין דער ערד, און גאָרנישט.

— און דעם טראַק, דעם מאַן?

— וואָס דעם טראַק, דעם מאַן? באַלאַנגט צו אַ קאָמפּאַניע, באַלאַנגט. האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט אַדוואָקאַטן מיט עדות. דער טרייבער איז גערעכט. דער מלאך-המות שעכט און בלייבט גערעכט. און אַז נישט גערעכט? וועט לייבציע אויפשטיין פון קבר? זיך, וואָס שטייסטו? ווי קומט עס, וואָס דו האָסט גאָרנישט געוווסט?

— נישט געווען הי.

— כ׳ווייס, ביסט אַוועקגעפאָרן. שוין לאַנג, דוכט זיך.
— זיבן יאָר.
— זיבן יאָר! יאָ, אַזוי גייט עס. איז ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייט?
— אין פאַרשידענע שטעט.
— און געקומען צוריק אַהער. אַן אַנגעלייגטער גאַסט. אוודאי ווען לייבציע וואָלט געלעבט... איז ווי איז עס דיר דערגאַנגען?
— קיין גביר נישט געוואָרן.
— ווער דאַרף עס די גבירעשאַפט, אַבי מ׳איז געזונט און מ׳לעבט.
— יאָ.
— און ווו איז... האָסט, דוכט זיך, געהאַט אַ ווייב, ניין?
— געהאַט, — האָט צוקערמאַן געענטפערט מיט אַ זיפץ. די אַלטע האָט אויפגעעפנט די אויגן. — געשטאָרבן.
— אויך געשטאָרבן?
— נאָך דאָ. איר געדענקט נישט? מיר האָבן געוווינט אויף העספעריא.
— העספעריא? דאָך דאָ דערבײַ. וואַרט, איך בין דאָך אַליין געגאַנגען צו דער לויה. עשרה בטבת איז עס געווען, ניין? זעסט שוין, ווי מ׳פאַרגעסט.
— וואָס די ערד דעקט צו, פאַרגעסט מען.
— יאָ, אַזוי זאָגט מען. מיין לייבציע, דיר צו לענגערע יאָר, האָט דיך אָפטמאָל דערמאָנט. זיך געחידושט, וואָס מען הערט פון דיר גאָרנישט. נו, און האָסט מער נישט חתונה געהאַט?
— דערווייל נישט.
— אַ ווייל קינד געווען. אָט איצט שטייט זי מיר אַ לע־בעדיקע פאַר די אויגן. פון וואָס איז זי געשטאָרבן?
צוקערמאַן ענטפערט, פון וואָס זיין ווייב איז געשטאָרבן, דאַרף באַלד ענטפערן, ווי אַלט זי איז געווען, און הערן: —

אוּאַ יונגס! און מ׳האָט גאָרנישט געקענט טון. הערסט, נאַדיר א פירער פאַר אַלע היינטיקע דאָקטוירים, מיט די פּראָפעסאָרן, מיט די...

ערגעץ ווו אין אַ באַהאַלטענער „קעשענע" איז געלעגן אַ „פאַרחתמעטער קאָנווערט". יאָרן שוין, אַז ער איז פאַרחתמעט, יאָרן אים שוין נישט געזען, צייטנווייז נישט געפילט אַפילו, און איצט האָט די אַלטע מיט איר פרעגן, מיט איר לעבנס־חכמה, דערוואָרבן דורך ווייטיק, אויפגעריסן דעם קאָנווערט, און צוקערמאַן „לייענט" פאַר זיך בקול רם אַ געשיכטע פון אַ מענטשן וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף זיינע הענט, אויסגעגאַנגען, נאָכדעם ווי זי האָט יאָרן לאַנג געלעבט „אָן אַ הארץ", און דערפאַר זענען דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן געווען פאַראינטערעסירט אין איר. דאָקטאָר היגגינס, פּראָפעסאָר לעווענטהאַל, און ווען דאָקטאָר אָפּפּענהיימער האָט געזאָגט, ער קען שוין מער גאָרנישט טון, און מ׳האָט זי געבראַכט אַהיים...

דער אַלטערס קאָפּ, וואָס האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געבוקט צו די הענט, צונויפגעלייגט אויפן בויך, האָט זיך אַ שטאַרקן בוק געטון, און זיך אַ כאַפּ געטון אויף צוריק. די אונטערשטע אַרונטערגעהאָנגענע ליפּ, איבער וועלכער עס האָט זיך געפּעלבלט איר ציטערנדיק בלאָזן, האָט זיך אַרונטערגע־כאַפּט אונטער די איינציקע צוויי פעדערשטע ציין אין דער אַלטערס מויל, און אַ ווייש טועגדיק דעם פּנים, האָט זי פרום אַ זאָג געטון: יאָ, אַזוי איז עס...

צוקערמאַן האָט אָן עפן געטון די אויגן, פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ. די אַלטע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבן. — וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי?

צוקערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן. — ניין, אַ דאַנק, ער דאַרף גיין.

— קום אַריין אַמאָל.

— קומען. אַ גוטן.

ער איז שיר נישט אַרונטערגעפאַלן פון די טרעפּלעך.

געהערט דער אַלטערס: פּאַוואָליע ווי דו גייסט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט.

6

— יאָ, אַזוי איז עס, — האָט די געבויגענע פּאַלמע־צווייג צוגעשאָקלט, אַריינקריכנדיק אים אין פּנים אַריין. צוקער־מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַסט? נישט העסט...? דאָ איז דאָס הויז מיטן קאָלירטן גלאָז פענסטער, נאָך דעם איז געווען. נישטאָ מער. עפּעס אַ ניי הויז. אַ, דאָ איז דאָס הויז מיטן דאָם אויבן. זיכער העספּעריא. נאָך דריי הייזער, אָט איז עס.

עס שטייט דאָס צוויי־שטאָקיק הילצערן הויז, ער פאַר־קוקט אַרויף, „זעט" דעם פאָדערשטן צימער, דעם קאַמין, דעם שפּיגל איבערן קאַמין, דאָס בלומען־טעפּל. ער זעט אויך דעם צווייטן צימער, ווו איר בעט איז געשטאַנען, פון וואַנען מ'האָט זי אַרונטערגעטראָגן... ער האָט איבערגעקרייצט די גאַס.

ער שפּירט אַ באַקאַנטן ריח, זעט די באַקאַנטע טונקלקייט פונם קאָרידאָר דאָרט אויבן איבער די טרעפּ. ער האָט אַ ריר געטון דאָס גלעקל, און אַ כאַפּ געטון צוריק דעם פינגער. זיך צוגעהערט, און געהערט... דאָס האַרץ זיינס קלאַפּט, קלאַפּט, אָט ווי עס פלעגט קלאַפּן, ווען ער האָט קליינערהייט געגנבעט טו־טין אום שבת פון טאַטנס פושקע. קיין קלאַנג אין דער הויך ער שטעלט איין פוס אויף אַ טרעפּל, ציט נאָך די צווייטע. ער איז לעבן טיר, און שאַ שטיל. טעפּ! טעפּ! דאָס האַרץ. קלאַפּט שטאַרקער ווי די פינגער אין טיר. קיינער ענטפערט. גיט ער אַ דריי דאָס הענטל פון טיר. אָפן. פאַרכאַפּט ער דאָס הענטל איינצושטילן דעם טומל, וואָס ער האָט געמאַכט.

— ווער איז דאָרט?

אַפילו דאָס האַרץ שווייגט, הערט זיך בלויז איין, קיינע טריט. שאַפט ער שטיל אַ שפּאַרונע צווישן טיר און ביישטידל, און די שפּאַרונע שפּרייט זיך אויס, ווערט ברייטער, איין אויג שפּאַרט זיך דורך, דער נאָז, דאָס צווייטע אויג, דער קאָפּ, די טיר האָט אַ סקריפּע געטון.

— יאָסעלע, גיי גיב אַ קוק, ווער איז דאָרט.

צוקערמאַן איז שוין געשטאַנען אינעווייניק, געשלונגען די שטוב מיט די אויגן.

— מאַ! אַ מאַן!

— וואָס וויל ער?

נאָך איידער יאָסעלע האָט צייט געהאַט באַקוקן דעם מאַן, האָט שוין די מאַמע געטראָטן מיט בייזע פעסטע טריט, און נאָך איידער צוקערמאַן האָט צייט געהאַט אַריינגעמען דער פרויס געשטאַלט, האָט ער שוין געהערט אַ בייז דערשראָקענעם: וואָס ווילט איר?

— איך... איך... וווינט דאָ מר. צוקערמאַן?

— צו-קער-מאַן?

— וואָס ביסטו, אַ גנב, אַ שלעפער?—האָט געפרעגט דער „צו-קער-מאַן?"

— קיינע צוקער דאָ, — האָט זי אַ שניט געטון, און געהייסן האָט עס — טראָג זיך אָפּ, אָבער שנעל!

צוקערמאַן האָט פאַמעלעך געפירט מיט די אויגן איבער די ווענט פון צימער, פאַרקוקט אין צווייטן צימער, די באַלע-באָסטע פון הויז איז אים געשטאַנען אין וועג. ערשט דאַן האָט ער זי ריכטיק דערזען, די אויגן האָבן גענומען אַרומלויפן, ער האָט גענומען שטאַמלען: אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, און טאַפּנדיק די טיר הינטער זיך, גענומען אויסגיין שמונה עשרה פון הויז.

— מיסטער! מיסטער! ווילסט צוקער? — האָט יאָסעלע נאָכגעשריען.

די מאַמע האָט אַ צי געטון יאָסעלען, און אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר.

צוקערמאַן האָט נאָך געהערט דעם שליסל זיך איבער־דרייען אין טיר. ביים לעצטן טרעפּל האָט ער דערזען די עפּע־נונג פון דעם בריוו־קעסטל. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט, גע־זוכט אַ נאָמען. דער פאַרחתמעטער „קאָנווערט״ אין דער „באַ־האַלטענער קעשענע״ האָט זיך אויפגעבראָכן, געריסן זיך אויף אַרויס...

7

פּ״נ
האשה מרת שרה...
לייענען די פינגער די אויסגעקריצטע אותיות. דער ריכ־טיקער אַדרעס. דאָ איז עס. צו דיר געפאָרן, איז וואָס זשע?
ער האָט דערפילט אַ קאַלטן ברי, האָט ער אַ הויב גע־טון די האַנט, אָבער זי נישט צוגענומען, געהאַלטן זי ווי אַן אויפגעלאָפענעם פוכיר איבערן שטיין. פּאַמעלעך זעצט זיך דער פוכיר, פאַלט צו צום שטיין צוריק, און ער שפירט, צוקערמאַן, אַ וואָרט, אַ ווארעם וואָרט שטראָמט פון שטומען שטיין צו אים אין הויט, אין האַנט אַריין: יאָ, הערשל, אַזוי איז עס...

דער פייער־טאנץ

דער פּייער-טאַנק

1

פאָרגלאַנג האָט זיך געצויגן דער קריג צווישן פּיישיגאהדיק (איינזאַמער הירש) און דער ווייסער וועלט. אין דער ווייסער וועלט בײַ די ריעל עסטייט לייט, וועמעס אויג איז געפאַלן אויפן ברעג פון ים, מ׳קאָן דעם ברעג צעטיילן, צעפּיצלען אויף פּיצלעך, און יעדעס פּיצל ערד פאַרקויפן, געבנדיק אַלס צולאָג אַ שטיק ים—האָט דער רייכער אינדיאַנער פּיישיגאהדיק געשטעקט ווי אַ דאָרן אין אויג. זיין גוט—הונדערטער אַקער לאַנד—איז געלעגן אינמיטן וועג, אַ שטיין נישט אָפּצורוימען. מ׳האָט אים אָנגעבאָטן געלט, אַ סך געלט, אָבער דער ווילדער אינדיאַנער האָט געענטפערט: איך דאַרף נישט אייערע שמוציקע פּאַפּירלעך, איך האָב מער גאָלד, ווי איך קאָן פאַרטראָגן. האָט מען אים געסטראַשעט—מ׳וועט דעם „שטיין" צעשיסן, לויטן געזעץ וועט ער מוזן אָפּטרעטן אָדער לאָזן מאַכן אַ דורכפאָר דורך זיין גוט, ווייל זיין גוט ליגט אין וועג, צוליב אים מוזן מיליאָנען אויטאָמאָביל-פאָרער אָנלייגן מײַלן גאַנצע, פאָרן אַרום און אַרום, און דאָס מיינט—אַ פאַרלוסט פון צייט, פון געלט פאַר אַ וועלט מיט מענטשן, און ער איז איינער. דערויף האָט פּיישיגאהדיק קאַלטבלוטיק געענטפערט: איך איינער בין אויך אַ וועלט, און מיין וועלט וועל איך נישט לאָזן פאַרשטינקען מיט אייער גאַזאָלין-גע-

שטאַנק. און וואָס אָנבאַלאַנגט געזעץ, ווייס איך פּונקט ווי איר, אַז ווי וויכטיק דער געזעץ זאָל נישט זיין, איז נאָך וויכטיקער די אויסטייטשונג, און איך האָב מיר מיין אויסטיי־טשונג. אַ גוטן טאָג, מער האָט ער נישט געוואָלט רעדן.

פּיישיגאהדיק, דער יורש פון ביניהאטסיטי (דער בראַ־ווער, פּאַר וועמען אַלע האָבן מורא) פון שבט דיעגועגאָס, האָט געוווסט, וואָס אַזוינס געזעץ איז און וואָס עס מיינט אויסטייטשן. דערויף האָט ער דאָך פון קינדווייז אָן געלערנט ביי די ווייסע אין זייערע שולן, שפּעטער אין זייער אוניווער־זיטעט, געענדיקט אַלס דאָקטאָר פון געזעץ. ביי זיי האָט ער געלערנט די הייליקייט פון „מיינס" און „דיינס", ביי זיי אויך געלערנט, וויאַזוי מ׳קאָן די הייליקייט פון „דיינס" פאַרשוועכן צוליב דער העכסטער הייליקייט „מיינס". לאַנגע, גלאַטע האָר האָט פּיישיגאהדיק, און זיין הויט איז בראָנז, אָבער אַרום די לענדן טראָגט ער נישט קיין גאַרטל. וויקלט נישט זיין קער־פּער אין אַ קאָלירטער קאָלדרע—ער איז אָנגעטון אין אַן ענג־לישן אָנצוג, וואָס דער שניידער האָט פאַר אים אַליין צוגע־פּאַסט. זיין הויז, אַ פּאַלאַץ אויף העכסטן פּונקט פון זיין גוט, איז באַלויכטן מיט עלעקטריציטעט, און פּאַרט ער אַמאָל אין שטאָט, איז עס אין זיין אייגענעם אויטאָמאָביל מיט אַ ווייסן שאָפער ביים ראָד. ביי זיך אויפן גוט רייט ער אויף זיין באַ־ליבט פערד טוארי (יונגער אָדלער).

ווען ער האָט געקראָגן אַ ידיעה, ער זאָל דערשיינען אין געריכט און אָנגעבן אורזאַכן, פאַרוואָס ער בלאָקאַדירט דעם דורכפאָר, איז ער אַליין נישט געגאַנגען. דער אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטרעט זיך אַליין, האָט אַ נאַר פאַר אַ קליענט. אַזוי האָט ער געלערנט ביי די ווייסע. ער האָט געשיקט זיין גע־דונגענעם ווייסן אַדוואָקאַט, זאָל ער גיין אָנגעבן די אורזאַכן... אים מיטגעבן געענוג צידה לדרך, דער אַדוואָקאַט האָט אָנגע־געבן די אורזאַכן... ווו מ׳האָט געדאַרפט, און עס איז ווידער געוואָרן שטיל אויף אַ שטיק צייט. ווען ס׳איז אָבער אָנגעקו־אַ פּאַפּיר פון וואַשינגטאָן, פון אינערן-מיניסטעריום, ווו עס

האָט זיך גערעדט וועגן אַפּטרופּסות, אָפּמאַכן, האָט פּיישיגאַהדיק באַשלאָסן, ער וועט אַליין פאָרן. שוין לאַנג געוואָלט זיין אין וואַשינגטאָן, זען „די רעגירונג"... דעם גרויסן, ווייסן ברודער...

די רעגירונג? ער וואָלט געמעגט שווערן, ער האָט זי געזען ביי זיך אין הויז אינם געשטאַלט פון ריעל עסטייט אַגענטן. די רייד זענען דאָך אַביסל אַנדערש.

— ווייסט ער, אַז לויטן אָפּמאַך פון אַכצן ניין און אַכציק דאַרפן אַלע שבטים פון שטאַט קאַליפאָרניע זיך געפינען אין דער ספּעציעלער רעזערוואַירטער געגנט פאַר זיי?

— פּיישיגאַהדיק האָט אַזאַ אָפּמאַך נישט אונטערגעשריבן, און אַן אָפּמאַך איז ווי אַ שטעקן, מוז האָבן צוויי עקן, ווען אַפילו איין עק איז אַן אויסגעשמירטער. צוויי צדדים דאַרפן זיין אונטערגעשריבן.

— ער האָט נישט אונטערגעשריבן, אָבער זיין שבט האָט אָנגענומען דעם אָפּמאַך.

— זיין שבט? ער איז דער שבט. פאַר אים איז געווען דער פאָטער, ביניהאַטסיטי (דער בראַוער, פאַר וועמען אַלע האָבן מורא), און דער פאָטער האָט זיין פינגער נישט צוגעלייגט צו קיינע אָפּמאַכן. מיט אַ פינגער אויפן צינגל פון אַ ביקס איז ער געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק די ביקס און דאָס גוט אַלס ירושה. דער איינציקער אַפּטרופּוס איז געווען די מוטער, זי איז טויט, און ער איז שוין איבער צוואַנציק...

פאַרשטויבטע פּאַפּירן, פּאַפּירן אָן אַ סוף. פּיישיגאַהדיק איז גערעכט, דאָס גוט איז זיינס. אָבער אָנגענומען, אַז עס איז זיינס — כאָטש מעגלעך, אַז ערגעץ ווו אין שטויב ליגט נאָך אַ פּאַפּיר, דער ריכטיקער פּאַפּיר — דענקט ער נישט, אַז ער וואָלט געדאַרפט אָפּטרעטן פאַרן ווילזיין פון קהל, ווער שמועסט, אַז קהל וויל באַצאָלן, גוט באַצאָלן.

— וואָלט איר אָפּגעטראָטן?

אַ קוק פון אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן מעסט אָפּ דעם בראָנזענעם קערפּער, און כאָטש דער בראָנזענער קערפּער איז העכער, זאָגט דער קוק פון די וואַסערדיקע אויגן: — גלייכסט

זיך צו מיר, דו ווילדער אינדיאַנער?—און די ליפּן זאָגן—איך וואָלט!

קוקן די מאַנדל-אויגן אויף דעם פּליכעוואַטן קאָפּ, ווו אַ פּאָר שיטערע פּיאות און אַ דין קרייזל האָר אויף דער פּאַ-ניליצע ווייזן אָן, דער מענטש איז געווען אַ בלאָנדער, כאַפּן אָן די גרויע, וואַסערדיקע אויגן, לאָזן זיי נישט אַרומלויפן, און די פּולבלוטיקע ליפּן וואַרפן פּאָר די וואַסערדיקע אויגן: איך בין נישט קיין סוחר, איך בין אַן אינדיאַנער.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער „גרויסער ווייסער ברודער" געמורמלט, און זיינע וואסערדיקע אויגן האָבן געזוכט, ווו זיך צו באַהאַלטן, אין די ווינקעלעך אָדער גאָר אין די בלויע זעקעלעך אונטן.

מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. פּיישיגאהדיק האָט שוין געזען „די רעגירונג" און שוין געגרייט זיך פּאָרן אהיים. אַ טאָג פּאַרן אָפּפאָרן האָט ער אין זיין האָטעל — אַ צווייט-קלאַסיקן, אין אַן ערשט-קלאַסיקן איז נישט געווען קיין צי-מער... — זיך געטראָפן מיט אַ דיכטער טאוואקוואפּטיווא (די שיינענדיקע זון) פון דעם שבט אפּאשע אין אריזאנא.

אַ שווייגנדיקער איז פּיישיגאהדיק, אָבער מיט דעם דיכ-טער טאוואקוואפּטיווא האָט ער זיך צערעדט, אים דערציילט זאַכן, וואָס ער האָט בלויז דעם שפּיגל פּאַרטרויט שווייגנדי-קערהייט. דערפאַר האָט טאוואקוואפּטיווא פּאַרן אַוועקפאָר אים געשענקט אַ בוך לידער זיינע, און פּיישיגאהדיק, דער איינ-זאַמער הירש, האָט זיך צעשיידט מיט טאוואקוואפּטיוואן, דער שיינענדיקער זון, אַלס גוטע פריינט.

2

וואָכן זענען אַוועקגעגאַנגען, און טאוואקוואפּטיווא האָט נישט געהערט פון זיין נייעם פריינט פּיישיגאהדיק. האָט אים פּאַרדראָסן אויף זיך אַליין, למאי ער האָט געדענקט אַזוי גוט

זוועגן פּיישיגאהדיקן, אים געשענקט אַ בוך, ווען יענער איז נישט מער ווי אַ פּשוטער רייכער קערל, כאָטש גערעדט האָט ער אַזוי שיין, אַזוי האַרציק. און נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן, למאי אָט דערזעלבער פּיישיגאהדיק האָט אים אַ וואָרט נישט געשריבן וועגן זיין בוך לידער, וואָס ער האָט אים געשענקט. וואָך נאָך וואָך, און טאַוואַקוואַפּטיווא האָט זיך שוין מייאש געווען צו הערן עפּעס פון פּיישיגאהדיקן. ער איז דערפאַר איבערראַשט געוואָרן, ווען אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג האָט אַ פרוי — אַ פרוי אין די הויכע דרייסיקער מיט אַ סוף זומעררייך אין פּנים — אים אַריינגעבראַכט אַ פּאַקעט אַ גאַנצן, אים געפרעגט, אויב ער איז דאָס טאַוואַקוואַפּטיווא, און הערנדיק אַז יאָ, האָט זי מיט די אויגן אָפּגעוווֹיגן דעם ענטפער, צי איז ער אַ ריכטיקער, און ערשט דאַן דערלאַנגט דעם פּאַקעט. — דאָס איז פון פּיישיגאהדיקן, מיין מאַן. ער האָט געזאָגט, איך זאָל עס איבערגעבן אייך אין האַנט אַריין, און זאָל קומען נאָך אַן ענטפער אין דריי טעג אַרום. אַ גוטן טאָג.

נאָך איידער טאַוואַקוואַפּטיווא האָט געהאַט צייט באַטראַכטן גוט די פרוי, איז זי שוין פאַרשוווּנדן. טאַוואַקוואַפּטיווא האָט געעפנט דעם פּאַקעט און געלייענט:

מיין טייערער, העל ליכטנדיקער טאַוואַקוואַפּטיווא?

נעם נישט אָן די ווערטער „מיין טייערער, העל ליכטנדיקער" ווי אַ קאָנווענציאָנעלער אָנהויב פון אַ בריוו. טייער ביסטו ביי מיר געוואָרן אין דעם טאָג, וואָס איך האָב דיך דערקענט, און אַ העלע ליכט איז מיר אויפגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן, ווען איך האָב געלייענט דיין בוך לידער. לייענענדיק דיינע געזאַנגען, דיין רעגן געזאַנג, יאַגד געזאַנג, געזאַנג פון די שמעטערלינג־מיידלעך, זענען מיינע זעקס און פערציק ווינטערס אַרונטערגעפאַלן פון מיינע פּלייצעס, און איך האָב אין אַ העלער לי—כט זיך דערזען אַלס קינד. מיט מיינע קינדערישע אויגן האָב איך געזען די קאַיעמאַשיס 1), קאַרקאַשיס, דעם שולאַ·

---

1) קאַיעמאַשיס — קלאָונס; קאַרקאַשיס —טענצער; שולאַוויטצער — פייער גייסט; האַמפּאַני — קאָרן־טאַנץ.

וויטצער, האָב אָנטייל גענומען אין דעם האַמפּאַני, בין געווען אַ קינד ווי אַלע אונזערע ברידער-קינדער. ווען איך בין אָבער געקומען צו דיין שאַרבן-טאַנץ, ווען איך האָב איבערגעלייענט דיינע דריי שורות:

„איך טאַנץ צום הימל,
איך טאַנץ צום הימל,
מיט אַ נאַוואַיאַ שאַרבן",

איז די ליכט פון מיינע אויגן פאַרשוואונדן, מיין קאָפּ האָט זיך צו די קני געבויגן. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך געפּרוווט אַרויסרופן די אַלע קינדער, אַפּאַשעס, נאַוואַיאָס, מאַקיס, דיעגועניאָס, שאָשאָנס, שאַסטאַס, געוואָלט זיי זען מיט אָנגעצויגענע בויגנס, פלינקע פיס, שלאַנקע הענט, שאַרפע אויגן, אָבער געזען האָב איך אַנדערע.

אויף מיין וועג אַהיים האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין עטלעכע פּלעצער. אין איין פּלאַץ, נאָענט צו דיין געבורטשטאָט, אַלבעקערקע, האָב איך געזען אונזעריקע, מענער און פרויען. זיי זענען געזעסן די פיס אונטער זיך, געפלאָכטן קוישלעך, געשנורעוועט פּאַטשערקעס, די פיס, די פלינקע פיס, וואָס האָבן איבערגעיאָגט אַ הירש, אונטער זיך, די קרעפּטיקע אָרעמס, וואָס האָבן געצויגן פייל פון בויגן, די שלאַנקע הענט זענען אויסגעשטרעקט צום פאַרבייפאָרער, צום טוריסט, גרייט צו פאַרקויפן דעם פייל און בויגן, די פרידנס ליולקע. „שוט! 25 סענט. פייפ, דזשאהן! פייפ, באַי פייפ"![1]) און פאַר אַ האַלבן דאָלאַר וויל ער טאַנצן דעם קריגס-שקלאַפן-טאַנץ. די שאַרפע אויגן, וואָס האָבן פינסטערניש דורכגעשטאָכן, זענען פאַרצויגן מיט היניטישער אונטערטעניקייט: גיב אַ ניקל! איין ווייסער גיט, לאַכט און וויצלט זיך, און דער אַפּאַשע קריכט מיטן פּנים אין זאַמד נאָכן ניקל און לעפּטשעט אַ דאַנק. אַ צווייטער ווייסער גיט נישט, און דער „שטאָלצער אַפּאַשע" שילט. מיין אויער

אויף צעקאַליעטשעטן ענגליש: שיס! 25 סענט. אַ ליולקע, דזשאהן קויף אַ ליולקע.

האָט פֿאַרנומען די קללה, אַ פֿעדלער האָט געשאָלטן אַ שלעכטן קונה, נישט מער ווי דאָס. איך האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אָבער איך האָב נאָך געמוזט זען, ווי אַן אַמאַשע מיט נאַוואַיאַ האָבן זיך געשלאָגן איבער אַ ניקל, וואָס אַ ווייסער האָט אַ וואָרף געטון, און דער ווייסער איז געשטאַנען און געקוואָלן. אָט איז ער דער „שאַרבן טאַנץ", וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אָפֿע-נע אויגן.

איך האָב אויך געזען אַנדערע טענץ. קריגס-טאַנץ, שלאַנגען-טאַנץ. אַלץ וואָס דער טוריסט האָט געוואָלט, האָט מען געטאַנצט. נאָך אַ פּאָר פֿעדערן, נאָך אַביסל פֿאַרב אויפֿן פּנים, און עס איז אַ קריגס-טאַנץ פֿאַר אים, דעם טוריסט דעם ווייסן. פֿאַר מיר? הלוואי וואָלט איך עס נישט געזען.

איך בין אויך געווען אין די רעזערוואַציעס, ווו „מיר" לעבן איצט. דו ביסט געבוירן געוואָרן אין איינעם פֿון אַזעלכע פּלעצער, און מיר איז שווער דערפֿאַר צו שרייבן דיר, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק זיי האָבן אויף מיר געמאַכט. איך מוז אָבער שרייבן, און איך האָף, אַז דיין פּנים, מיין שיינענדיקע זון, וועט נישט פֿאַרצויגן ווערן מיט אַ וואָלקן פֿון כעס אויף מיר. זייענדיק דאָרט האָב איך פֿאַר זיך דערזען איין קליינע שטייג אין אַ זאָאָלאָגישן מוזיי, און אויף דער שטייג אַ צעטל: האָמאָ אַמערינדאַ, גענוס זוני, געבראַכט אַהער פֿון ארטשעאטעקאפּא, געשטאָרבן אין... דער דאַטום האָט געפֿעלט, אָבער איך האָב אים געזען.

האָסטו אויך געזען דעם דאַטום, ווען דו האָסט געשריבן דיין שאַרבן-טאַנץ, און דיין געזאַנג — אַ נעקראָלאָג, דיין בוך — אַ מצבה?

געבענטשט ביסטו, טאַוואַקוואַפּטיוואַ, וואָס ליכט שטראָמט פֿון דיינע אויגן, געזאַנג פֿון דיין האַרץ. איך, דער איינזאַמער הירש, לויף אַרום און שווייג, וועל אַפּילו קיין מצבה נאָך זיך נישט לאָזן.

איך האָב אַ זון, אַ זון פֿון דעם ווייב, וועלכע וועט דיר ברענגען מיין בריוו. דיך וועט וווּנדערן. איך, דער איינזאַמער

הירש, און אַ ווייס ווייב. יאָ, זי, די ווייסע איז מיין ווייב, און זי האָט עס מיר אַ זון געבוירן. פאַר איר געהאַט אַן אַנדערע, אַן אייגענע, אַן אונזעריקע, וועלכע האָט זיך פאַר דער חתונה באַהאַלטן אין די וועלדער, ווי עס איז אונזער מנהג. איך בין שוין דאַן געווען אַ סטודענט. האָב זי נישט ליב געהאַט, האָב זי גענומען אויף דער בקשה פון דער מאַמען. פיר קינדער האָט זי מיר געהאַט, און אַלע פיר זענען געשטאָרבן, מיטן פערטן איז זי אויך אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. דאַן האָב איך גענומען די. קוק זיך גוט איין אין איר פנים, וועסט זען, זי איז נאָך איצטער שיין, און דאַן איז איר ווייסער פנים, איינגעפאַסט אין אַ ראַם שוואַרצע צעפ, געווען אַ ליכטיקע לבנה אין אַ ווינטערדיקן הימל. שיין און יונג איז זי געווען, אָבער אָרעם. פון איר אַריסטאָקראַטישער שפּאַנישער משפחה האָט זי געירשנט חובות, אַ גלויבן (זי איז אַ קאַטוילישע) און אַ האַס צו אונזערע האַסער — די יענקיס. אָט דער האַס צו זיי האָט זי געבראַכט צו מיר. אָבער האַס, מיין טייערער, איז בלויז זאַלץ צום לעבן, לעבן מיט זאַלץ אַליין קען מען נישט. אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, אַ זון, און זי האָט געהאַט וועמען צו ליבן, איז צו מיר שטאַרקער צוגעבונדן געוואָרן.

— האָב איך אים געליבט? יאָ, ווען ער איז אַ האַלביאָריקער געלעגן אין וויגל, געקוקט מיט די שטערן-אויגעלעך אויף מיר, דעם פאָטער, אויף איר, דער מוטער. אונזערעביידנס אויגן האָבן זיך געשפּיגלט אין זיינע, און אָנקוקנדיק זיך איינס דאָס צווייטע, האָב איך געטראַכט: בראָנז מיט זילבער האָבן זיך אויסגעמישט, גאָלד וועט אַרויסקומען. די „מעטאַלן" מישן זיך אָבער נישט. אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווען ער האָט באָר וואָס גענומען אַרומגיין, רעדן. איך האָב אים דערציילט אונזערע פאָלקס-מעשיות מיט געטער און גייסטער, און זי האָט אים געלערנט גאָט בעטן, — פאָטער זון און הייליקער גייסט. איך האָב נישט געוואָלט ליידן, אָבער נאָכגעגעבן, געטראַכט, ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער אַרויסוואַקסן און פּטור ווערן פון יעזוסן אָדער יאַהווען, ווי פון מאַאַבאַן. צו זיבן יאָר איז ער

אַוועק אין שול, אַ קאַטוילישער פּאַנסיאָן. ווען ער איז צוריק־געקומען אויף יום־טוב אַהיים, האָב איך באַמערקט, דאָס יונגל שטייט פאַרן שפּיגל, פּרווּט מיט באַנעצטע פינגער אויסקרייזלען די האָר, זאָלן נישט זיין גלאַט. — וואָס טוסטו? — האָב איך אַ פרעג געטון. ער האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, געשוויגן, נאָכדעם זיך אָנגענומען מיט מוט, מיר שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ פרעג געטון — פּאַ, ביסט אַן אינדיאַנער?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט און פאַרקוקט אים אין די אויגן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר, אַנטלאָפן מיט אַ געוויין צו דער מוטער.

נאָך איין מאָל האָב איך אים געזען פון דאַן אָן. איך בין צוגעפאָרן אין שול, ווו ער האָט געלערנט, זיך נאָכגעפרעגט ביי די לערער אויף אים. לערנען לערנט ער זייער גוט, זיין אויפפירונג איז ווי אַמאָל. אויף מיין פראַגע, וואָס מיינט עס, האָט דער לערער נאָך לאַנג דרייען זיך, מיר דערציילט — בעַנעדיקט — אַזוי האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן — איז פון אָנהייב געווען זייער אַ גוטער שילער, שוין צו גוט, אַפילו נישט געוואָלט אָנטייל נעמען אין די קינדערישע שפּילן, איבערהויפּט אין „אינדיאַנער". די קינדער האָבן אים געקיבעצט דערפאַר, געשריגן, ער וויל נישט שפּילן, ווייל ער איז אַליין אַן אינדיאַנער. ער האָט געוויינט, געקומען צו לויפן, געפרעגט: אַיאָ, איך בין נישט קיין אינדיאַנער? וואָס זאָלן מיר געווען ענטפערן? געענטפערט—ניין, און דאָס קינד האָט זיך באַרואיקט. נאָכן ערשטן וויזיט אַהיים, האָט זיך אָבער דאָס קינד געביטן. צייטנווייז איז ער רואיק, האַלט זיך פאַר זיך, נאָר ווען די קינדער הויבן אים אָן דערקוטשען, ווערט ער ווילד און ער שלאָגט זיי מכּות רצח. אַ געזונטער יונג. מיר מוזן אים דאַן באַשטראָפן, ער ווערט עס איבערקומען.

איך האָב איך געוואָלט זען. מ'האָט אים אַרויסגערופן צו מיר. דערזעענדיק מיך, האָט ער גענומען ציטערן ווי אַ בלאַט, מיך אַרומגעכאַפּט און געהאַלטן אין איין ציען מיך —

קום! — ביז ער האָט מיך פאַרפירט אין עק גאָרטן, ווו ער איז געווען זיכער, קיינער פון די ייִנגלעך וועלן מיך נישט זען. מיך דעם פאָטער, דעם אינדיאַנער.

— דאָס שטראָפט דיך מאַאַנאַ פאַר דיין „ווייסן געלעגער" — האָב איך צו זיך געזאָגט. דאָס פאַרפאָלגט דיך דער גייסט פון דיין ערשטער פרוי, דער טויב. — טראַכטנדיק וועגן דעם, האָב איך זיך געפרעגט: איז יענע געווען ריין פון ווייסן פלעק? איז דאָ ריין בלוט? אויב יאָ, פאַרוואָס שווייגט מיין בלוט אין אים? איז דען מיין רויט בלוט שוואַכער פון איר בלויען? און ווו וואָלט געווען, ווען מיר בלייבט אַ זון פון דער ערשטער? וואָלט ער נישט געגאַנגען אין שול? נישט געשפּילט „אינדיאַנער"? וואָס וואָלט איך מיט אים געטון? געהאַלטן אויפן שויס און דערציילט מעשיות? געלערנט טאַנצן? זינגען אונזערע לידער? לערנען אַ קריגס-טאַנץ, ווען קיין קריג איז שוין מער נישטאָ, שוין אַפילו נישטאָ קיין זיגער, ווייל נישטאָ שוין קיין באַזיגטע. אַ, יאָ, די זאָאָלאָגישע שטייגן, די רעזערוואַציעס. און וואָס דאָרט? האָט יעזוס נישט אַרויסגעטריבן מאַאַנאַן פון דאָרט? און זענען די קינדער דאָרט לויטער בראָנז? זענען זיי נישט אַן אללאַי? דער ווייסער געלעגער האָט מיר נישט געשאַדט· דאָס ווייסע קלייד, וואָס איך האָב אויף זיך אַרויפגעצויגן — פון שול ביז אוניווערזיטעט — האָט נישט פאַרדעקט מיין בראָנזענעם פנים, און מיין בראָנזענער קערפּער בענקט נישט נאָך דער נאַקעטקייט, נאָך דער גראָבער קאָלדרע... און אויך דו — אַ בראָנזענער קערפּער אין ווייסע קליידער. אָט אַזעלכע וואָלט איך געוואָלט זען. געוויס, פון אונז וואָלטן טוריסטן... קיין נחת נישט געקליבן, וואָלטן מיר געטאַנצט אַ קריגס-טאַנץ, וואָלטן זיי נישט געשטאַנען און אָנגעקוואָלן —... זיי וואָלטן אויפגעריסן די אויגן: זע נאָר, אַ נייער מענטש, בראָנז קאָלירט, ווייס דראַפּירט! אָבער דערווייל האָב איך געזען בלויז דיך איינעם אַזעלכן, די איבעריקע — בראָנז, אויסגעשמירטע אין בלאָטע, די בלאָטע דיקער ווי דער בראָנז, און וואָס קענען צוויי, צו אַפילו צען אָדער הונדערט אויפטון א י צ ט? צו שפּעט

זענען מיר געקומען מיט אונזערע ווייסע קליידער... בראָנז מוז זינקען אין בלאָטע, דאָס איז אַ געזעץ. ברעכן אים קאָן איך נישט, ער איז נישט פאַר מיר אַליין געשריבן געוואָרן, איך קאָן בלויז אויסטייטשן דעם געזעץ, און אויסטייטשן בלויז פאַר זיך...

די אויסטייטשונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען איך האָב נאָר באַשלאָסן, אַז מער זאָל פון מיינע לענדן קיין יורש נישט קומען. אַ שווערער באַשלוס, ווען אין די אָדערן פליסט רויט בלוט, אפילו די בלוי בלוטיקע האָט זיך אויך נישט געקאָנט צופרידנשטעלן מיט אַ זון ערגעץ ווו. ווען ער איז נאָך געווען קליין, האָט זי געלעבט מיט אים, כאָטש ער איז נישט געווען אינדערהיים. זי פלעגט אים פאָרן זען. און קומענדיק צוריק, האָט זי ליב געהאַט דעם פאָטער פון איר זון און נישט איר מאַן. אָבער ער איז עלטער געוואָרן, און די זעלבע שול, וואָס האָט אים צוגענומען פון זיין פאָטער, האָט אים אויך צוגענומען פון זיין מוטער — אויף גלח לערנט ער. פּיישינאַהדיקס זון וועט זיין אַ „קאַטיק"*) ביי יעזוסן, און די מוטער איז געבליבן אַליין. אומעטיק איז איר געוואָרן, און זי האָט געבעטן אַ קינד, אַ קינד פאַר איר, זי זאָל עס האָבן, זי און נישט איר גאָט, אַ מאַמע וויל זי זיין. אָבער נישט די הייליקע מוטער, כאָטש איר נאָמען איז מאַריאַ. תחילת האָב איך זיך געזעטיקט מיט נקמה—גוט אַזוי, איך האָב קיין קינד נישט, האָב דו אויך נישט. ווייס, אַז דו ווי איך זענען די לעצטע, פיל דעם טעם דערפון. זיס איז נקמה, ווען דו זעסט דיינעם אַ שונא ליגן ביי דיינע פיס. אָבער בלויז אַ קורצע ווײַלע געדויערט די זיסקייט, ליגט ער לענגער, איז ער ווי אַ יאַפּאַנעזישער בעל חוב ביי דער טיר מיט אויפגעשניטענע געדערים. נישט איבערצוטרעטן, זי איז לאַנג געלעגן... און זי האָט אויסגעפירט אירס — זי טראָגט איצט מיינס אַ קינד — איר לעצט קינד — אין אירע געדערים.

מיינס אַ קינד וועט געבוירן ווערן, אפשר אַ זון, אָבער איך

---

*) אַ גלח

וויל אים נישט זען. מעגלעך, דער וועט שוין קיין גלח נישט זיין. קאָן זיין, אַז דאָס מאָל וועלן די מעטאַלן זיך שמעלצן: פון בראָנז און זילבער וועט גאָלד אַרויסקומען. אָבער איך וויל אפילו דאָס גאָלד נישט זען, איך וויל אַ בראָנזענער אַוועקגיין פון דער וועלט. דאָס איז מיין לעצטע אויסטייטשונג פונם גענעץ.

ווען דו וועסט לייענען מיין בריוו, וועלן שוין די פליגל פון ווינט ברענגען מיין אַש צו דיר. דער שולאַוויטצער וועט טאַנצן זיין פייער-טאַנץ. פון אַלע פיר ווינקלען וועט ער קומען, וועט אַלץ פאַרברענען, הלוואַי וואָלט איך געקאָנט די ערד אונטער זיך פאַרברענען. גאָרנישט, גאָרנישט לאָזן, אָבער די ערד מוז בלייבן, אַזוי איז דער גענעץ, אויסטייטשן קאָן איך אים בלויז פאַר זיך. דאָס הויז וועט גיין מיט מיר. איך וויל נישט, עמעצער זאָל דאָרט ליגן אויף מיין ווייסן געלעגער. דער זומער-רייך שפילט נאָך אויף אירע באַקן, און כאָטש איך פאַרברען אַלדאָס גוטס, וועט איר בלייבן די ערד, גענוג פאַר אַ ווייסן מפונק, ער זאָל זיך לאַקאָמען דערויף. קאָן זיין, איך מאַך אַ טעות. מיר פּאַסט מיין ווייס קלייד. אָבער דער בראָנזענער בראַסלעט האָט אויך געקרעפּטיקט איר אָפּגעשוואַכטע האַנט. זי האָט זיך שוין צוגעוווינט און וועט אים נישט פאַרבייטן אויף גאָלד אָדער זילבער. מעגלעך אָבער דאַן וועט זי ווייִרויך רויכערן צו איר יעזוסן, אַרויסרויכערן אַלע אינדיאַנישע גייסטער, אַריינציען דעם הייליקן גייסט. און איך וויל נישט, אַז דער רויך פון מיין קערפּער זאָל זיך אויסמישן מיט איר ווייִרויך. האַלט זי אויף ביי זיך דערווייל, אין דער צוואה וועסטו געפינען אַ פּראָוויזע דערפאַר. די ערד וועט בלייבן, דאס טוט מיר לייד. די פרישע לופט, וואָס האָס געשטאַרקט מיין פאָטערס אָטעם און מיינעם, וועט פאַרשטונקען ווערן פון גאַזאָלין. איך בעט דיך אָבער, מיין געטרייער פריינט, מיין איינציקער, גיב אַכטונג, אַז אַזוי לאַנג ווי דער רויך פון מיין קערפּער וועט נאָך הויערן אין די שפּאַלטן צווישן די בערג, זאָל קיין אויטאָמאָביל-רויך פון זייערע נישט צוקומען. אַזוי לאַנג וועסטו קאָנען זיפציען. זאָגסטו עס מיר צו?

און איצט, זיי געזונט, מיין טייערער העל־לויכטנדיקער טאוואקוואפטיווא. ווען דיין ליכטיק געזאַנג וועט זיך ווידער נעמען רייסן פון דיין האַלז, האָב אין זינען דיין פריינט. דעם איינזאַמען הירש, וועלכער האָט גענומען דעם געזעץ אין זיינע אייגענע הענט, און מיט זיין באַגלייטער דעם שולאַוויטשער געגאַנגען טאַנצן דעם פייער־טאַנץ. דער לעצטער טאַנץ פון דעם לעצטן איינזאַמען הירש

פיישיגאהדיק.

3

— זעסטו, מאַריא, דאָ איז אַ בריוו פון מיינעם אַ פריינט טאוואקוואפטיווא — די שיינענדיקע זון. פון די אפּאשעס שטאַמט ער, אָבער זיין פייל און בויגן האָט ער אויסגעמיטן אויף פּען און טינט. לידער שרייבט ער. ער האָט מיר זיינע לידער געשענקט און איך שיק אים דעם בריוו דערפאַר. קיינעם אויסער אים אין האַנט אַריין זאָלסטו דעם בריוו נישט געבן, און אין דריי טעג אַרום זאָלסטו קומען צו אים נאָך אַן ענטפער.

— יאָ, מיין האַר.

— ווייט איז דער וועג, פינף לבנהס מיט דער באַן נעמט עס. נעם מיט אַלע דיינע שיינע קליידער, געלט אַ סך, פאָרסט אין דער רעגירונגס־שטאָט, און געלט איז דאָרט אַ גאַנגבאַרע זאַך, קאָנסט זיך זאַמען דאָרטן וויפל דיין האַרץ וועט גלוסטן.

— יאָ, מיין האַר.

— אַלץ וואָס מיין פריינט, די שיינענדיקע זון, וועט דיר הייסן זאָלסטו טון.

— יאָ, מיין האַר.

— פאָר געזונט. מאַריא! ווי שיין דו ביסט! ווי ווייס דיין פּנים, ווי שוואַרץ דיינע האָר. און ווי רויט דיינע ליפּן, דיינע זאַפטיקע, זאַפטיקע ליפּן... זיי געזונט...

— זיי געזונט, מיין הירש, מיין איינזאַמער הירש!

ווען דער אויטאָמאָביל־טרייבער איז צוריקגעקומען פון

באַן סטאַציע, האָט פּיישיגאהדיק צוזאַמענגערופן אַלע זיינע ווייסע און ברוינהויטיקע אַרבעטער און זיי געזאָגט, אַז מער קיין אַרבעט איז נישטאָ פאַר זיי, ווער ס'האָט אַ היים, זאָל גיין אַהיים, און ווער עס האָט נישט, זאָל זיך זוכן אַ היים, דאָ זאָל קיינער נישט בלייבן. ער וועט יעדן געבן, וואָ⸮ אים קומט און נאָך מער. ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ זעקל געלט. געטיילט יעדן איינעם, געווונשן אַ זיי געזונט. ווען אַ ברוינהויטיקער קריגנדיק זיינע פּאָר גאָלדענע מטבעות, איז אַנידערגעפאַלן אויף דער קני, געזוכט די האַנט אַ קוש צו טון, האָט פּיישיגאהדיק אים אַ זעץ געטון מיט דער קני אין ברוסט, אַז יענע איז געפאַלן מיטן נאַקן צו דער ערד. דעם געפאַלענעם האָט ער געהאָלפן זיך אויפהייבן, אים געגעבן נאָך אַ גאָלדענע מטבע, און זיך אָפּגעקערט פון אים.

ווען קיין מענטשלעכע פּיס איז שוין נישט געווען אויפן גוט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער גאַזאָלין-פאַס, זי באַטראַכט ווער קלעקן — האָט ער אַ זאָג געטון אויפן קול.

פון געביידע צו געביידע איז ער אַרומגעגאַנגען, פון בוים צו בוים, אַלץ באַגאָסן מיט גאַזאָלין, אפילו דאָס גראָז, און נאָכדעם ערשט אַריין צו זיך אין הויז, פאַרשלאָסן די גאַסן-טיר, אַלע אינעווייניקסטע טירן געעפנט, איז געגאַנגען פון חדר צו חדר, באַגאָסן יעדעס שטיקל מעבל, יעדע וואַנט, ביז ער איז אין זיין חדר געקומען. דאָרט האט ער צוזאַמענגענומען אַלע טעפּיכער, פעלן, קאָלדרעס און קישנס, פון זיי אַ געלעגער געמאַכט. לעבן דעם געלעגער האָט ער אויסגעשפּרייט אַלע זיינע ביכער און פּאַפּירן, דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס אים איז געבליבן, האָט זיך אַרויפגעלייגט זען, ווי וועט זיך עס ליגן, אויפגעהויבן, צורעכט געמאַכט דעם צוקאָפּנס. האָט באַגאָסן דעם געלעגער פון אַלע זייטן מיט גאַזאָלין, און גענומען אַראָפּציען פון זיך די קליידער.

אַ נאַקעטער איז ער געשטאַנען, געקוקט אויף דער מאַסקע פון הירשן פעל, אויפן שנירל מיט טשערעפּאַשקעס, וואָס ער האָט אָנגעגרייט, האָט אָנגעמאָסטן די מאַסקע און זי אַרונטערגע-

נומען. ניין, נישט אין „ווייסע" קליידער. נישט אין שולאווי־טשערס מאַסקע. נישט דאָס און נישט דאָס וויל ער פאַרברענען, בלויז פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענעם בראָנזענעם קערפּער וויל ער אויסטייטשן דאָס געזעץ. און נישט מיט אַ צעדער־שטעקן וועט ער אָנצינדן דאָס הייליקע פייער. אַ שוועבעלע, אַן איינפאַך שוועבעלע איז גוט גענוג, און אויך דעם פייער־טאַנץ וועט ער טאַנצן אָן געזאַנג, אָן צערעמאָניע. רואיק, רו־איק זיך אָוועקלייגן אויף דעם געלעגער, און רואיקערהייט אָן געזאַנג און אויך אָן אויסגעשריי זאָל ער פאַרוואַנדלט ווערן אין רויך, אַש, אָט דעם פייער־טאַנץ זאָל „די שיינענדיקע זון" באַזונגען.

אויף מיילן־ווייט האָט זיך דאָס פייער געזען, אָבער גע־נוי ווו עס ברענט, וועמעס הויז, האָט קיינער נישט געוווסט,—די בערג ברענען, — האָבן די אויטאָמאָביל־פאָרער ביי זיך באַ־שלאָסן, און שטאַרקער געטראָטן אויפן גאַז קנעפּל — אַנט־לויפן פון דער שרפה ארעא. ערשט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן רעפּארטערס „גענוי" באַשריבן, ווי אַזוי דער ווילדער אינדיאַ־נער פיישיגאַהדיק האָט פאַרברענט זיך אַליין מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן אינם ווערט פון הונדערטער טויזנטער דאָלאַר, געטון איז דאָס געוואָרן אין אַן אָנפאַל פון אייפערזוכט. נאָך דעם ווי זיין ווייסע פרוי איז פון אים אַנטלאָפן.

די „ווייסע וועלט" האָט זיך דערפרייט מיט דעם נייעס. אין עטלעכע חדשים אַרום איז דער וועג דורך פיישיגאַהדיקס גוט פאַרטיק געוואָרן. ביי דער דערעפענונג־צערעמאָניע זענען געווען די קאַרפּן־קעפּ פון דער ריעל עסטייט וועלט, אַ פּאָר געזעצגעבער און אויך דער יונגער גלח בענעדיקטוס קאַריצו (הירש). דער גלח האָט געבענטשט די הענט, וועלכע שניידן בייע וועגן, באַשפּרענקלט דעם וועג מיט הייליק וואַסער, און אַ שערענגע אַמעריקאַנער אויטאָמאָבילן האָבן זיך אַ לאָז געטון. אַ שטינקנדיקער גערוך פון גאַזאָלין, קארבאַן האָט זיך פאַרשפּרייט, זיך פאַרקליבן אין די בערג־שפּאַלטן. די בערג האָבן שטום געשוויגן.

▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪